STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09183

INEM POYLISHN DZSHUNGL

S. Polakiewicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמחה פּאָליאַקעוויטש

☆

אינעם פוילישן דזשונגל

רחמים און מאיר - צום אָנדענק

פון אונזער [illegible]

שמחה פּאָליאַקעוויטש

[illegible] 4/4

תל-אביב

דאָס בוך איז געווידמעט אונדזער א י י ד ע ם

מ ש ה ב ר ע ם (ב ל ו מ ע נ ש ט י ק) ז״ל

אָפיציר פון ישראלדיקן לופטפלאָט
אומגעקומען אין דער עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע
א י ן ס י נ י — דעם 25סטן נאָוועמבער 1975
(כ״א כסלו תשל״ו).

את ספרי זה אני מקדיש לזכרו של חתננו
קצין חיל־אויר

מ ש ה ב ר ע ם (ב ל ו מ נ ש ט י ק) ז״ל

נספה בהתרסקות מטוס בשמי סיני,
ביום כ״א כסלו תשל״ו (25.11.1975).

ש. פ.

שמחה פּאָליאַקעוויטש

אינעם פּוילישן דזשונגל

פאַרלאַג י. ל. פּרץ ישראל

תל־אביב, תשל״ז — 1977

S. POLAKIEWICZ

INEM POILISHN DZONGL

J. L. Peretz Publishing House
31. Allenby St., Tel-Aviv, Israel

שמחה פּאָליאַקעוויטש / אינעם פּוילישן דזשונגל

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פונעם יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל
און „קרן תל־אביב לספרות ולאמנות"

©

נדפס בישראל תשל"ז

Printed in Israel, 1977

דפוס „אור" בע"מ, תל־אביב, שד' הר־ציון 104, טל. 822481

ביכער פונעם זעלבן מחבר

אַ טאָג אין טרעבלינקע,
בוענאָס־איירעס, 1948

אין שאָטן פון טרעבלינקע,
תל־אביב, 1957

אין אַ פרעמדער הויט,
פאַרלאַג י. ל. פרץ,
תל־אביב, 1961

טעג אָן ליכט,
פאַרלאַג י. ל. פרץ,
תל־אביב, 1963

אינהאַלט

קאַפּיטל איינס: דאָס אַנטלויפן 7
קאַפּיטל צוויי: די באַהעלטעניש אין וואַלד 19
קאַפּיטל דריי: אין דער פינצטערניש 30
קאַפּיטל פיר: די פאַרוואַנדלונג פון העניע אין סטאַשיאַ . . . 36
קאַפּיטל פינף: דער ערשטער שניי 49
קאַפּיטל זעקס: צווישן פוילישע מיידלעך 55
קאַפּיטל זיבן: אין דער ווייסער שטומקייט 73
קאַפּיטל אַכט: דער גוי מיט דער האַק 81
קאַפּיטל ניין: קיין דייטשלאַנד 89
קאַפּיטל צען: די אַבלאַווע 103
קאַפּיטל עלף: די באַגעגעניש מיט יידן 113
קאַפּיטל צוועלף: אינעם פרויען־לאַגער הינטער בערלין . . . 131
קאַפּיטל דרייצן: צוריק אין די לאַזעווער וועלדער 141
קאַפּיטל פערצן: ביי דער „כאַינקע" 156
קאַפּיטל פופצן: דער הונגער טרייבט 166
קאַפּיטל זעכצן: פאַן איגנאַץ 187
קאַפּיטל זיבעצן: נעפלען און כמאַרעס 200
קאַפּיטל אַכצן: געלע לאַטעס און טליתים 213
קאַפּיטל נייגצן: אַ גוטער גוי אין וואַלד 224
קאַפּיטל צוואַנציק: פּאַסכאַ אין לאַגער 233
קאַפּיטל איין און צוואַנציק: יאַסלס טויט 240
קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק: האַר 252
קאַפּיטל דריי און צוואַנציק: דייטשן און פוילישע פּאַרטיזאַנער . 261
קאַפּיטל פיר און צוואַנציק: דער אַרעסט 271
קאַפּיטל פינף און צוואַנציק: יואלס טויט 279
קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק: באַמבעס איבער בערלין . . . 287
קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק: מיט דער שטריק אויפן האַלדז . 294
קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק: דער רויטער באַראַק 307
קאַפּיטל ניין און צוואַנציק: דער ייד פון טרעבלינקע . . . 319
קאַפּיטל דרייסיק: דער אָנהייב פונעם סוף 333
קאַפּיטל איין און דרייסיק: פרילינג אין וואַלד 338
קאַפּיטל צוויי און דרייסיק: די באַפרייונג 349

קאַפּיטל איינס

דאָס אַנטלויפן

די טעג אין געטאָ זענען געגאַנגען, ווי אָן אַ סוף, צום תהום פון די נעכט. יידן האָבן אָנגעהויבן גרייטן באַהעלטענישן. גערעדט האָט מען וועגן דעם בסודי־סודות. אין געטאָ האָט מען שוין געוווּסט, אַז אויף דער גויִישער זייט גרייט זיך עפּעס.

פּאַר רייזלען דער אלמנה האָבן די טעג זיך געצויגן ווי פּאַר־נעפּלטע. אַן אומקלאָר געפיל האָט זי געטראָגן צו די אומבאַקאַנטע ברעגעס פון ערגעץ ווייט. ווי שטענדיק האָט זי געטאָן איר טאָג־טעגלעכע אַרבעט: געגרייט וואַרעם עסן, געוואַשן וועש, געהאַט אַלע שטובזאַכן אויפן קאָפּ, און ווען די קינדער האָבן גענומען רעדן וועגן די אָנקומענדיקע שרעקן, פלעגט זי זיי איבעררייסן:

— גאָט זאָל אויסהיטן! רעדטס נישט וועגן דעם!

די פאַרנאַכטיקע טונקלקייט האָט זיך אָנגעהויבן קלעפּן צו די ראַנדן פונעם אייזערנעם בעטל. דאָרט זענען געזעסן יואל, העניע, יאַנקל, פּסח און משה — די ייִנגערע פון די דרייצן קינדער, וואָס האָבן אין יענע טעג זיך געפונען אין שטוב מיט דער מאַמען. זיי זײַנען געזעסן צונויפגעדריקטע און שטילערהייט ווי געטראַכט אויפן קול וועגן די פלענער ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון שטעטל, ווען ס׳וועט אָנרוקן די געפאַר.

בלויז העניע, די איינציקע שוועסטער צווישן זיי, האָט נישט געהאָלפן פּלאַנירן דאָס אַנטלויפן. זי האָט זיך איינגעהערט אין זייערע רייד און געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָ ווערט אָנגענומען אַ באַשלוס נאָך אַ סך פריערדיקע שמועסן, וואָס די ברידער האָבן צווישן זיך געפירט. זי האָט געקוקט אויף זייערע טונקעלע געשטאַלטן, און איר איז באַפאַלן אַ מוראדיקער געדאַנק, אַז די אַלע רייד זייערע

באַדייטן אַן אייביקע צעשיידונג פון איר מיט די ברידער. יאַנקל האָט דערפילט העניעס אומרו און ער האָט זי איינגעצונומען:

— דו, העניע, קריגסט דעם אַרישן דאָקומענט. דו קענסט גוט פּויליש, זייערע מנהגים און זעסט אויס ווי אַ שיקסע. ווייסט אָבער זיין אַליין. ווייסט מוזן זיין האַרט און זיכער.

אין צווייטן קליינעם חדרל איז געזעסן רייזל און איינגעהערט זיך אין די רייד פון די קינדער:

— די לאָשיצער יידן האָט מען שוין אַוועקגעפירט קיין טרעב־לינקע...

— דורך קאָסאָווע איז אַדורך אַ טראַנספּאָרט מיט שעדלעצער יידן...

— פון סאָקאָלאָווער געטאָ קומען אָן שרעקלעכע ידיעות...

דער האַרבסטיקער ווינט אין דרויסן האָט געריסן די לאָדנס פונעם הייזל, געוויגט די האַלבנאַקעטע צווייגן פונעם איינציקן בוים הינטערן פענצטער. אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט זענען נאָך בולטער אויסגעוואַקסן די שרעקן, וואָס האָבן זיך אויסגעמאָלן פון די קינדערס פאַרשטיקטע רייד. זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צום בילד פון ר׳ מרדכילע דעם צדיק, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, איינגערעמט אין גלאָז. כאָטש ס׳איז שוין געווען גוט טונקל, האָט זי געדענקט דעם צדיקס פּנים פון אויסנווייניק. אַ סך צענד־ליקער יאָרן טרעט דאָס בילד נישט אָפּ פון אירע אויגן. באַלד נאָך דער חתונה האָט איר פאַרשטאָרבענער מאַן ר׳ אברהם הערש אויפ־געהאָנגען דאָס בילד אויף דער וואַנט. ער האָט איר דעמאָלט דערציילט, אַז דער הייליקער מאַן קאָן העלפן אין יעדער נויט, און ר׳ מרדכילעס פּנים מיט דער ווייסער באָרד האָט איר אָנגעהויבן באַגלייטן אין פרייד און אין צער, אויף אירע וועגן אין שטאָט און אין דאָרף, ביי ליכט־בענטשן, ביים מאַכן קידוש מאַכן, שבת פאַר נאַכט ביי דער תחינה פון „גאָט פון אברהם״. אפילו ביים געבוירן אַ קינד האָט זי געזוכט ר׳ מרדכילעס לייכטנדיק פּנים צווישן די פאַרהאָנגענע ליילעכער אַרום איר בעט.

אויך איצט, ווען רייזל האָט דערפילט, אַז זי איז ווי אַ שטיין אין וואַסער וואָס זינקט, האָט זי אָנגעהויבן טענהן:

— הייליקער רבי, ווי קאָנסטו דאָס צוקוקן? הייליקער צדיק, זיי אַ מליץ־יושר פאַר אונדזערע אומגליקלעכע קינדער... העלף, ראַטעווע!

די קינדער אין אַנדערן צימער האָבן דערהערט דער מאַמעס רוף, זענען זיי אַריינגעלאָפן און געוואָלט אַוועקלייגן דער מאַמען אויפן בעט, אָבער רייזל האָט זיי באַרויִקט:

— איך האָב נישט געחלשט.

— וואָס דען איז געשען? האָסט דאָך געפֿרופן...

— צו ר' מרדכילען האָב איך גערעדט... צו ר' מרדכילען אויף דער וואַנט. נאָר ער קאָן אייך ראַטעווען. ער און אייער טאַטע, עליו השלום. נאָר זיי קאָנען אייך העלפן אין אַזעלכע סכנות. אָרעמע קינדער מיינע...

— און וועגן זיך, מאַמע, טראַכסטו גאָרנישט?

— איך? וואָס ס'וועט זיין מיט אַלע יידן אין שטעטל, וועט זיין אויך מיט מיר. דער עיקר — איר! איר דאַרפט זיך ראַטעווען, און וואָס גיכער!

ס'איז געוואָרן נאַכט. דאָס הדרל איז זיך צעגאַנגען אין דער טונקלקייט. רייזלס שאָטן האָט זיך אַריינגעגליטשט אין פינצטערן ווינקל. אַ לבנה־שטראַל האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף איר בלייכן פנים. די קינדער האָבן דערפילט אַ מין פאַרלייכטערונג דערפון, וואָס די מאַמע האָט זיך אויפגעהויבן, ווי דערמיט וואָלט זי גענומען אויף זיך אַלע זייערע זאָרגן. רייזל האָט געשטעלט עטלעכע טריט אין קיכל אַריין, אָנגעצונדן דאָס נאָפטלעמפל און גענומען פאַרען זיך אַרום דעם אייוועלע.

— קינדער, מען דאַרף מאַכן עפּעס עסן, מ'זאָל, חלילה, נישט פאַלן פון די כוחות.

ביים גרייטן די בעטן האָט רייזל גערעדט וועגן זייטיקע ענינים,

וועגן שטובזאַכן, כּדי די קינדער זאָלן גיין שלאָפֿן אָן אַ געפֿיל פֿון פּחד.

די נאַכט פֿון נאָך יום־כּיפּור האָט אַרומגענומען דאָס שטעטל מיט דער זעלבער שפּאַנונג ווי די פֿריִערדיקע נעכט. די יידן האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן אין די מלבושים, כּדי טאָמער עפּעס, זיין גרייט צו לויפֿן אין די צוגעגרייטע באַהעלטענישן. צווישן די פּוסטע געסלעך איז געלעגן אַן אויסגעליידיקטע נאַכט, אַפֿילו אָן דעם פֿריִערדיקן ווינט, וואָס איז שפּעטער איינגעשטילט געוואָרן. מען האָט נישט געהערט קיין שאָרך פֿון עפּעס אַ באַוועגונג, אַפֿילו די טריט פֿון די דייטשישער נאַכטוואָך איבער די ברוקשטיינער האָט מען דאָס מאָל נישט געהערט. אַ פֿאַרשטיקטע געפֿאַר איז געהאָנגען איבער די יידישע הייזלעך, אַריינגעדרונגען דורך די לאָדן־שפּאַרעס און געבליבן הענגען איבער די שלאָפֿנדיקע יידישע פּנימער.

יאַנקל האָט אויך שוין געהאַלטן ביים איינשלאָפֿן. דער מאַמעס שטילע רייד, אירע געוויינלעכע צוגרייטונגען צום מאָרגנדיקן טאָג, די שעפּטשנדיקע תּפֿילה פֿאַרן שלאָפֿנגיין, האָבן אים אָנגעהויבן איינוויגן, און דאָך האָט אָן אומרו אים געמאַטערט. ער האָט פֿאַרמאַכט און צוריק געעפֿנט די אויגן, ווי ער וואָלט עפּעס וויכטיקס פֿאַרזען. און מיט אַ מאָל האָט ער אין גאַנצן זיך אויסגעטשוכעט און אַלע שרעקבילדער האָבן ווידער גענומען באַוועגן זיך פֿאַר זיינע אויגן. ער איז סוף כּל סוף אַראָפּ פֿונעם בעט, אַריין אין קליינעם קיכל און צוגעקלעפּט דאָס פּנים צו דער גלעזערנער טיר. מיט אַן איינגעהאַל־טענעם אָטעם האָט ער זיך איינגעקוקט אין דעם דרויסנדיקן לבֿנה־ליכט, וואָס איז געהאַנגען אין דער נאַכטיקער שטילקייט און זיך געשפּיגלט אין טייכל אַנטקעגן זייער הייזל. פֿון דער יידישער בעקעריי האָט צום הימל זיך געצויגן דער רויך פֿונעם קוימען. דאָרט האָט מען איצט געבאַקן דאָס ברויט, וואָס מ׳האָט אויסגעטיילט פֿאַר די יידן. פֿון די ביידעמער אַרום שטעטל האָבן די הענער אויסגעקרייט האַלבע נאַכט. ווידער האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ ווינטל און אָנגעיאָגט פֿאַר־

וועלקטע בלעטער צום אַריינגאַנג ביי דער טיר. יאַנקלען האָט איצט זיך אויסגעדוכט, אַז אין דער שטילקייט הערט ער דאָס פאַלן פון יעדן בלאַט צו דער ערד. ער איז צוריק אַוועק צום בעט.

אין צימער האָט ער געטראָפן יואלן שטיין ביים פענצטער, וואָס גייט אַרויס צו דער גוייִשער זייט פון שטעטל.

— וואָס זעסטו דאָרט ?

— איך האָב געהערט... געהערט פאַרדעכטיקטע גערוישן פון יענער זייט — האָט יואל געענטפערט.

— לאָז מיך צו צום פענצטער.

יאַנקלס אָנגעשטרענגטער בליק איז אַריבערגעשפרונגען די גערטנער און דערגרייכט דעם קלויסטער מיטן רויט־שפּיציקן דאַך, דעם פאַרריסענעם צום הימל. אויבן האָט דער שוואַרצער צלם אויס־געשפרייט זיינע הענט איבער די איינגעקורטשעטע יידישע הייזלעך.

אויפן וועג צווישן די געדיכטע קאַשטאַנביימער, אַנטקעגן דעם גרויסן שווערן קלויסטער־טויער, האָבן אָנגעהויבן צונויפפאָרן זיך פויערים מיט וועגענער. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייען פוןביידע זייטן וועג, ווי אין אַ מאַרקטאָג.

— מיר מוזן שוין אַנטלויפן — האָט יאַנקל אין איין אָטעם געזאָגט.

אַלע זענען אַרויס פון די בעטן, אַרויפגעצויגן אויף זיך די וואַרעמע מלבושים, גענומען יעדער זיין צוגעגרייט פעקעלע, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געוואָגט צו מאַכן דעם ערשטן טריט צו דער טיר. אַלע סילועטן האָבן זיך צונויפגענומען אין איין ברייטן שאָטן.

— קוקטס נישט אויף מיר, אַנטלויפט... ראַטעוועט ס׳לעבן ! — האָט רייזל געיאָגט די קינדער צום אַרויסגאַנג.

איינציקווייז זענען די קינדער אַרויס אין דרויסן און זיך צונויפ־געקליבן אונטערן בריקל.

— געגאַנגען ! — האָט יואל, אַן אויסגעדינטער זעלנער, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. יאַנקל, פּסח, משה און העניע זענען אים

נאָכגעיאָגנגען שנעל, כמעט געלאָפן, און באַלד זענען זיי אַריין ווי אין גאָר אַן אַנדער נאַכט — אַ נאַכט פון אַ דראָענדיקער פּיינטלעכער וועלט. אַ בילעריי פון הינט האָט אַרויסגערופן די שרעקן פון די יינגסטע יאָרן. פאַר די אויגן האָבן געשוועבן באַוועגן זיך אויסטער־לישע שרעק־בילדער: ביימער ווי באַוואָפנטע רוצחים, בערגלעך איבער פעלדער ווי איינגעגראָבענע לויערנדיקע קעפּ. דער וויג פון אַ צווייג, אַ שאָרך פון אַ בלאַט, אַ שפּרונג פון אַ חיהלע פון אונטער אַ שטיין אַרויס האָט אַרויסגערופן אַ צאַפּל און איבערגעריסן דעם גאַנג. פּלוצלונג האָט אָפּגעהילכט אַ שאָס. זיי זענען צוגעפאַלן צו דער ערד. יעדער איינער פון זיי האָט געפילט, אַז דער שאָס איז צו אים געווען געצילט. יואל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט און שנעל געזאָגט:

— מען טאָר דאָ לאַנג נישט בלייבן.

איינגעבויגענע זענען זיי געלאָפן פון בוים צו בוים, געוואָלט אַנטלויפן פון דער לבנה־שיין. אין דער נאַכטשטילקייט האָבן זיי געהערט בלויז דאָס קלאַפּן פון אייגענעם האַרץ. די ווייכע ערד האָט איינגעשלונגען זייערע טריט.

פאַר די אויגן איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ שטיקל באַגרינט פעלד. זיי האָבן פאַרשנעלערט דאָס לויפן און דאָרט זיך אַוועקגעוואָרפן. איצט האָט שוין אַ כסדרדיקע געקנאַלעריי פון ביקסן־שאָסן צעריסן די נאַכט. נישט וויט פונעם אָפּגעלאָפענעם וועג האָבן רויטע פאָסן פון אַרויסגעשאָסענע קוילן זיך איינגעשניטן אינעם נאַכטיקן הימל איבערן שטעטל. אין די אַרומיקע קאָלאָניעס האָבן די הינט געבילן.

דער אַלץ שטאַרקער־ווערנדיקער אָפּקלאַנג פון דער שיסעריי האָט דערמאָנט די ברידער, ווו זיי געפינען זיך. זיי האָבן אָנגעהויבן וויטער לויפן. אין זיגזאַגיקן געלויף האָבן פאַר זיי זיך געדרייט די איינזאַמע פויערישע כאַטעס, וואָס האָבן געשראָקן ווי רויבער־נעסטן. ביסלעכווייז איז שוואַכער געוואָרן דער עכאָ פון דער שיסעריי. די נאַכט האָט זיך באַוועגט איבער ראָוועס און בערגלעך, איבער זאַמ־דיקע וועגן און נאַסע לאָנקעס, און ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן

ווערן בלאַסער, שיטערער. אויף מזרח־זייט האָט אָנגעהויבן אויסשיילן זיך דער שוואַרצער שאָטן פונעם וואַלדראַנד.

אונטער די מידע, פאַרפּאַמעלכטע טריט, האָבן אָנגעהויבן ברעכן זיך טרוקענע בלעטער און צווייגלעך. די הענט און פיס האָבן זיך געצויגן צו דער ערד און זיי זענען אַלע אַוועקגעפאַלן צווישן די געדיכטע שטאַמען. די פאַרטאָגעדיקע וואַלדלופט איז אַריינגעדרונגען אין זייערע לונגען, זיי איינגעשטילט און איינגעוויגט. ס'איז זיי באַפאַלן אַ האַסטיקער שלאָף.

בלויז העניע איז געלעגן וואַך. מיט אָפענע אויגן האָט זי זיך איינגעגעסן אין דער פינצטערניש. זי האָט מורא געקריגן פאַר דער ווילדקייט דאָ. איז דאָס דער זעלבער וואַלד פון אירע קינדער־יאָרן, ווען אירע עלטערן האָבן געוווינט אין דאָרף לאַזעווע? יענער וואַלד, וואָס איז טאַקע פול געווען מיט סודות, אָבער געוועקט אַן אָנגענעמען אומרו אין יענע זומערדיקע פאַרנאַכטן ווען זי פלעגט צוזאַמען מיט אירע עלטערע שוועסטער קלייבן יאַגעדעס און שוואָמען?

זי געדענקט, ווי זי פלעגט דאָ בלאָנדזשען איבערן וואַלד און אַז זי איז מיד געוואָרן, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ בוים און איינגעהערט זיך אינעם גערויש פון וואַלד, אין געזאַנג פון די פייגל. דער וואַלד פלעגט איר פאַרשיכורן און איינשלעפערן ביז אַ פויער מיט אַ פורל האָלץ איז פאַרבייגעפאָרן און זי אויפגעוועקט. זי איז שנעל געלאָפן אַהיים, ווו טאַטע־מאַמע האָבן שוין געוואַרט אויף איר מיט אומרו. זי איז דעמאָלט נאָך גאָר יונג געווען, געגאַנגען אין שקאָלע צוזאַמען מיט די גוייִשע ייִנגלעך און מיידלעך, געלעבט אין איינעם מיט זיי אין אָט דעם אומבאַגרענעצטן וואַלדישן צויבער...

ניין, דאָס איז נישט דער וואַלד פון יענע יאָרן! דער איצטיקער וואַלד איז פול מיט פחד. דער זעלבער פחד, וואָס האָט זיי געיאָגט פונעם שטעטל איז מיטגעלאָפן מיט זיי אויך דאָ, צווישן דיביימער. זי וועט דאָ נישט קאָנען בלייבן אַפילו קיין איין טאָג — האָט זי געטראַכט און געקוקט ווי דער טונקעלער הימל ווערט בלאָער און הייבט אָן באַדעקן דיביימערשפּיצן מיט אַ גראָער ליכטשיין. אונטער

די געדיכטע צווייגן זענען געלעגן אירע ברידער איינגעקורטשעטע און געציטערט אונטער די איבערגעדעקטע פּאַלטנס.

וואָס וועט מיט זיי זיין? — האָט העניע געטראַכט און זיך איינגעקוקט אין די איינגעגראָבענע בלאַסע פּנימער פון אירע ברידער. נאָך היינט וועט זי מיט זיי זיך שיידן. מיטן גויִשן דאָקו־מענט וועט זי קאָנען פריי זיך באַוועגן. איר פוילישער נאָמען וועט איר אפשר געבן די מעגלעכקייט צו וווינען אונטער אַ דאַך, שלאָפן אין אַ בעט. און זיי? ווער וועט זאָרגן פאַר זיי? ווער וועט אויף זיי רחמנות האָבן?

ביסלעכוויז האָט דער וואַלד זיך צעעפנט. די אויפגייענדיקע זון האָט באַגילדט דיביימער. אַ וועווערקע איז אַראָפּגעקראָכן פון אַ בוים, זיך איבערגעשראָקן און צוריק אַרויפגעשפּרונגען אין די געדיכטע צווייגן. די ברידער זענען שוין געזעסן צווישן די סאָסנעס. העניע האָט אויסגעגלייכט די האָר און צוגעזעצט זיך צו זיי. פּלוצלונג האָט יאַנקל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט און זיך אָנגעע־רופן:

— איך האָב געהערט טריט...

יואל האָט צוגעלייגט די אויערן צו דער ערד און זיך אָנגערופן:

— יאָ, מ׳גייט פון אַלע זייטן... העניע, פאַרוואַרף דאָס טיכל איבערן קאָפּ און גיי שנעל אַוועק. אויב עמעצער וועט דיך פרעגן, זאָג, אַז דו גייסט מיטן וואַלד אַהיים קיין לאָזעווע.

גיך האָט העניע צונויפגעבונדן די עקן פונעם טיכל הינטער דער גאָמבע, אַ כאַפּ געטאָן איר פּעקעלע און אָנגעהויבן אַריינגיין טיפער אין וואַלד.

די ברידער זענען זיך צעלאָפן צווישן די ביימער. יעדער פון זיי איז פאַרקראָכן צווישן די געדיכטע קוסטעס און אָפּגעוואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, אַז די טריט זאָלן פאַרביי. אָבער אַ פּויקן פון שווערע פיס האָט זיך געצויגן, זיך אָפּגעשטעלט און באַלד ווידער זיך אָנגעהויבן. און אָט זענען די טריט שוין אַזוי נאָענט.

— קומט אַרויס, דאָס זענען בהמות!

דאָס איז געווען העניעס קול. זי האָט זיך אומגעקערט און גערופן די ברידער, זיי באַרוּיקט.

זיי זענען אַרויס פון צווישן די קוסטעס און זיך אויסגעגלייכט די ביינער. די קי האָבן זיך דערנענטערט, אויפגעהויבן די קעפּ און אויסגעבאַלוטשעט די אויגן אויף די פרעמדע מענטשן. באַלד האָבן זיי ווידער אַראָפּגעלאָזט די מאָרדעס צו דער ערד און געשאַרט מיט די פיס צווישן די דאַרע בלעטער און צווייגן.

אַ געלער קודלאַטער הונט איז אָנגעלאָפן. די בהמות האָבן זיך דערשראָקן, פאַרקערעוועט אין אַ זייט, אָבער דער הונט האָט זיך פאַרהאַלטן קעגן איבער די מענטשן און מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז האָט ער אויף זיי בייז געהאַוקעט. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ פויער מיט אַ טאָרבע אָנגעהאָנגען אויף דער זייט. דער בילנדיקער הונט האָט אַלץ נענטער זיך גערוקט צו די ברידער און זייער שוועסטער.

— אָהער! — האָט דער פאַסטעך אַ געשריי געטאָן צום הונט און אַ פאָכע געטאָן מיט זיין בייטש. דער הונט האָט זיך צוריקגעצויגן, געדרייט מיטן וויידל און, אַרויפקוקנדיק צו זיין באַלעבאָס, געוואָרטשעט.

— פון וואַנען זענט איר אַנטלאָפן?

— פון סטערדין.

— איר האָט געהאַט מזל — דער פאַסטעך האָט געדרייט מיטן קאָפּ און זיך געוווּנדערט, וואָס ער זעט נאָך לעבעדיקע יידן. ער האָט דערציילט, אַז פאַר טאָג האָבן די דייטשן צוגענומען אַלע יידן. נעכטן נאָך האָט דער סאָלטיס פון זיין דאָרף אָנגעזאָגט די פויערים, אַז זיי זאָלן זיין גרייט אַרויסצופאָרן אין שטעטל און אָוועקפירן די יידן קיין טרעבלינקע. אויך פון די אַנדערע דערפער און פון די אַרומיקע קאָלאָניעס זענען די כלאָפּעס אָנגעפאָרן מיט די וועגענער. דער סאָלטיס האָט צוגעזאָגט די פויערים, אַז זיי וועלן באַקומען די זאַכן נאָך די יידן.

— אַ מזל פון כלאָפּעס — האָט דער פאַסטעך געשאָקלט מיטן

ווילד־באַוואָקסענעם קאָפּ — אַ שאָד וואָס איך האָב נישט קיין פערד־און־וואָגן.

— איר זענט אַ קריסט? אַ קאַטאָליק? האָט איר גאָרנישט קיין רחמנות? — יאַנקל האָט אַליין זיך געחידושט, וואָס ער האָט נאָך איצט מוט און געדולד צו שטעלן דעם פויער אַזאַ מין פראַגע.

— גאָט שטראָפט די זשידעס. דאָס איז זייער גורל. וואָס קאָנען מיר, בידנע מענטשן, טאָן קעגן גאָטס ווילן? און איר זענט נאַראָנים, וואָס איר זענט געלאָפן אין וואַלד. ווי לאַנג וועט איר דאָ אויסהאַלטן? איר האָט געדאַרפט מיט אייעריקע מיטגיין קיין טרעבלינקע. צו וואָס דאַרפט איר זיך נאָך מאַטערן?

דער פּאַסטעך האָט זיך דערמאָנט אין זיינע בהמות, אַ פייף געטאָן צום הונט, און ביידע זענען זיי פאַרשוווּנדן צווישן די ביימער.

— לאָמיר זיך אָפּטראָגן פון דאַנען וואָס גיכער.

— ער זעט אויס ווי אַ מערדער.

— נאָכן אָנפּאַשען די קי וועט ער מיטן הונט אונדז זוכן אין וואַלד.

די ברידער האָבן אָנגעהויבן אַריינגיין טיפער אין וואַלד, פאַרנומען זיך אויף אַן אַנדער וועג, אויף רעכטס. העניע איז נאָכגעגאַנגען די ברידער און געקוקט, ווי די טאָרבעס טרייסלען זיך אויף זייערע אַקסלען. איר האָט שטאַרק געשראָקן זייער פאַרענדערטער אויסזען. בלויז איין נאַכט לעבן אויף הפקר — און שוין אַזוי פאַרענדערט — האָט העניע געטראַכט. איר איז דאָס שווער געווען צו באַנעמען, ווי זייער אויסזען — זייערע צעשראָקענע אויגן, די פאַרשלאָסענע טרוקענע ליפּן, זייערע האַסטיקע באַוועגונגען — וואָלטן גאָרנישט געהאַט קיין שייכות צו איר.

איז דאָס דער זעלבער יוסף מיט זיין מילד פאַרטראַכט פּנים, וואָס זיצט ביז שפּעט ביי נאַכט איבער ביכער און פּעדאַנטיש אויס־געצירקלטע העפטן און בלאָקן? און ווו איז יענער יאַנקל, מיט דער הויכער טשופּרינע און אַלבאַסטער־ווייסן פּנים, וואָס האָט שטענדיק געבלאָזן פון זיינע מלבושים און פון קינדערוויז אָן געחלומט צו ווערן

אַ דאָקטער? ווו איז דער קלוגער שמייכל פון שוואַרץ־חנוודיקן פסחל, וואָס פלעגט אויפלייכטן ביי זיינע טעכנישע איינפאַלן ווען ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַ מאַשין? און משהלע, אַ גלייכער ווי אַ יונגע סאָסנע — וועט זי שוין קיין מאָל נישט הערן זיין געלעכטער, זיין זינגען? און די מאַמע? די מאַמע ווו איז? וואָס האָט זי געטראַכט ווען מען האָט זי געפירט צום טויט? אַלץ וועגן אונדז? יאָ, אַלץ וועגן די קינדער אירע!

העניע האָט זיך דערשראָקן פאַר אירע מחשבות. זי האָט אָנגעיאָגט די ברידער. יענע זענען געבליבן שטיין ביי אַ זאַמדיקן וועג און געטראַכט ווו זיך צו פאַרנעמען.

פסח און משה האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווערע מלבושים און אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים. זייער בליק האָט אויפגעכאַפּט אַ קאָשטשאָל און פויערישע כאַטעס. דאָס איז געווען דאָס דאָרף סעראָטשין.

נאָכן אָפּגיין אַ שטיקל וועג האָבן די ברידער דערקענט די סימנים פון לאָזעווער וועלדער. יאַנקל האָט העניען אָנגעוויזן דעם וועג, וואָס האָט געפירט אין דאָרף:

— וועסט אַריינגיין צו ראַדאָווסקין. דאָרט וועסטו שוין אַליין מוזן באַשליסן...

העניען האָט אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ. די שעה פון שיידן זיך מיט די ברידער איז געקומען. אַ געוויין האָט זיך איר געשטעלט אין האַלדז. זי האָט געוואָלט שרייען: „איך האָב מורא, איך האָב מורא אַליין!" אָבער זי האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט און זי האָט אויסגעמיטן זייער בליק. אַ ביסל זיך דערווייטערט, האָט זי זיך געשטעלט הינטער אַ בוים, אַרויסגעקוקט פון דאָרט און געזען נאָך די ברידער אין דער זעלבער אומבאַוועגלעכקייט — ווי זיי קוקן אין דער ריכטונג וווהין זי איז אַוועק. ערשט דאַ, אַליין אונטערן בוים, האָט העניע שטיל געוויינט, דורך די טרערן געזען, ווי די ברידער דרייען זיך אויס און צעגייען פאַר אירע אויגן.

דעמאָלט איז איר באַפאַלן אַ שטאַרקער ווילן זיך אומצוקערן, זיי

נאָכלויפן, אָפּגעבן זיי די שטיקלעך ברויט פון איר בייטל. עפּעס האָט זי געהאַט נאָך זיי איבערצופרעגן, עפּעס האָט זי זיי נאָך געדאַרפט אָנזאָגן. פאַר וואָס איז זי מיט זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַזוי, ווי זיי וואָלטן אין גיכן געדאַרפט ווידער זיך באַגעגענען? פאַר וואָס האָט זי מיט זיי זיך נישט געקושט? אפשר זאָל זי טאַקע צוריקלויפן צו זיי? באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, ווי לעכערלעך די אַלע מחשבות זענען. נישט זי האָט כוח צוריקצולויפן און נישט זי האָט שוין געוווסט, ווו די ברידער זענען אַוועקגעקומען אין וואַלד. זי האָט אויסגעווישט די אויגן, אַ גלעט געטאָן דאָס טיכל איבערן קאָפּ, אָפּגעשאָקלט פון זיך די סאָסנע־נאָדלען און גענומען גיין מיטן זאַמדיקן וועג, וואָס פירט קיין לאָזעווע.

קאַפּיטל צוויי

די באַהעלטעניש אין וואַלד

די ברידער זענען אַריינגעדרונגען טיפער אין וואַלד. זיי האָבן געפונען אַ קליינעם שטח נאָך אויסגעהאַקטע ביימער. די פּיעניעס זענען שוין געווען אַרומגעוואַקסן מיט דינע צווייגלעך. איבער דעם שטח זענען געווען צעוואָרפן געדיכטע קוסטעס. אַהין זענען זיי אַריין און זיך אויסגעלייגט, ווי אונטער אַ נעץ פון דינע צווייגן מיט בלעטער.

אַ קילער האַרבסטיקער ווינט האָט געפייפט איבער די צעוויגטע שפּיצן פון די הויכע סאָסנעס, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ פּירעק אַרום די יונגעביימלעך. די זון איבערן וואַלד איז כסדר געוואָרן פאַרשטעלט און זיך באַוויזן צווישן די זיך וויגנדיקע צווייגן. טיף אין וואַלד האָבן זיך איבערגערופן ווידערקולות, ווי פאַרבלאָנדזשעטע וואָלטן זיך געזוכט. ערגעץ האָט אַ זעג געסקריפּעט. קורצע קלעפּ פון העק האָבן טעמפּ אָפּגעהילכט איבערן וואַלד. צעשראָקענע פייגל האָבן אַרומגעפלאַטערט, געזוכט אַן אָרט וווּ זיך אַראָפּצולאָזן. אין דער לופט האָט געשמעקט מיט זעגעכץ און פאַרגליווערטער זשיוויצע, אַ פערדל האָט געשלעפּט אַ פורל, אָנגעלאָדן מיט לאַנגע צווייגן, וואָס האָבן זיך געבראָכן ביים שמאָלן דורכפאָר צווישן די ביימער און געקעמט מיט זייערע באַבלעטערטע שפּיצן דעם זאַמדיקן וועג.

די ברידער האָבן האַסטיק זיך איבערגעוועקט. זיי זענען געווען צעטומלט און נישט געוווּסט ווי לאַנג זיי זענען געשלאָפן אונטער די יונגע ביימלעך. טראָפּנס רעגן האָבן אָנגעהויבן פאַלן אויף זייערע פּנימער, צו ערשט איינצלנע, אָבער באַלד זענען זיי געוואָרן געדיכטער, און געוואָרן קילער און דורכדרינגענדיקער. זיי זענען אַוועק זוכן שוץ

אונטער אַ בוים מיט געדיכטע צווייגן. דער גאָס ריעגן האָט זיך געצויגן פון הימל מיט דינע פעדעם, זיך געזאַמלט אַרום די ביימער אין שטראָמען. איינגעקורטשעטע אין די פּאַלטנס האָבן די ברידער זיך געטוליעט צום בוים.

פון דער נאָענט האָט זיך דערהערט דער טרייסל פון אַ פערד אין אַ געשפּאַן. די ברידער האָבן טיפער זיך איינגעקוקט און דערזען אַן איבערגעדעקט פערד מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן מיט שטשאָפּעס האָלץ. דער וואָגן האָט זיך פאַרהאַלטן, און לעבן אים — אַ פויער מיט אַ זאַק איבערן קאָפּ, אַן אַדורכגעווייקטער פונעם רעגן. אַ ווײַלע איז דער גוי געשטאַנען אַן באַוועגונג און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. בלויז זיין וואָנסע האָט זיך אויסגעקרימט אויף אַ זייט און אָנגעהויבן ציטערן. פון אונטערן זאַק זענען די גרינגע אויגן געשפּרונגען איבער די ברידער, וואָס האָבן זיך געטרייסלט פון קעלט און פחד. אַ בייזע שטים איז אַריינגעפאַלן אין דער נאַסער לופט:

— איך האָב אייך געפּאַקט, זשידעס! דאָס האָט איר, סקורווי־סינעס, געעפנט דעם קאָפּיעץ! מיט מיינע קאַרטאָפל ווילט איר דאָ לעבן אין וואַלד? צום טייוול גייט, קיין טרעבלינקע!

— איר האָט אַ טעות — האָט יאַנקל אָנגעהויבן אייננעמען דעם פויער — מיר זענען דעם ערשטן טאָג אין וואַלד — ער האָט דערביי אַריינגעשטעקט זיין האַנט אין קעשענע, כדי אים צו ווייזן דאָס שטיקל ברויט, וואָס ער האָט נאָך פון דער היים. יאַנקלס באַוועגונג האָט אים אויסגעזען צו זיין פאַרדעכטיקט. דער פויער האָט שנעל אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך דעם זאַק, צוגעלאָפן צום וואָגן און אַ כאַפּ געטאָן פאַרן הענטל די האַק, וואָס האָט געשטעקט אין אַ שטשאָפּע האָלץ. ווען דער גוי האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער האַק אין האַנט, זענען די ברידער שוין נישט געווען. זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן טיפער אין וואַלד אַריין.

דער רעגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אונטער אַראָפּהענגענדיקע צווייגן האָבן די ברידער זיך אַוועקגעזעצט, כדי אַ טראַכט צו טאָן

ווו וויטער זיך צו ווענדן, פריער איז ביי זיי געווען אָפּגעשמועסט, אַז ווען ס׳וועט ווערן נאַכט, וועט יעדער באַזונדער אַוועקגיין אין דאָרף צו באַקאַנטע גויים, בעטן עסן און לאָזן איבערנעכטיקן די נאַכט אין אַ שטאַל צי אויף אַ בוידעם. איצט, נאָך די ערשטע אומ־היימלעכע באַגעגענישן אין וואַלד, האָט זיי דאָס אויסגעזען צו פיל ריזיקאַליש.

— פאַראַן נאָך גוטע גויים — האָט יאַנקל געמוטיקט די ברידער — מען דאַרף זיי נאָר געפינען. מיר וועלן פּרוּוון גיין צו מאַרכעלן, צו וואָזשניאַקן, צו דער בראַטשענאָווע און די אַנדערע. זיי האָבן געהאַט רעספּעקט פאַרן טאַטן, געהאַנדלט מיט אים ווען מיר האָבן געוווינט אין דאָרף.

יואל האָט געצווייפלט:

— כ׳האָב מורא, אַז די אַלע וועלן איצט אונדז נישט לאָזן איבער־טרעטן זייער שוועל. אויב נישט מיט העק, וועלן זיי אונדז פאַריאָגן מיט שטעקנס אָדער מיט הינט.

— אויב דו גלייבסט נישט, אַז וועסט געפינען אַ גוטן מענטש, טאָ נאָך וואָס ביסטו געלאָפן אין וואַלד?

— כ׳בין געלאָפן ווייל דער טויט האָט מיך געיאָגט.

— ניין. מיר זענען געלאָפן ראַטעווען זיך דאָס לעבן.

— אַז עס וועט זיך עפענען אַ גויִישע טיר דאַרף מען אויף אונדז דערקענען דעם ווילן צו לעבן. אַנדערש וועט קיינער נישט וועלן אונדז העלפן.

— דאָס ברויט ענדיקט זיך. מאָרגן קאָן אונדז אויסקומען צו עסן גראָז.

— דאַרף מען שוין היינט גיין אין דאָרף...

יאַנקל האָט זיי איבערגעריסן:

— מיר גייען נישט אַרויס פון וואַלד, ביז ס׳וועט נישט פאַרטיק ווערן דער סכּראָן!

די ברידער האָבן איינגעזען, אַז יאַנקל איז גערעכט און אָנגעהויבן זוכן אַ פּלאַץ ווו אויסצוגראָבן די באַהעלטעניש. דאָ, ווו די ביימער

זענען אַלטע, טויג נישט, ווייל מען קאָן קומען זיי אויסהאַקן. צווישן די יונגע ביימלעך ווידער, איז דער שטח צו פריי. דערפאַר דאַרף מען זיך אומקערן נענטער צום אַרויסגאַנג פון וואַלד, אַ ביסל אָפּגערוקט פונעם וועג. דאָרט שטעלט זיך קיינער נישט אָפּ. דאָרט טאַקע האָט מען אויסגעגראָבן די באַהעלטעניש.

ווען די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן און די ביימער האָבן זיך צוזאַמענגערוקט אינעם האַלבטונקל האָבן די ברידער מיט זייערע לעפל און הוילע הענט אָנגעפילט די היטלען מיט דער אויסגעגראָבענער ערד און זי צעוואָרפן לענג־אויס דעם זאַמדיקן וועג. דעם צודעק פון די דיקע צווייגן האָבן זיי אויסגעגלייכט מיט גרינע שטיקער פון דער אויבערפלאַך, זי זאָל זיך נישט אונטערשיידן פון דער אַרומיקער מאָכיקער ערד. צופוסנס פון אַ בוים איז דער אַרייַנגאַנג אין גרוב באַדעקט געוואָרן מיט צווייגן.

אין דער באַהעלטעניש איז געווען ענג. דער דאַך איז געלעגן אויפן קאָפּ. די ברידער זענען געזעסן מיט געבויגענע רוקנס און געלעגן מיט איינגעקורטשעטע פיס. די אונטערערדישע דעמפּיקייט האָט געשטיקט אין האַלדז. אַ ריח פון צעגראָבענער ערד און אַ פינצטערניש, אַ פינצטערניש ווו עס פאַרשווינדן און זאַפן זיך צונויף די אייגענע פאָרמען און געשטאַלטן. דער איינציקער סימן פון לעבן אינעם גרוב איז דער אָטעם פון די פיר מענטשן, וואָס זאַפּן איין די קאַרגע לופט.

יאַנקל האָט זיך געדרייט פון בויכווייטיק. אַ גאַנצן טאָג האָט אים געפּייניקט דער שילשול, וואָס ער האָט געקריגן בעתן לויפן אין וואַלד אַריין. איז ער אַרויס פונעם גרוב און זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ בוים. די דרויסנדיקע וואַלדלופט האָט אים אָפּגעפרישט און ער האָט גענומען אָטעמען מיט דער פולער ברוסט. פּלוצלונג האָט ער דערהערט זייער נאָענטע טריט. נאָך איידער ער איז געקומען צו זיך, ווי נאָר ער האָט אין שרעק זיך אַ שטעל געטאָן אויף די פיס, האָט ער דערזען פאַר זיך אַ הויכע געשטאַלט מיט אַ פאַרוואָרלאָזט ווילד־באַוואַקסן פּנים.ביידע האָבן האַסטיק זיך איבערגעקוקט.

— אַ ייד ?

— אַ ייד.

— פון וואַנען ?

— פון סטערדין.

— ווער ביסטו ?

— יאַנקל, אברהם הערשס פון לאָזאָווע.

די געשטאַלט האָט זיך אַראָפּגעבויגן און מיט דער הייזעריקער שטימע אַרויסגעשעפּטשעט :

— הערשל טאַלקע, פון לאָזאָווע.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אונטער אַ בוים. ערשט פון גאָר נאָענט האָט יאַנקל דערקענט דאָס היימישע קול פונעם דאָרפישן שניידער וואָס פלעגט נייען מלבושים פאַר די פויערים. יאַנקל האָט פאָרגעלייגט הערשלען צו האַלטן זיך אין וואַלד צוזאַמען מיט זיי, מיט די ברידער.

— ניין, איך מוז בלייבן אַליין.

— צוזאַמען וועט איך לייכטער זיין. אַליין וועט איר פאַרלוירן גיין אין דער ווילדעניש.

— אין וואַלד מוז מען כסדר וואַנדערן. איר זענט יונג, און איך בין שוין אַ ייד אין די יאָרן. מיינע פיס קאָנען מיך שוין ווייט נישט פאַרפירן. נישט ווייט פון דאַנען האָב איך אַ באַהעלטעניש. וואַלענטי קומט צו מיר יעדע נאַכט, ברענגט מיר עסן, שמועסט מיט מיר, דערציילט מיר געהיימע נייעס פון פראָנט. קיינער אַחוץ וואַלענטי ווייסט נישט פון מיין באַהעלטעניש. די מענטשן זענען איצט שלעכט, אָבער דער גוי האָט אַ גוט האַרץ.

— און פאַר וואָס דרייט איר זיך איצט אַרום אין וואַלד ?

— איך מוז דאָך האָבן אַ ביסל לופט ! אַ גאַנצן טאָג ליג איך אין דער ערד. ביי נאַכט דריי איך זיך אַ ביסל אַרום צווישן די ביימער און שפּעטער קריך איך צוריק אַריין אין לאָך. איך וואַרט וואַלענטי זאָל קומען. אַחוץ אים זע איך נישט קיין מענטש פאַר די אויגן.

הערשל האָט אַוועקגעאײלט. וואַלענטי דאַרף באַלד קומען. ווי שטענדיק אין דער צייט וועט ער זיך באַווייזן, ווי אַ שאָטן,

און בלייבן שטיין לעבן גרוב, אַנטקעגן הערשלס אַרויסגעשטעקטן קאָפּ. נאָכן אַריינשלינגען דאָס געבראַכטע עסן, וועט ער ווידער אויסהערן וואַלענטיס מעשׂות פונעם דאָרף. ער ווערט נישט מיד צו דערציילן די זעלבע זאַכן: ווער עס ווערט רייך פון דער מלחמה און ווער עס ווערט פון די דייטשן גערודפט. ווער ס'האָט פאַרכאַפּט די יידישע הייזער און פעלדער און ווער עס פוצט זיך אויס זונטיק אין קאָשטשאָל אַריין אין יידישע קליידער. וואַלענטי איז אַ גוטער גוי, דערפאַר האָט אים הערשל אָנגעטרויט אַלץ, זיין גאַנץ פאַר־מעגן, זיינע מלבושים און זיין הויז־באַלעבאַטישקייט. הערשל קען אים דאָך אַזוי פיל יאָרן. צוזאַמען זענען זיי געוואַקסן אין דאָרף. ערשט דאָ נישט לאַנג האָבן זיי ביידע זיך דערמאָנט אין יענע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען זיי זענען צוזאַמען געווען אויפן פראָנט — אין דער רוסישער קאַוואַלעריע — צוזאַמען גע־לעגן פאַרוואונדעטע אין שפּיטאָל, און נאָך דער מלחמה — צוזאַמען זיך אומגעקערט אַהיים אין לאָזעווע.

אין איינער אַ נאַכט האָט וואַלענטי פאַרשפּעטיקט צו קומען. הערשל איז אַרויסגעקראָכן פונעם גרוב און אָפּגעוואַרט מיט אומ־געדולד, אַז זיין גוישער פריינד זאָל זיך שוין באַווייזן מיטן טאָפּ עסן. הערשל האָט זיך געדרייט אין קראַמפּן פון הונגער. אַן אומרו האָט אים געפּייניקט: פאַר וואָס קומט ער נישט, וואַלענטי? אים איז באַפאַלן אַ מורא און ער איז צוריק אַריין אין באַהעלטעניש.

ערשט נאָך האַלבער נאַכט איז וואַלענטי אָנגעקומען מיטן טעפּל אין האַנט. הערשל האָט זיך דערפרייט, אים געגלעט און געבענטשט, אָנגענומען פאַר גוט אַלע תירוצים פאַר זיין פאַרשפּעטיקן.

— הערשקאָ, נעם זיך צום עסן, כל זמן ס'איז נאָך וואַרעם.

הערשל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, מיט ציטערדיקע הענט אַריינגעשטעלט דאָס טעפּל צווישן די פיס. דער געשמאַקער ריח פון געקעכץ איז אויפגעגאַנגען צו זיינע נאָזלעכער. ער האָט

אַראָפּגעלאָזן דאָס פּנים צום טעפּל און גענומען שלינגען די וואַרעמע קליסקעס.

וואַלענטי איז שטיין געבליבן, ווי איבערצוואַרטן ביז הערשל וועט אָפּעסן. מיט זיינע אויסגעבאַלוטשעטע אויגן האָט ער אַראָפּ־געקוקט אויף הערשלס אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. די פּאָזיציע איז געווען אַזאַ ווי ער האָט זי פאַרטראַכט. מיט אַ שנעלער באַוועגונג האָט ער פון זיין אונטערגעגאַרטלטן בוזעם אַרויסגעצויגן אַ קורץ העקל און מיט איין זעץ אַריינגעהאַקט די שאַרף אין הערשלס קאָפּ.

פון אונטער אַ בוים האָט וואַלענטי אַ כאַפּ געטאָן אַ צוגעגרייטן זאַק, צונויפגענומען די פאַרבלוטיקטע קליידער. דעם נאַקעטן גוף פון דערהרגעטן ייד האָט ער אַריינגעשטופּט אין גרוב אַריין און מיט פאַמעלעכע טריט זיך געלאָזט צום וועג פון וואַלד אַרויס, וואָס האָט געפירט צו זיין דאָרפישער כאַטע.

אַרום איז געווען די שטילקייט פון פאַר טאָג, אַזאַ רויִקע שטילקייט.

די פריהאַרבסטיקע טעג זענען פאַמעלעך אַוועקגעקראָכן אין די נעפּלדיקע פאַרבינדונגען צווישן טאָג און נאַכט. די רעגנס זענען געוואָרן אָפטערע און די לופט איז קילער געוואָרן מיט יעדן טאָג.

אין אַ רעגנדיקער נאַכט האָבן יואל און יאַנקל זיך געשלעפּט איבער פאַרגאָסענע פעלדער, געצויגן די פיס פון דער צעווייקטער ערד. דורכגענעצטע ביזן לייב זענען זיי אָנגעקומען אין דאָרף. די כאַטעס זענען געשטאַנען צוזאַמענגעדריקטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע דעכער ביז דער ערד. דער רעגן האָט איינגעשלעפערט די פּויערים אויף די שטרויזעק. די פּי אין די שטאַלן האָבן אין דרעמל געשאָקלט מיט די קעפּ און שווער געסאָפּעט אויף די איינגעלייגטע פיס אונטער די בייכער. בלויז די הינט האָבן מיט אַ פאַרשטיקט בילעריי זיך געריסן פון די קייטן. יואל און יאַנקל זענען ווי שאָטנס אַדורך צווישן די נאַסע שוואַרצע ווענט.

די קליאַמקע פון אַ הינטערטיר האָט אַ שפּרונג געטאָן און זיך

אַראָפּגעלאָזט מיט אַן אָפּקלאַנג. פון אינעווייניק אין הייזל האָט אַ פאַרשלאָפענע שטים געפרעגט: ווער איז דאָרט?

— אַ הונגעריקער בעט אַ שטיקל ברויט — האָט אַ שטיל ציטערנדיק קול אַריינגערעדט אין שפּאַלט פונעם לאָדן.

— גיי דיין וועג און לאָז שלאָפן — האָט די שטים פון יענער זייט זיך אַ בייזער געטאָן.

— פּאַניע מאַרכעלו, האָט רחמנות און עפנט די טיר.

אין שטיבל האָט עפּעס זיך אַ ריר געטאָן. אין ברייטן שפּאַלט פון אָפּגעשפּאַרטן לאָדן איז געבליבן שטעקן אַן אַלט פּנים מיט ווייסע צעקנייטשטע וואָנסעס.

— צום טייוול! ווער ביסטו דאָס דאָרט ביים פענצטער?

— הערשקאָס זון פון לאָזעווע.

— הערשקאָס זון? — האָט דער גוי אַ מרוקע געטאָן און צוריקגעצויגן זיין פּנים. די פאַמעלעכע שאַרנדיקע טריט האָבן זיך איבערגעטראָגן פון פענצטער אין פאָדערהייזל. דאָס אַרויסגעצויגענע דרענגל פון די אייזערנע רינגען איז געפאַלן אויף דער ערד און די אַריינגאַנג־טיר האָט זיך אָפּגעשפּאַרט. אַ לאַנגע פיגור, איינגעהילט אין אַ וויסן פעלץ, האָט זיך איינגעבויגן און אָנגעשטעלט דעם ווייסן קאָפּ אַנטקעגן יאַנקלס פּנים:

— יאָ, הערשקאָס זון. קום אַריין — דער גוי האָט אים אַריינגעצויגן פאַרן אַרבל — ביסט אַראָפּגעפאַלן פון הימל.

— איך קום פון וואַלד...

— זעץ זיך דאָ לעבן דער קיך. כ'וועל באַלד צוריקקומען.

אַ טוכלע וואַרעמקייט פון טליִענדיקע גלאָוניעס האָט אַ שלאָג געטאָן יאַנקלען אין פּנים אַריין. ביי דער ליימענער קיך האָט ער אַראָפּגעצויגן די שיך פון די פיס, אויסגעדרייט דאָס וואַסער פון די זאָקן און זיך אָפּגעטרייסלט פון די רעגן־טראָפּנס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די נאַסע האָר צום לייב. די שטוביקע וואַרעמקייט האָט אָנגעהויבן גלעטן זיין דורכגעפרוירן פּנים, זיך צעגאַנגען איבער אַלע אבֿרים פון זיין גוף.

מאַרכעל איז צוריקגעקומען מיט אַן אָנגעצונדן גאַפּטלעמפּל. אַ שפּיציק פּייערל אונטערן פּאַרקאָפּטשעטן גלעזל האָט קוים־קוים באַלויכטן דעם קרייז אַרום דעם לעמפּל. מאַרכעל האָט אַוועק־געשטעלט פאַר יאַנקלען אַ שיסל קאַרטאָפל און אַהין אַריינגעגאָסן קרויט־באָרשטש.

אין דרויסן האָט דער רעגן געקלאַפּט אין די שטיינער פאַרן הייזל, די טיר האָט זיך געטרייסלט אין ווינט און יאַנקל מיט מאַרכעלן האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן.

— איך האָב שוין איבערגעלעבט מלחמות — האָט מאַרכעל אַרויסגערעדט פונעם אויפגעשטעלטן קאָלנער — אָבער אַזאַ קריג, מיט אַזעלכע מערדערייען איבער ציווילע מענטשן... טויזנטער באַליאַקן ווערן טאָגטעגלעך פאַרפּייניקט... אַזוי גיט איבער דער געהיימער ראַדיאָ.

— און וואָס האָבן זיי געמאַכט מיט אונדז? — האָט יאַנקל אַ פרעג געטאָן אין מיטן עסן.

ביים פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס האָט מאַרכעל אָפּגעענטפערט:

— מיט אייך יידן איז גאָר עפּעס אַנדערש. איר זענט דאָך אַלע מאָל געווען פרעמדע. ווער זאָל זיך אָננעמען פאַר אייך? אמת, אַזאַ טויט ווי אין טרעבלינקע איז שוין צו באַרבאַריש.

יאַנקל האָט אויפגעהויבן די אויגן פון איבער דער שיסל:

— אַזוי... באַרבאַריש... און אויף אַן איידעלן אופן מעג מען?

— פּאָ מאָיעמו — האָט מאַרכעל אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ — טאָר מען קיין מענטש סתם אַזוי, פאַר גאָרנישט, נישט הרגענען. אָבער ווער קוקט דען היינט אויף דעם וואָס מ׳טאָר נישט. אָט זעסטו, וואַלענטי מיין שכן האָט אַוועקגעהרגעט דעם יידישן שניידער. דאָס גאַנצע דאָרף ווייסט וועגן דעם. טאָ איז וואָס? ווער וועט זיך אָננעמען פאַרן ייד? מען דערציילט, אַז ער האָט אין די מלבושים פון יידישן שניידער געפונען איינגענייט אַ גרויס פאַרמעגן, גאָלד־שטיקלעך. איצט וועט וואַלענטי האָבן פאַר וואָס צו שיכורן...

די לעצטע ווערטער האָט מאַרכעל אַרויסגעזאָגט מיט פאַר־

דרוס, כמעט מיט קנאה. ער האָט דערביי געטאָן אַ שליידער אַוועק דעם עק פונעם אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס.

— מ׳דאַרף אים נישט מקנא זיין — האָט יאַנקל געזאָגט, אויסקראַצנדיק די שיסל — גאָט וועט אים באַצאָלן...

מאַרכעל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— איך האָב נאָך פון קיינעמען אין דאַרף נישט געהערט, אַז הרגענען אַ ייד איז אַ פאַרברעכן.

— טאַקע... אַ ייד איז נישט קיין מענטש, האַ?

מאַרכעל האָט אַ קרומען שמייכל געטאָן:

— ווען מען האַלט דיך פאַר אַ מענטש, וואָלסטו דאָך אַזוי נישט אויסגעזען...

— דאָס האָבן מערדער מיך דערפירט צו אַזאַ לאַגע, נישט אַזעלכע ווי איר...

— אין דאַרף לאַכט מען פון מיר. מען זאָגט, אַז מאַרכעל האָט רחמנות אויף אויף אַ געשלאָגענעם הונט.

— אַ גוטער מענטש לאָזט נאָך זיך אַ גוטן נאָמען.

— יינגל, אפשר וואָלטסטו אַ מאָל געזאָגט וועגן מיר אַ גוט וואָרט — האָט מאַרכעל אַריינגעלאַכט אין פעלץ — אָבער איך גלייב נישט, אַז דו זאָלסט איבערלעבן די מלחמה.

— פאַר וואָס?

— דו ווייסט נישט, אַז אין וואַלד דרייען זיך אַרום פוילישע יונגעלייט מיט געווער? זיי בונטעווען זיך קעגן די דייטשן און זיי הרגענען יידן. היט זיך פאַר זיי!

דער גוי האָט זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל, צעצויגן די הענט און געגענעצט. יאַנקל האָט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש, אַז זיין נאַכטוויזיט איז נעענדיקט און אַז ער דאַרף זיך אָפּטראָגן פון דאַנען. פאַרן אַוועקגיין האָט מאַרכעל אים מיטגעגעבן אַ שטיק ברויט מיט אַ קעזל. יאַנקל האָט געדאַנקט און שטיל זיך אַרויסגעשאַרט פון דער כאַטע.

אין דרויסן האָט דער רעגן זיך געהאַט אָפּגעשטעלט. דער ווינט

האָט געריסן דאָס שטרוי פון די דעכער, דיביימער האָבן זיך געבויגן און די הינט האָבן אָן אַן אויפהער געבילן.

דיביידע ברידער האָבן זיך געטראָפן אויפן אָפגערעדטן אָרט. יואל איז געקומען מיט אַ פולער טאָרבע. ער האָט דערציילט, ווי אַזוי וואָזשניאַק און וווּיטשעך האָבן אים צוגעוואָרפן די שטיקלעך ברויט, די קאַרטאָפל און עטלעכע קעפּלעך קרויט און געהייסן אים תיכף זיך אָפּטראָגן. קיינער האָט אים נישט געלאָזט אַריבערטרעטן די שוועל.

האַלטנדיק זיך ביי די הענט זענען ביידע ברידער געגאַנגען איבער די נאַסע און פוסטע פעלדער, געריסן זיך מיט כוח אַנטקעגן דעם ווינט, וואָס האָט זיי געשטופּט אויף צוריק. אין וואַלד האָבן שוין פּסח און משה געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן אומקערן זיך פון די ברידער.

קאַפּיטל דריי

אין דער פינצטערניש

אין גרוב זענען די ברידער געלעגן צונויפגעדרענגט איינער צום צווייטן. די טאָרבעס זענען שוין געווען ליידיק, דער הונגער האָט געפּייניקט. אין דער נאַכט איז אויף פּסחן און משהן אויסגעפאַלן די ריי, אַז זיי זאָלן גיין שאַפן עסן.

זיי זענען אַרויס. אין דרויסן האָט אַ פּראַסטיקער ווינט זיך געדרייט אין דער פינצטערניש, זיך געשניטן אין די פּנימער און אין די הענט, וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן, כדי זיך נישט צו פאַרלירן אין דער חשכות. בלויז דער ווייטער אָפּהילך פון הינטישן בילן האָט זיי געוויזן די ריכטונג צום דאָרף.

— דו ווייסט, פּסח — האָט משה אים אַ צי געטאָן צו זיך און אים אַריינגערעדט אין אויער — לאָמיר היינט אָנקלאַפּן ביי דער אַלטער בראַטשעגאָווע.

— און איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן גיין צו קלימענסן.

— ניין, צו קלימענסן דאַרף מען אַדורכגיין דאָס גאַנצע דאָרף.

— מען קאָן גיין דורכן וועגל הינטער די שייערן.

— ווילסט — גיי. איך האָב שטענדיק מורא געהאַט פאַר זיין רויטן פּנים מיט די שפּיציקע אויגן.

פאַרן אַריינגיין אין דאָרף האָבן דיביידע ברידער זיך צעשיידט און זיך אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן אונטער דעם אַלטן איינזאַמען בוים אויפן פעלד.

די כאַטעס פון ביידע זייטן לענג־אויס דעם דאָרף זענען געווען פאַרשלונגען פון דער פינצטערניש. דורך געדרייטע סטעזשקעס

און וועגלעך האָט משה קוים דערשלאָגן זיך צום הייזל, ווו עס האָט געוווינט די אַלטע גויע.

— ווער קלאַפּט דאָרט? — האָט פון הינטער דער וואַנט זיך דערהערט איר הייזעריקע שטימע.

— אַ היימישער. עפנט די טיר, באַבקאַ.

— פאַרדריי נישט קיין קאָפּ.

— קומט צו צום פענצטער, אויף אַ ווײַלע בלויז...

— גיי דיר דײַן וועג און לאָז צו רו בײַ נאַכט אַן אַלטע און קראַנקע פרוי.

— פּאַני בראַטשענאַוואַ, אויף איין סעקונדע בלויז, אויף איין ווײַלע עפנט די טיר...

אַ סקריפּע פון אַ בעט איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דער שוואַר־צער שטילשווייגעניש. אויף משהס פליסטערנדיק בעטן זיך האָט קיינער זיך נישט אָפּגערופן.

— מיאַו!

אַ קאַץ איז אומגעריכט אויסגעוואַקסן לעבן משהן און געגומען קראַצן אין דער טיר מיט אַ מיאַוקעניש איין מאָל, און נאָך אַ מאָל, ביז די אַלטע האָט זיך אָפּגערופן פון אינעווייניק:

— אַ טײַוואָלאַנישע נאַכט! אַפילו די קאַץ לאָזט נישט רוען. אַ גאַנצע נאַכט שלעפּט זי זיך אַרום מיט אירע קאַטערס...

די אַלטע איז אַרויסגעקראָכן פונעם סקריפּענדיקן בעט, זיך צוגעשאַרט צו דער הויזטיר, און ווען זי האָט זי אָפּגעלענט, איז צוזאַמען מיט דער קאַץ אַרײַן משהס אַ פאַרבלאָטיקטער שוך. די גויע האָט זיך צוריקגעצויגן מיט שרעק:

— יעזוס מאַריאַ!

— האָט נישט קיין מורא, באַבקאַ, איך בין הערשקאָס זון.

— וועלכער הערשקאָ? — די אַלטע האָט אַ צעטומלטע געקוקט אויפן סילועט, וואָס האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אין דער צעעפנטער טיר און געמאַכט אַ טריט איבער דער שוועל טיפער אין הייזל אַרײַן.

— נו, הערשקאָ פון די מאַנופאַקטור־שטאָפן...

די גויע האָט אָנגעצונדן אַ נאַכטלעמפּל און מיט ציטערנדיקע הענט דאָס אָנגעשטעלט אַנטקעגן משהס פּנים:

— ריכטיק, ריכטיק, הערשקאָס זון — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַן איינגעהילטע אין אַ גראָבער פּאַטשיילע איז זי געשטאַנען און אויסגעהערט משהס אָפּגעהאַקטע ווערטער וועגן דעם, וואָס מיט אים און מיט זיינע ברידער געשעט איצט אין וואַלד. דאָס שוואַכע ליכט פונעם לעמפּל האָט אָפּגעדעקט אין שטיבל אַ געקאַלכטע וואַנט מיט צוויי שאָטנס: איינער אַן איינגעהויקערטער און דער צווייטער אַן אויסגעצויגענער ביזן סופיט. איינער פון די שאָטנס איז געווען אויסגעבויגן צו דער קאַץ, וואָס האָט זיך געבויגן, אויפגעהויבן דעם עק און געלאַשטשעט זיך צו דער אַלטערס פוס.

די בראַטשענאָווע איז געווען די הייבאַם פון דאָרף. זי האָט געדענקט אַלע יידישע קינדער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין לאַזאָווע. זי האָט אויך געדענקט אין וועלכע צייטן משה און זיינע ברידער זענען געבוירן געוואָרן, זומער צי ווינטער.

זי האָט אים דערלאַנגט אַ שיסל קאַרטאָפל מיט מילך. דערנאָך האָט זי אים אָנגעפילט די טאָרבע און געזאָגט:

— קום זעלטן צו מיר. איך האָב מורא פאַר מיין זון קאַצפּער. ווייסט דאָך, ער איז אַן אוקראַינישער און האָט פיינט יידן...

אויפן אָפּגערעדטן אָרט איז פּסח געקומען מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. ער האָט אים אַראָפּגעלאָזט פון זיך און דערציילט:

— דער קלימענס איז אַ רשע. ווי נאָר ער האָט מיך דערזען, האָט ער געכאַפּט צו מיר אַ שטעקן און גענומען שרייען: „גיי אַוועק! צום טייוול גיי!" און יאַנקע, די טאָכטער זיינע — מיט איר בין איך צוזאַמען אין שקאָלע געגאַנגען — האָט זיך אַוועקגעדרייט און נישט געוואָלט קוקן אויף מיר... האָב איך פון זייער פּלויט אַראָפּגעצויגן אַ זאַק און פון אַ שייער האָב איך אַרויסגעשלעפּט דאָס ביסל קאַרטאָפל. מ'וועט זיי בראָטן אין וואַלד.

אָנגענומענע ביי די הענט זענען זיי בײדע, פּסח און משה,

געגאַנגען אַנטקעגן דעם קאַלטן ווינט. די פינצטערניש פון נאַכט־הימל האָט אימהדיק געניידערט צו דער ערד און די פיס האָבן געזונקען אין אַן אומזיכערקייט. פסח האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. דער ווינט האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיין רוקן דעם זאַק מיט קאַרטאָפל.

ווען די ברידער האָבן אָנגעהויבן ווייטער צו שפּאַנען, האָט דער וועג אָנגעהויבן אויסצוזען זיי פרעמד. זיי האָבן נישט געוווסט ווו זיי געפינען זיך. אַלע וועג־סימנים זענען פאַרלוירן געוואָרן. מיט אַ מאָל איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ שוואַרצע מאַסע — דאָס איז געווען דער זעלבער בוים, פון וועלכן זיי האָבן אָנגעהויבן גיין צוריק אין וואַלד אַריין. מיט אַן אָנגעשפּיצטן געהער האָבן זיי פּרובירט, לויטן בילן פון די הינט, אויפכאַפּן די ריכטונג צום דאָרף, אָבער דער עכאָ איז צוריקגעקומען פון אַלע זייטן מיט אַ מאָל און אַרום דעם בוים האָבן זיי נישט געקאָנט באַשטימען ווי אַזוי זיך צו שטעלן מיטן פנים צום וואַלד.

— איך האָב אַן עצה — האָט משה אַריינגעשריגן פּסחן אין אויער. ער האָט געדאַרפט איבערשרייען דאָס פייפן פונעם ווינט — דו וועסט גיין און אויסגעפינען עפּעס אַ סימן פונעם וועג פון וואַנען מיר זענען אַהער געקומען. היט די ליניע, אַז דאָס דאָרף זאָל בלייבן הינטער דיר. דערנאָך וועסטו צוריקקומען אַהער צום בוים און מיר וועלן גיין צוזאַמען אין וואַלד אַריין.

— און אויב כ׳וועל נישט טרעפן צוריק צום בוים?

— וועסט טרעפן, איך וועל קרייען, ווי אַ האָן — און משה האָט אים באַוויזן ווי אַזוי ער וועט קרייען — דעם צייכן וועסטו דערקענען?

פסח איז אַוועק זוכן די שפּורן, וואָס פירן צום דאָרף. באַלד נאָך די ערשטע טריט איז ער פאַרשלונגען געוואָרן דורך דער שטאָקפינצטערער נאַכט. ער איז געגאַנגען און נישט געקאָנט דער־קענען קיין סימן פונעם דאָרף. ער האָט געשפּאַנט טראָט נאָך טראָט, מורא געהאַט פאַרן פרעמדן באָדן. זיינע אַרויסגעשטאַרטע אויגן האָבן געוואָלט עפּעס אַנטדעקן, באַגעגענען אַ זאַך, וואָס זאָל אים

דערמאָנען אין דעם וועג, וואָס ער איז שוין נישט איין מאָל אַדורכ־געגאַנגען. אים איז באַפאַלן אַ שרעק: וווהין זאָל ער גיין, רעכטס, צי לינקס? אַ ווײַלע איז ער געבליבן שטיין אויפן אָרט אַ צעטומל־טער, אָבער דאָס בילן פון הינט האָט אים אויפגעמונטערט. ער האָט אָנגעהויבן גיין אין יענער ריכטונג, ביז ער האָט דערזען אַ כאַטע, פון וואַנען ס'איז אַרויסגעגאַנגען אַ מענטש מיט אַ לאַמטערן. ערשט דעמאָלט האָט ער דערקענט דעם אָנהייב פונעם דאָרף.

פסח האָט גענומען דעם וועג אויף צוריק. און דערביי אָפּ־געהיטן די גלייכע ליניע פונעם גאַנג, ער זאָל נישט אָפּווייכן אין אַ זייט. ער איז געקראָכן איבער בערגלעך, געפאַלן אין פאַרטיפונגען, אָבער צום בוים האָט אים געפירט דאָס קרייען פון אַ האָן, ביז ער האָט דערהערט משהס קול:

— נו, ווו ליגט דאָס דאָרף?

— הינטער מיר.

דיביידע ברידער האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט און אָנגעהויבן גיין ווי מיט פאַרבונדענע אויגן אַנטקעגן דער געדיכטער שוואַרצקייט פון דער נאַכט. זיי זענען געגאַנגען און נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען זיך פון דער פינצטערניש.

דער מהלך צום וואַלד האָט געדאַרפט זיין אַ סך אַ קירצערער, אָבער די מידקייט און דער גאַנג אַנטקעגן ווינט האָבן שלאַבעריק געמאַכט די טריט, געצויגן זיך אָפּצושטעלן, אַ ביסל אָפּרוען, אָבער זיי האָבן דאָס נישט געטאָן. די מורא פאַר פאַרלוירנגיין אין דער נאַכט האָט צוגענומען דעם ווילן צו אַ מינוט רו. די פינצטערניש האָט זיי געטריבן פאָרויס, כאָטש זיי האָבן כסדר געהאַט דעם איינ־דרוק, אַז זיי שטויסן זיך אָן אין אַ שוואַרצער וואַנט, וואָס וועט זיי צוריקשליידערן אין תהום פון דער שוואַרצער נאַכט. דער שכל האָט דיקטירט נישט אָפּשטעלן זיך, נאָר גיין, גיין אַזוי לאַנג, ביז דער וואַלד וועט זיי אַנטקעגנקומען און זייערע אויסגעשטרעקטע קעפּ וועלן זיך אָנשטויסן אין די ערשטע ביימער.

יואל און יאַנקל האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן צוריק־

קומען פון די ברידער. זיי האָבן נישט געקאָנט איינער דעם אַנדערן באַרויִקן און פאַרשטעלן זיך, אַז אָט־אָט וועלן פסח און משה זיך באַווייזן מיט פולע טאָרבעס שפּייז, וואָס גוטע מענטשן האָבן זיי געשענקט. די אומרויִקע זלידנע געדאַנקען האָבן נישט אָפּגעלאָזט, געריסן שטיקער פון געמיט. אין דער פינצטערניש האָבן זיי גע־שפּאַנט פון בוים צו בוים, אַנגעשטעלט דאָס געהער צום ראַנד פון וואַלד. יאָ, עמעצער גייט... עפּעס רירט זיך. אָבער צי זענען דאָס זיי, פסח און משה? מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם זענען זיי געבליבן שטיין אונטער אַ בוים און איינגעהערט זיך אין יעדן שאָרך, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער שוואַרצער טיפעניש.

אַן אָפּהילך פון פאַטשנדיקע פליגל און דאָס שרייען פון אַ נאַכט־פויגל האָט זיך איינגעשניטן אין דער נאַכט און פאַרלוירן געגאַנגען צווישן די ביימער. יואל און יאַנקל האָבן מיט פרייד אויפגעכאַפּט דעם אָפּגערעדטן צייכן. די ברידער האָבן זיך אָפּגעפונען.

שמחה פּאָליאַקעוויטש

קאַפּיטל פיר

די פאַרוואַנדלונג פון העניע אין סטאַשיאַ

אויסגעווייקטע פונעם רעגן זענען די כאַטעס געשטאַנען צונויפ־געטוויליעטע נאָך דער פאַרגאַנגענער נאַכט. די פאַרטאָגיקע דאָרפישע שטילקייט האָט נאָך שאַרפער אָפּגעגעבן דאָס רוישן פונעם ווינט צווישן דיביימער ביים ראַנד פונעם בלאָטיקן וועג.

ראַדאָווסקי האָט פאַרריסן דאָס פּנים צום הימל, זיך איינגעקוקט אין די שיטער־געוואָרענע כמאַרעס, וואָס האָבן זיך געיאָגט איבער די דעכער פון זיינע שייערן. ביים ערשטן שפּראָץ אויף טאָג האָט ער איינגעשפּאַנט דאָס פערד אין וואָגן, אַרויפגעצויגן אויף זיך די בורקע מיטן שפּיציקן קאַפּטור אויפן קאָפּ און צוזאַמען מיט העניען זיך אָוועקגעזעצט אויפן שטרויענעם זיצ. דער וואָגן איז אָוועק איבערן דאָרפישן וועג צום שאָסיי, וואָס האָט געפירט אין שטעטל אַריין צו דער באַן.

אַרומגענומען מיט אַ דיקער פאַטשיילע האָט העניע אויסגעזען ווי דעם פויערס ווייב, וואָס פאָרט מיט צום מאַרקטאָג אין שטעטל. קיינער וואָלט זיך נישט אָנגעשטויסן, אַז פון דעם דאָרפישן טוך קוקן אַרויס אַ פּאָר יידישע אויגן, וואָס וואַרפן די לעצטע בליקן צום וואַלד הינטערן דאָרף, ווו עס זענען געבליבן אירע פיר ברידער. דאָס פערד איז פאַרבייגעלאָפן די הייזלעך פון אירע אַמאָליקע יידישע שכנים: משה דן מיט זיינע זין, די יידישע פויערים און קיהענדלער, אברהם־מענדל, דער יידישער וואַלדוועכטער. אָט איז דער רויט־געפאַרבטער גאַניק פון יידישן גוט־באַזיצער אשר לאָזעווער, און אָט איז דאָס נידעריקע שטיבל מיטן שטרויענעם דאַך, אונטער וועלכן זי, העניע, איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. דאָס דאָרף

איז שוין געווען ווייט הינטער איר, אָבער זי איז נאָך אַלץ געווען פאַרזונקען אין די בילדער פון דעם אַמאָליקן לעבן אין די יידישע הייזער און אויף די יידישע פעלדער. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ קאָשמאַר, און די רעדער האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן וואָקזאַל.

זי איז אין גאַנצן געקומען צו זיך ווען זי איז אַראָפּ פונעם וואָגן און דערזען, אַז דאָס לעבן גייט ווייטער. איר געפיל, אַז זי איז אויף אייביק געוואָרן אָפּגעשניטן פון דער וועלט, האָט געמוזט פאַרשווינדן צווישן די מענטשן מיט די פעק און זעק, וואָס האָבן גערעדט, געלאַכט און געזאָרגט פאַר זייער באַקוועמלעכקייט. די געפאַר, וואָס איז ביז איצט געהאָנגען איבער איר קאָפּ, ווי זי וואָלט זי באמת געזען מיט די אייגענע אויגן, האָט העניע געמוזט אַרויסרייסן פון זיך, אַוועקוואַרפן, ווי אַן אָפּגעשניטענעם אבר און גיין פאָרויס מיטן פרעמדן לעבן, אין וועלכן זי האָט געשטעלט די ערשטע טריט ביי דער קאָסעווער באַנסטאַציע. ראַדאָווסקי האָט צו איר אַ פינטל געטאָן מיטן אויג און איז גיך פאַרשוווּנדן מיט זיין פערד־און־וואָגן.

אויפן קליינשטעטלדיקן וואָקזאַל האָט זיך געטומלט פון די מלחמה־שמוגלערס, וואָס זענען אָנגעפאַרן פון די אַרומיקע דערפער. די מענטשן זענען געווען באַהאָנגען מיט רענצלעך און פאַרשנורע־וועטע זעק. די לופט איז פיל געווען מיטן רויך פון היימישן טאַבאַק. העניע האָט זיך אויסגעמישט מיט די פּאַסאַזשירן און אָנגעהויבן זוכן אין דעם פאַרשטאַפּטן וואָקזאַל עפּעס אַ וועג ווי אַזוי זיך צוצוקריגן צום פענצטערל פון דער קאַסע. אַ בלאָנדער אויסגעפוצטער שגץ האָט איר פריי געמאַכט דעם וועג און דערביי נישט אַראָפּגענומען זיין בליק פון איר געשיקטער פיגור און פון איר העל אָפן פנים מיטן פאַרריסענעם קורצן נעזל צווישן די בלאָע אויגן. העניע האָט הינטער זיך דערהערט אַ ווויליונגערישן פייף און זיך אומגעקוקט.

— וועמען זוכט אַזאַ שיינקייט? אפשר מיך? — האָט דער בלאָנדער געפרעגט.

— אויב איר קאָנט מיר העלפן באַקומען אַ בילעט קיין וואַרשע, זוך איך טאַקע אייך — האָט העניע געענטפערט מיט אַן אומדער־וואַרטער דרייסטקייט פאַר זיך אַליין.

— איך בין גרייט אייך צו העלפן — האָט דער בלאָנדער זיך שטייף אָוועקגעשטעלט און זיך פאַרנייגט פאַר איר.

— ווי אַזוי וועט איר דאָס באַווייזן אין דעם באַלאַגאַן?

— איר וועט באַלד זען. בלייבט, פריילין, שטיין אויף דעם פּלאַץ.

און באַלד האָט ער זיך אַריינגעשטויסן אין דער מאַסע פּאַ־סאַזשירן. זיין חוצפּה האָט אַרויסגערופן אַ שטראָם פון זידלווערטער און געשרייען און ער האָט אָפּגעענטפערט מיט פּרעכע אויסדרוקן ביז ער האָט זיך דערקריגן צום קאַסע־פענצטערל. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט מיט צעפּאַכעטע הענט אין דער ענגשאַפט, ווי פון כוואַליעס אַרויס.

— ביטע! — האָט ער מיט שטאָלץ דערלאַנגט העניען דעם באַנבילעט און אויסגעגלייכט אויף זיך דעם מאַנטל, וואָס איז גע־וואָרן צעקנייטשט אין געדראַנג.

— איך דאַנק אייך זייער פאַר איינשפּאָרן מיר אַזאַ אָנשטרענג — האָט העניע זיך אָנגערופן און אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט מיטן באַטרעף פונעם באַנבילעט.

דער בלאָנדער האָט זיך אָפּגעקערט אַ ביסל אין אַ זייט און געזאָגט:

— די האַנט בין איך גרייט צו נעמען, אָבער אַן דעם געלט...

— ניין — האָט העניע גוטמוטיק דערווידערט — צו ערשט דאָס געלט, דערנאָך די האַנט...

— מיין נאָמען איז מיעטעק.

— סטאַשיאַ יוזשוויאַק — האָט העניע צום ערשטן מאָל זיך פאָרגעשטעלט מיט איר גוייִשן נאָמען.

מיעטעק האָט איר העפלעך פאַרבעטן אין אַ זייט, וווּ עס זענען געשטאַנען זיינע צוויי וואַליזיעס, און געפרעגט:

— בלויז קיין וואַרשע, צי נאָך ווייטער?

— איך פאָר צוריק אַהיים קיין וואַרשע נאָך אַ באַזוך ביי מיינע קרובים אין דאָרף.

— צווישן די אַלע — האָט מיעטעק געמאַכט אַ רונדן קרייז מיט זיין בליק — האָב איך באַלד באַמערקט, אַז איר זענט נישט קיין דאָרפּישע.

— גראָד בין איך שוין יאָ אַ געבוירענע אין דאָרף!

— פריילין סטאַשיאַ, אייער אויסזען און אייער שפּראַך דערציילן נישט וועגן דעם.

— די שפּראַך איז פונעם אָרט ווו מען לעבט, אָבער דאָס אָרט, ווו מען איז געבוירן און דערצויגן בלייבט אויף שטענדיק אין זכרון, און איך האָב אַפילו ליב מיין דאָרף לאַזעווע.

— וואָס איך הער! — האָט מיעטעק זיך דערפרייט — איר זענט אַ געבוירענע אין לאַזעווע? און איך האָב דאָרט אַ סך באַקאַנטע.

— ווער זענען זיי, אייערע באַקאַנטע פון לאַזאָווע?

— באַגדאַן, קאַיטאַן, מאַרכעלס זין און נאָך אַנדערע.

— זיי אַלע זענען מיינע אַמאָליקע שכנים אין דאָרף. ערשט דאָ נישט לאַנג האָט באַגדאַן חתונה געהאַט מיט דער נאָוואַקוונע.

— ריכטיק, ריכטיק — האָט מיעטעק באַשטעטיקט.

— פון וואַנען קענט איר די אַלע פון מיין דאָרף?

— איך בין אַ געוועזענער טראַמוואַי־אַנגעשטעלטער. צוזאַמען מיט מיר האָט געאַרבעט איינער, וואָס שטאַמט פון לאַזעווע, און מיט אים פלעג איך מיטפאָרן צו זיין ברודער אויף זומער־פעריען.

— איז דאָס אפשר יורעק?

— ווי גאָט איז מיר ליב — איז מיעטעק אַזש אונטערגעשפּרונגען.

— אויב אַזוי, גיט אים איבער אַ גרוס פון סטאַשיאַ יוזשוויאַק, ער געדענקט מיך נאָך אפשר פון די גאָר יונגע יאָרן, ווען איך האָב געריסן קאַרשן פון זייערעביימער.

צום אָנקומען פונעם צוג איז נאָך געווען אַ ביסל צייט, האָט

מיעטעק געעפנט אַ וואַליזקע און אַרויסגענומען פון דאָרט אַן איינ־געוויקלט פעקל.

— ביטע — האָט מיעטעק אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיטן צעעפנטן פּאַפּיר.

— אַ דאַנק. — סטאַשיאַ האָט אַרויסגעצויגן אַ ברויטשניט מיט ווורשט.

— אויב עס שמעקט אייך, ביטע, נעמט נאָך.

— ס׳איז קריגסצייט, מ׳דאַרף זיין שפּאָרזאַם — האָט סטאַשיאַ געקוקט אויף מיעטעקן מיט אַ שמייכל.

— נעמט, פריילין סטאַשיאַ, מיין שוועסטער האָט גענוג צוגע־גרייט, ווי כ׳וואָלט געפאָרן אין אַ לאַנגן וועג.

— וווּ וווינט אייער שוועסטער?

— דאָ אין קאָסאָוו־לאַצקי. איך קום צו איר כמעט יעדע וואָך, קויף איין אַ ביסל שפּייז, וואָס מען ברענגט דאָ פון דאָרף. ביי אונדז אין וואַרשע זענען די אַרטיקלען מיט גאָלד צו גלייך.

— פּאַניע מיעטעק, איר מאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, ווי איר וואָלט געווען גאָר אַן אַנדער׳ער פון די אַלע דאָ, וואָס זעען אויס ווי זייערע אַנגעשטאָפּטע זעק.

— אין דעם גייט עס טאַקע — האָט מיעטעק זיך געגרויסט — מען דאַרף דערצו האָבן שכל. וואָס שענער מ׳איז אָנגעטאָן, אַלץ ווייניקער חשד רופט מען אַרויס...

אַ קלאַפּעריי פון באַטשוועקעטע שטיוול האָט אָפּגעהילכט איבערן שטיינערנעם ברוק. עטלעכע דייטשע זשאַנדאַרן זענען אַריין אין וואָקזאַל. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך צוזאַמענגערוקט, געמאַכט אַ וועג פאַר די דייטשן, וואָס זענען מיט פאַרריסענע פּנימער אַדורך דעם וואָקזאַל און אַרויס אויפן פּעראָן. דערפון האָבן די פּאַסאַזשירן פאַר־שטאַנען, אַז דער צוג, וואָס גייט קיין וואַרשע, וועט באַלד אָנקומען.

ביי די צעעפנטע טירן איז געוואָרן אַ געדראַנג פאָרויס צום אַרויסגאַנג, אָבער דער זשאַנדאַרם, וואָס איז געשטאַנען לעבן בילעטן־קאָנטראָלער, האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה מיט זיין בייזן בליק און מיט

דער קאָלבע פון דער ביקס, וואָס ער האָט געהאַלטן גרייט צו לאָזן זי אין גאַנג איבער די קעפּ פון די פּאַסאַזשירן, אויב זיי וועלן פּרוּוון מאַכן אַ טומל. אויפן פּעראָן האָבן די פּאַסאַזשירן געמוזט אַדורכגיין צווישן צוויי רייען זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן יעדן פּאַסאַזשיר אַריינגעקוקט אין די אויגן, און אויב אַ באַגאַזש האָט אויסגעזען צו זיין פאַרדעכטיקט, איז זיין אייגנטימער געוואָרן אַוועקגענומען אין אַ זייט צום רעווידירן.

סטאַשיאַ און מיעטעק זענען אַדורך אָן שטערונגען. זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער באַנליניע און זיך צוגעקוקט צום רעווידירן די באַגאַזשן און צו די באַרויבטע פּאַסאַזשירן.

די באַן איז אָנגעקומען. זי איז געגאַנגען פון מזרח קיין וואַרשע. מיעטעק האָט זיך באַמיט צו געפינען פאַר סטאַשיאַן אַ באַקוועמען פּלאַץ ביים פענצטער, אָבער איר איז באַפאַלן אַן אומעט, וואָס זי האָט שנעל געמוזט אין זיך דערשטיקן.

די פּאַסאַזשירן האָבן אויסגעזען מיד און פאַרשלאָפן. אַ גראָ מאַרגנליכט איז אַריינגעדרונגען דורך די פאַרראָסעטע שויבן און דאָס האָט נאָך בלייכער געמאַכט די פּנימער, וואָס האָבן זיך געהוידעט צום טאַקט פון די רעדער. מיעטעק איז געווען גוט געשטימט.

— פריילין סטאַשיאַ, אויב איר וועט אַהיימקומען מיט אַזאַ ערנסט פּנים, וועלן אייך די שטוביקע נישט דערקענען.

סטאַשיאַ האָט אַ גענעץ געטאָן און געזאָגט מיעטעקן אין אויער אַריין:

— די פאַרשלאָפענע שטימונג אין וואַגאָן האָט אויף מיר געווירקט.

— פאַר וואָס גייט אייך נישט בעסער אָן מיין שטימונג?... — מיעטעק האָט געמאַכט אַ כלומרשט באַליידיקטע מינע — אויף וועלכער גאַס אין וואַרשע וווינט איר?

סטאַשיאַס פּנים איז געוואָרן באַדעקט מיט זאָרג:

— מיטן וווינען איז נישט ווי צום בעסטן. אונדזער אַמאָליקע דירה איז צעשטערט געוואָרן אין די באָמבאַרדירונגען, האָבן מיר

געמוזט דערוויל זיך אַריינציִען צו קרובים אויף פּאַוואָנזעק. זיי זענען אַפילו גוטע מענטשן, אָבער דאָך קאָן מען נישט אויסמיידן קיין אומאָנגענעמלעכקייטן.

— אויב רפיילין סטאַשיאַ וועט אָננעמען מיין פאָרשלאָג און וועלן נענטער זיך באַקענען מיט מיר, בין איך גרייט צו העלפן אייער משפחה מיט אַ דירה.

— ווי אַזוי קאָנט איר שאַפן דירות אין אַזאַ צייט? — האָט סטאַשיאַ אָנגעשטעלט אַ פּאָר נייגעריקע אויגן.

— פאַר וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי? ווייסט איר דען נישט, פריילין סטאַשיאַ, אַז אין וואַרשע זענען איצט פאַראַן אַ סך ליידיקע וווינונגען נאָך די זשידעס? איך האָב מעגלעכקייטן דאָס אויסצונוצן.

— איך וואָלט נישט געוואָלט אַריינציִען זיך אין אַ דירה, ווו יידן האָבן געוווינט — האָט סטאַשיאַ זיך אָפּגעטרייסלט פון מיעטעקס פאָרשלאָג.

— ווייל דאָרט זעט אויס, ווי אויף אַ צמענטאַזש.

— יאָ, ביז מיר וועלן באַוווינען די הייזער.

— איך מיט מיינע עלטערן וועלן זיכער נישט זיין פון די ערשטע אַריינצוציִען זיך אין טויטן געטאָ.

— איך גלייב נישט, אַז אייערע עלטערן זאָלן איינשטימען מיט אייך.

— געוויס, מיינע עלטערן זענען נישט געצוווּנגען איינצושטימען מיט מיר, אָבער אויך נישט — איך מיט זיי.

מיעטעק האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזן זיין אָנגעצויגענעם טאָן און געפּרוּווט אויפקלערן:

— אַנטשולדיקט, פריילין סטאַשיאַ, אין דעם פאַל דענקט איר נישט לאָגיש. מיר, פּאָליאַקן, דאַרפן זיין צופרידן, וואָס מיר האָבן איצט די מעגלעכקייט צו פאַרנעמען די ערטער נאָך די יידן. אַלץ, וואָס איז געווען אין זייער באַזיץ, איז דאָך אונדזערס.

סטאַשיאַ האָט אָפּגעענטפערט שטיל, אַז מיעטעק האָט אין רוישן פון די רעדער קוים אויפגעכאַפּט אירע ווערטער:

— איך וויל נישט זיין דאַנקבאַר די וואָס מאָרדן אויך אונדזערע ברידער און האָבן אויך צעשטערט אונדזערע הייזער.

— אָבער דאָ רעדט זיך דאָך וועגן יידן...

— און איך מיין די מערדער...

מיעטעק האָט אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף סטאַשיאַן און געפרעגט:

— אויף דעם, וואָס הרגעט אַ ייד, קאָן מען אָנרופן מערדער?

— פון מענטשלעכן שטאַנדפונקט — געוויס!

מיעטעק האָט סאַרקאַסטיש אַ שמייכל געטאָן און אָפּגעענטפערט:

— איך האָב שוין נישט איין מאָל געהערט צווישן אונדזערע אַזעלכע רייד. זיי זעען אויס, ווי באַרמהאַרציקע שוועסטערס, וואָס קרעכצן פון מיטלייד איבער אַ צעקוועטשטער פליג. אָבער איר, פריילין סטאַשיאַ, טראָגט דאָך נישט קיין שוואַרץ קלייד מיט אַ וויס רויטקרייציק היטעלע אויפן קאָפּ...

סטאַשיאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— איך וואָלט איצט גערן אָנגעטאָן אַזעלכע קליידער — ווען איך בין צו דעם באַרופן. ליידער האָבן מיינע עלטערן מיך נישט דערצויגן אין אַזאַ גייסט.

ביי מיעטעקן האָבן סטאַשיאַס ווערטער אַרויסגערופן אַ ווידער־ווילן:

— מיט אַזעלכע געדאַנקען לעבט מען אין קלויסטער. אין גאַס דאַרף מען נעמען דאָס לעבן אַזוי ווי עס זעט אויס. אין קריגסצייט זענען פאַראַן אַ סך מעגלעכקייטן, וואָס לאָזן זיך אויסנוצן.

— אויך רויבן און מאָרדן?

— ניין, דאָס נישט. אָבער מיר שטערט נישט, אַז אַנדערע טוען דאָס פאַר מיר.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

מיעטעק האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ זילבערן פושקעלע, דאָס אויפגעעפנט און פון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּיראָס. ער האָט פאַררויכערט און ווייטער פאָרגעזעצט זיין שמועס.

— איר זעט דאָס זילבערנע פושקעלע? וואָס גייט עס מיך אָן, צי מ׳האָט עס אַוועקגענומען פון אַ לעבעדיקן צי אַ טויטן ייד? דער עיקר איז, אַז עס געפינט זיך ביי מיר. ווען איך פאַרמאָג אַזאַ ווייך האַרץ ווי איר האָט, וואָלט איך אַנדערש אויסגעזען. פאַר דער מלחמה בין איך געווען אַ טראַמוואַי־אָנגעשטעלטער מיט באַגרענעצטע מעגלעכקייטן. איצט גענים איך פון אַ באַקוועם לעבן ביי אַ לייכטער אַרבעט.

— אַ וואָסערע איז אייער אַרבעט?

— מיין אַרבעט, מיין אַרבעט — האָט מיעטעק מיט שטאָלץ געצויגן די ווערטער — נאָך אַ נאַכט גוט פאַרברענגען שטיי איך אויף אַ שטיק אויף טאָג. איך גיי אַרויס צו דער געטאָ־מויער, שפּאַציר זיך פּאַמעלעך איבער די דערבייִיקע גאַסן ביז עס קומט מיר אַנטקעגן אַ פאַרשטעלטער זשידעק. דאַן שטעל איך אים אָפּ און גיב אים אויסצוקלייבן: אָדער אין זשאַנדאַרמעריע אָדער דאָס קאָסט אַזוי פיל און אַזוי פיל. ביז איצט האָט אַזאַ איינער זיך נאָך נישט אַרויסגעדרייט אומזיסט פון מיינע הענט.

— ווי אַזוי קאָנט איר באַלד דערקענען אַ פאַרשטעלטן ייד?

— צו דעם דאַרף מען זיין באַזונדערס פעיִק. איך דערקען זיי שוין פון דער ווייטנס, אין זייער אומרויִקן גאַנג, אין דעם באַוועגן זיך פונעם קאָפּ צווישן די אַקסלען. ווען איך דערנענטער זיך צו אַזאַ איינעם און שטעל אים פלוצלינג אָפּ, גיבן אים גלייך אויס זיינע צעשראָקענע אויגן און זיינע שטאַמלדיקע רייד.

— אַ לייכטע, אָבער נישט קיין שיינע אַרבעט — האָט סטאַשיאַ קוים אַרויסגעזאָגט און איינגעהאַלטן אין זיך איר ווידערווילן.

— אָבער אַ גוט באַצאָלטע אַרבעט...

סטאַשיאַ האָט געזוכט אַן אויסרייד איבערצורייסן דאָס אומ־אָנגענעמע געשפּרעך מיט מיעטעקן. זי האָט אַ וויש געטאָן די נאַסע שויב און עס האָט אויסגעזען, אַז זי וויל אַ קוק טאָן אויף דער פאַרבייגעפאָרענער לאַנדשאַפט. מיעטעק האָט דאָס טאַקע אַזוי פאַר־שטאַנען, האָט ער מיט אַ שטיקל צייטונג־פּאַפּיר גרינטלעכער אויס־

געווישט די שויב. סטאַשיאַ האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער און געקילט איר צעהיצטן שטערן אין דער שויב.

מיעטעק האָט דערווייל אָנגעהויבן זוכן קאָנטשאַפט מיט די אַנדערע פּאַסאַזשירן. ער האָט געעפנט זיין זילבערן פּאַפּיראָסן־פּושקעלע און דאָס אונטערגעטראָגן די אַלע, וועלכע זענען געזעסן אַרום אים. זיי האָבן אויסגענוצט מיעטעקס העפלעכקייט און פאַר־רויכערט. איינער מיט אַ באָרד, אָנגעטאָן אין אַ וואַטענער קורטקע, איז געזעסן אין עק אויף דער צווייטער זייט באַנק מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן פּנים. דערפילנדיק דעם געשמאַקן ריח פון די פּאַפּיראָסן האָט ער געעפנט די אויגן צוזאַמען מיטן מויל, פון וואַנען עס האָט זיך דערהערט זיין גראָבע שטימע:

— העי דו, שנעק! האָסט געוויס געמיינט, אַז כ׳בין אַ ייד. אַלעמען האָסטו מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן און מיך האָסטו אויס־געמיטן.

מיעטעק האָט זיך אומגעקוקט און זיך אַנטשולדיקט פאַר אים מיטן צעעפנטן פּושקעלע אין האַנט:

— ביטע, פאַררויכערט. איך האָב אייך נישט געוואָלט שטערן אין שלאָף, אָבער נישט צוליב אייער באָרד, ווייל אויב ס׳איז ערגעץ לעבן געבליבן אַ ייד, מאַסקירט ער זיך אונטער אַ גלאַנציקן דאַשעק.

— יידישע בערד — האָט איינער זיך צעלאַכט — ליגן שוין פאַרקאָפּעט אין דער ערד אָדער זיי פליען אַרום אין ווינט.

— ביי אונדז אין שטעטל לעבן בוג — האָט אַ צווייטער אונ־טערגעהאַלטן די הייטערע שטימונג — האָבן די דייטשן אָפּגעשוירן די יידן די בערד און זיי איבערגעלאָזט די וואָנסעס. איינער פון זיי איז געוואָרן ענלעך צום פּאַסטעך, וואָס פּאַשעט די שעפּסן. אַ צווייטער, מיין שכן, איז געוואָרן ענלעך צו בראָנעקן דעם חזיר־הענדלער. האָב איך אָנגעהויבן משהן רופן בראָנעק און בראָנעקן משה.

אין וואַגאָן האָבן אַלע געלאַכט. די לעצטע האָט זיך צעלאַכט סטאַשיאַ...

מיעטעק האָט נישט געוואָלט דורכלאָזן די טעמע אָן זיין וואָרט:

— גאָט צו דאַנקען. היינט זעט מען אין וואַרשע אַ יידישע באָרד נאָר אויף די פּלאַקאַטן, וואָס זענען נאָך געבליבן אויף די ווענט. אַ באָרד רופט איצט אַרויס נישט קיין אָנגענעמע דערמאָנונגען.

— קוק זשע נישט אויף מיר, אויב מיין באָרד רופט אַרויס ביי דיר נישט קיין אָנגענעמע געפילן — האָט פּלוצלינג אַ שאַרפן זאָג געטאָן דער מענטש אין דער וואַטענער קורטקע.

— נישט אייך האָב איך געמיינט, נאָר די יידן מיט די בערד, וואָס זענען פאַרשוווּנדן פון די וואַרשעווער גאַסן — האָט מיעטעק זיך פאַרענטפערט.

— דו יונגער שנעק, דו האָסט זיך אויסגעדריקט מיט באַליי־דיקונג אויף מיין באָרד, וואָס אַפילו די דייטשן אין געפאַנגענשאַפט האָבן זי רעספּעקטירט! אַן אוקראַיִנישע באָרד דאַרף דיך נישט דערמאָנען אין קיין יידישער...

— איך געפין זיך צווישן פּאָליאַקן אויפן וועג קיין וואַרשע און איר מיט אייער באָרד גייען מיך גאַנץ ווייניק אָן...

— איך קאָן דיר באַלד ביים אַראָפּגיין פון דער באַן וויזן אין וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט דו געפינסט זיך...

מיעטעק האָט נישט אָפּגעענטפערט. די געשפּאַנטקייט אין וואַגאָן האָט נאָכגעלאָזן מיטן איינגעהאַלטענעם טעמפּאָ פון דער באַן, וואָס האָט זיך דערנענטערט קיין וואַרשע און זיך אָפּגעשטעלט אויפן מזרח־וואָקזאַל אין פּראַגע.

אין איין רגע האָבן די פּאַסאַזשירן זיך אויפגעשטעלט און זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג. סטאַשיאַ האָט צוריקגעהאַלטן מיעטעקן און ווען דער אוקראַיִנער איז פאַרשוווּנדן האָט מיעטעק אַרויס־געסיקעט פון צווישן די ציין:

— דער פאַרשאָלטענער זשיד! ווען איך בלייב מיט אים אַליין, שנייד איך אים אָפּ זיין קאָפּ צוזאַמען מיט דער באָרד.

לעבן די בילעטן־אָפּנעמער זענען געשטאַנען זשאַנדאַרמען מיט קורצע אויטאָמאַטישע ביקסן און געקוקט אויף די פּנימער און די הענט פון די פּאַסאַזשירן. סטאַשיאַ איז געגאַנגען פאָרויס מיט

מיעטעקס אַ וואַליזקע.ביידע זענען זיי אָן שטערונגען אַדורך די קאָנטראָל. זיי זענען אַרויס פון וואָקזאַל און געבליבן שטיין אויף טאַרגאָווע גאַס.

— פריילין סטאַשיאַ, איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז מיין אָנ־גענעמע באַקאַנטשאַפט מיט אייך זאָל ווערן איבערגעריסן...

— פעלן אייך מיידלעך אין וואַרשע?

— אַזאַ ווי איר, פריילין סטאַשיאַ, באַקען איך דאָס ערשטע מאָל.

— אָ, דעם זעלבן קאָמפּלימענט האָט איר שוין נישט איין מיידל געשענקט.

— ווי גאָט איז מיר ליב — האָט מיעטעק אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרץ — ווי איך זאָג אייך דעם אמת!

— נו, זאָל איך אייך גלייבן?

סטאַשיאַס ווערטער האָבן אים צוגעגעבן מוט:

— קאָן איך בעטן אייער אַדרעס?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ביי אונדז איז נישט באַקוועם...

— זאָל זיין אין דרויסן, פאַרן הויז.

— ניין, אין פּאַוואָנזעק געפעלט מיר נישט. לאָמיר בעסער זיך אָפּרעדן אין וואַרשע — האָט סטאַשיאַ פאַרגעלייגט.

— אויסגעצייכנט. וועלכן טאָג?

סטאַשיאַ האָט זיך פאַרטראַכט און באַשטימט:

— איבער מאָרגן, דריי אַ זייגער נאָך מיטאָג.

— אויף וועלכער גאַס? אפשר ביים טויער פון מיין וווינונג?

— עס פּאַסט נישט — האָט סטאַשיאַ זיך געבלאָזן.

— טאָ זאָל זיין אויף וואַרעצקע נומער 12, פאַרן איינגאַנג אין דער צוקערניע.

— גוט — האָט סטאַשיאַ איינגעשטימט און אים אויסגעשטרעקט איר האַנט צום געזעגענען זיך.

— מיר פאָרן נישט צוזאַמען אַריין קיין וואַרשע?

— ניין.

— ווו דען גייט איר? איר ווינט דאָך אין פּאָוואָנזעק.

— איך דאַרף נאָך דאָ אָפּטרעטן ביי מיינער אַ מומע אין פּראַגע.

— וועל איך אייך צופירן מיט אַ דראָזשקע.

— אַ דאַנק, דער וועג איז אַ קורצער, און איר זענט באַלאָדן מיט צוויי וואַליזעס.

— זאָל זיין ווי איר ווילט, פריילין סטאַשיאַ. ביז איבער מאָרגן...

סטאַשיאַ איז אַוועק לענג־אויס מיט דער טאַרגאָווע און פאַרלוירן געגאַנגען פון מיטעקס אויגן. זי האָט גענומען דעם וועג אויף רעכטס אין דער ריכטונג צו דער פּאָניאַטאָווסקי־בריק, קיין וואַרשע. לויט דעם פאַרשריבענעם אַדרעס איז סטאַשיאַ דערגאַנגען צו נאָווי־שוויאַט, די גאַס, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער דייטשער אַרבעטס־אַמט. די שילד איבערן טויער האָט איר אָנגעוויזן דאָס אָרט, ווו די ביוראָ געפינט זיך. זי איז אַהין אַריין און געבליבן שטיין פאַר אַ באַאַמטן, וואָס האָט צו ערשט גוט זיך איינגעקוקט אין איר אַריש פּנים, דערנאָך האָט ער קאָנטראָלירט סטאַשיאַס געבוירן־מעטריקע. נישט אָוועקנעמענדיק די אויגן פונעם שרייבטיש האָט ער געשטעלט די פראַגן:

— פרייוויליק קיין דייטשלאַנד?

— פרייוויליק.

— אייער נאָמען?

— סטאַניסלאַווע יוזשוויאַק.

— אייער גלויבן?

— רוימיש־קאַטויליש.

נאָכן אַרומוואַנדערן איבער אַ ריי טשילעך איז סטאַשיאַ אַרויס פונעם אַרבעטסאַמט מיט אַן אויסגעפּילטן בויגן. מיט דעם האָט זי געדאַרפט צוריקגיין קיין פּראַגע אויף סקאַרישעווסקאַ גאַס — דער לעצטער עטאַפּ פאַרן פאַרלאָזן פּוילן.

קאַפּיטל פינף

דער ערשטער שניי

די טעג און נעכט זענען פאַרגאַנגען אין די שמועסן וועגן די אופנים ווי אַזוי צו פאַרשאַפן זיך עסן. דער הונגער האָט די ברידער נישט געלאָזט שלאָפן, געטריבן זיי פון גרוב אַרויס אויף הפקרע וועגן, געשטויסן צו פרעמדע פיינטלעכע טירן, רעדן צו פאַרשטיי־נערטע הערצער און אויסשטעלן זיך אויף געפאַרן ביזן פאַרגעסן דעם ווערט פון אייגענעם לעבן. כסדר דער זעלבער טאָג און די זעלבע נאַכט; נאַכט און טאָג האָבן זיך אויסגעמישט אָן אַ צייט־רעכענונג אין דער זעלבער גראָ־שוואַרצער אַנטופּיקער אומזיכער־קייט.

און דאָך האָט זייער לעבן אין וואַלד זיך געמוזט איינשטעלן מיט אַ געוויסן סדר, מיט אַ מאָס, וואָס זאָל פאַרקלענערן די ליידן ביים שטילן דעם הונגער. יעדע נאַכט זענען צוויי פון די ברידער אַרויס פון וואַלד און געברענגט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, און די וואָס זענען געבליבן, האָבן זיך צוגעוווינט וואַרטן ביז די אַנדערע זענען צוריקגעקומען מיט עפּעס וואָס אין די טאָרבעס אויף זייערע פּלייצעס.

אויך צו דער קעלט האָבן די ברידער אָנגעהויבן זיך צוגעוווינען. זיי האָבן געזוכט שוץ אין דער ווילדער נאַטור, וואָס איז נישט אַזוי שלעכט ווען מען פאַרהיימישט זיך מיט איר און מען ווייסט ווי אַזוי זי דערנענטערן און איינצונעמען.

ווייט פון גרוב, אין דער טיפער פוסטקייט, האָבן די ברידער אָנגעהויבן ציינדן פייערן, געבראָטן קאַרטאָפל, בוראַקעס, קאַשטאַנעס און אַנדערע ווילדע געוויקסן, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרדייען רוי־

ערהייט. דער פּחד פאַרן הונגער איז ביסלעכווייז געוואָרן אָפּגעטעמפּט דורך דער אויפגעצוווּנגענער געוווינהייט.

צו די שונאים, וואָס האָבן געלויערט אויף זייער לעבן, איז צו־געקומען נאָך אַ פּיינט — די פּלאָג פון לייז. דאָס שטרוי אין גרוב און די מלבושים זענען פאַרפּלייצט געוואָרן מיט די ווערעם וואָס האָבן געזויגן דאָס בלוט פון זייערע לייבער. ווי אַזוי באַקעמפן די דאָזיקע מכה? אויך וועגן דעם האָבן די ברידער געפירט לאַנגע שמועסן.

איין מאָל, אין אַ באַגינען נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, זענען די ברידער געזעסן און געלויזט זייערע קליידער. יאַנקל האָט פאַר זיינע ברידער מעדיטירט פון וואָס דער וואָרעם שאַפט זיך, ווי אַזוי ער מערט זיך, און וואָס פאַר אַן אָנשטעקנדיקע באַצילן ער טראָגט אין זיך, ער האָט באַרויקט די ברידער, אַז די לייז זענען אייגענע, נישט פון קיין פרעמדע לייבער, דערפאַר איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר קראַנק ווערן, אָבער באַהאַנדלען דאַרף מען זיי ווי בלוטזייגערס.

— נו, לאָמיר זען וואָס פאַר אַ טויט דו וועסט אויסקלערן אויף אונדזערע בלוטזייגערס? — האָט יואל, מיטן קאָפּ איבערן פאַר־לייזיקטן העמד, געפרעגט.

יאַנקל האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין דער פּאָזע פון אַ לערער פאַר זיינע שילער, און אויפגעקלערט:

— אַ לויז איז אין שטאַנד אַ גאַנצן ווינטער צו ליגן אַ גע־פרוירענע אונטערן שניי און דערנאָך צוריק אויפלעבן אין וואַרעמ־קייט. די לויז האָט נישט אַזעלכע אברים, ווי אַנדערע ווערעם, וואָס זאָלן קאָנען באַזונדער אָפּשטאַרבן. זי לעבט, כל זמן זי האָט אין זיך די פליסיקייט, וואָס זי זייגט אין זיך אַריין. די לויז ווערט טויט נאָר ווען זי פּלאַצט.

— דיין טעאָריע איז אַ ריכטיקע — האָט פּסח ביים אַריינוואַרפן עטלעכע לייז אין זאַמד־גריבעלע זיך אָנגערופן — אָבער מיר דאַרפן פּראַקטיק, שוין עפּעס טאָן, אַז די ווערעם זאָלן אונדז נישט אויפעסן.

— אפשר מיט אַ שפּילקעלע אַ שטאָך טאָן אין בייכל? — האָט משה אַ לאַך געטאָן.

— נאָך בעסער וואָלט געווען אַ רויט־אָנגעגליטע שפּיז — האָט יואל צוגעגעבן.

— לאַכט נישט, איר וועט באַלד זעען ווי אַזוי די לייז וועלן ביי מיר פּלאַצן.

יאַנקל איז אויפגעשפּרונגען און אויף גיך גענומען צונויפזאַמלען בלעטער און אָפּגעדאַרטע צווייגן. ער האָט דאָס אַלץ צוזאַמענגעשאַרט אויף איין בערגל און עס אונטערגעצונדן. די ברידער האָבן מיט נייגעריקייט זיך צוגעקוקט, ווי יאַנקל שטעקט אַריין אַ צווייג אין זאַמד־גריבל און לאָזט זי באַקראַכן ווערן מיט די לייז און באַלד דרייט ער זיך אויס צום פייער מיט דער צווייג אַנטקעגן די צע־ברענטע שטיקלעך האָלץ.

— קוקט זיך איין — האָט יאַנקל שטאָלצירט מיט זיין געלונ־גענעם עקספּערימענט — די היץ האָט אַראָפּגעצויגן די לייז, דאָס צווייגל איז ריין...

זינט יענעם פרימאָרגן אין וואַלד, האָבן די ברידער ביי איין פייער געבראָטן קאַרטאָפל און ביים צווייטן געשטאַנען מיט צעעפנטע מלבושים און די לייז זענען געפאַלן אויפן ברענענדיקן האָלץ.

אַ קאַלטער האַרבסטיקער פרימאָרגן. דער הימל איבערן וואַלד איז געהאָנגען גראָ און נידעריק, נאָענט צו די ביימער־שפּיצן, דער וואַלד האָט פאַרלוירן פון זיין פּראַכט. יענע ביימער, וואָס זענען פריִער געווען באַדעקט מיט גרינע בלעטער, זענען געשטאַנען נאַקעט, האָבן באַקומען אַן אויסזען ווי זיי וואָלטן פאַרלוירן דעם זאַפט און דעם ווילן צום לעבן. זייערע שפּיצן האָבן זיך געטרייסלט, דער שאַר־פער ווינט האָט געריסן פון די צווייגן די לעצטע געלע בלעטער.

אין וואַלד האָט מען נישט געהערט קיין סימן פון לעבן, קיין אָפּהילך פון אַ פויגל, קיין סקריפּ פון אַ זעג, קיין הירזשע פון אַ

פערד, ווי ער וואָלט זיך פאַרשלאָסן און נישט אַריינגעלאָזט די פויערים אין זיין תחום. ערגעץ ווו האָט דער פּראַסטיקער ווינט געבראָכן דינע צווייגלעך, וואָס זענען געפאַלן מיט אַ שטילן גערויש, ווי פון פאַרדעכטיקטע טריט. אויך די ברידער זענען געלעגן פאַר־שמאַכטע, ווי זיי וואָלטן אָפּגעוואַרט דעם טויט — פון הונגער צי פון שרעק. אָבער דער טויט איז נישט געקומען. מיט אַלע כוחות האָבן די ברידער געוואָלט אויפהאַלטן דאָס לעבן און ווען זייערע הערצער זענען געוואָרן פול מיט אַ דערדריקט שווייגן, מיט קעלט און מיט הונגער, האָט משהס שטימע צעריסן די מידקייט פון די פאַרחלשטע ברידער. פאַרשמאַכטע האָבן זיי זיך געלאָזט צוריקציִען צו דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט פון יענע טעג ווען משהלע פלעגט זינגען אין בית־מדרש, ביים שבתדיקן טיש, אָדער גאָר אויף אַ היימישער חתונה.

די ברידער זענען געלעגן איינגעקוקט אין דעם שטיק גראָען הימל איבער דיביימער, פאַרטראַכטע אין די אָפּגעלאָפענע טעג פון יענעם לעבן, ווען זיי פלעגן עסן צו דער זעט, טרינקען ווען זיי האָבן געוואָלט, אויסליגן זיך באַקוועם אין בעט, ווען משהס קול איז פון בוידעם־שטיבל זיך צעגאַנגען און אַריינגעדרונגען דורך אָפענע פענצטער אין די שכנותדיקע הייזלעך. נישט פילנדיק דעם אָפּשייד פון צייט און געשעענישן, האָבן די ברידער, פאַרכישופטע פון משהס געזאַנג, זיך געלאָזט פאַרטראָגן צו יענעם פאַרשניטענעם לעבן.

מיט אַ מאָל האָבן די ברידער ווי זיך איבערגעוועקט פון שלאָף. פאַר זיי איז קלאָר געוואָרן, אַז יענע טעג און נעכט זענען נישט מער ווי אַ חלום, אַז זיי געפינען זיך איצט אין וואַלדישן הפקר. אויך משה איז שטיל געוואָרן און געקוקט מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק צום בלייענעם הימל. עס האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות אויף זיין שטימע, וואָס איז איבערגעהאַקט געוואָרן און געבליבן הענגען אין דער מרה־שחורהדיקער פּוסטקייט.

אַ שוואַרצע קראָ איז אָנגעפלויגן און זיך באַזעצט אויף אַ שפּיץ פון אַ בוים. זי האָט זיך געשאָקלט און אַראָפּגעקראַקעט צו דעם

אָרט, ווו די ברידער זענען געלעגן, אַראָפּגעלאָזט איר שוואַרצן צעעפנטן שנאָבל, גרייט זיך אָנצוזעצן אויף די אויסגעצויגענע אומ־באַוועגלעכע גופים. די ברידער האָבן זיך דערשראָקן פאַרן שוואַרצן אומעט, וואָס די קראָ האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן און זי פאַריאָגט צום גראָען הימל.

משה האָט פון קליינווייז אָן נישט געקאָנט פאַרטראָגן אַ שוואַרצע קראָ. ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ רויבפויגל און אַן אָנזאָגערין פון שלעכטע בשורות. ביים פאַריאָגן די קראָ איז ער פאַרלאָפן אַ ביסל טיפער אין וואַלד און אָנגעהויבן אַרויסלאָזן פון זיך צעטריילטע קולות און טשוויטשערייען, אויפגעהערט און ווידער איבערגעחזרט, ביז זיינע משונהדיקע טענער האָבן אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט די וויטע פייגל, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אין זייערע נעסטן, און פון דער וואַלד־טיפקייט האָט אָפּגעהילכט אַ פויגל־געזאַנג, וואָס האָט פאַריאָגט די טרויעריקע שטילקייט.

דער טאָג איז אין וואַלד אַדורך אָן דעם גערודער פון פערד־און־וואָגן, אָן די קלאַנגען פון האַק־און־זעג. די פייגל האָבן נישט געהערט די קולות פון די פויערים, די קלעפּ פון די העק, און דאָס אימהדיקע ראַצן פון די זעגן. קיינער אין וואַלד האָט נישט גע־שטערט זייער רו, נישט געדראָט אונטערצוהאַקן זייערע נעסטן. האָבן די פייגל אויפגעכאַפּט משהס קלאַנגען און אָפּגעענטפערט מיט אַ ווידערקול, וואָס איז זיך צעגאַנגען אין דער לענג און ברייט פון וואַלד. אַ פויגל, אַ שוואַרץ־ווייסער, מיט אַ לאַנגן עק און הויכן טשיפּיק אויפן קאָפּ, איז אָנגעפלויגן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בוים, ביי וועלכן די ברידער זענען געזעסן מיט פאַרריסענע פנימער, דער פויגל האָט פון שפּיץ בוים אַראָפּ אָפּגעענטפערט משהן מיט די זעלבע קלאַנגען וואָס ער האָט אַרויסגעבראַנגט פון זיין אויסגעצוי־גענעם האַלדז. דאָס געזאַנג פון אונטערן בוים האָט דעם פויגל געצויגן נידעריקער פון צווייג צו צווייג ביז זיינע אייגעלעך אין דעם שוואַרץ־ווייסן שפּיציקן קעפּעלע האָבן דערזען משהס אויס־

געשטרעקטע הענט. דעמאָלט איז דער פֿויגל אַ דערשראָקענער צוריק אַוועק אין דער הויכקייט...

ס׳האָט אָנגעהויבן פֿאַלן אַ שניי, דער ערשטער שניי פֿון דעם ווינטער אין וואַלד. ער איז געפֿאַלן דין און לייכט און צוגעדעקט דאָס מאָכיק־פֿאַרגעלבטע שטיק ערד, ווו די ברידער זענען דעם גאַנצן פֿרימאָרגן געלעגן. יואל, יאַנקל, פּסח און משה זענען צוריק־געגאַנגען אין גרוב.

קאַפּיטל זעקס

צווישן פוילישע מיידלעך

דאָס אייזערנע טויער ביים אַריינגאַנג צום גרויסן פּירעקיקן הייזער־בלאָק אין פּראַגע אויף סקאַרישעווסקאַ גאַס נומער פיר, האָט זיך צוגעמאַכט מיט אַ טעמפּן אָפּהילך. איינער פון די אָרדנער האָט נאָכן אַריינקוקן אין סטאַשיאַס פּאַפּירן איר אָנגעוויזן צו וועמען זי דאַרף זיך ווענדן. סטאַשיאַ האָט אָנגעהויבן קלעטערן איבער די טרעפּ און נישט געוווּסט ווו זיך צו פאַרהאַלטן. דורכלויפנדיקע באַאַמטע מיט פּאַפּיר־בויגנס אין די הענט האָבן זיך אויף אירע אָנפראַגן אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און געוויזן צו די העכערע שטאָקן. איבער די טרעפּ זענען איר אַנטקעגנגעקומען יונגע שקצים, וואָס האָבן אַריינגעקוקט אין סטאַשיאַס פּנים און ווײַלעריש צוגעוואָרפן פרעכע ווערטלעך.

אין דער ביוראָ־אָפּטיילונג פאַר פרויען, אויפן לעצטן שטאָק, איז סטאַשיאַס נאָמען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ שמאָלן בוך. נאָכן אַריינשרייבן אַלע פּרטים האָט איר אַ באַאַמטער אַריינגעפירט אין אַ גרויסן זאַל, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געדינט פאַר אַ קינדערשול. אין גלייכע רייען זענען דאָרט געלעגן אָנגעפּילטע שטרויזעק. דער באַאַמטער האָט סטאַשיאַן אָנגעוויזן דאָס אָרט, וואָס זי דאַרף פאַרנעמען און ער איז צוריק אַוועק צו זיין אַרבעט.

איידער סטאַשיאַ האָט נאָך באַוויזן זיך אומקוקן ווו זי געפינט זיך, זענען שוין אַרום איר געשטאַנען מיידלעך און באַוואָרפן זי מיט פראַגן ווען, און אויף וואָס פאַר אַן אופן זי איז געכאַפּט געוואָרן. סטאַשיאַ האָט אויף אַלע די צודרינגלעכע פראַגן געענטפערט:

— יעזוס מאַריאַ, געפּאָרן צו דער טשאָטקע און פאַרכאַפּט געוואָרן אויף דער גאַס ווי אַ היימלאָזער הונט...

נאָך שטייענדיק אַזוי ווי זי איז געקומען האָט סטאַשיאַ אויס־געהערט דערציילונגען וועגן פאַרכאַפּונגען, אַרעסטן און מיט צוואַנג צוגעטיילטע צום קאָנטינגענט „פרייוויליקע״ קיין דייטשלאַנד. פון די אַלע רייד האָט מען אויף סטאַשיאַס פּנים געקאָנט דערקענען ווי דאָס האַרץ ווערט אין איר פאַרפרוירן. דער שמועס האָט זיך אַזוי געצויגן ביז דאָס רעדל אַרום איר איז ביסלעכווייז זיך צעגאַנגען און סטאַשיאַ איז געבליבן נאָר מיט יענער, וואָס איז געווען אין נאָענטער שכנות מיט איר שטרויזאַק. זי האָט זיך פּאַר סטאַשיאַן פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען פראַנקאַ: אַ בלאָנד דאָרפיש מיידל, מיט אַ דיקן געפלאָכטענעם צאָפּ, פאַרבונדן מיט אַ רויט סטענגעלע ביים עק. פראַנקאָס רויט־פאַרביק פּנים האָט אויף סטאַשיאַן געקוקט מיט אַ פּאָר העלע בלויע אויגן, וואָס האָבן נייגעריק אָבסערווירט סטאַשיאַס ערשטע באַוועגונגען, ווי זי האָט פּרובירט זיך איינאָרדענען מיטן ביסל אָרעמקייט, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט.

— איר געפינט זיך שוין לאַנג דאָ?

— דעם דריטן טאָג — האָט פראַנקאַ שטיל געענטפערט.

— ווי לאַנג וועט מען דאַרפן אַזוי ליגן אין דעם פאַרעיפּושטן זאַמלפּונקט?

— איין גאָט ווייסט, וואָס זיי ווילן מיט אונדז מאַכן...

סטאַשיאַן איז דווקא געפעלן געוואָרן פראַנקאָס דערשלאָגן געמיט. נאָך יעדע פּאָר ווערטער האָט זי מיט די פליישיקע ליפּן פרום געמורמלט „יעזוס מאַריאַ״ און מיט זיפצן דערמאָנט איר היים, איר געליבטן, דעם ווייס־קודלאַטן הונט, וואָס פלעגט צוזאַמען מיט איר יעדן פאַרנאַכט ביי דער שוועל פון דער כאַטע אָפּוואַרטן קאַזשיקס אָנקומען, דרייען מיטן וויידל ווען קאַזשיק איז נאָך געווען אויפן זאַמדיקן וועגל הינטער די שייערן.

סטאַשיאַ האָט פראַנקאַן איינגענומען און געטרייסט, אַז די

מלחמה וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן און זי, ווי נאָך אַנדערע, וועט זיך אומקערן אַהיים.

— מיינסטו, אַז קאַזשיק וועט אויף מיר וואַרטן?

— אויב ער האָט דיך שטאַרק ליב, וועט ער וואַרטן.

פראַנקאַ האָט זיך איינגעהערט אין סטאַשיאַס רייד, ווי אַ קליין קינד. זי האָט אַרויסגענומען דאָס געבעט־ביכעלע, וואָס איז געלעגן ביי איר צוקאָפּנס אויפן שטרויזאַק און געפרעגט:

— ביסטו אויך אַזוי פרום ווי איך?

— איך בין נישט אַנדערש ווי דו — האָט סטאַשיאַ מיט אַ גאַטספּאַרכטיקן טאָן געענטפערט און אַרויסגעצויגן פון איר טאַש דאָס געבעט־ביכעלע, אַרומגעוויקלט מיט אַ בינטל טונקל־ברוינע קרעלן, פאַרקייטלט צו אַ זילבער־פאַרביק צלמל.

איבער פראַנקאַס פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ צופרידענער שמייכל.

— בענקסט אויך אַזוי שטאַרק אַהיים? — האָט פראַנקאַ אָנ־געשטעלט איר אומעטיקן בליק אויף סטאַשיאַס פּנים.

— זייער שטאַרק, אָבער איך מיין, אַז דאָס וועט דויערן עטלעכע טעג, דערנאָך וועט מען מוזן זיך צוגעוויינען און לעבן מיט האָפענונג.

— און דו, סטאַשיאַ, האָסט אויך איבערגעלאָזט אַ געליבטן?

— יעדע פון אונדז האָט עמעצן איבערגעלאָזט.

— בענקסט אויך אַזוי שטאַרק צו אים?

— נישט אַזוי שטאַרק ווי דו.

— וואָס קאָן איך טאָן, אַזי איך זאָל וויניקער בענקען?

— גאַנץ פּשוט, קלער וויניקער וועגן דיין קאַזשיקן.

— דו רעדסט, ווי דו וואָלסט נאָך קיין מאָל נישט ליב געהאַט.

— אפשר וועל איך שוין קיין מאָל נישט ליב האָבן...

— פאַר וואָס?

— ווען מען ווערט אָפּגענאַרט און פאַרפירט, פאַרלירט מען דעם צוטרוי צו מענער.

— דאָס איז טאַקע נישט גוט. אָבער מיך האָט קאַזשיק קיין

מאָל נישט געגאַרט. איך וועל שיר נישט משוגע פון בענקשאַפט ווען איך דערמאָן זיך אין זיינע שיינע ווערטער צו מיר ביי אונדזערע צוזאַמענטרעפן.

— פון וואַנען ביסטו? — האָט סטאַשיאַ געוואָלט ווייטער ציִען דעם געשפּרעך מיט פראַנקאַ.

— איך וועל קיינעם נישט זאָגן פון וואַנען איך בין.

— פאַר וואָס? — האָט סטאַשיאַ אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען.

— מען זאָל נישט לאַכן פון מיר.

— ווער האָט פון דיר געלאַכט?

— זיי, די שטשערוועס — האָט פראַנקאַ מיטן אויפגעהויבענעם פּנים אָנגעוויזן אויף די מיידלעך, וואָס זענען געשטאַנען ווייטער אין זאַל.

— זיי זיכער, אַז איך וועל פון דיר נישט לאַכן.

סטאַשיאַס מילדער בליק האָט פראַנקאָן אָנגערעגט אָנצורופן אַ נאָמען מיט אַ מאָדנעם אָפּקלאַנג.

— אין וועלכער געגנט געפינט זיך דאָס דאָרף?

— שעדלעצער קרייז.

— און איך בין פון סאָקאָלאָווער געגנט.

פראַנקאָן האָט דער נאָמען פון שטעטל דערמאָנט אין איר אומגעגנט, אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן:

— אַזוי פיל מאָל געווען אין סאָקאָלאָוו אויף די מערק. אויך קאַזשיק פלעגט זיך מיטכאַפּן איינקויפן קליידער ביי די יידישע שניידערס.

— טשעקאַווע — האָט סטאַשיאַ צוגעגעבן מיט דער כוונה צו פאַרברייטערן דעם שמועס — אונדזערע היימען ליגן אויף איין ליניע פונעם זעלבן שאָסיי און אונדזערע שטרויזעק ליגן אויך אין איין ליניע... דער זעלבער גורל.

— ווער ווייסט, צי דער זעלבער גורל?

— מיינסטו, אַז עס זענען דאָ פאַראַן אויסנאַמען?

— איך מיין, אַז יאָ — האָט פראַנקאַ אַרויסגעוויזן חשד און

פּאָרוואָרף — צווישן אונדז געפינען זיך כיטרע מיידן, וואָס קאָנען אויך פון דאַנען זיך אַרויסבאַקומען.

— איך בין נייגעריק צו וויסן ווי אַזוי — סטאַשיאַ האָט זיך נענטער צוגערוקט צו איר שכנה.

פראַנקאַ האָט פאַרמאַכט דאָס געבעט־ביכעלע, און עס צוריק אַוועקגעלייגט צוקאָפּנס דעם שטרויזאַק. זי האָט דערציילט פּליאָט־קעלעך, וואָס מען האָט איר איבערגעגעבן און וואָס זי אַליין האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן אין משך פון די געציילטע טעג, וואָס זי האָט זיך געפונען אויפן זאַמלפּונקט.

סטאַשיאַ האָט אַרומגענומען מיטן קליידל אירע אויסגעצויגענע פיס איבערן שטרויזאַק, אָנגעשפּאַרט דעם רוקן אין דער וואַנט און נאָכגעפאָלגט מיט איר בליק פראַנקאַס אויסדרוקן ביים רעדן, ווי אַזוי זי טוישט אירע האַנט־באַוועגונגען, ווען איר טאָן בייט זיך פון געשפּאַנטקייט אויף פּחד און פון טרויער ביז געלעכטער. זי האָט זיך איינגעקוקט אין פראַנקאַס פּנים, וואָס איז געווען אָט אָפן און באַלד דיסקרעט, אָט שמייכלענדיק און באַלד אומעטיק. דער געדאַנק, אַז זי האָט באַווירקט פראַנקאַן זיך צו טיילן מיט אירע געפילן, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט סטאַשיאַס אָבסערוואַציע־חוש איבער דעם דאָרפישן נישט אַנטוויקלטן מיידל, וואָס פאַרמאָגט אָבער אַ נאַטירלעכן אינסטינקט צו קאָנען אונטערשיידן פון שלעכטס ביז גוטס, פון אַ מענטש, וואָס קאָן באַווירקן מיט אַ שטיל גוטמוטיק וואָרט ביז אַגרעסיווע אַרויסרופערישע רייד.

אַ קריגעריי איז אויסגעבראָכן טיפער אין זאַל און אָנגעמאַכט אַ טומל צווישן די מיידלעך. סטאַשיאַ מיט פראַנקאַן האָבן זיך אומגעקוקט אין יענער ריכטונג. דער באַאַמטער, וואָס האָט צוגעטיילט די ערטער, האָט דאָרט זיך געאַמפּערט מיט איינער פון די מיידלעך, וואָס האָט זיך אים קעגנגעשטעלט מיט נישט קיין שיינע ווערטער און אַפילו אים אָנגערופן אַלפאָנס.

— וואָס וויל ער דאָרט פון איר? — האָט סטאַשיאַ געפרעגט.

— דער איז אַן אומפאַרשעמטער אויסוואָרף — האָט פראַנקאַ

געזאָגט נישט אַראָפּנעמענדיק איר בליק פון דעם אָרט ווו עס איז אָנגעגאַנגען די קריגערײַ.

— האָט ער שוין דאָ וועמען שלעכטס געטאָן?

— נאָך ווי! — האָט פראַנקאָ פאַרריסן איר פּנים — יעדע נאַכט זוכט ער אַ צווייטע. שטעלט זיך אים ווער אַנטקעגן, האָט זי אויף צו מאָרגנס אויסצושטיין שיקאַנעס.

— און מיר האָט ער זיך אויסגעוויזן אַזאַ שטילער און פיינער.

— אויב ער וועט אויף דיר וואַרפן אַן אויג, וועסטו זיך ביטער אַנטוישן אין אים.

— ווי אַזוי מיידט מען אויס אַזעלכן?

— טו ווי איך — האָט פראַנקאָ איינגערוימט סטאַשיאַן אין אויער — ליג אַ גאַנצן טאָג אויפן שטרויזאַק, ער זאָל דיך נישט זען. נעכטן איז דאָ געשען אַ שרעקלעכע זאַך. מען זאָגט, אַז דער מנוול האָט אַ גרויסע שולד אין דעם.

— וואָס איז געשען?

— אויף דעם אָרט ווו דו, סטאַשיאַ, ליגסט, האָט צוויי טעג זיך אויפגעהאַלטן אַ שיין בלאָנד מיידל, יאַנקאַ האָט מען זי גערופן. זי האָט געשטאַמט פון אַ שטעטל נישט ווייט פון דאַנען. זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן, ווי דו, אין וואַרשע. גאַנצע טעג און נעכט האָט זי גערעדט מיט אים. זי איז געווען זיכער, אַז זי גייט פון דאַנען אַרויס אַ באַפרייטע. צום סוף איז זי געבליבן אַן אָפּגענאַרטע, צו קיינעם מער קיין וואָרט נישט גערעדט. פאַר טאָג, ס'איז נאָך געווען פינצטער, איז זי אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און געבליבן ליגן אַ טויטע. פון היינט אין דער פרי זענען אַלע פענצטער אויפן זעקסטן שטאָק פאַרקלאַפּט געוואָרן. מען קאָן זיי מער נישט עפענען...

— פון וואַנען קאָן מען וויסן, אַז דער באַאַמטער איז טאַקע שולדיק אין איר טויט?

— מענטשן ווייסן וואָס זיי רעדן, אָבער קיינער האָט זיך מיט דעם פאַל נישט פאַרנומען אַחוץ אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס וואָס דער בלאָנדער האָט אים דיקטירט אין זיין ביוראָ.

אַ ביסל שפּעטער איז דער באַאַמטער אַריין אין זאַל. ער האָט אָנגעהויבן זוכן איבער די שטרויזעק און זיך פאַרהאַלטן לעבן סטאַשיאַן.

— יאָ! — האָט ער באַפעלעריש אויסגערופן — אייך, שיינע פריילין, זוך איך טאַקע...

— וואָס איז געשען? — האָט סטאַשיאַ געפרעגט ווי עס וואָלט איר קנאַפּ אָנגעגאַנגען.

— אייער אָנוועזנהייט דאָ וועט אפשר פאַר אייך זיין נישט אַזוי אָנגענעם — האָט דער באַאַמטער אַריינגעקוקט אין אַ פּאַפּיר און געזאָגט ווי צו זיך אַליין.

— איך פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט דערמיט צו זאָגן.

— איר מוזט נישט דווקא אַזוי גוט פאַרשטיין. איר דאַרפט נאָר טאָן וואָס איך בעט אייך. נעמט צוזאַמען אייערע זאַכן אויף איין אָרט.

סטאַשיאַ האָט שנעל צוזאַמענגענומען אירע קלייניקייטן, וואָס זענען געלעגן אויף דער ערד ביי דער וואַנט און דאָס אַוועקגעלייגט לעבן אירע פיס.

— אַזוי איז גוט. בלייבט שטיין ביז איך וועל זיך ווידער ווענדן צו אייך...

דער באַאַמטער האָט זיך איינגעבויגן, אויסגעטאַפּט דעם שטרויזאַק און זיך ווידער אויסגעגלייכט.

— איך וויל זען אייערע זאַכן. אויך וואָס איר האָט אין טאַש.

מיט נערוועזע האַנט־באַוועגונגען האָט סטאַשיאַ אַרויסגענומען פונעם קליינעם וואַליזקעלע איר ביסל אָרעמקייט און דאָס צעוואָרפן איבערן שטרויזאַק.

— דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג — האָט זי געזאָגט און איינגעצויגן די ליפּן.

— און וואָס געפינט זיך דאָרט? — האָט דער באַאַמטער אָנגעוויזן אויף סטאַשיאַס האַנטבייטל.

סטאַשיאַ האָט איבערגעדרייט איר האַנטבייטל און פון דאָרט איז אַרויסגעפאַלן דאָס געבעט־ביכעלע, אַ פּאָר נאָטיצלעך, אַ

שפּיגעלע מיט אַ קעמל, אַ פּודער־פּושקעלע און אויך איר אַרישער דאָקומענט.

— וואָס נאָך זאָל איך ווייזן? — האָט סטאַשיאַ מיט איר סאַרקאַסטישן טאָן פֿאַרדעקט דעם אינערלעכן אומרו.

— מער גאָרנישט, אַ דאַנק... — האָט דער באַאַמטער געזאָגט מיט שטייפֿקייט, זיך אומגעדרייט צו פֿראַנקאָן און פֿאַרלאַנגט פֿון איר דאָס זעלבע.

דערזעענדיק, אַז ער מיינט נישט נאָר איר, האָבן נייע כּוחות אַ שטראָם געטאָן אין סטאַשיאַן. איר האַרץ האָט אָנגעהויבן פּאַמע־לעכער קלאַפּן, זי האָט שנעל געפֿונען איר גלייכגעוויכט ווען זי האָט געזען, ווי פֿראַנקאַ שליידערט אירע שמאַטעס צו דעם באַאַמטנס פּיס.

— גענוג?! — האָט פֿראַנקאַ אַרויסגעסיקעט פֿון צווישן אירע פֿאַרקריצטע ציין.

נייגעריקע מיידלעך האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַרום אָרט, ווו ס'זענען געשטאַנען סטאַשיאַ און פֿראַנקאַ און געקוקט מיט שפּיזיקע אויגן אויפֿן באַאַמטן, וואָס האָט עפּעס פֿאַרצייכנט אין בויגן פּאַפּיר.

דער באַאַמטער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיטן בויגן פּאַפּיר און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אַ דאַנק, איר קאָנט ביידע צוריק פֿאַרנעמען אייערע פּלעצער.

סטאַשיאַ האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און געפֿרעגט:

— אפשר איז אונדז דערלויבט צו וויסן די סיבה פֿון אייער דורכנישטערן אונדזערע זאַכן?

— איך בין נישט פֿאַרפּליכטעט אייך אויפֿצוקלערן, אָבער מיין געוווינהייט איז צו זיין העפֿלעך און זאָגן, אַז אויף דעם פּלאַץ האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אַ מיידל, וואָס איז געשפּרונגען דורכן פֿענצטער, בין איך געקומען נאָכזען, צי איז דאָ נישט פֿאַרבליבן עפּעס פֿון אירע זאַכן.

פֿראַנקאַ האָט אַזש אַ שפּרונג געטאָן פֿון אָרט:

— איר אַליין האָט דאָך באַלד נאָך דעם אַוועקגענומען דאָס פּעקל!

— מיר קאָנען אייך אויך אונדזערע שמאַטעס אַוועקשענקען, נאָר לאָזט אונדז פון דאַנען אַרויס! — האָט סטאַשיאַ צוגעגעבן.

דינע קוויטשענדיקע קולות האָבן צוזאַמען אויסגעשריגן:

— מיר זענען אַלע מסכּים! נעמט אונדזערע פּעקלעך און שליסט אויף דאָס אייזערנע טויער!

דער באַאַמטער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איך וואָלט אייך אַלע אַהיים געשיקט ווען איר געפינט זיך בלויז אונטער מיין אויפזיכט.

— מיך האָבן פּאָליאַקן געכאַפּט!

— מיך אויך!

— איר דינט די דייטשן!

דער באַאַמטער האָט זיך אָפּגעטראָגן, שטעכווערטלעך און זידלערייען האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין זיין רוקן ביז ער איז מיט פאַרשנעלערטע טריט אַרויס פון זאַל.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז ער איז אַן אויסוואורף! — האָט נאָך פראַנקאַ געציטערט פון אויפרעגונג.

— איצט גלייב איך דיר — האָט סטאַשיאַ געענטפערט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטרויזאַק.

די צערייצטע שטימונג האָט נאָכגעלאָזט, אין זאַל איז שטילער געוואָרן. אויך סטאַשיאַ און פראַנקאַ האָבן זיך באַרויקט.

סטאַשיאַ, ווי זי וואָלט געוואַרט אַז פראַנקאַ זאָל אויפהייבן צו איר די אויגן און עפּעס זאָגן, האָט זיך איינגעטוליעט אין איר מאַנטל, אָבער פראַנקאַ איז געזעסן אַ פאַרטיפטע אין געבעט־ביכעלע, ווי אַלץ אַרום איר וואָלט איר מער נישט אָנגעגאַנגען. עפּעס נישט דערהערטע ווערטער האָט סטאַשיאַ איינגעזאַפּט אין זיך. די פאַר־צויגענע שטילקייט איז איר געוואָרן דערווידער, אָבער סטאַשיאַ האָט גוט פאַרשטאַנען צו רעספּעקטירן אַזאַ מאָמענט און מער נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר שכנה, זי האָט זיך איבערגעדרייט,

איינגעקאָרטשעט די פּיס. אַ נעפּל פון צעמישטע געפילן און רעיונות האָבן איר שווער געמאַכט דעם קאָפּ, זשומענדיקע רייד פון איבערן זאַל זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין חלל צווישן די לאַנגע ווענט. איר בליק איז צעשוווּמען געוואָרן, אָפּגעריסענע מחשבות האָבן זיך דורכגעשניטן, געפּלאָנטערט, אויסגעמישט מיט די איבערגעבליבענע ברעקלעך געדאַנקען. סטאַשיאַ איז מיד געוואָרן. איר קאָפּ איז אַוועקגעפאַלן אויפן שטרויזאַק. איר איז באַפאַלן אַ שלעפעריקייט. זי האָט צוגעמאַכט אירע אויגן און באַלד זיי אויפגעריסן. סטאַשיאַ האָט מורא געהאַט איינצושלאָפן, ווען אַלץ אַרום איר איז וואַך. זי האָט מורא געהאַט צו בלייבן אָן אַ קאָנטראָל איבער זיך.

אַ וואָכע איז סטאַשיאַ געלעגן מיטן רוקן צו פראַנקאַ. זי איז בייז געווען אויף זיך אַליין פאַר וואָס זי האָט פון זיך דערווייטערט דעם שלאָף, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן גלעטן אירע מידע גלידער. אירע געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן פאַרגיין און אויפקומען מיט קליינע פּויזעס ביז אַ מחיהדיקע שווערקייט איז אין איר אַריינגעדרונגען. זי האָט מער זיך נישט געקאָנט באַהערשן און אָנגעהויבן איינדרימלען און ווידער אויפרייסן די אויגן. געציילטע ווערטער האָבן זיך אַרויס־געריסן פון איר מויל, זיך אָנגעקלאַפּט אין פאַרגליווערטע פּנימער, וואָס האָבן פאַרבייגייענדיק זיך אומגעקוקט צו איר שטרויזאַק און אַוועקגעשווּמען טיפער אין זאַל. סטאַשיאַ האָט געוואָלט מיט איר פאַרשלאָפענעם בליק זיי אַרומנעמען, אָבער זי האָט זיי מער נישט געקאָנט דערגרייכן. זי איז געזונקען אין דער שטילקייט און פאַר־געסנקייט.

סטאַשיאַ האָט זיך אויפגעריסן פון קורצן שלאָף. עמעצער האָט איר אַ טרייסל געטאָן. פראַנקאַס לאַנגער צאָפּ איז געפאַלן אויף איר פּנים.

— הייב זיך אויף, סטאַשיאַ, מען טיילט שוין עסן.

— טאָ איז וואָס ?

— וועסט בלייבן אָן מיטאָג !

פראַנקאַ האָט די פּאָר ווערטער אַרויסגעזאָגט האַסטיק און מיט

אַ גערודער מיטגענומען סטאַשיאַן זיך שטעלן אין דער ריי, ווו מען האָט געטיילט מיטאָג.

סטאַשיאַ האָט זיך איינגעקוקט ווי אַזוי די מיידלעך כאַפּן אין איילעניש די צוגעטיילטע פּאָרציעס און צעגייען זיך איבערן לאַנגן קאָרידאָר, שטעלן זיך אויס ביי די ווענט, אָדער אָנגעלענטע איינע אין דער צווייטער און שלינגען גיריק פון די מעטאַלענע שיסעלעך. סטאַשיאַ האָט דערפילט אַ באַדערפעניש צו אָבסערווירן יעדעס מיידל וואָס איז איר געקומען פאַר די אויגן. אַ ביסל לענגער האָט זיך איר בליק אָפּגעשטעלט אויף איינער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט איינגעבויגענע פיס און געגעסן פונעם שיסעלע, וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט אויף די שפּיצן פון די קני׳ען. זי האָט פּאַמעלעך געפירט דעם לעפל צום מויל און אירע בולט אַרויסגעזעצטע אויגן האָבן זיך גאָרנישט באַטייליקט ביים עסן נאָר געקוקט אויף אַלע זייטן. ווען סטאַשיאַ האָט דערפילט, אַז די אומרו׳יקע אויגן בלייבן שטיין אויף איר, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו פראַנקאַ, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ פאַרריסן פּנים צו די צעפּאַרעטע קעסלען.

— ביסט שטאַרק הונגעריק, פראַנקאַ?

— און דו ביסט זאַט?

— איך בין אויך הונגעריק, אָבער מען דאַרף דעם הונגער איינהאַלטן, נישט לאָזן אים אַרויסקריכן דורך די אויגן.

פראַנקאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— וואָס הונגער איז, וועסטו דערפילן נאָך אַ פּאָר טעג דאָ זיין.

— וואָס האָב איך צו קלערן וואָס שפּעטער וועט זיין? דערווייל דערנענטערן מיר זיך צו די קעסלען.

פאָראויסגייענדיק מיט פּאַמעלעכע טריט אין דער ריי האָט סטאַשיאַ זיך אומגעקוקט. יענע, מיט די שפּרינגענדיקע אויגן, איז שוין געשטאַנען מיט אויסגעגלייכטע פיס און האָט געהאַלטן אין איין האַנט דאָס אויסגעליידיקטע שיסעלע און אין דער צווייטער האַנט דעם לעפל. פון דער זייט האָט סטאַשיאַ זיך איינגעקוקט אין דעם העלן פּנים מיטן שפּיציקן נעזל איבער שמאָלע געשלאָסענע

ליפּן, וואָס האָבן זיך צעצויגן און איינגענומען לויט די באַוועגונגען פון איר שוואַרצן קאָפּ.

ווער איז אָט דאָס מיידל, וואָס טיילט זיך אויס פון אַלע דאָ מיט איר שוואַרץ־חנוודיקן אויסזען און פאַרשנדיקן בליק און וואָס רופט אַרויס חשד?

באַקומען די שיסעלעך עסן האָבן סטאַשיאַ און פראַנקאַ זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט. סטאַשיאַ האָט נישט פאַרגעסן זיך איבערצוצלמען און ערשט דערנאָך גענומען עסן. זי האָט געגעסן מיט דער זעלבער גיריקייט וואָס פראַנקאַ, געביסן פון דער ברויט־פּאָרציע מיט אַ ברייט־צעעפנט מויל און געשעפּט מיטן לעפל ווי עס וואָלט איר ווער געיאָגט און געוואַרט אויפן שיסעלע.

פראַנקאַ, ווי זי האָט נאָר באַוויזן אויסקראַצן דאָס לעצטע ביסעלע זופּ, איז זי נאָך אַ מאָל געגאַנגען זיך שטעלן אין דער ריי. דער נאָך נישט געשטילטער הונגער האָט איר געטריבן און גע־צוווּנגען צו בעטלען. סטאַשיאַ איז געבליבן שטיין אויף איר אָרט, פאַרפאַמעלעכט דאָס עסן און געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף דער פריילין אין שוואַרץ־ספּאָרטענעם ווינטער־מאַנטל אַרומגענומען מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק. אַ לאַקירטער דאַמענטאַש איז נאָכגעהאַנגען אויפן אַקסל אָן באַוועגונג. אויך די פיס אין די שוואַרצע שטיוועלעך זענען געשטאַנען אָן זיך אַ ריר צו טאָן.

פראַנקאַ האָט מיט דער האַנט אַ רוף געטאָן סטאַשיאַן צו זיך, אָבער סטאַשיאַ האָט נישט געוואָלט נאָך אַ מאָל זיך שטעלן אין דער ריי און געענטפערט מיט אַ קאָפּשאָקל אויף ניין און ווידער אָבסערווירט יענער. וואָס מער זי האָט זיך אין איר איינגעקוקט אַלץ זיכערער איז סטאַשיאַ געוואָרן, אַז אונטערן שוואַרצן ספּאָרט־מאַנטל באַהאַלט זיך אויס אַ יידישקע, וואָס ווייסט נישט, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט איר גוייִשער מאַסקע, ווי אַזוי צו פאַרווישן די געטאָ־שפּורן, פאַרטיפטע אין די שטריכן פון פּנים און אין די אויגן. ווען סטאַשיאַ וואָלט נישט מורא געהאַט פאַר איר אייגן לעבן, וואָלט זי צוגעגאַנגען צו יענער און איר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער

געפּאַר וואָס איר דראָט צוליב איר האַלטן זיך, ווי זי וואָלט געווען אַ געקומענע פון אַ ווייטער פרעמדער וועלט. אָבער סטאַשיאַ, פאַר־גלייכענדיק זיך צו איר, האָט זיך דערפילט זיכערער און פעסטער.

פראַנקאַ איז צוריקגעקומען מיט אַ צעשטראַלט פנים, געטראָגן פאַרויס איר צווייטע פאַרציע זופּ. זי האָט סטאַשיאַן מיט כוח גע־שטופּט, זי זאָל דאָס זעלבע טאָן.

— האָט איר נאָך נישט באַקומען? דוכט זיך, אַז איך האָב אייך שוין געגעבן?

— ריכטיק, איר האָט אַ וווּנדערלעכן זכרון, איך בין געווען פון די ערשטע. איצט בין איך ווידער הונגעריק.

דער פונאַנדערטיילער איז באַווירקט געוואָרן פון סטאַשיאַס שמייכל און אַ קוק געטאָן אין קעסל:

— מער ווי איין פאַרציע דאַרפן מיר נישט געבן, אָבער איר האָט מזל...

— ווען איך האָב מזל, וואָלט איך דאָ פאַר אייך נישט גע־שטאַנען ווי אַ בעטלערין.

— דאָס איז אָבער נישט מיין שולד.

— איך מאַך אייך נישט פאַר שולדיק, אָבער גיט דעם לעפל עסן מיט אַ גוט האַרץ.

— ווי גאָט איז מיר ליב, איך גיב אייך מיט מיין גאַנץ האַרץ. מיר טוט וויי צו זען אונדזערע פוילישע מיידלעך אין אַזעלכע באַדינגונגען. נעמט פריילין און עסט אייך אָן צו דער זעט.

— ליבינקער, האָט איר אפשר נאָך אַ פאַרציע ברויט?

— דאָס איז שוין אַ ביסל שווערלעך, אָבער...

דער פונאַנדערטיילער האָט אַ וויש געטאָן די הענט אין אויס־געפעטסטן פאַרטעך, געמאַכט אַ פּאָר שפּרייזן און צוריקגעקומען מיט אַ פאַרציע ברויט.

— אָבער, זאָגט נישט פאַר קיינעם, אַז איר האָט ביי מיר באַקומען צוויי מאָל ברויט.

סטאַשיאַ האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל און ביים אַוועק־גיין אים אָפּגעצאָלט מיט אַ ברייטן שמייכל:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק.

— פראַנקאַ, איך האָב גוט געטאָן וואָס איך האָב דיך געפאָלגט.

— נאָך אַ פּאָרציע ברויט? — איז פראַנקאַ געוועזן איבער־ראַשט — ווי אַזוי האָסטו דאָס געמאַכט? ער איז דאָך שלעכט ווי אַ בייזער הונט!

— פראַנקאַ, אויך אַ בייזן הונט קאָן מען איינגעמען, מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי.

— זאָג מיר, איך וויל עס וויסן.

— אַ בייזן הונט נעמט מען איין ווען מען וואַרפט אים עפּעס צו, אַ מאַן נעמט מען איין מיט אַ זיס שמייכעלע.

— סטאַשיאַ, ביסט קלוג!

— און דו, פראַנקאַ, האָסט דיין קאַזשיקן געקאַרגט אַ שמייכעלע?

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, סטאַשיאַ, איך ווייס כמעט נישט ווי אַזוי מען באַנוצט זיך דערמיט.

— וואָס, קאָנסט נישט שמייכלען?

— צו קאַזשיקן קומט מיר אויס זיך געבן אַ בייזער אָדער לאַכן אויפן קול.

— פראַנקאַ, גיב צו מיר אַ שמייכל...

פראַנקאַ האָט צעצויגן אירע דיקע ליפּן און געהויבן אַ פאַר־שעמטע מיט די אַקסלען.

— האָסט דאָך איצט אַזוי שיין געשמייכלט! מאַך דאָס נאָך אַ מאָל.

פראַנקאַ האָט אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיק געלעכטער.

— סטאַשיאַ, ווי גאָט איז מיר ליב, מאַכסט מיר אַ גוטע שטימונג.

דערוויל האָבן ביידע אויסגעליידיקט די שיסעלעך און אָנגעהויבן גרייטן זיך אַוועקגיין פון דעם אָרט. פלוצלינג איז זיי אַנטקעגנגע־קומען דאָס מיידל אין ספּאָרט־מאַנטל מיט צאָרנדיקע אויגן. סטאַשיאַ און פראַנקאַ האָבן זיך נישט געגעבן קיין ריר, נאָר ווי יענע האָט

זיך איינגעבויגן, האָט זיך פראַנקאַ אַ הייב געטאָן מיט איין שפרונג און סטאַשיאַ נאָך איר.

— וויפל האָט אירביידע באַצאָלט פאַר טאָפּלטע פּאַרציעס, און איך וועל בלייבן הונגעריק?!

— ווער קען דיך און וועמען גייסטו אָן?

— וועמען דוצט איר? צו וועמען רעדט איר ביידע אַזוי פרעך? ווייסט איר ווער איך בין?!

— ביסט אַ משוגענע! — האָט פראַנקאַ אויסגעשריגן.

סטאַשיאַ איז פון אָנהייב געבליבן אַ ביסל צוריקגעהאַלטן, אָבער פראַנקאַ האָט געקאָכט פון כעס:

— וואָס? דו שטאַמסט פון פוילישן אַדל? און די פּאָליציי קאָן קומען אויף דיין רוף? אַזוי קאָנסטו רעדן אין אַ משוגעים־הויז, אָבער נישט צו אונדז!

סטאַשיאַ האָט געכאַפּט דעם טאָן:

— אויב דו ביסט אַזאַ מיוחסטע, וואָס טוסטו דאַ צווישן געפאַנגענע?

פון קאָרידאָר זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן נייגעריקע און אָנגעהויבן טרייבן חוזק:

— יעדן טאָג פּראַוועט זי פריילעכע סצענעס.

— אַ מאָל איז זי אַ גראַפיניע, וואָס ליבט די דייטשן, אַן אַנדערש מאָל מאַכט זי זיך פאַר אַ פּאָליציי־אַגענטין, וואָס זוכט צווישן אונדז יידישקעס.

— אין דער אמתן איז זי אַליין אפשר אַ משוגענע יידישקע.

— טאָ ווי קומט זי אַהער?

— ווער ווייסט? אפשר מיט פאַלשע פּאַפּירן...

פון די אַלע צוגעוואָרפענע ווערטער האָט זי מיט אַ ווילד קול גענומען שרייען:

— קורוועס! זשידוווקעס!

פראַנקאַ האָט איר צוגעדעקט דאָס פּנים מיטן ליידיקן שיסעלע און אַרום איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער.

גראָד אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען איינער פון די באַאַמטע, געגומען זי אונטערן אָרעם און מיט איר אַוועק אין ביוראָ. שפּעטער האָט ער זי געבראַנגט צו פירן צו איר שטרויזאַק. צוריקגייענדיק האָט ער דערציילט, אַז שוין עטלעכע טעג מאַכט זי אַזעלכע סקאַנ־דאַלן. די דאָקטוירים האַלטן, אַז זי סימולירט משוגעת, אָבער דער באַאַמטער האָט צוגעגעבן מיט שפּאָט:

— ס'וועט איר גאָרנישט העלפן: אָדער זי וועט פאָרן קיין דייטשלאַנד, אָדער די פּאָליציי וועט זי אַוועקנעמען.

איינע אַליין איז זי איצט געזעסן אין ווינקל פון זאַל אויף איר שטרויזאַק, געציפּט אַרויסגעצויגענע שטרויען אויף קליינע ברעקלעך. די אַרויסקוקנדיקע קניען פון קורצן מאַנטל זענען געווען צעגומען.

דער באַאַמטער, וואָס האָט איר פריִער געבראַנגט צו פירן, איז שפּעטער צוריקגעקומען און זיך איינגעקוקט אין דעם דעליקאַטן פּנים, וואָס וואָלט אויסגעזען שיין, ווען איר געשלאָסן מויל מיט די אַראָפּגעלאָזטע ווינקלען וואָלטן איר נישט צוגעגעבן אַזאַ מעלאַנ־כאָלישן אויסזען. דער באַאַמטער האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר. די מיידלעך האָבן זיך אַוועקגע־שטעלט פון דער זייט און נישט אַראָפּגעלאָזט קיין בליק פון זיי ביידע. נישט יעדן טאָג האָבן זיי געהאַט אַ פאַרגעניגן צו זען אַזאַ סצענע. ווי נאָר דער באַאַמטער האָט אַ ריר געטאָן מיט זיין האַנט איבערן מיידלס אַקסל, איז איר פּנים פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. דאָס שמייכעלע פון באַאַמטן איז פאַרשוווּנדן ווען דאָס מיידל האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און אויסגעשריגן:

— דו הורגזון! מייגסט, דו וועסט אויף מיר ווירקן מיט נאָך אַ פאַרציע ברויט?

דער באַאַמטער איז פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען און הילכיק זיך צעלאַכט. די מיידלעך האָבן אים באַגלייט מיט די אויגן און דערנאָך האָבן זיי גענומען קוקן צו איר.

— ער זעט אויס צו זיין צופרידן מיט זיך, און זי זעט אויס צו זיין משוגע — האָט סטאַשיאַ געזאָגט.

עטלעכע מיידלעך האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, געזיפצט פון מיטלייד. אַנדערע ווידער האָבן באַקומען אַן עקל צו זיך אַליין, געטראַכט אַז יעדע, וואָס פאַלט אַריין צווישן די ווענט, קאָן זיך דערקייקלען צו אַזאַ צושטאַנד. פאַרכמורעטע זענען די מיידלעך זיך פונאַנדערגעגאַנגען. בלויז סטאַשיאַ האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי קאָן גוט באַהערשן אירע עמאָציעס...

— וועסט זעען, זי וועט זיך אַרויסדרייען — האָט פראַנקאַ געזאָגט. סטאַשיאַ האָט אַ צי געטאָן די אַקסלען:

— אויב זי וועט באמת האָבן מזל...

אויף צו מאָרגנס האָט סטאַשיאַ די ערשטע דערהערט די זעל־נערישע טריט איבערן קאָרידאָר. ווי נאָר דער פּאָליציי־מאַן איז אַריין אין זאַל, האָט זיך דאָס מיידל אויפגעריסן פון איר געלעגער, אַרויפגעפאַלן אויפן גראַנאַטענעם מונדיר און אים שטאַרק געדריקט צו זיך. פאַמעלעך האָט דער פּאָליציי־מאַן זי אָפּגערוקט פון זיך און העפלעך געבעטן זי זאָל אָנטאָן דעם מאַנטל, פאַרנעמען אירע זאַכן און מיטגיין מיט אים.

סטאַשיאַ האָט זיך איינגעקוקט אין יענעם ווינקל און פראַנקאַ האָט מיט אַ טרויעריקער שטימע געזאָגט:

— פּטור געוואָרן פון דער משוגענער...

דעם זעלבן טאָג האָט פראַנקאַ דורכן הילכער דערהערט אויס־רופן איר נאָמען. מען האָט איר באַפוילן זיך פאַרנעמען מיט די זאַכן און שטעלן זיך אין דער ריי צום אָפּפאָרנדיקן טראַנספּאָרט קיין דייטשלאַנד. אויך סטאַשיאַ איז געוואָרן שטאַרק פאַרנומען ביי די מעדיצינישע קאָמיסיעס און פאַר די באַאַמטע אַרום בערג פּאַפּירן. פון איין ביוראָ־אָפּטיילונג צו דער צווייטער איז איר קאַרטאָטעקע פולער געוואָרן מיט געדרוקטע בויגנס פּאַפּיר, אויף וועלכע זי האָט אַ סך מאָל געדאַרפט זיך אונטערשרייבן און לייגן פינגער־אָפּדרוקן.

ס'איז שוין געווען אין די שפּעטע פרימאָרגן־שעהען, ווען פראַנקאַ און סטאַשיאַ האָבן זיך ווידער אָפּגעפונען פאַרמאַטערטע און אויפ־גערעגטע נאָך די פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן. פראַנקאַס פּנים איז

געווען פאַרלאָפּן מיט רויטקייט. אירע אַרויסגעזעצטע אויגן — ווי אַרויסצושפּרינגען פון זייערע לעכער. מיט פאַרביסענע ליפּן האָט זי געוויינט.

— פראַנקאַ, האַלט זיך — האָט זיך סטאַשיאַ ביי איר געבעטן.

— ווען מיר זאָלן כאָטש ביידע צוזאַמען פאָרן, וואָלט מיר לייכטער געווען די פרעמד.

סטאַשיאַ האָט געענטפערט:

— דער גורל האָט אונדז דאָ צופעליק צוזאַמענגעפירט, און דער זעלבער גורל טיילט אונדז פונאַנדער. פאַרליר נישט דעם גלויבן, גאָט פאַרלאָזט נישט די גלויביקע.

ביי די טרעפּ, פון וואַנען עס זענען אַראָפּגעגאַנגען מיידלעך באַלאָדענע מיט פּעקלעך, האָט זיך סטאַשיאַ געזעגנט מיט פראַנקאַ.

קאַפּיטל זיבן

אין דער ווייסער שטומקייט

קיינער פון די ברידער האָט נישט געוווסט ווי שפּעט ס׳איז געווען. קיינער האָט נישט געוווסט וויפל שעהען זיי זענען אַזוי געלעגן ביז זיי זענען איינגעשלאָפן אין דער פינצטערניש. קיינער האָט נישט געוווסט ווי לאַנג זיי זענען אַזוי צונויפגעדרענגטע און צוזאַמענגעטוליעטע געלעגן אין גרוב. אַלע האָבן זיי געהאַט דאָס זעלבע געפיל: ווי עמעצער וואָלט זיי אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ. איבערגעוועקט האָט זיי אַ שטעכעניש אין לייב ווי מיט אַנגעגליטע שפּילקעס אין דעם אונטערשטן טייל בויך. יעדער שטאָך האָט געבריט, זיך צעגאַנגען מיט ווייטיק און געשלאָגן אין קאָפּ אַריין.

איז איצט טאָג אָדער נאַכט? אין דער שטומקייט פון גרוב האָט זיך זיי געדוכט, אַז אויף דער ערד באַוועגט זיך עפּעס. אפשר איז עס בלויז דער גערויש פון די ביימער, אפשר ברעכט דער ווינט די אָפּגעדאַרטע צווייגן. אָבער אַלע מיט איין מאָל האָבן געדאַרפט אַרויס פון גרוב. עס האָט זיי געטריבן אַ בויך־גרימעניש. איינער נאָכן צווייטן זענען די ברידער אַרויסגעקראָכן און באַלד איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ שאַרפער שניט, אַ ווייסער בלענד פאַר די אויגן. דער וואַלד האָט זיך מיט אַ מאָל געענדערט. זייערע פיס זענען אַריין אין אַ טיפן שניי, וואָס האָט צוגעדעקט די גרינע טונקלקייט אַרום גרוב.

עס האָט געדויערט עטלעכע געציילטע רגעס, ווי די ברידער האָבן זיך באַפרייט פון די בויך־ווייטיקן — האָט זיי אַרומגענומען אַ שרעקלעכע קעלט. מיט אַ ווילדער גיכקייט האָבן זיי איינגעריבן מיט שניי די הענט און פנימער, געקלאַפּט אין זיך מיט צעפּאַכעטע אָרעמס, ביז זיי האָבן זיך דערוואַרעמט. ערשט דאַן, האָבן זיי זיך

געקאָנט איינקוקן אין דעם פאַרענדערטן וואַלד. איידער זיי זענען אַריין אין גרוב זענען די ביימער נאָך געשטאַנען שלאַנק מיט זייערע גאָלד־פאַרביקע שפּיצן פאַרריסן צום הימל, און איצט איז יעדער בוים ווי קירצער געוואָרן אונטער דער לאַסט פון באַדעקטן שניי און זייערע צווייגן זענען אַראָפּגעהאָנגען ווי ווייסע געפלאָכטענע קייטן.

זיי האָבן נישט דערקענט דעם וואַלד, וואָס איז געוואָרן באַדעקט מיט אַ בלויען שימער. ס׳זענען פאַרשוווּנדן די סטעזשקעס און וועגלעך אויף וועלכע זיי האָבן שוין אַזוי פיל מאָל געטראָטן, פאַר־לוירן זענען געוואָרן די סימנים אויף די ביימער וואָס האָבן זיי געפירט צו זייער באַהעלטעניש. אויך דער זאַמדיקער וועג אין וואַלד, איבער וועלכן פויערישע פורלעך מיט האָלץ האָבן זיך טאָג־טעגלעך געצויגן, האָט נישט געלאָזט נאָך זיך קיין שפּור.

דער וואַלד איז געוואָרן אַרומגענומען מיט אַ ווייסער שטומקייט, מען האָט נישט געהערט קיין קלאַנג פון קיין לעבעדיק באַשעפעניש. אַלץ וואָס לעבט און איז באַוועגלעך האָט ווי פאַרלאָזט דעם וואַלד, וואָס האָט איצט אויסגעזען שווייגנדיק־פאַרביסן. די ברידער האָבן זיך איבערגעגעבן דער אַרומיקער ווייסער שטילקייט און אומעטיק געקוקט אויף די אויסגעקרימטע יונגע ביימלעך, ווי משונהדיקע ווילדע חיות צווישן די אָנגעשיטע שניי־בערגלעך, אויף דעם ווייסן שטיק פליין פון אויסגעהאַקטן וואַלד, וואָס דער טיפער שניי האָט אים באַדעקט און די אַרויסשטאַרצנדיקע פּיעניעס פון די אונטערגע־שניטענע ביימער האָבן אויסגעזען ווי אַ סטאַדע ווייס־געפלעקטע שעפסן.

די ברידער זענען געשטאַנען ווי פאַרלוירענע קינדער ערגעץ אויף אַ וועג אָן אַן אויסגאַנג, אָן אַ געפיל פון רעאַגירן קעגן דעם ווייסן תהום, וואָס האָט זיי איינגעשלונגען, און זיי איז פאַרבליבן איין ברירה: אַוועקפאַלן, זיך צונויפקאָרטשען, צוזאַמענקנוילן, און זאָל דער ווייסער פראָסט זיי מאַכן פאַר אַ נישט פילנדיקן, פאַרהאַר־טעוועטן קנויל, וואָס שלעפערט איין די באַוועגונגען, דעם געדאַנק, די האָפענונגען, און ס׳איז מער נישטאָ די שטויסקראַפט צו ראַנגלעניש,

צו ווידערשטאַנד, צו די אילוזיעס פון לעבן, צו קאָנען אַרויסבאַקומען די לעצטע כוחות קעגן אַלע געפאַרן וואָס האָבן אויף זיי געלויערט.

מיט אַ פאַרלוירן געפיל פאַר דער צייט זענען די ברידער געשטאַנען אונטער דעם טונקל־גראָען הימל. קיין לבנה, קיין שטערן, בלויז געדיכטער איז דער וואַלד געוואָרן פון דער אַנגעפילטער לופט מיטן שניי. דער זעלבער הימל איידער זיי זענען אַריין אין גרוב, בלויז אַרום די ביימער־שטאַמען איז פונאַנדערגעשפרייט געוואָרן אַ בלענדיק ליכט, וואָס האָט געשראָקן מיט זיין אַנדערש־קייט. די ברידער האָבן נישט געוווּסט, צי ס'איז ערב נאַכט אָדער גאָר דער ערשטער ליכט־שפּראָץ אויף טאָג.

די ברידער זענען געוואָרן באַהערשט פון דער שטילקייט. קיין שום קלאַנג האָט נישט געוואָלט אַרויס פון זייערע מיילער. זיי האָבן זיך דערמאָנט אין די קינדער־יאָרן. ווען דער ערשטער שניי איז געפאַלן און האָט באַדעקט די דאָרפישע פליינגן, זענען זיי אַרויס פון שטוב זיך שפּילן. די שענסטע שפּיל זייערע איז געווען צונויפשאַרן אַ שפּיציק בערגל שניי און אויספאָרמירן פון דעם אַ מענטש מיט אַ פּנים און אַ פּאָר צענומענע הענט. די פערד פלעגן זיך דערשראָ־קענע אָוועקלאָזן איבערן שנייוועג. די איינגעטוליעטע פויערים אין די שליטעלעך זענען בייז געוואָרן פון די קינדערישע שפּילערייען, געדראָט מיט די בייטשן און די קינדער פלעגן אַנטלויפן צום פאַר־פרוירענעם טייכל, זיך אָוועקלאָזן איבערן אייז, איבער די ווייסע רחבותדיקע פליינגן.

יואל, ווי ער וואָלט געלייענט די געדאַנקען פון זיינע יינגערע ברידער, האָט דער ערשטער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— ס'וואָלט גוט געווען ווען מען וואָלט איצט געקאָנט, ווי די קרעטן, זיך איינגראָבן און איבערליגן די צייט פון די שנייען און פרעסט.

יאַנקל אַן איינגעקורטשעטער פון קעלט האָט צוריקגעפונען זיינע פּראַקטישע געדאַנקען און זיך אָנגערופן:

— נאָך בעסער וואָלט געווען נישט צו חלומען, נאָר זיך פאַר־

טראַכטן וואָס צו טאָן, אַז אונדזערע טריט זאָלן נישט לאָזן קיין שפּורן צו דער באַהעלטעניש. אָט, קוקט זיך איין אין אונדזערע טריט איבערן שניי.

פּסחן איז אויפגעקומען אַ געדאַנק:

— אָפּהיטן אַ שמאָלן גאַנג, און דער לעצטער זאָל שלעפּן נאָך זיך אַ צווייג, וואָס וועט פאַרווישן די טריט.

יאַנקל האָט אָפּגעבראָכן פון אַ בוים אַ געדיכטן צווייג. שלעפּנדיק נאָך זיך דעם צווייג זענען אונטערן צעקעמטן שניי פאַרלוירן געגאַנגען די צייכנס פון זייערע טריט.

דער הימל האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ נידעריקער און דראָענדיקער, אַן אַ ברעקל לבנה־שיין און אַ שימער פון אַ שטערן. די ווייסע שניי־צעשפּרייטקייטן האָבן זיך ביסלעכווייז געלאָשן. די ביימער זענען געוואָרן אַרומגענומען מיט אַן אומבאַוועגלעכער פאַרנעפּלטער לופט. פאַר די ברידער איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז איבערן וואַלד לאָזט זיך אַראָפּ אַ פינצטערע ווינטערנאַכט. דער פראָסט האָט אָנגעהויבן קלענער ווערן און די טריט איבערן שניי האָבן שטילער געסקריפּעט.

— ווער גייט היינטיקע נאַכט אַרויס פון וואַלד? — האָט משה געפרעגט.

— ס'איז נישט אַזוי וויכטיק ווער עס וועט גיין, נאָר וווּ, צו וועמען גיין — האָט יואל געענטפערט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז נאָך דעם ערשטן שניי איז גלייכער זיך לאָזן אויף קירצערע וועגן און נישט גיין אין דאָרף, בעסער זיך צוקריגן צו אַ קאָפּיצע קאַרטאָפל, וואָס שטייט מער אַרויסגערוקט אויף די פעלדער.

די ברידער האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט, אַז יואל מיט יאַנקלען גייען היינט אַרויס פון וואַלד.

וואָס ווייטער די ביידע ברידער זענען געגאַנגען, זענען זייערע פיס אַלץ מער געזונקען אין די שנייען. אָפט האָבן זיי געמוזט בלייבן שטיין מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, אָדער זיך ציען פאַר די הענט פון די שניי־טיפענישן. הינטער זיי איז שוין פאַרלוירן געגאַנגען דער

שוואַרצער וואַלד־פּלעק און זיי האָבן נישט געוווּסט ווי לאַנג זיי גייען שוין אַזוי, ביז זיי האָבן דערזען די ערשטע שפּורן פון צעטראָ־טענעם שניי געמישט מיט פּערדישער צואה. זיי האָבן געוואָלט דערגיין נאָענט פון גורעצקיס קאָלאָניע, דערנאָך זיך פאַרקערעווען צו די פעלדער, ווו עס זענען געשטאַנען צעוואָרפן די קאָפּצעס מיט די באַגראָבענע ירקות פאַר זיין הויזווירטשאַפט.

יאַנקל האָט זיך שטיל אָנגערופן:

— די הינט זאָלן נאָר נישט דערפילן אונדזערע טריט.

זיי האָבן זיך גוט אויסגעקענט אין די אַרומיקע פעלדער, ווו עס האָט זיך געפונען דעם גויס קאָלאָניע, אָבער די אָנגעיאָגטע הויפנס שניי האָבן צו נישט געמאַכט אַלע סימנים. פאַר זייערע אויגן איז געשטאַנען אַ בלאָ־ווייסע אומבאַוועגלעכע פאַרפרוירענע נאַכט. פון דעם שווערן שלעפן זיך האָט זיי אָפּט אויסגעדוכט, ווי זיי אַליין וואָלטן אָנגעהויבן גליווערן פאַרזונקענע אין שניי. ענדלעך האָבן די ברידער געפונען דעם וועג און צוגעפאַלן צום קאָפּיעץ ווי צו אַ געפונענעם אוצר. זיי האָבן אָפּגעשאַרט דעם שניי, שטיקלעכווייז האָט די פאַרפרוירענע ערדשיכט זיך נאָכגעגעבן אין זייערע הענט, ביז די פינגערשפּיצן האָבן זיך דערגראָבן צו די קאַרטאָפל אונטער די דיקע שטרויענע שיכטן.

— גענוג — האָט יוסף געראָטן — מיט אַ שווערער וואָג וועט נישט מעגלעך זיין צוריקצוגיין איבער די פאַרשנייטע פעלדער.

אַ ביסל אָפּגערוקט איז געשטאַנען אַ נידעריק בערגל. ווען ביידע האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט באַדעקן דעם קאָפּיעץ אַזוי ווי ער האָט פריער אויסגעזען, האָט יאַנקל געזאָגט:

— דאָ מוז זיכער זיין באַגראָבן עפּעס וואָס מען קאָן עסן רויער־הייט.

זיי האָבן אונטערגעגראָבן דעם קליינעם קאָפּיעץ און פון דאָרט אַרויסבאַקומען זיסע מייערן. זיי האָבן צוריק פאַרמאַכט די עפענונג, פאַרווישט די שפּורן פון זייערע טריט און מיט פאַרוואָרפענע זעקלעך

איבער די פּלייצעס אַוועק צוריק צום וועג פון וואַנען זיי זענען געקומען.

אויף זייער צוריקוועגס האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ שניי. דער ווינט האָט נאָך מער באַשווערט די משא אויף זייערע פּלייצעס. זיי האָבן געפּרווט זיך אונטעריאָגן, אָבער מיט יעדן פאַרגרעסערטן אָנשטרענג האָבן די פיס זיך צוריקגעהאַלטן, געבליבן פאַרזונקענע אין שניי.

דער ווינט איבער די ווייסע פליינען איז געוואָרן שאַרפער. דער שניי האָט אָנגעהויבן פאַלן נישט גלייך, נאָר געדרייט זיך אין דער לופט, ווי פליענדיקע פעדערן, אָנגעהויבן זיך יאָגן מיט אַ שווינדל־דיקער גיכקייט און מיט נאַס־קאַלטער פאַרבלענדעניש זיך אָנגעזעצט אויף די אויגן. עס איז זיי שווער געווען אונטערצושיידן פון וועלכער זייט דער שניי פאַלט.

ווו געפינען זיי זיך? לויט דער צייט פון גיין האָבן זיי שוין געדאַרפט זיין נאָענט פון וואַלד. זיי האָבן מורא געהאַט זיך אָפּצושטעלן און ווייטער געשלעפּט די שיך, וואָס זענען וואָס אַ מאָל שווערער געוואָרן פונעם באַקלעפּטן שניי. זיי זענען געגאַנגען, ווי מיט איבער־געדעקטע פּנימער. די שניי־זאַווערוכע האָט אויסגעזויגן זייער ראיה און זיי זענען בלינד געוואָרן פון דער ווייסקייט, וואָס האָט זיך געדרייט און זיי מיטגעדרייט. זיי האָבן נישט געקאָנט אַרויס פון דער אָנשיטעניש, וואָס האָט אונטער זיך באַהאַלטן דעם הימל, די ערד, דעם וואַלד, די גאַנצע נאַקעטע וועלט.

יואל און יאַנקל זענען געבליבן אָן כוחות. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די זעקלעך פון די רוקנס, געשטאַנען אָנגעשפּאַרט איינער אין צווייטן אין מיטן פון שניי־געווירבל. באַלד האָבן זיי זיך דערמאָנט אין דער סכנה פון בלייבן שטיין אויף אָן אָרט. האָבן זיי ווייטער זיך גענומען שלעפּן, טאָפּטשען מיט די לעצטע כוחות. און וואָס ווייטער זיי זענען אַזוי געגאַנגען, אַלץ וואָכער איז געוואָרן זייער געדאַנק ביים זוכן די סימנים, וואָס זיי האָבן זיך געמאַכט אויפן וועג צום וואַלד. אָבער ווו זענען זיי, די סימנים, אַהינגעקומען אין דעם שניישטורעם?

אַזוי שלעפּענדיק זיך איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ הילצערנער

פאַרקאַן, אַ האַלב־פאַרזונקענער אין שניי. די ברידער האָבן זיך פאַרהאַלטן: וווהין זענען זיי דערגאַנגען? זיי זענען אַריין אין אַ האָלץ־שטעלעכל. דאָרט האָבן זיי פון זיך אָפּגעטרייסלט דעם שניי און געפּרווּט דערקענען דאָס אָרט.

— דוכט זיך, אַז דאָס איז דעם לאָמען יאַנס קאָלאָניע — האָט יואל געזאָגט.

— יאַנס קאָלאָניע איז דאָך אויף דזשירבער וועג.

— אונדזער וועג איז צעדרייט געוואָרן.

כאָטש יאַנקל האָט געצווייפלט אין יואלס חשד, דאָך האָט אים דער נאָמען פונעם לאָמען יאַן שטאַרק איבערגעשראָקן. דער גוי האָט געהאַט דערמאָרדעט אַ יידישע פרוי מיט קינדער אויף זיין בוידעם.

יאַנקל האָט זיך דערמאָנט אין די טויבנשלאַקן, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט פון לאָמען יאַנס כאַטע. ער איז שטיל אַרויס פונעם שטעלעכל און באַלד נאָך דעם האָט ער זיך אומגעקערט און יואלן אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אָרעם:

— קום שנעל אַוועק פון דאַנען. ס'איז יאַנס קאָלאָניע...

די ברידער זענען ווידער אַריין אין צעשנייטן דרויסן. זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק, פאַרזיכטיק, מיט אַן אינסטינקט פון חיות ביי נאַכט. דער שניידיקער ווינט האָט געהוליעט איבער די אָנגעשיטע שנייבערגלעך, זיי געשלעפּט און געשטויסן, ביז דער וואַלד האָט זיי גענומען אונטער זיין שוץ. זייערע פיס האָבן גענומען טרעטן איבער צעפוילטע גליטשיקע בלעטער. צווישן געדיכטע ביימער האָבן די ברידער אָנגעהויבן אויסטאַפּן דעם וועג מיט זייער אָנגעשפּיצטן חוש. אַזוי זיך שלעפּנדיק אין דעם פּלאָנטער פון ביימער און נאַסע צווייגן, האָבן זיי דערהערט אַ געוואָי, וואָס האָט צעריסן די רו פון נאַכטיקן וואַלד. ערשט האָט דאָס קול אָפּגעקלונגען, ווי פון אַ ווילדער חיה, און אָנגעוואָרפן פּחד. אַ ביסל טיפער איז דאָס קול געוואָרן זיי היימישער און געצויגן צום אָרט, ווו משה איז געשטאַנען אונטער אַ בוים און אַרויסגעלאָזט פון זיך משונהדיקע קולות. באַלד זענען די ביימער, וואָס האָבן פריער גערוישט מיט אומרו, געוואָרן היימישער.

די שניי־פּליטערלעך האָבן פֿאַמעלעכער אָנגעהויבן פֿאַלן פֿון צווישן די צווייגן.

איבערן ווינטערדיקן וואַלד האָט די נאַכט זיך געקנוילט אין דעם שוואַרץ־ווייס נעפּל, זיך געהויבן, און גענידערט, געפֿאַלן אָן אָטעם, שווער פֿאַרהויערט, אין דעם פּראָסטיק־קאַלטן נאַכטגליוווער, געפֿאַלן איבער די ברידער אונטער דער ערד, ווי עפּעס אַ פֿאַרהוילענער וועלט־אונטערגאַנג. ווינטיקע געררוישן האָבן זיך געיאָגט איבער די ביימערשפּיצן, איבער פֿאַרפֿרוירענע גרודעס, איבער שנייאָנשיטן, זיך געריסן צום צודעק פֿון גרוב און דורכגעשטאָכן די איינגעדרייטע, צוזאַמענגעדריקטע גופֿים פֿון די ברידער אונטער דער ערד.

קאַפּיטל אַכט

דער גוי מיט דער האַק

פונעם בלייכן, פריטאָגיקן נעפּל אַרום די פאַרשנייטע פעלדער האָט זיך אַרויסבאַקומען אַ הויך געשטאַלט מיט געל־ווייסע צעשוי־בערטע האָר פון פראָסטיקן ווינט. אונטער דעם שטריק אַרום איבער־געדרייטן פעלץ האָט געשטעקט אַ האַק. אויך דאָס טיפע ווינטער־היטל, פאַרצויגן אויפן קאָפּ ביז איבער די אויגן, איז געווען איבער־געדרייט מיט די פעלצענע האָר אויף אויבן. דאָס רויטע פּנים איז געווען שאַרף אָנגעשטעלט אויף פאָרויס אין דער ריכטונג פון די שווערע טריט צום וואַלד.

צווישן די ביימער האָט דאָס האַריק געשטאַלט אויסגעזען ווילד און אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די פייגל, וואָס זענען מיט פאַכענדיקע פליגל אַוועק טיפער אין וואַלד. אַנגעלאָפענע האָזן האָבן מיט שרעק פאַרקערעוועט זייער געלויף און געלאָזן הינטער זיך דאָס האַריק געשטאַלט. טיפער אין וואַלד האָט דאָס געשטאַלט גענומען זיך אַרומ־קוקן און אָפּגעשטעלט דעם בליק צום בוים מיט די אַראָפּגעלאָזטע צווייגן, וואָס האָבן אין אַ רונדן קרייז אַרומגענומען די ערד אונטערן בוים. יאָ, דאָרט דאַרף זיך געפינען די באַהעלטעניש פון די יידן אונטער דער ערד. נאָך אַ ביסל ווייטער האָבן זיך דערקענט אָפּדרוקן פון מענטשלעכע טריט, וואָס זענען ערטערווייז שוין געווען פאַרדעקט מיטן אָנגעיאָגטן שניי.

משה איז געלעגן מיט אָפענע אויגן אין דער אונטערערדישער פינצטערניש, זיך איינגעהערט אין דעם שווערן אָטעם פון זיינע שלאָ־פנדיקע ברידער. ער אַליין האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. די מחשבות האָבן אָנגעיאָגט אַרום אים אַ פּחד, וואָס האָט געשניטן זיין מוח. און

אפשר פאָרט האָט זיך אים בלויז געדוכט, אַז ער הערט פאַרדעכטיקטע טריט אַרום גרוב? דער פחד האָט געהאַט געוווּנג צייט מיט ציין און נעגל זיך איינצופרעסן אין זיין מוח און אויסבילדן דאָרט באַוואָפנטע וואַלדמערדער מיט רוצחישע בליקן.

דורך משהס קאָפּ זענען אַדורכגעלאָפן שרעקבילדער, וועלכע ער האָט זיך אונטערגעגעבן, געלאָזט זיך פון זיי באַהערשן. דער שאָטן פון האָפענונג, עפּעס וואָס איז ענלעך צו אַ פאַרבאָרגענעם שטראַל פאַרן וויטערדיקן לעבן, האָט זיך פון אים אין די מינוטן אָפּגעטאָן. מיט אַלע כוחות האָט ער געוואָלט פון זיך פאַרטרייבן די שרעק־בילדער, אָבער דער פחד האָט אים באַוועלטיקט, זיך געקלאַמערט אין זיין גוף און נישט נאָכגעלאָזט.

זאָל ער אויפוועקן זיינע ברידער? ער האָט זיך געשלאָגן מיטן געדאַנק. ניין, האָט ער באַשלאָסן, דאָס וועט נאָך מער פאַרגרעסערן דעם אומרו. זאָלן זיי איבערשלאָפן די שווערע מינוטן. אפשר וועלן די טריט זיך איינשטילן און ער אַליין וועט אָפּקומען מיט בלויזער שרעק.

משה איז געזעסן אַן איינגעדרייטער מיט אַ צוגעפרעסטן אויער צו דער ערדענער וואַנט פון גרוב. אָט דוכט זיך אים, אַז עמעצער גייט, שטעלט אַריין די שווערע טריט אינעם שניי, דערנענטערט זיך צום איבערדעק פון גרוב, און אָט קומט אים פאָר, אַז דאָס סקריפּען פונעם שניי רוקט זיך איבער טיפער צווישן די ביימער און ער הייבט אָן פרייער אָפּעטעמען. און כאָטש משה האָט שוין נישט געהערט די טריט איבער זיין קאָפּ, האָט ער געפילט, אַז דער פחד האָט אים נאָך נישט פאַרלאָזן. ער האָט זיך אין אים אַזוי לאַנג געהאַלטן, ביז דאָס האַרץ האָט אין אים אָנגעהויבן לויפן געלאַסענער, מיט דער מאָס פון געוווינשאַפט אין הפקרדיקן לעבן.

ווען די ברידער האָבן זיך אויפגעוועקט האָט משה זיי דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען. יואל און פסח האָבן דאָס געוואָלט אָננעמען פאַר פאַלשע פאָרשטעלונגען, וואָס זענען ביי זיי געוואָרן ווי אַ געוווינהייט. בלויז יאַנקל איז געוואָרן אומרויִק און אָנגעהויבן

טראַכטן וואָס מ׳דאַרף ווייטער טאָן אויב רוצחים זענען געפאַלן אויף זייערע שפורן.

— דאָס אָרט, ווו מיר האָבן נעכטן געבראָטן די קאַרטאָפל, איז גוט פאַרשאָטן געוואָרן מיט שניי ? — האָט יואל געפרעגט.

— יאָ — האָט פסח פאַרזיכערט — איך האָב גוט נאָכגעזען. אויך די טריט צום גרוב זענען פאַרווישט געוואָרן מיטן צווייג.

— איך וועל פרוון דערקענען איבערן שניי אויב ס׳איז ווער דאָ געגאַנגען — האָט יאַנקל געזאָגט און זיך געשאַרט צום עק פון גרוב.

שוין נישט דאָס ערשטע מאָל ווי די ברידער האָבן געפילט אַזאַ שטעכיקע קעלט, אָבער אין יענעם טאָג האָט דער פראָסט אויס־געזען אַנדערש ווי אַלע מאָל. די ביימער אין וואַלד זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעבויגענע ווייסע קעפּ, מיט אייז־באַדעקטע צווייגן, ווי צונויפגעפלאָכטענע הענט, וואָס זוכן צווישן זיך אַ ביסעלע וואַ־רעמקייט.

גרויסע שוואַרצע וואָראָנעס זענען געפלויגן אין טשאַטעס מיט צעוויגטע פליגל. זיי האָבן געלאָקט מיט אַ שאַרפן רויב־בליק אַראָפּ צו די ביימער. פון זייערער שפּיציק־פאַרקרומטע שנאָבלען האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ הייזעריק קראַקעניש, וואָס האָט אָפּגעהילכט איבער דער לענג און ברייט פון וואַלד און איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם ווייטן גראָען נעפּל.

דער גראָ־פראָסטיקער טאָג האָט זיך געוויקלט צווישן די ביימער מיט בלאַסן אָטעם פון דעם ווייסן שניי־אָנשיט. ערגעץ ווייט איז געלעגן דער דעמבענער וואַלדבערג פאַרשטעקט אין ווייס־בלאָע שניי־בערגער. פון דער געדיכטער וואַלד־טיפעניש זענען אָנגעלאָפן צעשפּרונגענע האָזן מיט אָנגעשפּיצטן געהער אין די לאַנג־אויסגע־צויגענע אויערן, זייערע אויגן־שפּאַלטן ברייט־צעעפנט פון מורא און פאַרזיכטיקייט.

איבער די ווייסע פליינען האָבן זיך אויפגעהויבן פון די הויכע סאָסנעביימער גראָע פייגל, מיט אַ פריילעכן געצוויטשער זיך צונויפּ־

געזאַמלט אין געדיכטע טשאַטעס און זיך אַוועקגעטראָגן אונטערן גראָען הימל ערגעץ ווייט, צו די פּראַסטיקע וואַלדראַנדן.

די ברידער האָבן צוריק דערפילט יאַנקלס אָטעם. זיי האָבן אויסגעהערט זיינע רייד וועגן וואַלד און זיין פּראַסטיקער שטילקייט און קיין איין וואָרט נישט וועגן עפּעס צייכנס פון טריט איבערן שניי אַרום דער באַהעלטעניש.

פּסח האָט אַ געגעץ געטאָן און געזאָגט:

— מען דאַרף אַרויס פון גרוב, אָנצינדן אַ פייער איידער דאָס ביסל קאַרטאָפל מיט די בורעקעס ווערן געפרוירן אין די זעקלעך.

— און איך בין קעגן דעם, אַז מיר זאָלן איצט אַרויס — האָט משה מיט עקשנות זיך אָנגערופן.

פּסח האָט געפּרוּווט משהן באַרויִקן:

— נישט איין מאָל, איידער איך שלאָף איין, קומט מיר פאָר, אַז איך הער טריט, דערנאָך ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ פאַלשע דאַכטעניש.

— עס קאָן אָבער אויך זיין, אַז עמעצער איז אויף אונדזערע שפּורן — האָט יואל געזאָגט מיט זאָרג — אין די דערפער זענען פאַראַן פּויערים, וואָס וויסן, אַז מיר געפינען זיך אין וואַלד.

— לאָזט אָפּ מיט אייערע איינרעדענישן — האָט פּסח מיט זיכערקייט זיך ווידער אָנגערופן — אין אַזאַ וועטער האָבן די כלאָפּעס ליב צו זיצן אין די וואַרעמע כאַטעס.

יאַנקל איז געווען אין אַן אַנדער מיינונג:

— אַ רוצח וואַרט נישט ביז די זון שיינט אויף. ער מאַכט זיין שטיקל אַרבעט ווען קיינער קוקט אים נישט נאָך. פאַר אים איז גוט די נאַכט, דער פראָסט, דער וואַלד.

יואל האָט גענומען ערנסט משהס חשד. ער האָט געהייסן די ברידער זיך אַריינרוקן טיפער אין גרוב און נישט רעדן קיין וואָרט. אַליין האָט ער פאַרצויגן אַ שטיק זאַק איבערן קאָפּ און זיך צוגעשאַרט צום אַרויסגאַנג. נאָך אַ פּאָר מינוט האָט ער זיך צוריקגעצויגן און געזאָגט די ברידער דורך די האַנטפלאַכן אַרום זיין מויל:

— נישט ווייט פון דאַגען דרייט זיך ווער אַרום אין אַן איבער־געדרייטן פעלץ. ער זוכט עפּעס מיט אַ שטעקן איבערן שניי.

יואל איז שנעל געקומען צו זיך און געזאָגט שטיל און שנעל:

— עפּנט די מעסערס... האַלט זיי פעסט...

די ברידער זענען געזעסן אָנגעשפּאַנט און געוואַרט. אונטער דער ערד האָבן זיך געהערט די אָפּגרילצן פון סקריפּענדיקע טריט אין שניי אין אַ רונדן קרייז אַרום בוים. נאָך יעדע פּאָר טריט האָט אַ שפּיץ פון אַ שטעקן געשטאָכן די געפרוירענע ערד. די קרייזן אַרום בוים האָבן אַלץ מער זיך פאַרקלענערט. יואל, דער אויסגעדינטער סאָלדאַט, האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו זיינע ברידער און געגעבן באַפעלן:

— ווי ער שטעלט נאָר אַ פוס איבערן צודעק שלעפּט אים באַלד אַריין אין גרוב, כאַפּט אים פאַר די הענט און פיס, און איך וועל פאַרציִען איבער זיין קאָפּ אַ זאַק, איר האָט געהערט?

— יאָ, געהערט.

באַלד האָט יואל ווידער אַריינגערעדט די ברידער אין די אויערן:

— אויב ער וועט געפינען די באַהעלטעניש, רירט זיך נישט, ביז דער צודעק וועט זיך אונטערהייבן. דאַן שפּרינג איך אַרויס און איר נאָך מיר — ער זאָל בלייבן אַרומגערינגלט. איר האָט געהערט?

— יאָ, געהערט.

פון אַ דערנעבענדיקן בוים האָט עפּעס אַ פאַל געטאָן צו דער ערד. באַלד נאָך דעם האָט זיך געהערט אַ גערויש איבער די צווייגן. דאָס ווילדע געשטאַלט האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים און אַרויפגע־קוקט צו דיביימער. אַ וועווערקע האָט דאָרט שנעל זיך געדראַפּעט צווישן די געדיכטע צווייגן.

דאָס געשטאַלט האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַריינגע־שטעקט אונטערן שטריק די אַרויסגעכאַפּטע האַק און ווידער גענומען מעסטן מיט די אויגן די טריט פון דעם אָרט, ווו עס איז געבליבן ליגן איבערן שניי דער שטעקן.

איבער דער פאַרשנייטער שטילקייט איז זיך צעגאַנגען אַ

טעמפּער אָפּהילך, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן דאָ אַהער און באַלד איז ווידער שטיל געוואָרן, בלויז אַ רויך, ווי פון אַ שייטער, האָט פונאַנ־דערגעשפּרייט איבערן וואַלד אַ ביטערן בראַנדגערוך. די נאָזלעכער פון דעם געשטאַלט האָבן דערשמעקט, אַז דאָרט ערגעץ, פון וואַנען דער רויך האָט זיך אָנגעטראָגן, געפינען זיך די יידן, וואָס ער זוכט.ביים שייטער בראָטן זיי זיכער די אָנגעגנבעטע קאַרטאָפל, ער דאַרף נאָר אויסשמעקן פון וואַנען דער רויך ציט זיך און צוקריגן זיך אַהין מיט שטילע טריט.

צווישן די געדיכטע ביימער און קוסטעס האָט דאָס האָריקע געשטאַלט אָנגעהויבן שפּאַנען טיפער אין וואַלד אַריין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געשמעקט די לופט, און וואָס ווייטער ער איז גע־גאַנגען, אַלץ שאַרפער האָבן זיינע נאָזלעכער דערפילט דעם רויך, וואָס דער ווינט האָט פון ערגעץ אָנגעטראָגן.

ס׳איז שוין זיכער נישט וויט, האָט ער געטראַכט, צו דעם אָרט ווו די זשידעס וואָרעמען זיך ביים פייער. געוואָלט האָט ער מיט זיך נעמען זיין הונט, שוין געהאַט אים אַרויסגעלאָזט פון דער בודע. באַלד האָט ער זיך באַרעכנט, אַז אין וואַלד געפינען אַ ייד איז גלייכער אַליין, מיט די אייגענע אויגן, מיטן פויערישן שכל, וואָס ווייסט צו דערקענען אַ סימן פון טריט, אַ קלאַנג, אַ גערויש.

דאָס האָריקע געשטאַלט האָט זיך געשלייכט צווישן די ביימער. זיינע הענט און פיס האָבן זיך געריסן צווישן די געדיכטע צווייגן, וואָס האָבן אים געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, מיט עקשנות און אומ־געדולד האָט ער זיך געשטופּט דורך אייז־באַדעקטע צווייגן, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אין די האָר פון פעלץ. אַ שוים האָט זיך אָנגעזעצט אין די ווינקלען פון זיין אויסגעקרימטן מויל. אַלע גלידער האָבן זיך אונטערגעגעבן דער כוואַליע פון צאָרן, וואָס האָט גע־שטראָמט פונעם רויטן פּנים. אַ ווילדער אָנשטרענג האָט דאָס געשטאַלט אַריינגעשליידערט אין אַ פרייען שטח מיט פּיעניעס פון אויסגעהאַקטע ביימער.

ס׳האָט גענומען אַ ווײַלע, ביז דאָס האָריקע געשטאַלט האָט

באַנומען ווו ער געפינט זיך. דאָס בילד, וואָס ער האָט זיך פאַר־געשטעלט וועגן יידן וואָס וועלן נישט באַווייזן צו אַנטלויפן פון זיין האַק, האָט זיך פלוצלינג פאַרביטן אויף אַ פערד איינגעשפאַנט אין אַ שליטן האַלץ. אַ פויער אין טיפע שטיוול האָט פאַרענדיקט איינ־ציען די שטריק, וואָס ער האָט פאַרוואָרפן איבערן האַלץ אין שליטן, אַראָפּגעצויגן די שמאָטע פון פערדס רוקן, אַ גלעט געטאָן איבער זיין גריווע און גענומען זיך גרייטן רירן פון אָרט. אַ הונט מיט דער צונג אין דרויסן האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך די אָנגעזעצטע שניי־ברעקלעך אויף זיינע האָר. אומגעריכט האָט דער הונט זיך אַ דריי געטאָן און אָנגעהויבן שטאַרק בילן צו דער זייט ווו דאָס האַריקע געשטאַלט האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון צווישן דיביימער. דער הונט האָט זיך צוריקגעצויגן מיט די הינטערשטע פיס און נישט אויפ־געהערט בילן.

— זאָל געלויבט זיין!

— זאָל געלויבט זיין! — האָט אָפּגעענטפערט דער פויער לעבן שליטן — ווי גאָט איז מיר ליב! ביז איך האָב דערקענט אַז דאָס איז גזשעגאָזש, האָב איך געמיינט אַז עפּעס אַ חיה שפּרינגט מיר אַנטקעגן. וואָס טוט איר היינט אין וואַלד אָן פערד־און־שליטן?

— פּאַניע מיעטשעסלאַוויע, איר זענט געקומען מיט אייער האַק אונטערהאַקן די ביימער, און איך בין געקומען מיט מיין האַק אונ־טערהאַקן די פיס פון די יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אין וואַלד.

— אַ נאַרישקייט היינט צו זוכן יידן אין וואַלד. וואַרט ביז דער שניי וועט לאָזן, די ערד וועט זיך אָנזאַפּן מיט נאַסקייט, דעמאָלט וועלן די יידישע שטשורעס אַרויסקריכן פון די לעכער.

גזשעגאָזש האָט אַ וויש געטאָן מיטן פעלצענעם אַרבל איבער זיין צעהיצטן פנים און געזאָגט מיט פאַרוואורף:

— אייך, זעט אויס, גייט גאָרנישט אָן אַז דאָ דרייען זיך אַרום יידן.

— עט — האָט דער פויער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט —

ס׳איז דאָ אַחוץ מיר ווער עס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט די פּאָר פֿאַר־בליבענע יידן.

— איך וויל זיך אויף קיינעם נישט פֿאַרלאָזן. די אַרבעט וועל איך אַליין מאַכן. נישט היינט איז מאָרגן.

— נו, געווּג מיט די יידן, אַ שאָד די צייט. דער טאָג איז אַ קורצער, מ׳דאַרף אָנהייבן זיך לאָזן צוריק אין דאָרף אַריין.

ביידע פּויערים האָבן זיך געזעגנט צי׳ענדיק די היטלען, דער מיטן שליטן האָט געטריבן דאָס פֿערד צום שליאַך, און דער מיטן איבערגעדרייטן פּעלץ איז פֿאַרשווּנדן צווישן דיביימער. גייענדיק אין די פּוסטריט ווו ער איז פֿרי׳ער געגאַנגען, האָט זיין אַראָפּגע־לאָזענער קאָפּ געטראַכט: נעכטן ביי נאַכט, ווען ער איז געזעסן אין דער „ספּולקע״, האָבן פּויערים צווישן זיך געשמועסט וועגן די עטלעכע יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אין וואַלד. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוווּסט אַנצוּרופֿן זיי ביי די נעמען, געווען אַפילו איינער, און דווקא זיין נאָענטסטער שכן, וואָס האָט געפּרוּווט מיט אַ וואָרט אויסדריקן מיטלייד פֿאַר זייער גורל. דאָס האָט גזשעגאָזשן אַזוי אויפֿגערעגט, אַז ער האָט יענעם איבערגעריסן די רייד און אַלע האָבן אים געגעבן גערעכט. און באַלד האָט ער פֿאָרגעלייגט אַ פּלאַן, אַז מאָרגן באַגינען זאָלן די פּויערים זיך צונויפֿזאַמלען ביי זיין כאַטע און צוזאַמען מיט די הינט זיך לאָזן אויף יאַגד נאָך די יידן. אָבער די פּויערים האָבן זיך אויסגעלאַכט: „וואָס ווען מיר האָבן פֿון די פּאָר פֿאַרלייזיקטע יידן? און איך אַזאַ פּראָסט? זאָל זיי דער טייוול נעמען״. גזשעגאָזש האָט דאָס נישט געוואָלט אָפּלייגן, אָבער דעם פּלאַן איז אים נישט געלונגען אויסצופֿירן. גזשעגאָזש האָט באַשלאָסן קיינעם אין דאָרף נישט צו דערציילן וועגן זיין דורכפֿאַל. ער וועט צוואַרטן ביז דער שניי וועט לאָזן און די ערד אַרום יענעם בוים וועט בלייבן אָפּגעדעקט...

קאַפּיטל ניין

קיין דייטשלאַנד

אַ הילכער האָט אויפגעוועקט פון שלאָף און גערופן זיך אויס־שטעלן מיט די באַגאַזשן אין לאַנגן קאָרידאָר. ביים אַרויסגאַנג צו די טרעפּ האָט יעדער באַקומען צוגעטיילט ברויט, מאַרמאַלאַדע, ווורשט, און לויט דעם נאָמען און נומער — אויסגעפּילטע בויגנס פּאַפּיר ווי אַ צייגעניש פאַר דער רייזע קיין דייטשלאַנד.

אַ קאַלטער פרימאָרגן. עס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן שאַר:ען אויף טאָג. אַ פּראָסטיק ווינטל האָט געבלאָזן צווישן די זעקסשטאָ־קיקע ווענט פון די הייזער־בלאָקן אויף סקאַרישעווסקאַ 4. אַ פאַר־נעפּלטער הימל איז געהאָנגען איבערן פּירקאַנטיקן פּלאַץ, אַן אַרומ־געצוימטער מיט נאַקעטע ווענט, ווי אַ געשלאָסענער קאַסטן מיט אַ שמאָלן אַרויסגאַנג. אויפן פּלאַץ האָבן זיך אויסגעשטעלט לאַנגע רייען, פון איין זייט פרויען און פון דער צווייטער זייט מענער, און אין דער מיט די אָרדנער, וואָס האָבן געזאָרגט, אַז די רייען זאָלן זיין אויסגעשטעלט גלייך, ווי צו אַ מיליטערישן פּאַראַד.

סטאַשיאַ איז געשטאַנען אין איין ריי, צוזאַמען מיט איר נייער באַקאַנטע יאַשאַ פון סקערניעוויץ. יאַשאַ איז געווען אַ געשטראָפטע פון דער נאַטור מיט איר אויסזען: אַ דיקע, מיט גראָבע פיס פאַר־שטעקטע אין הויך־געשנורעוועטע שיך. בלויז איר געשטופּלט פּנים מיט די גראָבע ליפּן איז געווען אָפּגעדעקט. קאָן זיין, אַז יאַשאַ האָט זיך געפילט פאַרשטויסן, דערפאַר איז זי שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון סטאַשיאַס דערנענטערן זיך צו איר. וואָס סטאַשיאַ האָט צו איר אַרויסגערעדט, איז זי באַלד געווען נאָכגיביק און איינשטימיק. ביי סטאַשיאַן האָט אַזאַ אויפפירונג אַרויסגערופן אַ ווידערווילן, זי

האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז יאַשאַ איז אַ מיידל מיט רויע אינס־טינקטן, אַ געשלאָגענע פון לעבן, און זי מוז צו איר אַרויסווייזן איינגעהאַלטנקייט און געדולד.

— פאַר וואָס רייסטו שוין שטיקער פונעם ברויט? וואָס וועסטו עסן שפּעטער אין לאַנגן וועג?

— וואָס קאָן איך מאַכן, אַז איך בין אַזוי שטאַרק הונגעריק — האָט יאַשאַ זיך פאַרענטפערט צופינטלענדיק מיט די אויגן.

— דו מוזט זיך איינהאַלטן! האָסט געהערט? פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט אין דער פרעמד.

יאַשאַ האָט שנעל פאַרמאַכט די ליפּן, אַ וויש געטאָן מיטן אַרבל איבערן מויל און געבליבן שטיין מיט אַן אַנגעלאָפן פּנים.

— שלינג אַראָפּ וואָס דו האָסט אין מויל און שטעל זיך גלייך!

סטאַשיאַ האָט איבערגעריסן די רייד. די רייען פאַר זיי האָבן גערירט צום שמאָלן אַרויסגאַנג. זיי זענען אַריין צווישן באַוואָפנטע פּאָליציי־לייט, וואָס האָבן פוןביידע זייטן באַגלייט די מאַרשירנ־דיקע ביז צו דער באַן.

אין וואַגאָן האָט סטאַשיאַ פאַרנומען אַן אָרט ביים פענצטער, לעבן איר האָט יאַשאַ זיך אַוועקגעזעצט. מיט די אַנדערע מיידלעך אין וואַגאָן איז סטאַשיאַ באַלד געוואָרן היימיש, ווי זיי וואָלטן זיך שוין לאַנג געקענט. נאָך איידער די באַן האָט גערירט האָט שוין יעדע איינע געהאַט אויסדערציילט פאַר סטאַשיאַן איר געשיכטע, ווי אַזוי זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן אויף צוואַנגסאַרבעט. בלויז איינע האָט גערעדט מיט אַן אַנדער טאָן. זי האָט אַפילו שטאָלצירט דער־מיט וואָס זי פאָרט פרייוויליק קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

די באַן האָט גערירט. דאָס גערויש פון די לויפנדיקע רעדער איבער די רעלסן האָט געזשומעט אין די אויערן. די מיידלעך אין וואַגאָן האָבן אָנגעהויבן רעדן העכער צווישן זיך. פּלוצלינג האָט די „פרייוויליקע" זיך אַ בייזער געטאָן:

— דו שטיק דרעק! מיינסט, איך האָב נישט געהערט וואָס דו האָסט איר אַריינגערעדט אין אויער?

— געוויס פילסטו זיך פאַר אַזעלכע, דערפאַר האָט עס דיר אַ שטאָך געגעבן...

— קורווע וואָס דו ביסט!

— קוויטשע צען מאָל קורווע — איך וועל זיך נישט שעמען. און דו האָסט איין מאָל געהערט, אַז דו ביסט אַ זשידוווקע, ביסטו אויפגעשפרונגען...

— קו־ר־וואַ!

— זש־ידו־וואַ!

אין וואַגאָן האָבן זיך געשאַפן צווייערליי מיינונגען. די איינע האָבן פאַרטיידיקט די „פּרייוויליקע", אָבער די מערהייט האָבן גע־האַלטן מיט די צווייטע. אויך סטאַשיאַ האָט זיך אָנגערופן:

— ס'איז נישט צו גלייבן, אַז צווישן אונדז זאָל זיך קאָנען געפינען אַ זשידוווקע. אַזעלכע קאָן מען לייכט דערקענען: אין די אויגן, אין דער שפּראַך און אין אויסזען.

— האָסט אַ טעות — האָט זיך אָנגערופן אַ צעהיצטע אָנטייל־נעמערין אין שמועס — איך האָב געקענט יידישקעס מיט בלאָנדע האָר, מיט אַ פּערפעקטער פּוילישער שפּראַך און אפילו מיט קורץ־פאַרשניצטע נעזלעך — וואָס צווישן זיי האָב איך אַליין אויסגעזען ווי אַ יידישקע.

— איך ווייס נישט וועגן וועמען דו רעדסט — האָט סטאַשיאַ געוואָלט באַרויקן די געמיטער — אָבער די פרייילין וואָס זיצט דאָ מיט אונדז אין וואַגאָן, איז אַזאַ זשידוווקע ווי דו, אָדער איך. זי פאָרט פּרייוויליק קיין דייטשלאַנד? דאָס איז איר פּריוואַטער ענין, אפשר איז איר שלעכט אין שטוב, אפשר אַנדערע פּערזענלעכע סיבות.

— זי רעדט ריכטיק.

— וואָס דען? אַ יידישקע וואָלט פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ דרייסטקייט?

צום סוף האָט זיך אָנגערופן די, וואָס האָט פּראָוואָצירט די קריגעריי:

— זי האָט שלעכט פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געזאָגט. איך האָב געזאָגט, אַז זי איז אַ יידישע? איך האָב געמיינט, אַז נאָר אַ יידישע קאָן וועלן פרייוויליק פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. פאַר איר פאַסקודנעם אויסדרוק צו מיר האָב איך איר אָפּגעענטפערט מיט אַ נאָך מער געמיינעם וואָרט: זשי־דו־וואַ!

די „פרייוויליקע" האָט מיט אַ געפּיל פון עקל אָפּגעקערט איר בליק, זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן פון דער באַנק און זיך אַוועקגע־שטעלט ביי דער שויב פון דער טיר. זי האָט איינגעבויגן איר פיגור מיטן שטערן צו דער שויב און געבליבן מיט אַן אַרויסגעשטעקטן הינטן אַנטקעגן די אויגן וואָס האָבן איר נאָכגעקוקט.

— זי ווייזט אונדז איר הינטן, מיר קאָנען איר אַנטקעגנשטעלן צען הינטנס...

אַ געלעכטער אין וואַגאָן. אָבער גלייך איז דאָס געלעכטער אי־בערגעהאַקט געוואָרן פון אַ געדיכטער שיסעריי. אַלע האָבן זיך געריסן צו די פענצטער, און באַלד האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די שאָסן זענען געצילט צו די שפּרינגענדיקע ייִנגלעך פון די וואַגאָנען. זיי זענען געפאַלן ווי אָפּגעריסענע שטיקער פון דעם לויפנדיקן צוג.

אָנגעשטרענגטע אויגן זענען די גאַנצע צייט געווען געצילט צו די פענצטער. די מיידלעך האָבן אויפגעכאַפּט דאָס פאַלן פון די שפּרינגענדיקע און באַגלייט מיט אויסגעשרייען:

— אָט דער איז געטראָפן געוואָרן!

— באַזשע! דער איז אויך געפאַלן מיט צענומענע הענט!

— אָרעמע ייִנגלעך...

— דער טייוול זאָל נעמען די מערדער...

סטאַשיאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן, אין דעם מאָמענט איז פאַר איר אויפגעקומען דאָס בילד פון די שפּרינגענדיקע יידן פון די צוגן אויפן וועג קיין טרעבלינקע.

יאַשאַ האָט אַ צי געטאָן סטאַשיאַן ביים אַקסל:

— וויין נישט, כ'האָב מורא.

— איך וויין נישט, איך זאָרג זיך פאַר זיי...

אַ זשאַנדאַר האָט זיך באַוועגט אויף דער דרויסנדיקער זייט. מיט איין האַנט האָט ער פעסט זיך געהאַלטן ביים שטעלן די פאַר־זיכטיקע טריט און די צווייטע האַנט איז געלעגן אויפן ביקסל, וואָס איז נאָכגעהאָנגען פון זיין אַקסל. ער איז אַרויף אויף די טרעפּלעך פון דער טיר און סטאַשיאַ האָט אים דערזען דורכן פענצטער. דער שטאָלענער העלם איז געבליבן שטיין אין דער שויב. איר האַרץ האָט אָנגעהויבן האַסטיק לויפן. זי האָט פרייער אָפּגעעטעמט ווען דער זשאַנדאַרסקער העלם האָט זיך אָפּגערוקט פונעם פענצטער...

דער צוג האָט אָנגעהויבן האַמעווען זיין געלויף, ביז ער איז שטיין געבליבן אויף אַ קליינער סטאַציע.

די מיידלעך און די בחורים זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין באַזונדערע לאַגערן, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון דער באַנסטאַציע. סטאַשיאַ איז געוואָרן אָפּגעטיילט פון אירע ביז איצ־טיקע באַקאַנטע. סטאַשיאַ האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אומקוקן ווו און מיט וועמען זי געפינט זיך, האָבן שוין ציוויל־געקליידטע מענער, אין באַגלייטונג פון זשאַנדאַרן, גערופן אַרויסגיין אויפן ליידיקן פּלאַץ, ווו אין אַ רונדן קרייז האָבן זיך אויסגעשטעלט מאַסן מיידלעך. אַ צי־ווילער מענטש איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ קאַסטן און אָנגעהויבן רעדן דורך אַ הילכער:

— פוילישע מיידלעך! איר פאָרט קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט, ווו איר וועט געפינען פאַר זיך גוטע באַדינגונגען און באַקוועמע וווינונגס־פּלעצער. איר וועט איבערלעבן די מלחמה־צייט אין דייטשלאַנד מיט ווייניקער זאָרגן ווי אין פוילן. דער ציל פון דעם אַפּעל איז נישט בלויז די פּאָר ווערטער, וואָס איך האָב צו אייך גערעדט. אונדזער כוונה איז אַפּעלירן צו אייער ריין פויליש געוויסן, איר זאָלט ווי עכטע קאַטוילישע טעכטער צו וויסן טאָן דער מאַכט וועגן יעדן חשד, וואָס איר וועט געפינען אויף אַ מיידל, וואָס וועט אייך אויסזען ווי אַ יידישקע. מיר האָבן שוין געכאַפּט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַריינבאַקומען ווי מייז צווישן די פוילישע מיידלעך. העלפט אונדז אויסרייניקן די יידישע פּעסט אויב איר ווילט האָבן

צווישן זיך אַ רויִק לעבן אין דייטשלאַנד. איך אַפּעליר צו אייער קריסטלעכן גלויבן, זוכט אויס די יידישקעס און גיט זיי איבער אין די הענט פון דער מאַכט. געפינען זיך צווישן אייך אַזעלכע?

— נישטאָ קיין יידישקעס! — האָבן זיך דערהערט אָפּרופן.

דער מאַן האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אין דער אַנדערער זייט און איבערגעחזרט די זעלבע פראַגע:

— געפינען זיך צווישן אייך יידישקעס?

— די זשידוווקעס ליגן שוין אין דער ערד!

דער ענטפער מיט אַ קוויטשענדיק קול איז געוואָרן באַגלייט מיט אַ הילכיק געלעכטער.

נאָך אַ קורצן שטילשווייגן האָט דער מאַן פאַרענדיקט דעם אַפּעל מיט אַזעלכע ווערטער:

— פּוילישע מיידלעך! נאָך אייער רייזע וועט איר ווערן סטאַבילע איינוווינער אויף איין אָרט. לעבנדיק צווישן זיך וועט איר האָבן די מעגלעכקייט צו דערלערנען איינע די צווייטע. ערשט דאַן, אויב עס געפינען זיך דאָך צווישן אייך יידישקעס, וועט איר זיי קאָנען פאַנגען ווי מייז אין אַ פּאַסטקע...

צוריק אין באַראַק. לאַנגע רייען האָבן זיך אויסגעשטעלט אַנטקעגן די באַאַמטע ביי צונויפגערוקטע טישן, ווו עס זענען קאָנטראָלירט געוואָרן די דאָקומענטן. סטאַשיאַ האָט זיך געשטעלט צווישן די לעצטע אין דער ריי, בכדי צו קאָנען פאַר זיך אָבסערווירן דעם אויסזען פון די מיידלעך, אויפכאַפּן די געשפּרעכן. ווען זי איז אַליין געבליבן האָט סטאַשיאַ פאַרשטאַנען, אַז זי טאָר נישט בלייבן אָפּגעזונדערט. דאָס וואָלט געהייסן זיך אויסשטעלן אויף חשד באַלד נאָך די רייד פון געהיים־אַגענט.

— צום טייוול! שוין ווידער מיט די פּאַפּירן...

— מיר זענען פאַר זיי אַ סטאַציע מיט נומערן...

איינע, וואָס איז צוריקגעגאַנגען פון דער קאָנטראָל, האָט דערציילט, אַז דאָס מאָל שטעלן זיי נאַרישע פראַגן און קוקן גלייך אין די אויגן אַריין.

סטאַשיאַ האָט דאָס קורצע געשפּרעך אויסגעהערט מיט האַרץ־קלאַפּעניש, אָבער בלייבן שטיל, אָן אַ וואָרט, האָט זי נישט געטאָרט:

— מיר געפינען זיך ביי דער דייטשישער גרענעץ, זוכן זיי, ווער ווייסט וואָס...

— וואָס קאָנען זיי זוכן ביי אונדז אַחוץ שפּיאָנען, פאַלשע פּאַפּירן, יידישע פּנימער...

— אַז זיי כאַפּן פאַלשע פּאַפּירן, געפינען זיי באַלד אַ שפּיאָן אָדער אַ ייד.

— און ווו איז דאָס יידישע פּנים?

— דאָס איז צום שווערסטן צו דערגיין.

— פאַר וואָס?

— ווייל מיט אַ יידיש פּנים וועט אַ זשידוווקע נישט וואַגן קומען צו אונדז.

— וואָס מיינט דאָס אַ יידיש פּנים?

— אַ יידיש פּנים? דאָס מיינט: יידישע האָר, יידישע אויגן, אַ יידיש מויל.

— אויב אַזוי, געפינען זיך צווישן אונדז די מערהייט יידישקעס.

— זי איז גערעכט, ווי גאָט איז מיר ליב — האָט איינע פון אַ זייטיקער ריי זיך אָנגערופן נאָך סטאַשיאַס באַמערקונג.

— פאַרלאָזט זיך אויף זיי, די געהיים־אַגענטן. זיי זענען ספּעצ־יאַליזירט אַריינצודרינגען אין האַרץ און פון דאָרט אַרויסציִען די יידישע נשמה.

סטאַשיאַ האָט אַ קוק געטאָן פאַרויס מיט אַ צעשוווּמענעם בליק. פּאַמעלעך האָט זי זיך דערנענטערט צום טישל ווו עס איז געזעסן אַ יונגער מאַן און לעבן אים אַ פּרוי איבער לאַנגע בויגנס פּאַפּיר, אין וועלכע זי האָט פאַרצייכנט ביים אויסרופן די נעמען. סטאַשיאַ האָט זיך פאַרהאַלטן ביי דעם טישל אַנטקעגן דעם מאַן, וואָס האָט איבערגעטראָגן זיינע בליקן פון דאָקומענט אויף איר פּנים.

— איך זע, פריילין סטאַשיאַ, אַז איר פאָרט קיין דייטשלאַנד אַ צופרידענע...

— דאָס וואָלט איך נישט געזאָגט.

— אַזוי פאַרשטיי איך פון אייער צופרידן פּנים.

— איך בין צופרידן, וואָס איך האָב געענדיקט שטיין אין דער ריי...

— אַזוי גאָר! און איך האָב געמיינט...

אומקערנדיק זיך פון טישל האָט סטאַשיאַ אַ כאַפּ געטאָן אונטער דער האַנט איינע פון די מיידלעך, אירענאַ, אַ בלאָנדע, וואָס האָט פריִער בלויז זיך איינגעהערט צום שמועס, צוגעשמייכלט און באַהאַלטן אין זיך איר מיינונג. סטאַשיאַ איז געגאַנגען מיט איר לענג־אויס דעם באַראַק, געוואָרפן באַהאַלטענע בליקן אויף די פאַרזאַמלטע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום זייערע באַגאַזשן, ווי אין אַ וואָקזאַל פאַרן אָנקומען פון זייער באַן. סטאַשיאַ האָט נישט אַדורכגעלאָזט מיט איר בליק קיינעמען פון די, וואָס זענען איר אַנטקעגנגעקומען.

אירענאַ — אַ שלאַנקע מיט אַ וויגנדיקן גאַנג, אַ העל פּנים און האָר פונאַנדערגעקעמטע אויף צוויי העלפטן, פאַרנומען אויף הינטן אין אַ רונדן גרעק, מיט אַ ביינערנע שפּילקע פאַרפעסטיקט. זי איז געגאַנגען מיט דראָבנע טריטלעך, ווי אויף אַ שפּאַציר אין דער היים. די גאַנצע צייט ביים שטיין אין דער ריי האָט זי זיך געהאַלטן שטיל, אָבער מיט סטאַשיאַן האָט זי געהאַט חשק צו רעדן און חוזק מאַכן פון די מיידלעך, וואָס האָבן אַזוי ליב צו פילאָזאָפירן וועגן די זשידוווקעס, ווי זי וואָלטן אין זייער לעבן קיין מער אינטערעסאַנטס נישט געקענט.

סטאַשיאַ האָט מילד באַמערקט:

— מען דאַרף זיי פאַרשטיין. די מיידלעך האָבן, זעט אויס, לאַנג געלעבט מיט יידן צוזאַמען, און איצט, אַז מען צעוועקט זייער זכרון, רעדן זיי, יעדע — ווי זי פאַרשטייט און קען.

— פאַר מיר — האָט אירענאַ זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט — איז עס אַ פּאַסקודנע טעמע. איך אַנטלויף פון דעם.

סטאַשיאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף אירענאַ:

— איך אַנטלויף נישט פון דער טעמע, אָבער זי רופט ביי מיר נישט אַרויס קיין באַזונדערן אינטערעס...

— דאָס זענען פּראָסטע מיידן. איך האָב זיי באַקענט אויף סקאַרישעווסקאַ 4. קיין בעסערע געזעלשאַפט האָב איך דאָרט נישט געפונען.

— איך בין דווקא געווען מיט בעסערע מיידלעך, האָט מען מיך פון זיי צעטיילט.

— טאָ בלייב זשע מיט אונדז.

— גוט — האָט סטאַשיאַ איינגעשטימט.

אירענאַ האָט סטאַשיאַן אָנגעוויזן דאָס אָרט, ווו עס געפינען זיך אירע זאַכן און איינגעלאַדן סטאַשיאַן צוריקצוקומען אַהין.

סטאַשיאַ איז אַוועק אין דער ריכטונג צום וואַשרוים, האָט פּאַמעלעך געעפנט דעם קראַן, באַנעצט איר פּנים מיט די האָר און גענומען זיי פאַרקעמען טראַכטנדיק:

ווער קאָן זי זיין, די קליינע אין שוואַרצן, וואָס האָט זיך פאַר אירע אויגן אַ פּאָר מאָל באַוויזן און מיט שנעלע טריט פאַרשוונדן? צוויי מאָל האָט זי זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אירע בליקן און יענע האָט שנעל אַוועקגעדרייט דאָס פּנים. דאָס ערשטע מאָל האָט יענע אַפילו נישט באַמערקט ווי זי אָבסערווירט זי, אַזוי, אַז סטאַשיאַ האָט אין איר דמיון געקאָנט צוזאַמענשטעלן דעם אויסזען פון דער געשטאַלט: אַ נידעריקע, אין שוואַרצע קליידער, מיט פלינקע באַ־וועגונגען, מיט אַ שטאָלץ פאַררייסן בלאָנד קעפל, מיט געשלאָסענע ליפּן אונטערן קורצן נעזל. אָן אמתע שיקסע, און דאָך פאַרד'עכטיקט אין סטאַשיאַס אויגן.

יאָ, דאָס איז זי! סטאַשיאַ האָט אַזש אַ צאַפּל געטאָן, דער־מאָנענדיק זיך איר נאָמען, אָפּשטאַמונג, איר פריִערדיקן אויסזען און אַפילו די נעמען פון איר טאַטע־מאַמע. פאַר וואָס האָט זי מורא פאַר מיר? האָבן איר געשראָקן מיינע שאַטינע האָר? זי ווייסט, אַז איך שפּיל שוין לענגער פאַר איר מיין קריסטלעכע ראָל, האָב שוין מער

דערפּאַרונג און זי איז דאָך ייִנגער — פאַר וואָס זוכט זי נישט קיין הילף ביי מיר?

הינטער סטאַשיאַן האָט עמעצער געוואַרט צו דער וואַש־שיסל. זי האָט שנעל פאַרענדיקט דאָס קעמען, אָפּגעווישט די וואַסער־טראָפּנס פון מאַנטל און אָפּגעטראָטן איר אָרט. גייענדיק צו אירענאַ האָט זי געטראַכט: קוים באַגעגנט זי ווידער די בלאָנדע אין שוואַרצן, וועט זי איר אויסמיידן. אויב יענער פאַרפאַלגט כסדר דאָס געפיל פון פּחד, איז בעסער מיט אַזעלכע נישט זיין צוזאַמען...

— סטאַשיאַ, מ׳דאַרף פאַרנעמען אַ בעט. מיר וועלן דאָ דאַרפן נעכטיקן. ערשט מאָרגן פאָרן מיר אָפּ קיין דייטשלאַנד.

— לאָמיר גיין.

אירענאַ האָט זיך אומגעקוקט, זי האָט געזוכט אירע באַקאַנטע מיידלעך. בלויז איינע האָט זי דערזען, איר געוויזן מיט דער האַנט צו דער זייט ווו זי איז אַוועק מיט סטאַשיאַן.

אירענאַ האָט דערהערט רופן איר נאָמען, זי האָט מיט אַ האַנט־צייכן אָנגעוויזן דאָס אָרט פון איר בעט, ווו זי האָט זיך שוין גע־פונען — אונטער סטאַשיאַס אויבערשטן שטאָק. די מיידלעך האָבן איר געמאַכט פאָרווורפן צוליב דעם, וואָס זי האָט אויף זיי נישט געוואַרט.

— האָסט שוין געפונען אַ בעסערע קאָלעזשאַנקע?

— סטאַשיאַ רעדט שענער פאַר אונדז?

— זאָל זי זיין מיט איר. וואָס אַרט דיך?

סטאַשיאַ האָט מיט אַ שמייכל אַראָפּגעקוקט פון אויבערשטן בעט:

— מיידלעך, זייט נישט אייפערזיכטיק, איך טראָג נישט קיין מענער־הויזן.

אירענאַ האָט צוגעגעבן:

— איך האָב נישט געוווּסט אַז איך בין פאַר אייך אַזוי וויכטיק.

— מיידן, בלייבט שטילער! ס׳איז דאָ גענוג טומל אָן אייערע קוויטשערייען.

אירענאַ האָט איינגעלייגט אירע זאַכן, פאַרמאַכט דאָס רענצל און אויפגעהויבן דאָס פּנים צו סטאַשיאַס בעט:

— סטאַשיאַ, האָסט דאָך עפּעס גאָרנישט קיין זאַכן, ווי דו וואָלסט זיך געגרייט גיין ערגעץ אויף אַ קורצן וויזיט.

— דו, אירענאַ, קומסט פון דער היים, און מיך, ווי איך האָב דיר שוין דערציילט, האָט מען פאַרכאַפּט אין גאַס.

אירענאַ האָט זיך אַנטשולדיקט צוליבן פאַרגעסן און געשאָקלט דעם קאָפּ מיט באַדויערן.

אין באַראַק האָט דער טומל זיך פאַרגרעסערט. מיידלעך האָבן צו ערשט פאַרנומען בעטן און דערנאָך זיך איבערגעטראָגן צו אַנדערע ווו זיי האָבן אָפּגעפונען באַקוועמערע ערטער. אַנדערע האָבן זיך געשלעפּט מיט די פּעקלעך צו אָפּגעזוכטע באַקאַנטע, וואָס זענען זיי פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג. צוויי מיידלעך האָבן זיך געאַמפּערט צוליב פאַרטוישטע וואַליזקעס. דער רעש האָט זיך אַזוי פאַרצויגן ביז עס זענען אָנגעקומען זשאַנדאַרן באַגלייט פון ציווילע אָרדנער.

אירענאַ האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און איינגעדרעמלט. אויך סטאַשיאַ האָט זיך אויסגעצויגן, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער אונטערגעשטעלטער האַנט. אין באַראַק האָט זיך איינגעשטעלט אַ ביסל אָרדענונג. סטאַשיאַ האָט פון דעם אויבערשטן בעט אָבסערווירט די באַוועגונג. אירע אויגן האָבן אויפגעכאַפּט פאַרשידענע געשטאַלטן און אָפּגעריסענע זאַצן פון געשפּרעכן.

צווישן די געשטאַלטן, וואָס זענען פאַרביי, האָט זי אויפגעכאַפּט דריי, וועלכע זי האָט שוין פון אירע בליקן נישט אַרויסגעלאָזט. דאָס זענען געווען: איינע, אַ נידעריקע, מיט אַ געלן קאָפּ האָר און פאַררונדיקטן פּנימל. זי האָט זיך פריי און דרייסט באַוועגט. אַט די נידעריקע האָט זיך געהאַלטן נאָענט מיט אַ פריילין פון אַ קעגנזעצלעכן אויסזען: אַ העכערע, אַ שלאַנקע, מיט אַ טונקעלן קאָפּ האָר און אַן איינגעהאַלטענע אין רעדן. זי האָט אויסגעוויזן צו זיין פאַרזיכטיק און געשפּאַנט.

די דריטע: אַ מיטליאָריקע פרוי, פאַרקעמט מיט אַ שרינט אין דער מיט פון איר קורצן קאָפּ האָר. אַ פּאָר טיפע אויגן האָבן מיט זאָרג אַרויסגעקוקט פון שמאָלן פּנים.

סטאַשיאַ איז געלעגן ווי פאַרשטיינערט. בלויז אירע אויגן האָבן זיך באַוועגט מיטן גאַנג פון די געשטאַלטן, זיי באַגלייט ביז צום סוף פון באַראַק און אָפּגעוואַרט ביז זיי האָבן זיך געדאַרפט צוריק־קערן מיט די פּנימער אַנטקעגן אירע אויגן. וואָס מער זי האָט זיך אין זיי איינגעקוקט, אַלץ מער איז געוואַקסן איר שפּאַנונג, געלאָקט און באַאומרויִקט.

טיף אין באַראַק האָבן זיך אויסגעשטעלט רייען. מיידלעך האָבן זיך געטראָגן מיט שיסעלעך זופּ און מיט פּאָרציעס ברויט. סטאַשיאַן האָט אַ צי געטאָן פון בעט אַראָפּ. זי האָט געהערט, אַז איין ליידיק שיסעלע האָט מען געטיילט פאַר דריי. זי איז צוגעגאַנגען צו די צוויי, וועלכע זי האָט אָבסערווירט און באַשטעלט דאָס בלעכענע שיסעלע צום נעמען עסן. סטאַשיאַ האָט דערביי געפונען אַ געלעגנהייט אָנצו־הייבן מיט זיי רעדן.

באַלד האָט סטאַשיאַ שוין גערופן די נידעריקע זאָשיאַ און די צווייטע — בראָניסלאַווא. נאָכן עסן האָט בראָניסלאַווא אַריינגעפּליס־טערט סטאַשיאַן אין אויער: „איך בין אויך אַ יידישקע און זאָשיאַ איז מיין יינגערע שוועסטער"...

— פאַר וואָס ביסטו אַזוי זיכער, אַז איך בין אַ יידישקע? און וואָס האָסטו דאָס דערקענט?

בראָניסלאַווא האָט אָפּגעזיפצט און געענטפערט קוים וואָס מ'האָט געהערט:

— מיין יידישער אינסטינקט האָט דערפילט דיין פאַרבאָרגענע נשמה.

— קאָן דאָס אויך אַ שיקסע דערפילן אין מיר?

— ניין, זיי רויִק אַז נישט. די קליגסטע פון זיי איז נישט באַשאָנקען מיט דעם חוש...

זאָשיאַ האָט אומרויִק זיך איינגעהערט אין דעם שמועס צווישן

סטאַשיאַן און בראָניסלאַוואַ און געבעטן איבערגיין אויף אַן אַנדער טעמע:

— זאָלן מיר זיך האַלטן צוזאַמען...

סטאַשיאַ האָט ווייטער געוואָלט ציִען דאָס געשפּרעך;

— זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע ווי מיר אין דעם טראַנספּאָרט?

— מעגלעך אַז יאָ — האָט זאָשיאַ שטיל באַוועגט מיט די ליפּן — ביז איצט האָבן מיר אַחוץ דיר נישט באַמערקט.

סטאַשיאַ האָט איינגעהאַלטן איר אָטעם:

— לויט מיין מיינונג, געפינען זיך נאָך דאָ אין באַראַק צוויי: איינע אַ בלאָנדע אין שוואַרצן אָנגעטאָן. זי זעט אויס צו זיין שטאַרק נערוועז. איר דאַרף מען אויסמיידן. די צווייטע איז אַ מיטליאָריקע פרוי. מען זעט זי דאָ אָפּט אַליין, אויך מיט איר דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק. וועגן אייך ביידע האָב איך געוווּסט נאָך איידער איר האָט זיך געגעבן צו דערקענען פאַר מיר.

ביידע שוועסטערס האָבן באַקומען צעשראָקענע פּנימער:

— ווי אַזוי? דורך וועמען?

סטאַשיאַ האָט רויִק צוגעשמייכלט:

— איך קען אייך ענטפערן מיט דעם זעלבן, וואָס איך האָב געהערט פון בראָניסלאַוואַ...

— מיר ווילן דאָס בעסער פאַרשטיין...

סטאַשיאַ האָט אויפגעקלערט:

— פון מיין אויבערשטן בעט האָב איך אייך ביידע אָבסערווירט, נאָכגעקוקט אייער גאַנג, אייער אופן פון רעדן, צום מייסטן איז מיר אויפפאַלנדיק געוואָרן אייער נאַענטקייט. דאָס האָט מיך אַ ציִ געטאָן צו אייך...

ביידע שוועסטער האָבן צוריק באַקומען זייערע פרייע פּנימער, געדאַנקט פאַר סטאַשיאַס באַמערקונג און צוזאַמען אויסגערופן:

— מיר מוזן זיך האַלטן צוזאַמען!

אירענאַס קול האָט אָפּגעהילכט איבערן באַראַק:

— סטאַשיאַ! סטאַשיאַ!

סטאַשיאַ האָט אויף גיך זיך געזעגנט מיט די שוועסטער, זי האָט נאָך איבערגעפּרעגט אויף דעם אָרט, וווּ עס שטייען זייערע בעטן, אַ קוק געטאָן אין יענער זייט און פֿאַרשוווּנדן.

— פֿאַר וואָס האָסטו מיך נישט אויפֿגעוועקט צום עסן? — האָט אירענאַ זיך געבייזערט אויף סטאַשיאַן.

— האָסט גאָרנישט פֿאַרשפּעטיקט. קום, אירענוכנאַ, מיט מיר.

דיביידע מיידלעך זענען צוגעגאַנגען צום פֿונאַנדערטיילער. ער איז שוין געשטאַנען אָן דעם פֿאַרטעך.

— וווּ זענט איר פֿריער געווען? נישטאָ שוין!

— מיר זענען פֿאַרשלאָפֿן — האָבן ביידע אָנגעשטעלט נאַיִווע פּנימער.

— צו פֿאַרשלאָפֿענע מיידלעך האָב איך שטענדיק געהאַט סימ־פּאַטיע.

— און איצט?

— שטייט אַ ווײַלע.

ער איז צוריקגעקומען מיט צוויי שיסעלעך זופּ און צוויי פּאַר־ציעס ברויט און זיך אַ ווײַל געטאָן:

— איך וויל נישט, אַז איר זאָלט פֿאַרלאָזן פֿוילן הונגעריקע...

קאַפּיטל צען

די אָבלאַווע

די טעג זענען געוואָרן לענגער. די זון האָט מיט יעדן טאָג זיך אויפגעהויבן העכער און דאָס וועטער איז געוואָרן וואַרעמער. דער שניי האָט אָנגעהויבן פונאַנדערגיין און אין גרוב האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אַ טוכלע פייכטקייט. די ברידער האָבן באַשלאָסן איבערטראָגן די באַהעלטעניש אויף אַן אַנדער שטח אין וואַלד, ווייט פון דאָרף לאָזעווע, ווו די פויערים האָבן אָנגעהויבן צו פיל רעדן וועגן די פיר ייִדן, וואָס באַווייזן זיך אין די נעכט און בעטן עפּעס וואָס צו שטילן זייער הונגער.

אין דער נאַכט זענען אַלע פיר ברידער אַרויס פון וואַלד. יעדער פון זיי איז געגאַנגען אין אַן אַנדער ריכטונג, אויסגעווײלט די פויערים, וואָס זייערע הייזקעס האָבן זיך געפונען ביים ראַנד פון אַ זייטיקן וועג. טאַקע אין דער נאַכט האָבן די ברידער מצליח געווען צונויפצוזאַמלען אַ גרעסערע צאָל שפּייז, וואָס האָט זיי געדאַרפט סטייען אויף אַ גאַנצער וואָך.

דריי האָבן זיך צוריקגעקערט אויפן אָפּגערעדטן אָרט. געפעלט האָט דער ייִנגסטער פון זיי, משה. ס׳איז אַריבער אַ שעה־צוויי און מען זעט נישט קיין סימן פון אים. די ברידער האָבן אָנגעהויבן איבערקלערן. ער איז דאָך געווען דער פלינקסטער פון זיי און געקענט יעדע סטעזשקע, בערגל און טאָל אפילו אין דער גרעסטער נאַכט־פינצטערניש. וועגן פאַרבלאָנדזשען האָט קיין רייד נישט גע־קאָנט זיין. דערפאַר זענען די ברידער געזעסן טיף פאַרזאָרגט אויף אַן אונטערגעשניטענעם בוים און געקוקט אין דער שוואַרצער נאַכט

אַריין. נאָך קיין מאָל האָט דאָס בילן פון די הינט אין די אַרומיקע דערפער נישט אַרויסגערופן ביי זיי אַזאַ טיפע שרעק ווי איצט.

— דווקא דאָס שטאַרקע בילן פון די הינט איז דער בעסטער סימן, אַז משה איז אין וועג צוריק אין וואַלד — האָט יואל באַרויִקט זיינע ברידער.

פסחן האָבן יואלס ווערטער נישט באַרויִקט. ער האָט זיך איינ־געהערט אין דעם בילן פון די הינט און געזאָגט מיט צווייפל:

— משה דאַרף אָנקומען פון לאָזעווער וועג, און דאָס בילעריי טראָגט זיך גאָר פון פּאַדלאָזוּוועק.

יאַנקל האָט זיך אַ בייזער געטאָן אויף פסחן:

— דאַרפסט שוין קאָנען אונטערשיידן פון אַ קול ביז אַ ווידער־קול. אויב נישט, וועט אויך די נאַכט ווערן דיין שונא.

— אויף וועלכער זייט, מיינסטו, איז דאָס ווידערקול?

— הערט זיך גוט איין — האָט יאַנקל אויסגעצויגן דעם האַלדז — אויף רעכטס איז דאָס בילן שאַרף און אָפּגעהאַקט, אויף לינקס אָבער הערט מען אַ פאַרצויגענעם אָפּהילך אין דער טיף.

— איז דאָך טאַקע אַזוי ווי איך האָב געמיינט — האָט יואל זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע.

מיט אַ מאָל האָבן די ברידער זיך אויפגעריסן פון אָרט. צוזאַמען האָבן זיי דערזען אַ ווייסע געשטאַלט, וואָס האָט זיך איבער די פלאַכע פעלדער גערוקט פאַרויס צום וואַלד. זיי האָבן געוואָלט אויפכאַפּן דעם אָפּגערעדטן צייכן, אָבער דער פייף איז נישט געקומען.

— וואָס עפּעס אין ווייסן? — האָט איינער דעם צווייטן גע־פרעגט שוין שטייענדיק אונטער אַ בוים און פון דאָרט אַרויסגעקוקט צו דער געשטאַלט, וואָס האָט פאַרלאַנגזאַמט די טריט און געבליבן שטיין.

אַ געשריי פון אַ נאַכטפויגל האָט אַ ציטער געטאָן אין זייערע אויערן. דאָס איז ער, משהלע!

די ברידער האָבן אָנגעהויבן לויפן אים אַנטקעגן. משה האָט זיך אָוועקגעזעצט און פון זיינע אַקסלען אַראָפּגעצויגן די ווייסע

העמדער, וואָס זענען געהאָנגען אויף אים, אַ ביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און גענומען דערציילן:

— ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין וואָיטשעכס לאָדן, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס בין איך, איינער פון הערשקאָס פיר זין, געקומען פון וואַלד בעטן עפּעס עסן. ער איז געווען בייז, אָבער מיך נישט געטריבן, נאָר געפרעגט ווי לאַנג איך מיין נאָך אַזוי צו קומען און קלאַפּן אין זיינע טירן, שטערן זיין שלאָף און שטעלן זיין לעבן אין געפאַר. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז היינט איז דאָס לעצטע מאָל.

— זאָגסט טאַקע דעם אמת? — האָט וואָיטשעך געוואָלט זיין זיכער.

— ווי גאָט איז מיר ליב, אַזוי זאָל איך לעבן, ווי איך זאָג דיר דעם ריינעם אמת.

— ייד, דו שווערסט פאַלש!

— פאַר וואָס?

— ווייל גאָט האָט דיך נישט ליב און דיין לעבן איז קיין לעבן נישט; דערפאַר איז דיין שבועה אַ פאַלשע.

— פּאַניע וואָיטשעך, גלייב מיר דאָס מאָל און שטראָף מיך נישט מיט אַזעלכע שאַרפע רייד. גאָט וועט דיר באַצאָלן פאַר דיין גוט האַרץ.

וואָיטשעך האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן מויל. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ צייכן איך זאָל רעדן שטילער. ער האָט אַ וויַיז געטאָן מיט דער האַנט איך זאָל גיין צו דער טיר. ער האָט מיך אַריינגעלאָזט אין דער כאַטע, און באַלד האָט ער אָנגעפילט אַ שיסל קליסקעס מיט מילך. ביים אַוועקגיין האָט ער מיר אַריינגעשאָטן אַ האַלבע טאָרבע און געוואָרנט מיך מיטן פינגער, איך זאָל מער צו אים נישט קומען. איך האָב אים געבעטן אַ העמד איבערצוטאָן. דאָס האָט ער מיר אָפּגעזאָגט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַפילו איך זאָל טוישן אַ העמד, וועט עס באַלד פאַרלייזיקט ווערן פון די מלבושים.

משה האָט דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויפבאַקומען אויף אַ בוידעם מיט צעהאַנגענע וועש. מיט די פיר העמדער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פון לייטער ביז הינטער פּאָווירזעס שייערן. דאָרט האָבן אים הינט דערפילט און אים נאָכגעיאָגט ביז אַ שטיק נאָכן דאָרף. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אַלע הינט פונעם דאָרף האָבן זיך אָפּגעריסן פון די קייטן און יאָגן אים נאָך, אָבער די ווייסע העמדער האָבן אים געראַטעוועט. אים איז איינגעפאַלן עטלעכע מאָל זיך אויסצודרייען צו די הינט און בלייבן שטיין מיט צעגומענע ווייסע אַרבל, ווי אַ סטראַשידלע אין פעלד. די הינט האָבן זיך איבערגעשראָקן און פאַרקערעוועט צוריק אין דאָרף אַריין.

— האָסט געהאַט מזל, משה. לאָמיר טאָקע זיך איבערטאָן.

— אפשר בעסער אין דער צווייטער באַהעלטעניש?

— ניין, איצט — האָט יואל פאַרלאַנגט מיט עקשנות — מיין לייב איז צעביסן פון די לייז. איך מוז שוין טוישן דאָס העמד.

די ברידער האָבן אַראָפּגעצויגן פון זיך די קליידער און אויסגעריבן די נאַקעטע לייבער מיט שניי. נאָכן אָנטאָן די גראָבע, פּויערישע, אָבער ריין אויסגעוואַשענע העמדער, האָבן זיי געפילט, ווי זיי וואָלטן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע משׂא.

נאָך אַ קורצן אָפּרו האָבן די ברידער פאַרוואָרפן די זעקלעך אויף די פּלייצעס. זיי האָבן גענומען גאָר אַן אַנדער ריכטונג, געלאָזן אין אַ זייט דעם וועג, וואָס האָט געפירט צו זייער ביז איצטיקער באַהעלטעניש. פון אָנהייב זענען זיי געגאַנגען לענג־אויס דעם וואַלד־ראַנד, כדי נישט צו פאַרלירן די אָריענטאַציע. ווען זיי זענען אַריין טיפער אין די וועלדער, האָבן זיי זיך געלאָזט פירן פון די דער־פאַרונגען אין די נאַכטיקע וואַנדערונגען. זיי זענען געגאַנגען איבער דורכגעשניטענע ערדפאַסן, איבער בערגלעך און טאָלן, כדי אויס־צומיידן די זומפּיקע שטחים. זיי האָבן געוואַנדערט איבער וועלדער מיט באַזונדערע סאָרטן ביימער. בלויז אַ דאַנק זייערע פאַרשאַרפטע חושים פאַר די ריחות פון די ביימער, האָבן די ברידער געקאָנט

אונטערשיידן אין וועלכן וואַלד־שטח זיי געפינען זיך. דער לאַנגער וועג האָט די ברידער געדאַרפט דערפירן צו אַ געדיכטן וואַלד מיט אַלטע ברייט־צעוואַקסענע סאָסנעס און בערעזע־ביימער. דער וואַלד האָט געהערט צו אַ פריץ. דאָרט, אין יענעם וואַלד — האָבן די ברידער אויסגערעכנט — דאַרף מען זעלטן טרעפן אַ מענטש אַחוץ דעם וואַלדוועכטער, און פאַר אים קאָן מען לייכטער זיך אויסהיטן ווי פאַר די פויערים, וואָס קומען יעדן טאָג צו זייער וואַלדאַרבעט.

שפעט נאָך האַלבער נאַכט זענען די ברידער אָנגעקומען צו דעם אָרט, וואָס האָט זיי אויסגעזען צו זיין דער הויפישער וואַלד. דאָ, — האָבן זיי געהאָפט, — וועלן זיי זיך פילן פרייער ביים אָנצינדן אַ פייער צום בראָטן קאַרטאָפל און זיך צעוואַרעמען די דורכגעפרוירענע אברים.

די ברידער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פייכטער ערד. די אָנגעיאָגטע פון ווינט בלעטער, אָפּגעדאַרטע צווייגלעך, די נאָדלען, אַראָפּגעפאַלענע פון די סאָסנע־ביימער — דאָס אַלץ האָט פאַר־שטאַרקט זייער באַשלוס, אַז זיי דאַרפן ווייטער נישט גיין, נאָר צוּוואַרטן ביז עס וועט נעמען טאָגן. זיי האָבן נישט געוווּסט ווי לאַנג די נאַכט וועט זיך נאָך ציִען, האָבן זיי דערווייל זיך צוזאַמענ־גערוקט ביים ראַנד פון אַ דיקער סאָסנע און אונטערגעלייגט צו־קאָפּנס די זעקלעך. די שאַרפע וואַלדלופט האָט זיי איינגעשלעפערט. איינגעקורטשעטע פון קעלט און מידקייט זענען די ברידער, אָן אַ געפיל פון פחד, איינגעשלאָפן. בלויז איינער פון די פיר, יאַנקל, האָט נאָך אַ קורצן דרעמל זיך איבערגעוועקט. אים האָבן די מחשבות נישט געלאָזט רוען: ווי אַזוי וועלן זיי קאָנען אָנגיין מיטן לעבן אין דער נייער באַהעלטעניש? ווי ווייט וועלן זיי זיין פון אַן אָרט פון וועלכן זיי וועלן קאָנען פאַרשאַפן זיך עסן? וואָס פאַר אַ באַציִונג וועלן האָבן צו זיי די נייע „שכנים", מיט וועלכע די ברידער וועלן מוזן אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט? ווען און ווי אַזוי דאַרף מען אויספאָרשן די געגנט אַרום די דערפער? יאַנקלען זענען די אַלע פראַגעס אויפ־געקומען צווישן די שלאָפנדיקע ברידער. ער האָט געוואָלט איינ־

דרעמלען, כאַטש אויף עטלעכע מינוט זיך אָפּרייסן פון די מאַטערנ־דיקע געדאַנקען, אָבער זיי זענען נישט אָפּגעטראָטן, געפּאָדערט אַן ענטפער. זיי האָבן אים געפירט צוריק צו דעם לאַזעווער וואַלד: דאָרט איז ער געווען פאַרהיימישט מיט יעדן בוים, מיט יעדער סטעזשקע. אויף די אויסגעטראָטענע וועגן האָט ער מיט זיינע ברידער געקאָנט גיין אַפילו אין דער נאַכט־פינצטערניש, מיט פאַרבונדענע אויגן, און טרעפן צום ציל. לויטן בילן פונעם הונט, האָט יאַנקל שוין געוווּסט וועלכן מ׳דאַרף אויסמיידן און וועלכער עס לאָזט זיך איינגעמען מיט אַ צוגעוואָרפןביינדל. אויך דאָס כראָפּען פון די פּויערים אין שלאָף האָט געדינט פאַר אים ווי אַ צייכן, ביי וואָסער כאַטע ער קאָן זיך אָפּשטעלן און פון וועלכער ער דאַרף זיך וואָס שנעלער אָפּטראָגן. און דאָ? איידער ער האָט זיך באַוויזן אַרומקוקן, האָט זיך שוין אָנגעזעצט אויף אים אַ מורא פאַרן הונגער, פאַר דער אומדער־וואַרטקייט וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון צווישן די אַלטע דיקע סאָסנעס.

יאַנקל איז געלעגן אַן אויסגעצויגענער און טיף געאָטעמט. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער מיט זיינע ברידער זענען געקומען אַהער שטאַרבן צווישן די אויסטערלישע שטומעביימער, וואָס אָטעמען מיט יענעוועלטיקע שרעקן, ענלעך צו יענער שרעק פון די שטיוול, וואָס האָבן געטראָטן איבערן טרוקענעם שניי אַרום זייער באַהעלטעניש. זיי זענען אַנטלאָפן פון יענער רוצחישער געשטאַלט, און דווקא די איבעררואַנדערונג, די זאָרג פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, האָט געוועקט ביי די ברידער דעם ווילן קעגנשטעלן זיך, פאַרלאָזן זיך אויף אייגענע כוחות. בלויז אין אים, אין יאַנקלען, איז אויפ־געקומען אַ ווידערווילן צו אַזאַ לעבן, אַן עקל צו די מאַטערנישן. ער האָט זיך אויסגעהיט דאָס אַרויסצוווייזן פאַר זיינע ברידער. ער האָט זיך אַליין נישט געקאָנט פאַרשטיין. נעכטן נאָך האָט ער גע־שפּילט די ראָל פון אַ העלד, וואָס האָט נישט קיין מורא פאַרן טויט, און איצט, אין דעם קאַלטן פאַרטאָג, האָט ער דערפילט, אַז זיין גאַנצע מי איז אַן אַרויסגעוואָרפענע.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ ערגעץ דאַרף זיך געפינען אַ שטיק וואַלד וואָס שטייט אויף אַ זומפּ. באַוועגן זיך דאָרט קאָן מען נאָר ווען די ערד איז נאָך פאַרפרוירן. ווי נאָר עס ווערט לינדער, ווערט די ערד צעווייקט און מען קאָן פון דאָרט נישט אַרויס. צי געפינען זיי זיך נישט גראָד אין דעם זעלבן וואַלד?

עס האָט גענומען גרויען אויף טאָג, די ביימער־קרוינען האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון נאַכטיקן הימל. אַ מילדער ווינט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די צווייגן צו די מיט מאָך באַוואַקסענע שטאַמען. טויזיקע פייכטקייט האָט באַנעצט די מלבושים פון די ברידער און טראָפּנווייז זיך אַראָפּגעלאָזט צו די פאַרשלאָפענע פּנימער.

יאַנקל האָט דער ערשטער זיך געשטעלט אויף די פיס, איינ־געאָטעמט אין זיך די פרימאָרגן־לופט. מיט האַסטיקע באַוועגונגען האָט ער צעוועקט זיינע איינגעדרעמלטע גלידער. ער האָט אַרומ־שפּאַצירט, זיך איינגעהערט אין די שטאַרקער ווערנדיקע קלאַנגען פון די פייגל אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן פרימאָרגן. ווען ער האָט זיך דערפילט דערוואַרעמט, האָט ער אויפגעוועקט זיינע ברידער. זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט מיט ציטערנדיקע מיילער און מיט שווערקייט זיך געשטעלט אויף די פיס. יאַנקל האָט זיי אָנגעהויבן אונטערטריאָגן אין אַ געלויף אַרום דעם בוים ביז זיי האָבן זיך דער־וואַרעמט. די ברידער האָבן באַשלאָסן אַרויסגיין און באַקענען דעם שטח. טיפער אין וואַלד האָט זיך צו זיי דערטראָגן אַ גערויש. איידער זיי האָבן באַוויזן אויפכאַפּן די ריכטונג, זענען אָנגעלאָפן האָזן, וואָס האָבן האַסטיק פאַרקערעוועט אין אַ זייט.

אין משך פון זייער גאַנג זענען עטלעכע מאָל אָנגעלאָפן צע־שראָקענע האָזן, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיסלעך, אַ דריי געטאָן די פאַררייסענע קעפּלעך מיט די לאַנגע שפּיציקע אויערן. ווען זייערע אויגן־שפּאַלטן האָבן דערזען די ברידער, זענען די האָזן מיט אַ הויכן שפּרונג פאַרשוווּנדן צווישן די סאָסנעס.

די ברידער זענען שוין געוווינט געווען צו דעם האָזן־געלויף אין די פריִע מאָרגן־שעהען אין וואַלד. טייל מאָל פלעגן זיי מיט

חידוש זיך איינקוקן אין דעם געלויף מיט דער שנעלקייט ווי אַ פייל פון בויגן. פון דער וואַלד־טיפעניש זענען די האָזן געלאָפן צו די לאַנקעס. דאָרט פלעגן זיי אַפּוואָרטן פויערים מיט פלינקע הינט, וואָס האָבן די האָזן נאָכגעיאָגט ביז טיף אין וואַלד אַריין. נישט אַלע מאָל פלעגן די האָזן זיך צוריקקערן אין דער זעלבער צאָל. דאָס מאָל אָבער זענען די האָזן געלאָפן אין איין ריכטונג און מער האָט מען זיי נישט געזען. דאָס האָט ביי די ברידער אַרויסגערופן אַ חשד, אַז די האָזן ווערן פון עמעצן פאַרפאָלגט.

די ברידער זענען געבליבן שטיין. עס האָט זיך דערהערט אַ ווייטער אָפּהילך פון אַ ביקסן־שאָס, אַנגעלאָפענע האָזן האָבן דורכ־געשניטן דעם וואַלד אין דער זעלבער ריכטונג ווי די פריערדיקע. פאַר די ברידער איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי געפינען זיך איצט אין אַ וואַלד מיט יעגער. משה איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים, באַלד אַראָפּ און איבערגעגעבן, אַז ער האָט געזען פאַרדעכטיקטע גע־שטאַלטן דערנענטערן זיך אַהער. באַלד האָבן די ברידער זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף געדיכט־באַוואַקסענע סאָסנעס און געבליבן דאָרט זיצן אויף די צווייגן.

פון צווישן די צווייגן האָבן די ברידער געזען ווי באַוואָפנטע מענטשן אין אַ ברייטן האַלברינג דערנענטערן זיך מיט רעשיקע קולות, יאָגן נאָך די צעשראָקענע האָזן. אַ טייל פון די מענטשן זענען אין מיליטערישע מונדירן, אַנדערע אין ציווילע מלבושים, מיט יעגער־ביקסן אויף די אַקסלען. פאַרסאַפּעטע הינט האָבן זיך געריסן פאָרויס. זיי זענען שנעל אַריבער דאָס אָרט ווו די ברידער האָבן זיך געפונען, געלאָפן צום לייזיקן שטח מיט די אויסגעהאַקטע ביימער. דאָרט האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין אַנדערע יעגער־באַנדעס, וואָס זענען זיי אַנטקעגנגעקומען אויסגעשטעלטע אויך אין אַזאַ האַלב־רינג און אַזוי אַרום פאַרצוימט דעם גרויסן ליידיקן וואַלד־שטח.

איבערן וואַלד האָט זיך צעטראָגן אַ געדיכטע שיסעריי. צע־שראָקענע פייגל זענען אַראָפּ פון די ביימער געפלויגן אַהין און צוריק, זוכנדיק אַן אָרט זיך אַרויסצובאַקומען פון דער אויפגע־

טרייסלטער לופט ביז זיי האָבן זיך אַ ריס געטאָן העכער צום הימל און פאַרשוווּנדן אין דער בלאָער ווייטקייט.

די ברידער האָבן זיך געוויגט אויף דיביימער. די געפּאַר פּאַרן טויט האָט זיי צוגעשמידט צו די צווייגן, ווי זיי וואָלטן צו־געוואַקסן צו די ביימער. די נאָענטע שאָסן־אָפּהילכן האָבן געטרייסלט אין זייערע אויערן, צוגעצויגן זייערע בליקן צו דעם וואַלד־שטח, ווו עס איז אָנגעגאַנגען די העפטיקע שיסעריי אַרום די האָזן, וואָס האָבן געזוכט אַ וועג ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן פון די אָנגרייפער. פון יעדער זייט איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ האָגל מיט קוילן און צערייצטע הינט מיט אויפגעריסענע מאָרדעס, וואָס האָבן זיך איינ־געביסן אין די פאַרוווּנדעטע האָזן און זיי צוגעטראָגן צו די יעגערס פיס. בלויז איין האָז האָט באַוויזן דורכרייסן דעם רינג. ער איז אַנטלאָפן צווישן די קוסטעס און דאָרט געבליבן ליגן פאַרפּלאָנ־טערט צווישן די צווייגן.

ווען די שיסעריי האָט זיך איינגעשטילט, די יעגער האָבן צו־נויפגענומען זייער רויב און אַוועק צום אַרויסגאַנג פון וואַלד, דעמאָלט זענען די ברידער אַראָפּ פון די ביימער, אויסגעגלייכט זייערע רוקנס און אָפּגעאָטעמט נאָך דער איבערגעקומענער טויט־שרעק.

יואל האָט זיך דערנענטערט צו דעם קוסט, ווו דער האָז איז געלעגן. ווי נאָר ער האָט זיך איבערגעבויגן, האָט דער האָז אַ שפּרונג געטאָן, אָפּגעלאָפן אַ פּאָר מעטער און צוריקגעפאַלן. די ברידער האָבן אַרומגערינגלט דעם האָז, איינגעקוקט זיך אין זיין פאַרבלוטיקטן בויך, וואָס האָט זיך שנעל באַוועגט. די ברידער האָבן געפּרוּווט אים אַ ריר טאָן מיט די פיס. דער האָז האָט בלויז אַ הייב געטאָן זיינע שפּיציקע אויערן. די פאַרריסענע נאָזלעכער האָבן נאָך געציטערט.

— ווי אַזוי האָסטו געפונען דעם האָז?

— אויפן בוים — האָט יואל אויסגעדרייט דאָס פּנים צו פּסחן — האָב איך געזען ווי דער האָז איז אַריינגעשפּרונגען צווישן די

קוסטעס און איז מער פון דאָרט נישט אַרויס. איך האָב באַלד גע־טראַכט אַז טאָמער בלייבט ער דאָ, וועלן מיר פּראָוון אַ גוט געבראָטנס.

— ווו וועסטו נעמען אַזאַ גרויסע בראָטפאַן?

— אפשר ווילסטו אויך אַ סערווירטן טיש מיט טעלער און גאָפּל? נו, לאָמיר דאָס מאַכן גיך, איידער דער האָז פּגרט אַוועק.

יואל האָט אין איילעניש אַ וואָרף געטאָן די פּאָר ווערטער און אַרויסגעצויגן דאָס מעסער.

יאַנקל איז ביז איצט געזעסן און זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט און אַ פּיר געטאָן מיטן שטייפן פינגער אַנטקעגן יואלן:

— איך וווּנדער זיך אויף אייך, וואָס איר זענט גרייט צו הרגענען דעם האָז און אים עסן. איך בין אויך אויסגעהונגערט נאָך אַ שטיקל פלייש, אָבער דעם האָז וועלן מיר נישט טויטן. איר וועט פרעגן פאַר וואָס? איר האָט געזען, ווי אַזוי די רוצחים האָבן גע־שאָסן צו די צעשראָקענע האָזן? דאָס האָט אייך אין גאָרנישט נישט דערמאָנט?

איבערגענומענע פון יאַנקלס רייד האָבן משה און פּסח איבער־געטראָגן דעם פאַרווונדעטן האָז אין שאָטן צווישן די קוסטעס. יואל האָט צוריק אַריינגעלייגט דאָס מעסער אין טאַש.

די ברידער האָבן פאַרוואָרפן זייערע טאָרבעס אויף די פּלייצעס און זענען אַוועק טיפער אין וואַלד. יאַנקל איז געבליבן דער לעצטער. ער האָט נאָך באַוויזן אַריינצוקוקן אין די אויגן־שפּאַלטן פונעם האָז. ער האָט אָנגעיאָגט די ברידער און געזאָגט צו זיי:

— דער האָז וועט בלייבן לעבן. די וווּנד איז נישט קיין טיפע.

קאַפּיטל עלף

די באַגעגעניש מיט ייִדן

נאָכן לאַנגן ווינטער, נאָך די שנייען און פראָסט, איז אויסגעפאַלן אַ רעגן. פון די בערגלעך שניי, וואָס זענען געלעגן אַ צייט לאַנג אין שאָטן פון די ביימער, זענען געבליבן נאָר זומפּיקע שוואַרצע פלעקן. אין זיי זענען געזונקען מענטשלעכע און פערדישע טריט, זיי האָבן זיך אָנגעקלעפּט אין די רעדער פון די וועגענער, וואָס פלעגן זיך טיף איינשניידן אין די בלאָטעס.

נאָכן נאָכטיקן רעגן איז די זון זייער פרי, אַ קלאָרע און ציטער־דיקע, אַרויס פון הינטער די פייכטע וואַלדראַנדן, זיך אויפגעהויבן איבער די נאָך פאַרבליבענע שיטערע וואָלקנס.

אין וואַלד גייט אויף די זון שווער און פּאַמעלעך, ביז זי רייסט זיך אַרויס פון איר וואַלדנעץ איבער די אַלטע שוויגנדיקע ביימער־שפּיצן, לאָזט זיך אַריין אין די קלאָרע הימל־הויכקייטן און הייבט אָן וואַרעמען די ביימער מיט די צווייגן און בלעטער און אַלץ וואָס לעבט אין וואַלד. דאַן צעזינגען זיך די קאָליריקע פייגל און עס צעשפּרינגען זיך די וואַלד־חיהלעך.

די ברידער זענען אַרויס פון זייערע לעכער, כדי אַריינצואָטעמען אין זיך די וואַרעמע לופט, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אָנגע־נעמער און געהיילט זייערע ווייסע פּנימער באַוואַקסענע מיט לאַנגע קאָלטענעוואַטע האָר אויף די קעפּ, און זייער קרומער גאַנג, ווי זיי וואָלטן געקריגן אויסגעלענקטע הענט און פיס.

די ברידער האָבן זיך אָוועקגעזעצט אונטער אַ געדיכטן בוים. אין אַזאַ טאָג ווערט דער פרעמדער וואַלד גרינגער. עס פאַרשווינדט דער זאַמדיקער שטויב אויף די צעוואָרפענע צווייגלעך און בלעטער און לייכטער ווערט דער גאַנג פון די מידע פיס.

נאָכן אויפעסן די לעצטע ביסלעך, וואָס די ברידער האָבן מיט־געבראַכט פון לאָזעווער וואַלד, האָבן זיי געדאַרפט באַשליסן ווער עס זאָל אַרויסגיין פון וואַלד אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די פויערים, וואָס פלעגן קומען צו זיי אין קראָם קויפן שניט־סחורה. די ברידער האָבן געפּרוווט זיך אויסמאָלן דאָס אָרט, ווו עס זענען געשטאַנען די כאַטעס פון די באַקאַנטע פויערים, אין וואָסער זייט עס זענען געשטאַנען די שייערן און פון וואַנען איז דער אַריינגאַנג צום הייזל.

משהן פלעגט דער טאַטע, מער ווי די אַנדערע קינדער, מיט־נעמען ביים איינמאָנען זיינע חובות ביי די פויערים, האָט ער צום בעסטן געקענט דעם אויסשטעל פון זייערע ווירטשאַפטן. איז ער געזעסן מיט די ברידער און פאַר זיי געצייכנט אויף מאָכיקער ערד ווו עס שטייען די תבואה־שפּייכלערס, סטאָדאָלעס און שטאַלן, און וועלכע פון זיי עס געפינען זיך נענטער צו די אָפענע פעלדער.

— איך גיי מיט דיר — האָט יאַנקל צוגעגעבן משהן מוט.

— מיר וועלן גיין אַלע צוזאַמען.

— אַלע צוזאַמען איז אַ סכנה — האָט יואל זיך קעגנגעשטעלט — מיר וועלן גיין צעוואָרפן און משה וועט אונדז פירן.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, זענען די ברידער אַרויס פון וואַלד. משה איז געגאַנגען פאָרויס און געגעבן די אָפּגערעדטע סיגנאַלן, ביז ער איז צוגעקומען נאָענט פון אַ פויערישער כאַטע. פון דער צעעפנטער טיר איז אַרויס אַ פויער מיט אַ שטעקן אין האַנט.

— אַ זשיד?!

משה האָט אויף גיך זיך געגעבן צו דערקענען.

— וואַרט צו — דער גוי האָט זיך אויסגעדרייט.

משה איז געבליבן אַליין אין פינצטערן פאָדערהייזל, די מינוטן פון טויטשרעק האָבן זיך געצויגן ביז דער פויער איז צוריקגעקומען און געזאָגט מיט אַ טרוקענער שטים:

— נעם דאָס שטיק ברויט און טראָג זיך אָפּ פון דאַנען.

— גוטער מענטש, איך האָב אין וואַלד דריי ברידער. שענקט עפּעס אויך פאַר זיי.

— אין וועלכן וואַלד געפינט איר זיך? — איז דער פּויער געוואָרן נאָכגיביקער און אַריינגעצויגן משהן טיפער אין פּאָדער־הייזל.

— מיר האָבן נאָך נישט קיין שטענדיקע באַהעלטעניש, דער וואַלד איז אונדז נאָך פרעמד.

— מאַכט אייער באַהעלטעניש אין בערעזענעם וואַלד. דאָרט זענען די ביימער געדיכטער און ס'איז נענטער צום דאָרף.

— זאָל אייך גאָט באַצאָלן פאַר אייער גוט האַרץ.

— מיין נישט, יינגל, אַז איך בין אַזאַ גוטער צו ייִדן. ביסט אָבער הערשקעס זון. דיין טאַטע איז געווען אַן אָרנטלעכער זשיד, גיב איך דיר נאָך אַ שטיק ברויט מיט קעז פאַר דיינע ברידער.

משה האָט פאַרלאָזט דאָס הייזל אַ צופרידענער. דאָס ערשטע מאָל אין דאָרף — האָט ער געטראַכט — און שוין האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרשאַפן עסן נישט בלויז פאַר זיך אַליין.

אויף פלאַכע פאַרזייעטע פעלדער, וואָס האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן מיט גרינס, זענען געשטאַנען שפּייכלערס, שאָפּעס, מיט נישט גע־שלאָסענע טירן און הענגענדיקע שטרויענע דעכער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין אַלע פיר זייטן אויף הילצערנע סלופּעס. דאָרט זענען געלעגן בינטלעך שטרוי, דורכגענעצטע פונעם רעגן. די ברידער זענען דאָרט געשטאַנען איינגעקורטשעטע אין דער נאַסער שוואַרצער נאַכט, וואָס האָט וואָיענדיק זיך געיאָגט פון די אָפענע פעלדער. די ברידער האָבן אָפּגעוואַרט משהס צוריקקומען.

פּסח איז נישט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט. ער האָט געטאַפּט און געזוכט צווישן די שטרויען.

— איך האָב געפונען בינטלעך שטרוי מיט פולע זאַנגען. קומט מיט מיר — די ברידער זענען נאָכגעגאַנגען פּסחן.

— נישט אָפּשניידן די פולע קלאָסעס, נאָר ציִען די קערנער,

וועלן די שטרויען אויסזעען ווי געדראָשענע — האָט יואל געלערנט די ברידער.

זיי האָבן אָנגעשטעלט אַן אָפּענעם זאַק און אָנגעהויבן מעלקן די זאַנגען, אָנגעפּילט די הענט מיט קערנער, וואָס האָבן זיך גע־גליטשט גלייך אין זאַק אַריין.

מיט משהס ברויט און מיט דעם ביסל קערנער זענען די ברידער אַוועק ווייטער זוכן עסן. זיי זענען אַריין אין אַ שפּייכלער. דאָרט האָבן זיי דערפּילט אַ ריח פון קאַרטאָפל, וואָס זענען געלעגן צע־שיטע אויף דער ערד, אויסגעמישט מיט פאַרשידענע צעטראָטענע קערנער. די ברידער האָבן דאָס צוזאַמענגעשאַרט און פאַרנומען מיט זיך.

אַ סקריפּע פון אַ טיר האָט די ברידער פאַריאָגט הינטער אַ וואַנט. זיי האָבן זיך איינגעהערט, ווי אַ פּויער מיט אַ פּויערטע, נאָר וואָס אַרויס פון אַ כאַטע, האָבן גערעדט צווישן זיך:

— גיי, מאַטקאַ, צו די חזירים און איך גיי צו די פערד, פאַר־געס נישט מיטברענגען די ליידיקע טעפּ וואָס שטייען אין חזיר־שטאַל.

די ברידער האָבן אָפּגעוואַרט ביז דער פּויער מיט דער פּויערטע זענען צוריקגעגאַנגען אין כאַטע.

— איך גיי אַריין אין חזיר־שטעלכל. קומט איינציקווייז נאָך מיר.

די ברידער האָבן פאַרשטאַנען יואלס רמז און שטיל זיך אַריינ־געשלייכט אין דעם נידעריקן שטעלכל, וואָס איז געשטאַנען פאַר־מאַכט מיט אַן אָפן שלעסל, ווי מען וואָלט עס פאַרגעסן צו פאַר־שליסן.

די ברידער האָבן דערפּילט אַ פאַרעיפּושטן ריח פון מיסט, אָבער זיי האָבן געוואָלט אויסגעפינען אין דער פינצטער ווו עס שטייען די חזירים. יואל האָט זיך צובאַקומען צו דעם אָרט ווו ער האָט געהערט כריוקען מיט די פּיסקעס. ער האָט אַ צי געטאָן

די קאַרעטע צו זיך. זיין האַנט האָט זיך איינגעטונקען אין וואַרעמע געקאָכטע קאַרטאָפּל, אויסגעמישט מיט קאַרנמעל.

די חזירים האָבן זיך געדרייט און געקוויטשעט, געריסן די פאַרשפּאַרטע טירלעך, געריבן זיך אין די ווענט פונעם שטעלכל. זיי האָבן מיט אויסגעשטרעקטע מאָרדעס געזוכט דאָס עסן וואָס די פויערטע האָט נאָר וואָס אַוועקגעשטעלט אונטער זייערע נאָזלעכער.

— די חזירים ווילדעווען! — האָט יואל געוואָרנט און געשטופּט אין יאַנקלס הענט דעם זאַק, ווו ער האָט אַריינגעשאָרט דאָס עסן און די אויסגעליידיקטע קאַרעטע צוריקגעשטעלט אויפן פריִערדיקן אָרט. די חזירים האָבן זיך געוואָרפן אויף דער אויסגעליידיקטער קאַרעטע, סאַפּענדיק געזוכט דאָס אַוועקגענומענע עסן, און הונגעריקע, זענען זיי פאַרגאַנגען אין אַ ווילדן קוויטשען. דער טומל אין דעם צערודערטן שטעלעכל איז דערגאַנגען צו דער כאַטע. די פויערטע האָט געוווּסט, אַז ווען די חזירים ווערן זאַט, ציִען זיי זיך אויס און שלאָפן איין מיט צעבלאָזענע נאָזלעכער ביז זיי ווערן ווידער הונגעריק. דאַן קומען זיי צום טירל און וואַרטן אָפּ מיט אויסגעצויגענע מאָרדעס די קובלעס צעריבענע קאַרטאָפּל מיט מעל, אָבער פאַר וואָס קוויטשען זיי אַזוי באַלד נאָכן עסן? — האָט די פויערטע געטראַכט און באַשלאָסן אַרויסגיין אַ קוק טאָן: אפשר אַ גנב אָדער אַן אַנדערע צרה.

אין שטעלעכל האָט די פויערטע גערעדט צו זיך אַליין: „חזירים בלייבן חזירים. זיך אָנגעפרעסן און שמעקן ווידער צו דער קאַרעטע”. אַ בייזע האָט זי געפּאַטשט מיטן ריטל, די חזירים זענען זיך צעלאָפן אין די ווינקלען פון שטעלעכל. בלויז צו דעם קליינטשיקן חזירל האָט זי אַרויסגעוויזן רחמנות און געגלעט דאָס איבער די שפּיציקע אויערן:

— שווייַנעלע מיינס, בענקסט צו דיין מאַמען... נעכטן נאָך האָסטו זיך געוואַרעמט לעבן איר, היינט הענגט זי צעפּערטלט אין קאַמער... גיי צו דיינע און שלאָף איין ביז איך וועל פאַר טאָג וועקן צום פּרעס.

אויפֿן פעלד האָבן די ברידער זיך אָוועקגעזעצט. יואל האָט געעפֿנט דעם זאַק, אָבער יאַנקל האָט זיך געבעטן ביי זיינע ברידער:

— עסט דאָס נישט, ס׳איז געלעגן אין דער חזירישער קאָרעטע...

— איך שטאַרב פון הונגער — האָט יואל אַ בייזער אָפּגעענט־פערט.

— וועסט נישט שטאַרבן אָן דעם ביסל דרעק.

— לעבסט דאָך סיי ווי אַ חזיריש לעבן — האָט יואל נישט געוואָלט יאַנקלען פאַרשטיין.

— אָבער קיין חזיר קאָן איך נישט ווערן. מיך עקלט פון דעם.

— איך וויל דאָס אויך נישט עסן — האָט פסח זיך אָנגערופן.

— איך אויך נישט — האָט משה אויסגעשפּיגן אויפֿן ווינט.

מיט פאַרדרוס האָט יואל צעשאָטן דאָס עסן איבערן פעלד און גענומען גיין נישט אַרויסרעדנדיק אַ וואָרט. אין וואַלד האָבן די ברידער געוואָלט הערן פון משהן ווי אַזוי נאָוואַקאָווסקי האָט אים אויפגענומען און צי מען וועט ווידער קאָנען אָנקלאַפּן אין זיין טיר.

משה האָט דערציילט, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען זיין צוזאַמענ־טרעף מיט דעם פּויער, ווי ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די אַנדערע ברידער אין וואַלד.

— פאַר וואָס מיינסטו — האָט יואל געפרעגט — וויל דער גוי וויסן, אין וועלכן וואַלד מיר געפינען זיך?

— סתם אַזוי, צוליב נייגעריקייט.

— און איך מיין אַנדערש.

— וואָס דאַרף מען אַזוי טיף אַריינקלערן? נאָוואַקאָווסקי איז געווען זייער היימיש מיטן טאַטן, נו האָט ער זיך אויסגעפרעגט אויף אונדז אַלע און מיטגעשיקט ברויט.

יואל האָט באַשלאָסן, אַז די ברידער דאַרפן דעם טאָג נישט אַרויס אין בערעזענעם וואַלד, ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אויס־פּרוּוון נאָוואַקאָווסקיס גוטע רייד.

— איך מיין אויך אַזוי — האָט יאַנקל מסכים געווען מיט יואלן.

— איר מאַכט זיך אַן אומזיסטע שרעק, איך בין גרייט נאָך אַ מאָל גיין צו אים.

— איך קאָן מיטגיין — האָט פסח איינגעשטימט מיט משהס צוטרוי צום פויער.

יואל איז אויפגעשפרונגען אַן אויפגעקאָכטער:

— איך לאָז נישט קיינעם אַרויסגיין פון וואַלד! דערווייל האָבן מיר אויף אַ פּאָר טעג עסן. אין משך פון אַ טאָג־צוויי דאַרף מען גוט אָבסערווירן צי מיר ווערן נישט פאַרפאָלגט.

— ווי אַזוי מיינסטו דאָס צו מאַכן? — האָט יאַנקל געפרעגט.

— הערט זיך איין: מיר בלייבן אויף דעם אָרט. צוויי פון אונדז וועלן זיצן אויףביימער און אַכטונג געבן אויף די וועגן, וואָס פירן פון דאָרף צום וואַלד. מיר וועלן זיך אַלע מאָל טוישן. וועט מען דערזען עפּעס פאַרדעכטיקס, דאַרפן מיר אַלע זיך געפינען אויף די ביימער, אויף וועלכע מען קאָן זיך שנעלער אַרויפדראַפּען. די נאַכט וועט מען איבערליגן צווישן די קוסטעס. מיטן טאָג צו גלייך וועלן מיר איבערגיין אין סאָסנעוואַלד. דאָרט וועט מען שטיין אויף דער וואַך.

די ברידער האָבן אויפגענומען יואלס רייד ווי אַ באַפעל.

אויף צו מאָרגנס, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, זענען די ברידער אַרויס פון אונטער די פּייכטע קוסטעס. זייערע פיס האָבן זיך גע־גליטשט איבער דער מאָכיק־נאַסער ערד. זיי האָבן אַ קוק געטאָן צו דער צעשווימענער בלאָקייט אין די הימל־הויכקייטן איבער דעם שווייגנדיקן וואַלד און גענומען לויפן אַרום די ביימער ביז זיי זענען אויפגעוואַכטע מסוגל געווען אָנהייבן טראַכטן וועגן אָנקומענדיקן טאָג. יואל איז געשטאַנען אַנטקעגן זיינע דריי ברידער און באַפוילן:

— זאָל יעדער זיין שטיקל ברויט נעמען אין טאַש. די זעקלעך מיט די קערנער זאָלן בלייבן פאַרשטעקט צווישן די קוסטעס. פאַר־געדענקט גוט דאָס אָרט. איך וועל אַרויפקריכן דער ערשטער אויפן בוים. נאָך מיר — יאַנקל. פון אויבן מוז מען גוט אָבסערווירן דעם זאַמדיקן וועג, וואָס ציט זיך פון דאָרף ביז צום וואַלד.

נאָך איידער יואל איז אַראָפּ, איז יאַנקל אַרויף אויפֿן בוים און געשטעלט זיך אין דער זעלבער פּאָזיציע וואָס יואל, אין דער ריכ־טונג צום וועג, וואָס איז אין די פֿריִע מאָרגן־שעהען נאָך געווען פֿריי פֿון באַוועגונג. בלויז אַ סטאַדע קי מיט אַ פּאַסטעך נאָך זיי האָבן דורכגעשניטן דעם וועג צו די פּאַשע־פֿעלדער הינטערן וואַלד. דאָס מעקען פֿון די בהמות מיטן בילנדיקן הונט, וואָס האָט אָפּגעהיט זייער גלייכן גאַנג, זענען געווען די ערשטע קולות פֿון אָנקומענדיקן טאָג אין דאָרף.

די ברידער זענען געשטאַנען אונטער אַ בוים. פּסח און משה זענען געווען פֿאַרטאָן אין טראַכטן, ווי אַזוי אָפּצורייניקן די קערנער פֿון דעם זאַמד. זיי האָבן באַשלאָסן גוט זיי אויסטריקענען אונטער דער זון, צערייבן די קערנער צווישן די האַנטפֿלאַכן און אויסבלאָזן די אומרייניקייטן. בלויז יואל איז געשטאַנען אַ געשפּאַנטער מיט פֿאַרריסענע אויגן צו יאַנקלען. יענער איז געזעסן ווי פֿאַרפֿלאָכטן צווישן די געדיכטע צווייגן אויפֿן שפּיץ פֿון דעם בוים.

פּלוצלינג האָבן די ברידער דערהערט יאַנקלס רוף: „קריכט שנעל אַרויף אויף דיביימער״!

די ברידער האָבן אַ שפּרונג געטאָן צו די ביימער, זיך גענומען דראַפּען אַרויף צו די געדיכטע צווייגן. פֿון דאָרט האָבן זיי דערזען ווי איבערן זאַמדיקן וועג לויפֿן אָן רייטערס. אין דעם שטויבוואָלקן איז שווער געווען צו דערקענען די צאָל און זייער אויסזען. ווען די פֿערד זענען אַריין אין וואַלד, האָבן זיי זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגע־שטעלט. צווישן די רייטער האָט משה דאָן דערקענט נאָוואַקאָווסקיס זון. ער איז געזעסן אויפֿן פֿערד מיט אַ ווידלע אין האַנט. ער איז געווען דער וועגווייזער פֿון די אַנדערע צוויי, וואָס זענען אים נאָכ־געריטן — איינער מיט אַ לאָפּאַטע און דער צווייטער מיט אַ האַק. צוויי בייזע הינט זענען נאָכגעלאָפֿן די פֿערד אין דער ריכטונג צום בערעזענעם וואַלד.

אין וואַלד האָט אָפּגעהילכט דאָס בילן פֿון די הינט און דאָס הירזשען פֿון די פֿערד. די ברידער האָבן געמוזט פֿעסטער זיך אָנ־

האַלטן אין די צווייגן, כדי נישט פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט צוליב דער טויטשרעק.

לאַנג האָבן זיך געצויגן די אַנגסטיקע מינוטן ביז די ברידער האָבן דערזען די שקצים אַנקומען אויף צוריק. די רייטערס האָבן זיך אומגעקערט מיט איינגעהאַלטענע פערדישע טריט, געבליבן שטיין, זיך אַרומגעקוקט, זיי האָבן געזוכט צווישן די ביימער שפּורן פון מענטשלעכע טריט, געיאָגט די הינט, זיי זאָלן זיך צעלויפן אין אַ ברייטן שטח. דאָס ווילדע געיעג פון די הינט האָט פאַרפירט די שקצים מיט די פערד אין יענער ריכטונג, וווּ אַן אַנטלאָפן חיהלע האָט באַוויזן זיך אַרויסרייסן פון געיעג און שנעל אַרויפדראַפּען זיך אויף אַ בוים.

ס׳איז געווען שוין אַ שטיק אויף טאָג, ווען די ברידער האָבן געקאָנט אַראָפּלאָזן זיך פון די ביימער, אויסגלייכן זייערע רוקנס, פונאַנדערנעמען די הענט און טיפער אָפּאָטעמען. זיי האָבן זיך פאַר־נומען צו אַן אַנדער זייט פון וואַלד, דערגאַנגען צו געדיכטע דעמבעס, וווּ דאָס טאָגליכט האָט אויסגעזען טונקעלער. די זון האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן, ווי אַ געפאַנגענע צווישן די צווייגן און קילע ווינטן האָבן געיאָגט, ווי דורך אַ נעץ, זיך אַנגעשלאָגן אין די געדיכטע בלעטער.

די ברידער האָבן זיך אַוועקגעזעצט, אָנגעשפּאַרט די קעפּ אין אַ בוים. זיי האָבן אויסגעזען ווי פאַרחלשטע נאָכן שווער־איבערגע־לעבטן פרימאָרגן. משה האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— נישטאָ שוין קיינער צווישן די באַקאַנטע גויים, מ׳זאָל קאָנען גלייבן, אויב דער פּרומער נאָוואַקאָווסקי האָט געקענט שיקן זיין זון אונדז דערהרגענען.

— נאָך פאַר דער מלחמה האָבן די זשירכער גויים געשמט פאַר כיטרע און שלעכטע. איצט זענען זיי אַלע רוצחים,

— ווי אַזוי וועט מען דאָ זיך קאָנען אויפהאַלטן?

— מיר דאַרפן באַשליסן וואָס ווייטער צו טאָן.

— איך מיין — האָט יואל געזאָגט — אַז מיר דאַרפן דערווייל

בלייבן אין דעם וואַלד. ער זעט אויס צו זיין אַ שטילער, ווי קיין מענטש וואָלט אַהער נישט געקומען, קיין סימן פון געשניטענע ביימער זעט מען נישט. מיר דאַרפן באַשליסן אויף וואָסער אָרט גראָבן דאָס באַהעלטעניש און זיך דאָ אויפהאַלטן ביז דער זומער וועט קומען.

— צו וועמען געהער דער וואַלד?

— וואָס איז וויכטיק דאָס צו וויסן?

— דאָס איז זייער וויכטיק — האָט יאַנקל אויפגעקלערט — אויב דער וואַלד איז אַ הויפישער, וועט דערווייל קיינער נישט אַהער קומען שניידן אַזעלכע גראָבע דעמבעס. אין מלחמה־צייט בויט מען נישט קיין שטיבער, און אויף ברענהאָלץ האַקט מען נישט אַזעלכע ביימער.

— נישט קיין אונטערשיד צו וועמען דער וואַלד געהער — האָט יואל נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט זיין מיינונג — דאָ, אין דער געדיכטעניש, פילט מען זיך זיכערער. דאָ וועט מען זיך בעסער קאָנען אויסבאַהאַלטן אַפילו פונעם וואַלדוועכטער. דאָ וועט זיין לייכטער צו בראָטן קאַרטאָפל און שוואָמען. מען וועט דאָס אָבער דאַרפן מאַכן גאָר ווייט פון דער באַהעלטעניש.

די ברידער האָבן איינגעשטימט מיט יואלן און באַשלאָסן, אַז איידער זיי הייבן אָן גראָבן די ערד, זאָלן זיי פריִער מאַכן אַ לענגערן שפּאַציר איבערן וואַלד און באַקענען זיך מיט זיין שטח. און אַרויסגיין דאַרפן זיי גאַנץ פרי, נאָך איידער דער וואַלדוועכטער קומט צו זיין אַרבעט.

אויף צו מאָרגנס האָבן די ברידער זיך אַרויסגעלאָזט איבערן וואַלד. זיי זענען געגאַנגען אָפּגערוקט איינער פון צווייטן. די פייכטע בלעטער פון אַראָפּהענגענדיקע צווייגן האָבן געפּאַטשט זייערע פּנימער און מיט צעשטרעקטע הענט האָבן זיי געמאַכט פאַר זיך אַ וועג. דער ציל איז געווען אַן אומבאַשטימטער, זיי האָבן נישט געוווסט ביז וואַנען זיי וועלן זיך אַזוי שלעפּן און ווען זיי וועלן צוריקגיין צום אָרט פון וועלכן זיי האָבן אַרויסגערירט. דער וואַלד

האָט זיי אויסגעזען צו זיין אומענדלעך גרויס און פּוסט נישט צו געפינען קיין שפּור פון אַ מענטש אָדער חיה. אַפילו די וואַלד־פייגל האָבן זיך דאָ כמעט ווי נישט געהערט. בלויז פון דער טיפעניש האָבן אָפּגעהילכט מיט אַ שוואַכן עכאָ גרילצענדיקע קולות פון עפּעס אומבאַקאַנטע פייגל אָדער אומבאַשטימטע זיך אָפּרופנדיקע קלאַנגען. אָבער דווקא די דאָזיקע אימהדיקע שטילקייט איז געוואָרן זיי אייגן, אַנגעפּילט מיט זיכערקייט דעם טראָט. פון זייער דמיון איז פאַר־לוירן געגאַנגען דאָס געשטאַלט פון אַ מענטש. דאָס געפלעכט פון ביימער, צווייגן, בלעטער און אָפּגעריסענע שטיקער טאָגליכט פון די ביימערשפּיצן האָט זיי דערמאָנט אין דער שטילער נאָכגיביקייט פון געדיכטן וואַלד.

משה האָט גערופן די ברידער, זיי אָנגעוויזן אויף סימנים פון מענטשלעכער צואה און געוואָלט הערן זייער מיינונג, צי זענען דאָס שפּורן פון די צופעליקע דורכגייער, אָדער פון מענטשן, וואָס האַלטן זיך אויף דאָ אין וואַלד. די ברידער האָבן אַרומגעקרייזט דעם אָרט און געפונען אַ טייל פון אַ צעריסענעם שוך, און אַ ביסל ווייטער — אַ שטיק שמאַטע.

— קען גאָר זיין, אַז מיר געפינען זיך אויף אַ געפערלעכן פּלאַץ. אפשר פּאַרטיזאַנער ?

— פּאַרטיזאַנער ? זיי האַלטן זיך נישט אויף אַזוי טיף אין וואַלד. די פּאַרטיזאַנער געפינען זיך נענטער צו די דערפער. זיי האָבן נישט קיין מורא פאַר די פּויערים.

יואל האָט געלאָזט אויסרעדן זיינע ברידער און זיך אָנגערופן דער לעצטער :

— איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז דאָ ערגעץ האַלטן זיך אויף יידן. קאָן זיין גאָר נאָענט, אָדער אפשר נאָך טיפער צווישן די דעמבעס. אויב ס'איז נאָך וועך לעבן געבליבן פון די דאָרפישע יידן, האָבן זיי דאָ געזוכט אַ באַהעלטעניש. איך ווייס נישט, צי ס'איז כדאַי, אַז מיר זאָלן זיי זוכן. אַ גרעסערע גרופּע איז אויסגעשטעלט אויף מער געפאַר.

יאַנקל האָט זיך אָנגעכאַפּט אין יואלס פּאַרדאַכט, ער האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג:

— אויב דאָ געפינען זיך ייִדן, וועלן זיי אונדז קאָנען געבן אינפאָרמאַציעס, ווייל זיי לעבן שוין דאָ לענגער אין וואַלד. און אפשר וועלן זיי אונדז קאָנען אויך געבן הילף. ס'איז נאָר אַ פראַגע ווו מען געפינט זיי. כיבע, אויב מיר וועלן געפינען שפורן פון פאַר־לאָשענע פייערן, דאַרפן מיר ווייטער זוכן.

די ברידער האָבן זיך צעשפּרייט אין אַ האַלבקרייז, געגאַנגען פון בוים צו בוים, פון קוסט צו קוסט, געזוכט עפּעס אַ צייכן, וואָס זאָל זיי אָנדייטן אַ סימן צום ווייטערדיקן גאַנג. דאָס איז זיי אויס־געפאַלן שווער. די פאַרבונדענע שמאַטעס אַרום די געלעכערטע שיך האָבן זיך געגליטשט איבער די געדרייטע וואָרצלען, באַדעקטע מיט נאַסן מאָך. ענדלעך זענען זיי דערגאַנגען צו אַ טרוקענעם שטח, דאָרט זיך אויסגעזעצט ביים ראַנד פון אַ בוים און אָנגעהויבן צווייפלען, צי איז בכלל כדאַי, זיי זאָלן פאָרזעצן זייער גאַנג אין פרעמדן וואַלד. וואָס טיפער זיי זענען אַריינגעדרונגען אין אים, אַלץ ווילדער האָט ער פאַר זיי אויסגעזען, אָן אַ שפּור פון עפּעס אַ לעבעדיק וועזן.

אין מיטן פון זייער שמועס זענען די ברידער געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער און געווענדט זייערע בליקן אין דער ריכטונג פון וואַנען זיי האָבן פּלוצלינג דערהערט לייכטע אָבער געדיכטע טריט, וואָס זענען מיט יעדער סעקונדע געוואָרן רעשיקער, נענטער, זיך איינגעשטילט און באַלד ווידער מיט דראָבנע שנעלע טריט זיך דערנענטערט צום אָרט, ווו די ברידער זענען געזעסן ווי פאַר־שטיינערטע. און איידער זיי האָבן מיט זייערע צעיאָגטע מחשבות באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, זענען פון צווישן די ביימער אַרויסגע־קראָכן צוויי טונקל־גרויע ווילדע חזירים מיט אַראָפּגעלאָזענע נאָז־לעכער צו דער ערד, הינטער זיי זענען נאָכגעלאָפן אַ צענדליק קליינוואַרג, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן די פוסטריט פון די

צװײ גרויסע. די סטאַדע איז שטיל פֿאַרבײגעגאַנגען לעבן דעם בוים און די ברידער האָבן טיף אָפּגעאָטעמט.

— גוט װאָס מיר האָבן זיך נישט גערירט פֿון אָרט — האָט יאַנקל קוים אַרויסגערעדט — װילדע חזירים גרײפֿן אָן װען מען פֿאַרמעסט זיך קעגן זײ אָדער װען מען אַנטלויפֿט.

— אומזיסטע שרעק — האָט יואל אָן אויפֿגעמונטערטער געזאָגט — די צװײפֿיסיקע חיות זענען אַ סך געפֿערלעכער.

— װען מיר האָבן געװוּער װאָלט מען איצט געקאָנט מאַכן אַ געבראָטנס.

— אָדער די חיות װאָלטן אונדז געגעסן רויערהײט — האָט פּסח געענטפֿערט משהן און צוגעשמײכלט.

די ברידער האָבן זיך אויפֿגעשטעלט, נאָך דעם װי זײ האָבן באַשלאָסן צוריקגײן צום אָרט פֿון װאַנען זײ זענען געקומען. אויב װײטער ממשיך זײן מיט דעם װעג, איז געװען אַ מורא צו פֿאַרבלאָנדזשען ערגעץ אין אַ װיסטעניש, פֿון װאַנען זײ װעלן קײן אויסװעג נישט געפֿינען. דעם צוריקגאַנג האָבן די ברידער באַשלאָסן צו מאַכן אַ ביסל פֿון דער זײט, כּדי אויסצומײדן דעם נאַסן שטח. װען זײ זענען אַרײן טיפֿער, האָט זיך פֿון ערגעץ אָנגעטראָגן אַ ריח פֿון ברענענדיק האָלץ. דער רויך, װאָס איז זיך צעגאַנגען צװישן די בײמער, האָט אויסגעזען צו זײן פֿון נישט װײט. די ברידער זענען געבליבן שטײן, געשמעקט די לופֿט, געקוקט אויף די בײמער־שפּיצן. זײ זענען געװען אומבאַװעגלעך און נישט געװוּסט פֿון װעלכער זײט עס בלאָזט דער װינט. זײ זענען טיפֿער אַרײן אין דער זײט װאַלד און אָפּגעשטעלט זיך, כּדי צו קאָנען אונטערשײדן די שאַרפֿקײט פֿון דעם ריח, װאָס האָט זײ געצויגן אַלץ טיפֿער — ביז זײ האָבן דערהערט אַ קנאַקן פֿון ברענענדיק האָלץ. זײ האָבן זיך אָפּגעשטעלט הינטער אַ בוים און דערזען אַ באַרג צעברענטע צװײגן. אַרום דעם שײטער זענען געזעסן עטלעכע טונקעלע געשטאַלטן מיט באַװאַקסענע פּנימער. אײנגעבויגענע האָבן זײ געשאַרט פֿון פֿײער אַרויס עפּעס געבראָטנס און דאָס צונויפֿגעזאַמלט אויף אײן אָרט.

די ברידער האָבן פון בוים צו בוים זיך דערנענטערט צום אָרט, ווו זיי האָבן אויפגעכאַפּט אַ פּאָר ווערטער ייִדיש.

אויפגעשפּרונגענע פון באַפאַלענעם פּחד, האָבן די געשטאַלטן זיך איינגעקוקט אין דערנענטערן זיך פון די ברידער. די ברידער האָבן זיך פאַרהאַלטן ביים שייטער און אָנגעקוקט די באַוואָקסענע פּנימער. אין ערשטן בליק האָבן זיי אויסגעזען פרעמד, נישט צום דערקענען.

— אוי, זאָל איך אַזוי לעבן! דאָס זענען דאָך אברהם הערשס זין פון סטערדין! — האָט איינער פון זיי אויסגערופן און גלייך געגעבן צו דערקענען זייערע אייגענע נעמען: יאָסל, אהרן און שייע פון לאָזעווע, די זין פון דוד קצב.

— ווען נישט דער יונגער שייע מיטן גלאַטן פּנים, וואָלטן מיר אייך נישט דערקענט.

— און איר זעט אַנדערש אויס? — האָט אהרן אויסגעלאַכט יואלן — ווען נישט משהס פּנימל, וואָלט איך געמיינט, אַז דזשאַדעס זענען אַרויס פון צווישן די ביימער.

— אַ ביסל שטילער — האָט יאַנקל זיך געבעטן — מיר האָבן זיך שוין אָפּגעוווינט צו רעדן אַזוי הויך.

— דריי נישט קיין קאָפּ — האָט יאָסל אַן אויפגעלעבטער פון דער באַגעגעניש אויסגערופן — אין דעם וואַלד איז נישטאָ פאַר וועמען זיך צו שרעקן אַחוץ פאַר ווילדע חזירים און פאַרן הונגער. מיר זענען דאָ שוין אַ פּאָר וואָכן און קיין לעבעדיקן מענטש האָבן מיר נאָך נישט געזען... די כאָליערע זאָל עס נעמען! מיר ווייסן דאָך גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט! גוט, וואָס איר זענט אָנגעקומען, וועט ווערן היימלעכער.

די ברידער האָבן אַראָפּגעלאָזט די טאָרבעס, זיך אויסגעזעצט אַרום פייער צוזאַמען מיט די לאָזעווער ייִדן, וועלכע האָבן אין זייער וואַלדישן הולך אויסגעזען צו זיין אַ סך עלטער ווי אין די צוואַנציקער יאָרן. אַלע האָבן אויסדערציילט זייערע איבערלעבונגען פון זינט זיי זענען אַנטלאָפן פון דער היים. די ברידער האָבן געהערט

ווי אַזוי דוד דער דאָרפסייִד האָט געפירט זיינע זין אין וואַלד און זיך אָפּגערעדט מיט זיי, אַז ער, דער טאַטע, מיטן קליינעם ייִנגל, וועלן זיך מאַכן אַ באַהעלטעניש נענטער צום דאָרף, און זיי, די עלטערע זין, וועלן זיך אויסבאַהאַלטן טיפער אין וואַלד. די ערשטע נעכט איז טאַקע געווען ווי דער טאַטע האָט פאַרטראַכט. ער האָט געבראַכט עסן פון זיינע באַקאַנטע פויערים, מיט וועלכע ער האָט אַזוי פיל יאָרן געהאַנדלט, טאָגטעגלעך געזעסן אין זייערע כאַטעס. אַלע האָבן געקענט דוד דעם קצב.

אַזוי איז אַדורך אַ פּאָר וואָכן ביז דוד האָט אויפגעהערט קומען. אין איינער אַ נאַכט זענען זיי אַוועק צו דער באַהעלטעניש און דאָרט געפונען זייער פאָטער מיטן ייִנגסטן ברודערל ליגן מיט פאַרשטייפטע פּיס, אַרויסגעשטעקטע פון ערדישן לאָך. פון יענעם טאָג האָבן זיי זיך איבערגעטראָגן נאָך טיפער אין וואַלד.

דריי זענען זיי געווען: יאָסל, דער עלטסטער, מיט אַ שוואַרץ באַוואַקסן פּנים, געלעכערטע מלבושים, אַרומגעגאַרטלטע מיט אַ שטריק, די שיך געוויקלטע אין שמאַטעס, די צעשויבערטע האָר אויפן קאָפּ האָבן אים צוגעגעבן אַ ווילדן אויסזען, ווי ער וואָלט שוין יאָרן לאַנג געווען אָפּגעריסן פון אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן.

דער צווייטער: אַהרן, אַ הויכער, מיט אַ בלאַס פּנים, באַוואַקסן ביז אונטער די אויגן, וואָס האָבן, ווי פון אונטער אַ מאַסקע, אַרויס־געקוקט צווישן די האָרפּאַסן איבער זיין שטערן, די שטים אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטע, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַרויסצורעדן אַ הויך וואָרט.

דער דריטער: שייע, דער ייִנגסטער פון זיי. מיט די לאַנגע בלאָנדע האָר, פאַרוואָרפן אויף הינטן, און מיטן שמאָלן שפּיציקן פּנימל, האָט ער אויסגעזען ווי אַ מיידל אין ברייטע מענערישע מלבושים, וואָס זענען נישט צוגעפּאַסט צו זיין אויסגעמאָגערטן גוף.

פונעם גאַנצן בערגל ברענענדיק האָלץ איז געבליבן בלויז אַ ביסל דינע צווייגלעך. דער שייטער האָט אָנגעהויבן זיך לעשן. דער לעצטער אָפּשיין האָט קוים דערגרייכט צו די אָנגעבויגענע קעפּ פון

די וואַלדייִדן, וואָס זענען נאָך אַלץ געזעסן און דערציילט זיך וועגן זייערע איבערלעבונגען.

יאָסל האָט פאַרגעלייגט איבעררייסן דאָס רעדן און עסן די געבראָטענע קאַרטאָפל איידער זיי ווערן קאַלט. ער האָט טאַקע באַלד פונאַנדערגעטיילט די קאַרטאָפל אויף זיבן פּאַרציעס. נאָכן פונאַנדערטיילן איז געבליבן אָן איינציקע קאַרטאָפל. יאָסל האָט געפרעגט צו וועמען זי דאַרף געהערן. אַלע זענען געבליבן שטיל, אָבער יאָסל האָט נישט אָפּגעלאָזט און פאַרלאַנגט אַ גערעכטן ענטפער.

— ווען מיר זענען איצט נישטאָ מיט אייך, וועמען וואָלט איר צוגעטיילט דעם קאַרטאָפל? — האָט פסח זיך אָנגערופן.

— ווי שטענדיק אהרנען, דעם שוואַכערן פון אונדז — האָט יאָסל, אָן פאַרטראַכטן זיך, געענטפערט.

— קומט אים אויך איצט — האָבן אַלע מסכים געווען.

— גאַנץ יושרדיק, אהרן דאַרף טאַקע באַקומען, אָבער ווען מיר זענען איצט נישטאָ, וואָלט דאָך גאָר אַנדערש אויסגעפאַלן די פאַרטיילונג!

יאָסל איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער פון יואלס באַמערקונג. ער האָט געחשבונט מיט דער הילף פון זיינע פינגער און אויס־גערופן:

— איך זאָל טאַקע אַזוי לעבן, ווי ער איז גערעכט. ס׳וואָלט טאַקע נישט געבליבן קיין איבעריקע קאַרטאָפל!

יאַנקל איז געווען ערנסטער געשטימט:

— לאָזט איצט אָפּ מיט אייערע מאַטעמאַטישע אויפגאַבעס. דערציילט בעסער, ווי אַזוי איר האָט זיך פאַרשאַפט די קאַרטאָפל?

אויף יאַנקלס פראַגע איז געקומען אַ דערציילונג וועגן דעם ייִדישן פּויער, וואָס האָט געוווינט אין שכנותדיקן דאָרף און זיינס אַ זון, וואָס איז לעבן געבליבן, האַלט זיך אויף אין אַ דערנעבנדיקן וואַלד. ער גיט זיי הילף, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע לייבלעכע ברידער.

ביי די ברידער איז אויפגעקומען דאָס געשטאַלט פונעם ייִדישן פּויער וועלוול וויעסקער מיט דער רויטהאָריקער באָרד; אַ הויכער,

אַ פעסטגעבויטער, מיט אַן אָפּגעברענט פּנים פון זון און לופט. אַז וועלוול פלעגט אין אַ מאַרקטאָג פאַרפאָרן אין שטעטל אַריין און ענטפערן אַ ייִד אויף אַ שלום־עליכם, האָט מען גוט געפילט זיין האַנט, אַן אויסגעאַרבעטע פון אַקערן און זייען אויף זיינע פעלדער. די דאָרפישע ווירטשאַפט איז איבערגעגאַנגען צו אים פון דור צו דור. אויף אָט דער ערד האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט ייִדישע ערד־אַרבעטער, פּאַסטעכער און וואַלדהעקערס. אומרויִקע צייטן זענען אַדורך איבערן דאָרף וויעסק, אָבער די זיידעס האָבן נישט פאַרלאָזט די פויערישע ווירטשאַפטן. אין זיי האָט געלעבט אַ צוגעבונדנקייט צו דער ערד, צום וואַלד. אַ טייל פון זיי זענען זיך צעפאָרן איבער ווייטע לענדער, פאַרלייגט פויערישע ווירטשאַפטן אין אַרגענטינע און קאַנאַדע, אָבער וועלוול האָט זיך פון זיין דאָרף נישט גערירט. אין די מלחמה־טעג, ווען ייִדן זענען אַנטלאָפן פון די דערפער, געטריבן פון אומרו און שרעק, איז וועלוול נאָך געזעסן מיטן בני־בית אויף זיין ערד, אין שכנות מיט די פויערים, מיט וועלכע ער איז צו־זאַמען אויפגעוואַקסן, צוזאַמען געלעבט, געטראָגן די זעלבע ליינענע העמדער, די זעלבע הילצערנע טרעפּעס אויף די פיס. ער האָט זיך אויסגעטיילט פון זיי בלויז מיט זיין רויטפלאַמיקער באָרד.

געבליבן איז נאָך אים זיין זון הערצקע, אָבער די גוטהאַרציקייט איז איבערגעגאַנגען בירושה פון זיין טאַטן צו אים — אַ פאַרשטעקטן ערגעץ אין אַן אונטערערדישן לאָך.

דער שמועס צווישן די ייִדן אין וואַלד האָט זיך פאַרענדיקט. איצט האָבן זיי צוזאַמען פאַרטראַכט פּלענער, ווי אַזוי צו שאַפן עסן. זיי האָבן אויך באַשטימט דאָס אָרט ווו אויסצוגראָבן נאָך אַ באַ־העלטעניש — פאַר די ברידער.

צווישן די ביימער האָט אָנגעהויבן טונקלען, מחנות פייגל האָבן זיך געטראָגן איבער די ביימערשפּיצן, געקרייזט איבערן וואַלד מיט צעפאָכטע פליגל, טשאַטעסוויז זיך אַראָפּגעלאָזט און פאַרלוירן געגאַנגען צווישן די געדיכטע צווייגן. פון די טיפענישן האָבן זיך אָפּגערופן פאַרשטיקטע קולות פון וואַלד־חיות. דער וואַלד איז

פאַרגאַנגען אין אַן אימהדיקער נאַכט־שטילקייט און די ייִדן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער די נאַכטוועגן זוכן שפּייז פאַר די קומענדיקע טעג.

קאַפּיטל צוועלף

אינעם פרויען־לאַגער הינטער בערלין

ווען סטאַשיאַ איז אָנגעקומען אין דעצעמבער 1942 קיין דייטש־לאַנד אין דעם פרויען־לאַגער „וויטענאַו־נאָרד״ לעבן בערלין, האָט זיך איר געדוכט, אַז די פאַרבאָרגענע שרעק, וואָס האָט איר כסדר פאַרפאָלגט נאָך די שווערע איבערלעבונגען, האָט אָנגעהויבן נאָכ־לאָזן צוזאַמען מיט איר פאַרשווינדן פון דער פוילישער ערד. אפשר האָט אויף איר אַזוי געווירקט דער שטילער פּייזאַזש: די ברייטע פעלדער וואָס זענען געלעגן צעשפּרייט ביז צום פאַרשאָטנטן וואַלד, ווו די זון האָט אין די פאַרנאַכטן זיך אַראָפּגעלאָזן און אָנגעצונדן די ביימערשפּיצן מיט אַ פּיאַלעטער רויטקייט, און פון דער אַנדערער זייט, אויף מזרח, האָבן הויכע הייזער אין דער ווייטקייט, ווי גראָע כמאַרעס, פאַרדעקט דעם ראַנד פון הימל.

אָבער סטאַשיאַס שטימונג האָט אָנגעהויבן זיך בייטן, ווען זי איז ווידער אַריין צווישן די לאַנגע רייען באַראַקן, און פון דאָרט — אין דער שטובע, מיט די רויע הילצערנע ווענט, נישט געפאַרבטע טישן און שאַפקעס, לעבן די דריישטאָקיקע פּריטשע־בעטן, ווו זי האָט פאַרנומען אַן אָרט אין אַ ווינקל, כדי צו האָבן פאַר זיך דאָס אינעווייניקסטע בילד פון באַראַק.

אַ טייל פון די מיידלעך, וואָס האָבן שוין דאָ פאַרנומען ערטער, האָט סטאַשיאַ געקענט נאָך פון וועג. צווישן זיי האָבן אויך זיך געפונען די שוועסטער זאָשיאַ און בראָניסלאַווע, אויך מיט די אַנדערע האָט סטאַשיאַ לייכט געמאַכט קאַנטשאַפטן. בלויז מאַריאַ, אַ מיטל־יאָריקע פרוי אין שוואַרצע קליידער, האָט ביי סטאַשיאַן אַרויס־גערופן אַ געפיל פון אומרו צוליב דער אויפמערקזאַמקייט וואָס די פרוי האָט צו איר אַרויסגעוויזן.

יאַדוויגאַ און קאַזשאַ זענען געוואָרן סטאַשיאַס נאָענטסטע שכנטעס צו איר בעט.

יאַדוויגאַ — אַ דיקלעכע, מיט קורץ־געשוירענע שאַטינע האָר פאַרקעמט מיט אַ שרונט, אַ העל רונדיק פּנים, בלאָע אויגן. אַ שטאַרק באַרעדעוודיקע; גלייך נאָכן אויטלייגן אירע זאַכן אין דער שאַפקע, האָבן אַלע אַרום איר שוין געקענט די ביאָגראַפיע פון איר משפחה. איר שטיף־פאָטער האָט זי דערמאָנט מיט כעס צוליב זיין שלעכטער באַציונג צו איר מאַמעס קינדער און באַזונדער — צו איר.

קאַזשאַ — אַ בלאָנדע, מיט אַ דיקן צאָפּ פאַרפלאָכטענע האָר אויף איר שלאַנקן רוקן, האָט זי אויסגעזען צו זיין סאָלידער, איינ־געהאַלטענער. אויך זי האָט דערציילט פון וואַנען זי שטאַמט, ווי אַזוי זי איז געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנגסאַרבעט, אָבער אירע רייד זענען געווען מיט מאָס און האָבן נישט דערגרייכט צו איר פּערזענלעך לעבן. זי האָט ליב געהאַט אָבסערווירן וואָס אַנדערע טוען, אונטערהערן וואָס מען רעדט. אַ מאָל האָט זי רעאַגירט אויף דעם מיט אַ שטיל געלעכטערל, אַ מאָל מיט איינציִען די ליפּן פון פאַרדרוס, מיט אַ קרומען קוק מיט די אויגן.

צווישן קאַזשאַ און יאַדוויגאַ איז דערגאַנגען צו אַ קריגעריי. יאַדוויגאַ האָט געטענהט, אַז זי האָט די ערשטע פאַרנומען דאָס אונטערשטע בעט און קאַזשאַ האָט געזאָגט פּונקט פאַרקערט, אַז איר רענצל איז פריִער געלעגן אויפן קאָץ און איצט שטייט עס אויף דער ערד. אָבער יאַדוויגאַן איז ווייניק אָנגעגאַנגען דער פאַקט. מיט אַ שאַרפער שטימע האָט זי אַקצענטירט אַז דאָס בעט געהערט איר און זי פרעגט נישט ביי קיינעם וואָס זי האָט צו טאָן.

קאַזשאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן אירע פּעקלעך, אַרומגעלאָפן איבערן באַראַק, און אַז זי האָט נישט געפונען קיין אַנדער אָרט, איז זי צוריקגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט אַ שטייפע:

— וואָס, דו ווילסט דאָ זיך מאַכן פאַר אַ באַפעלגעבערין?

יאַדוויגאַ האָט אַ בייזן קוק געטאָן אויף קאַזשאַן:

— און דו וועסט מיר נישט באַפעלן, וואָס איך האָב צו טאָן!

— איך קאָן דיך באַלד אָנלערנען פאַר דיין חוצפּה!

— נו, פּרוביר! — און יאַדוויגאַ האָט זיך צעלאַכט.

סטאַשיאַ האָט זיך אַריינגעמישט:

— מיידלעך, הערט אויף מיט די קריגערייען. איך האָב פאַר אייך אַ גוטן אויסוועג. דו, קאַזשאַ, פאַרנעם דאָס מיטלסטע בעט, און איך וועל נעמען דאָס לעצטע — און איידער סטאַשיאַ האָט געענדיקט, איז זי שוין געווען אויבן און געבליבן זיצן אַ צע־שמייכלטע מיט אַראָפּהענגענדיקע פיס.

קאַזשאַ האָט אָנגעשטעלט אַן אומצופרידן פּנים. זי האָט נישט געוואָלט אונטערגעבן זיך דער פּראָסטער יאַדוויגאַ, אָבער סטאַשיאַ האָט אויסגעצויגן די האַנט אַראָפּ צו קאַזשאַן, איר אַ ציִ געטאָן צו זיך, און ביידע זענען געבליבן זיצן אויפן אויבערשטן בעט.

— סטאַשיאַ, האָסט אַ גוט האַרץ.

— און דו ביסט אַ קלוגע.

— ווען נישט דו, וואָלט איך דעם גראָבן הינטן פאַר די האָר אַראָפּגעשלעפּט פון בעט.

— צו וואָס זיך קריגן — האָט סטאַשיאַ מילד גערעדט — מיר זענען שוין גענוג געשלאָגן ווען מען געפינט זיך אין דער פרעמד.

— פאַר וואָס פאַרשטייט דאָס נישט די כאַמקע.

סטאַשיאַ האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אין ים זענען פאַראַן פאַרשידענע פיש.

קאַזשאַ האָט אַרומגענומען סטאַשיאַן:

— מיט דיר וועט זיין גוט צו וווינען צוזאַמען.

עס זענען אַריינגעקומען צוויי וואַכלייט, זיך אַרומגעקוקט, גע־עפנט עטלעכע שאַפקעס, אַ גלעט געטאָן איבער די בעטן, און געפרעגט ווער פון די מיידלעך עס קאָן רעדן דייטש. אָנגערופן האָט זיך אַ דינע פרויען־שטימע.

אַ מיטליאָריקע שלאַנקע פרוי, מיט גראָלעכע האָר, פאַרדרייט אויף הינטן אין אַ גרעק, איז מיט דראָבנע טריטעלעך צוגעקומען צו די וואַכלייט און געפירט מיט זיי אין דייטש אַ קורצן געשפרעך.

דערנאָך האָט איינער פון זיי, אין אַ געבראָכענעם פּויליש, פאַר־אָרדנט, אַז פון איצט וועט פרוי מאַריאַ ווערן די פּאַרמיטלערין צווישן די מיידלעך מיט דער דייטשישער קאָמענדאַנטור פון לאַגער, און צוגעגעבן, אַז אַלע זאָלן נעמען די דאָקומענטן און גיין זיך איינמעלדן אין די ביוראָ־צימערן פון דעם און דעם באַראַק.

שטייענדיק אין דער ריי, האָט קאַזשאַ זיך געווענדט צו סטאַשיאַן:

— זאָג מיר אויפריכטיק, וואָס טראַכסטו וועגן יענער פרוי?

סטאַשיאַ האָט תיכף פאַרשטאַנען, אַז קאַזשאַ מיינט די פרוי מאַריאַ אין די שוואַרצע קליידער. זי איז שוין געזעסן ביים אַריינ־גאַנג הינטער אַ טישל, און יעדעס מיידל, וואָס האָט זיך דערנענטערט, האָט קודם כל געדאַרפט איבערגעבן די דאָקומענטן אין אירע הענט, און דערנאָך זיך ווענדן צום דייטשישן באַאַמטן.

סטאַשיאַן האָט די פראַגע אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, אָבער, ווי שטענדיק, האָט זי שנעל זיך באַהערשט.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז זי אינטערעסירט מיך גאַנץ ווייניק. וואָס האָט מען אייגנטלעך אין איר דערזען? אַ באָבע אין שוואַרצן. די אויגן ווילן שנעל אַנטלויפן פון אַזאַ געשטאַלט.

קאַזשאַ, ווי איר געוווינהייט, האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— סטאַשיאַ, באַמערק גוט ווי אַזוי זי רעדט, ווי אַזוי זי גייט, ווי אַזוי זי קוקט אַרום זיך. זי האָט פאַרנומען אַ בעט קעגן איבער אונדז. נו, וואָס מיינסטו, וויפל אויגן האָט זי שוין געוואָרפן אין אונדזער זייט?

— זאָל זי קוקן. וועמען גייט עס אָן?

— סטאַשיאַ, זיי נישט נאַיוו. פון וואַנען קומט עס, אַז אַ פרוי אין דעם עלטער זאָל דאָ זיין צוזאַמען מיט אונדז? מענער אין די יאָרן האָט מען יאָ פאַרכאַפּט קיין דייטשלאַנד, אָבער פרויען מיט גראָע האָר? וויזש מיר נאָך אַזאַ איינע אין גאַנצן לאַגער!

סטאַשיאַ האָט אָנגעשטעלט אַ גלייכגילטיק פּנים:

— זי קאָן אויך זיין אַ פּרייוויליקע. אירע טרויער־קליידער זאָגן עפּעס וועגן דעם...

קאַזשאַ האָט איינגעצויגן אירע ליפּן און זיי באַלד צעעפנט:

— הער אויס, סטאַשיאַ. אויף מיין רייזע האָב איך אַ סך גע־לערנט. איך האָב געהערט און געזען פאַרשידענע טיפּן מענטשן, וואָס אַלץ מען האָט זיך נישט אָנדערציילט: וועגן פאַרשטעלטע ייִדן און ייִדישקעס, וועגן גנבים און שווינדלערס, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו באַפרייען און זענען פאַרשוווּנדן מיטן געלט. איך האָב געקענט אַ מיידל, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן, אַבי מ׳זאָל זי פון דאָרט אַרויספירן, און דערנאָך איז זי געבליבן אַ פאַרשעמטע... קאָנען דאָך אויך ביי אונדז זיך געפינען פאַרדעכטיקטע, און מאַריאַ איז אין מיינע אויגן אַזאַ.

מיידלעך, וואָס האָבן זיך איינגעהערט איןביידנס רייד, האָבן געגעבן רעכט קאַזשאַן. דאָס געשפּרעך וואָלט זיך נאָך פאַרצויגן, ווען קאַזשאַ וואָלט זיך נישט דערנענטערט צום אַריינגאַנג אין ביוראָ.

סטאַשיאַ מיט קאַזשאַן זענען צוזאַמען אַריין. קאַזשאַ איז שנעלער פאַרטיק געוואָרן, סטאַשיאַ האָט זיך פאַרהאַלטן. דעם דייטשישן באַאַמטן איז שווער געווען איבערצולייענען דעם נאָמען פון איר געבוירן־אָרט. מאַריאַ האָט אים אַרויסגעהאָלפן און דערביי אַ שמייכל געטאָן צו סטאַשיאַן.

אויך אין באַראַק האָבן די מיידלעך צווישן זיך מיט קנאה גע־רעדט וועגן מאַריאַס פלוצלינגע קאַריערע.

צווישן די מיידלעך, וואָס זענען געווען פאַרטאָן אין שמועס, איז אויך געווען זאָשקע.

— וואָס מיינט איר, אַז אין פוילן זענען נישט געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געלערנט די דייטשישע שפּראַך? זי זעט אויס צו זיין אַ געבילדעטע פרוי. זי קען אפשר נאָך אַנדערע שפּראַכן.

— אַזאַ געבילדעטע דאַרף ליגן מיט אונדז אין דעם באַראַק? דאָס איז נישט צו פאַרשטיין — האָט מען אָפּגעענטפערט זאָשיאַן.

סטאַשיאַ האָט קאַזשאַן אַ שלעפּ געטאָן פאַר אַ האַנט און זי

צוגעפּירט צו זייערע שאַפקעס, פון וואַנען זיי האָבן אַרויסגענומען די שיסעלעך און לעפל, וואָס זיי האָבן באַקומען אין דער פרי ביים אַריינקומען אין לאַגער. ביידע זענען אַוועק אין דער ריי ווו מען האָט געטיילט נאַכטעסן.

יאַדוויגאַ איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון דער עסשטובע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר בעט מיטן געבעט־ספרל אין די הענט, איר איז נישט אָנגעגאַנגען דער גאַנצער געשפּרעך וועגן מאַריאַן און אויך נישט וואָס אַנדערע מיידלעך האָבן געטאָן. אַן אָפּגעזונדערטע פון דעם טומל האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום אָפּענעם באַראַק און זיך פאַרטיפט אין די נאַכט־תפילות.

ווען סטאַשיאַ איז צוריקגעקומען פון נאַכטעסן האָט איר זאָשיאַ שוין אָפּגעוואַרט און גערופן צו זיך. מיט זיי איז מיטגעגאַנגען בראָניסלאַוואַ, זאָשיאַס שוועסטער, אַלע דריי זענען אַרויס אויף אַ שפּאַ־ציר איבערן לאַגער. זאָשיאַ האָט זיך קוים איינגעהאַלטן און אָנגעהויבן מיט איין אָטעם:

— זאָלסט וויסן, אַז אויף מאַריאַן איז געפאַלן אַ פאַרדאַכט. איינע פון די מיידלעך איז גרייט צו שווערן, אַז זי איז אַ ייִדישקע מיט פּוילישע דאָקומענטן. אַ צווייטע האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז מאַריאַ קאָן אויך זיין אַ מאַסקירטע דייטשקע, וואָס וועט אונדז נאָכ־שפּיאָנירן, און נאָך איינע האָט פאַרגעלייגט, אַז מען זאָל מאַריאַן באָיקאָטירן, נישט אָנערקענען זי פאַר אונדזער פאַרזאָרגערין.

— צו וואָס האָט איר דאָס געטויגט — האָט בראָניסלאַוואַ געזאָגט מיט אַ באַדויערנדיקן טאָן, ווי צו זיך אַליין — צו וואָס איז זי אַרויס מיט איר דייטשישער שפּראַך? גאָך וואָס האָט זי זיך אַרויסגערוקט, אַז אַלע זאָלן אויף איר קוקן, אַלע זאָלן פון איר רעדן? ווייסט זי נישט מיט וועמען זי געפינט זיך?

סטאַשיאַ האָט געשטעלט רויִקע טריט און באַמיט זיך צו זיין לאָגיש:

— פאַרשטייט מיך גוט: מאַריאַ האָט נאָך אויפן וועג קיין דייטשלאַנד אַרויסגערופן ספקות ביי מיר. איך האָב דאָך אייך גע־

װאָרנט, אַז מ׳דאַרף זיך אויסהיטן פאַר דער אין שװאַרצן. איך װײס נאָך נישט װער זי איז, אַ ייִדישקע, אָדער אפשר טאַקע — װי מען קען הײנט חושד זײַן — אַ שפּיאָנקע אויף אויסצוגעפינען ייִדישקעס. אָבער װער זי זאָל נישט זײַן, דאַרפן מיר זײַן פאָרזיכטיק מיט איר. אונדזער קאָנטאַקט מיט איר דאַרף זײַן גאָר אַן אַמטלעכער, מער נישט. איך פיל אירע אויגן אויף זיך און מאַך זיך נישט װיסן, כאָטש זײ שטעכן מיך װי מיט שפּילקעס. דערװײל דאַרף מען אָפּ־װאַרטן.

זאָשיאַ האָט געפרעגט:

— אפשר זאָלן מיר זיך איבערטראָגן אין אַ צװײטן באַראַק?

סטאַשיאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט און געװאָרנט:

— איר זאָלט נישט װאַגן אַזעלכעס טאָן! עס װעט הײסן, אַז מיר זענען אַנטלאָפן, און די מײדלעך װעלן פרעגן פאַר װעמען און פאַר װאָס. און באַלד װעט פאַלן אויף אונדז אַ חשד.

סטאַשיאַ האָט זײ גענומען אונטער די אָרעמס און צוגעגעבן:

— מיר גײען צוריק אין באַראַק. גײט אַרײַן אײנציקװײז. נישט אומקוקן זיך אויף קײנעם, נאָר יעדע גלײַך צו איר אָרט.

װען סטאַשיאַ איז אַרײַן נאָכן קורצן שפּאַציר, האָט איר קאַזשאַ דערצײלט, װאָס דאָ איז פאַרלאָפן מיט מאַריאַ נאָך איר צוריקקומען אין באַראַק. די מײדלעך זענען צוגעשטאַנען צו איר און אָנגעהויבן באַװאַרפן זי מיט פראַגעס פון װאַנען זי שטאַמט, פאַר װאָס קען זי אַזױ גוט דײַטש רעדן. אַ טײל פון זײ האָבן זיך געלאָזט פון איר אויפקלערן, אַנדערע האָבן זיך אָנגעהויבן איבערפרעגן װער ס׳איז געװען איר טאַטע, איר מאַן, צי זי האָט קינדער און פאַר װאָס זי, אַזאַ געלערנטע, האָט געמוזט אָנקומען דאָ מיט אונדז אויף צװאַנגס־אַרבעט. דאַן האָט מאַריאַ זיך אויפגערעגט, געדראָט און באַלײדיקט די מײדלעך אויף נישט קײן שײנעם אופן. איצט, זע, ליגט זי אויף איר בעט װי אַ פאַרחלשטע...

— איך האָב דיר שוין אײן מאָל געזאָגט, קאַזשאַ, אַז די פרוי

אין שוואַרצן גייט מיך נישט אָן, און איך מוז נישט מיטמאַכן אַלע שטיק, וואָס די מיידן פּראַוועןן דאָ אין באַראַק.

— האָסט רעכט, סטאַשיאַ, אָבער דאָס מאָל האָב איך דווקא הנאה געהאַט פון די מיידלעך. איך האָב צו זיי געוווּנקען, זיי זאָלן די פּאַניושאַ נישט צו רו לאָזן.

סטאַשיאַ איז שוין מיד געווען פון די אומהיימלעכע געשעענישן אין ערשטן טאָג פון איר לעבן אין דייטשלאַנד, זי האָט געזוכט אַנטשפּאַנונג, און דאָס האָט זי געקאָנט געפינען דורך די קרעלן מיטן צלמל איבערן געבעט־ביכעלע, וואָס זי האָט מיטגענומען אויף איר אויבערשטן בעט. דאָרט האָט זי צעפּירט די שפּיצן פינגער פון דער רעכטער האַנט איבער דעם שטערן אוןביידע זייטן ברוסט און זיך אויסגעגלייכט אויפן בעט.

אין באַראַק האָט אָנגעהויבן טונקלען. דאָס בלאַסע טאָגליכט האָט פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט פון די הילצערנע ווענט צו די שויבן־פענצטער, וואָס זענען נאָך באַדעקט געווען מיט אַ גראָער שיין און גיך זיך פאַרביטן אויף שוואַרצער נאַכט.

סטאַשיאַ איז געלעגן מיט אָפענע אויגן. אין איר דמיון זענען דורכגעלאָפן די געשעענישן פון פאַרגאַנגענעם טאָג. אַלע אירע מחשבות זענען איצט געווען פאַרנומען מיט מאַריאַ און קאַזשאַ. מיט דער ערשטער — צוליב איר אומפאַראַנטוואָרטלעכער אויפפירונג, און מיט דער צווייטער — צוליב איר ראַפינירטן חוש צו זען מענטשן אין זייערע האַנדלונגען.

סטאַשיאַ האָט ווידער דורכגעטראַכט אַלע פּרטים פון יעדן מאָמענט, ווען איר איז אויסגעקומען זיך אָנצוטרעפן מיט דער פרוי אין שוואַרצן, און אויף איין מאָמענט איז זי אויפפאַלדיק געוואָרן.

דאָס איז געווען נאָך אויף סקארישעווסקע 4 אין פּראַגע. זי איז אַ מאָל דאָרט אַריין אין טואַלעט־צימער, געעפנט איר האַנטבייטל און נישט געפונען וואָס זי האָט געזוכט. סטאַשיאַן איז פאַרגעקומען, אַז מען האָט זי באַגנבעט. אינסטינקטיוו האָט זיך פון איר אַרויס־געריסן אַ זיפץ באַגלייט מיט עפּעס אַ וואָרט, וואָס זי אַליין האָט

נישט געדענקט. אין דער רגע, ווי פון הינטער איר פלייצע, האָט זיך פּאָר איר באַוויזן די פרוי אין שוואַרצן און שאַרף אַ קוק געטאָן אין איר פּנים. פון יענעם מאָמענט אָן האָבן ביידע אָנגעהויבן פאַר־פאָלגן זיך מיט די אויגן. סטאַשיאַ האָט דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט ווער די פרוי הייסט.

סטאַשיאַ איז געלעגן מיט אָפענע אויגן ביז דאָס טראַכטן האָט זי מיד געמאַכט און זי איז איינגעשלאָפן. שפּעט אין דער נאַכט האָט איר איבערגעוועקט אַ טומל. לאַגער־וועכטער זענען אַרומ־געלאָפן מיט נאַכטלעמפּלעך און באַפוילן אַראָפּגיין אין אונטער־ערדישן בונקער. די מיידלעך האָבן אין איילעניש זיך אָנגעטאָן און אַרויסגעלאָפן פון באַראַק. סטאַשיאַ איז געווען פון די לעצטע. קאַזשאַ און יאַדוויגאַ זענען שוין נישט געווען אין די בעטן.

אין דרויסן איז געווען שטיל און פינצטער. די סירענעס האָבן אויפגעהערט וואָיען. אויפן וועג האָט סטאַשיאַ אָנגעטראָפן אַ פרויען־געשטאַלט, וואָס האָט געטראָגן אָנגעהאָנגען איבער די אַקסלען אַ קאָץ. סטאַשיאַ איז פאַרבייגעגאַנגען מיט איילִיקע טריט אין דער ריכטונג צום בונקער. דאָס געשטאַלט איז איר נאָכגעלאָפן און דעריאָגט אין אַריינגאַנג. דאָרט האָט סטאַשיאַ דערפילט ווי מען כאַפּט זי אַרום און מען קושט איר פּנים. סטאַשיאַ האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און געוואָלט אָנהייבן שרייען, אָבער אַ פּאָר שטילע ווערטער האָבן זי איינגענומען, באַרויִקט און ווידער אויפגעטרייסלט:

— איך בין מאַריאַ, מיין אמתער נאָמען איז אַן אַנדערער. איך בין אַ פרוי פון אַ ייִדישן דאָקטאָר. ער איז אומגעקומען אין קראָקע. באַרויִק זיך, מיין קינד, ווייִן נישט...

סטאַשיאַ האָט זיך אַרומגעקוקט און שטיל געפרעגט:

— פון וואַנען האָט איר גענומען די זיכערקייט, אַז איר קאָנט מיר אָנטרויען אַזאַ סוד?

— קינד מיינס — האָט מאַריאַ געענטפערט — זעסט דאָך, אַז מיין אינסטינקט האָט מיך נישט פאַרפירט.

— וואָס האָט איר דערקענט אין מיר ייִדישס?

מאַריאַ האָט אַ זיפץ געטאָן:

— דאָס איז שווער צו זאָגן מיט ווערטער. דאָס איז אַ געפיל, דאָס איז אַן אינסטינקט פון אַ ייִדיש האַרץ...

סטאַשיאַ האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט פאַר דעם פעלער, וואָס זי איז באַגאַנגען, צוליב וועלכן די מיידלעך אין באַראַק רעדן שוין וועגן איר מיט חשד.

— איך האָב דאָס געמוזט טאָן — האָט מאַריאַ זיך פאַרענט־פערט — אין מיינע דאָקומענטן זענען אָנגעגעבן די שפּראַכן, וואָס איך רעד, און צווישן זיי אויך דייטש.

סטאַשיאַ איז נאָך אַלץ געווען צערודערט פון דער באַגעגעניש:

— מיר איז איצט נאָך שווער צו רעדן, אָבער איך וויל אייך דאָך זאָגן, אַז דאָ איז בעסער אָנצוגיין ווי אַ נישט געבילדעטע, אַזוי ווי אַלע.

— איך מיין אַנדערש, און פאַר די מיידלעך האָב איך נישט קיין מורא, איך קאָן זיי אַלע פאַרמאַכן די פּיסקעס.

סטאַשיאַ האָט נישט מסכים געווען מיט מאַריאַס איבער־געטריבענער זיכערקייט:

— איך בלייב ביי מיין מיינונג, איך זאָרג זיך אַפילו וועגן אייך.

— זאָרג נישט, מיין קינד — האָט מאַריאַ אַריינגענומען אין אירע האַנטפלאַכן סטאַשיאַס פּנים — יעדן פאַלס, מוז איך שוין אויסשפּילן מיין ראָל ביזן סוף...

אין דרויסן האָבן די סירענעס זיך צעפּייפט מיט אַ לאַנגן געוואָי. דער לופט־אַלאַרם האָט זיך געענדיקט. מאַריאַ מיט סטאַשיאַן האָבן זיך צעקושט און אין איילעניש זיך צעגאַנגען.

קאַפּיטל דרייצן

צוריק אין די לאָזעווער וועלדער

אין דער נאַכט איז שווער אָנגעקומען די ייִדן אויסצוגעפינען דעם וועג, וואָס האָט געפירט צום עק וואַלד. אויך אַהרן וואָס האָט שטענדיק זיך אויסגעטויגט בעסער ווי אַלע אין די נאַכט־וואַנדע־רונגען, האָט דאָס מאָל פאַרלוירן די אָריענטאַציע אין וועלכער זייט מען דאַרף זיך פאַרנעמען צום אויסגעפאַרענעם טראַקט אין וואַלד. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער ערשטער, און דעם צווייטן נאָך אים געהייסן פאַרלייגן אַ האַנט אויף זיין אַקסל, און אַזוי האָבן אַלע אין אַ גלייכער ליניע אָנגעהויבן גיין אין די פוסטריט פון אַהרנען.

אַרויס פון וואַלד — זענען די ייִדן אָנגעקומען צו אַ פעלד, וואָס האָט אויסגעזען ווי איין שוואַרץ־געדיכטע מאַסע, אַן אומבאַוועגלעכע, אַ קאַלטע, אַן אומענדלעך שוואַרצער שטח צווישן הימל און ערד, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. אַ שאַרפער ווינט האָט געבלאָזן פון די שוואַרצע טיפקייטן גלייך אין פנים אַריין. דער וועג האָט אויס־געזען צו זיין נישט דער זעלבער, אויף וועלכן אַהרן, יאָסל און שייע זענען אַזוי פיל מאָל געגאַנגען אין די נעכט. אויך דער עק פון וואַלד פון וואַנען זיי זענען מיט צוויי טעג צוריק אַרויס שאַפן קאַרטאָפל, האָט אויסגעזען נישט דער זעלבער. די אַנדערשדיקייט פון דעם וועג האָט פאַרגרעסערט די מידקייט און דעם פחד. די אָנגעשטרענגטע אויגן האָבן געגאַרט צופאַלן צו עפּעס, וואָס איז זיי געווען באַקאַנט, צו אַ סימן, וואָס די ייִדן האָבן אויסגעלייגט אויף די וועגן, צו אַ צייכן, וואָס זאָל זיי ווייזן ווו זיי געפינען זיך, זאָל דער צייכן זיין אַפילו אָנגעפילט מיט שרעק, מיט געפאַר, אָבער דאָך — אַ סימן, וואָס זאָל זיי עפענען די אויגן.

אַהרן, יאָסל און שייע, אויסגעדרייטע מיטן רוקן צום ווינט, האָבן דערנענטערט זייערע איינגעצויגענע קעפּ צווישן די קעלנער און גענומען זיך צונויפרעדן אויף וועלכער זייט זיי דאַרפן זיך פאַרנעמען. לויט ווי זיי איז באַקאַנט געווען, האָט דער וועג פון וואַלד אַרויס אין אַ גלייכער ליניע געדאַרפט פירן צו די אויס־געשטעלטע סטאָקן שטרוי, אָפּגערוקטע בערך אַ קילאָמעטער פון אַ קאָלאָניע. רעכטס האָט אַ וועג געפירט צו אַ דאָרף, וואָס איז געווען פאַר זיי פול מיט סכנות צוליב די אַרומלויפנדיקע בייזע הינט, וואָס האָבן געהיטן די פויערישעווירטשאַפטן. דער עיקר האָבן זיי זיך איצט געגויטיקט אין דער זייט, וואָס האָט געפירט צו הערצקעס באַהעלטענישן, ווו ער האָט געהאַט פאַרשטעקט זיינע שפּייזזאַפּאַסן. די דריי וועגן האָבן די ייִדן געזען בלויז אין זייער דמיון, אָבער אויף וועלכער זייט צו שטעלן אַ זיכערן טראַט, האָבן זיי נישט געקאָנט באַשליסן.

די ברידער, וועלכע זענען געשטאַנען אַנגעבויגן אַרום די דריי ייִדן און זיך איבערגענומען פון זייער פאַרלוירנקייט, האָבן פאַר־געלייגט זיך אויסזעצן אויף דער ערד און זיך גוט איינהערן אין די ווייטע אָפּהילכן וואָס האָבן מיטן ווינט זיך דערטראָגן פון דער אַרומיקער שוואַרצקייט. יעדער איינער פון די ייִדן האָט מיט זיין געהער אויפגענומען פאַרשידענע אָפּקלאַנגען: דאָס וואָיען פון וואַלד־חיות, בילנדיקע הינט, קוואַקען פון זשאַבעס. שייען, דעם יינגסטן פון דער גרופּע ייִדן, איז גאַר איינגעפאַלן, אַז ער הערט געשרייען פון באַפאַלענע ייִדן. פון דעם האָט ער אַזוי שטאַרק זיך איבער־גענומען, אַז ער האָט מיט רחמים זיך געבעטן, מען זאָל צוריק אַריין אין וואַלד און איבערוואַרטן די שלעכטע שעהען. אַהרן איז פון דעם געוואָרן אויפגערעגט און געפרעגט אַ בייזער:

— וועסט גריזשען די ביימער?

— בעסער ווי דער טויט — האָט שייע אָפּגעענטפערט.

— פאַרשטאָפּ זיך די אויערן, וועסטו נישט זיין אַזאַ פּחדן — האָט יאָסל אַריינגעשריגן שייען אין פּנים אַריין.

מינוטנווייז האָט דער ווינט זיך אַ דריי געטאָן און שטילער געוואָרן אין דער זייט, ווו די ייִדן האָבן אָנגעשטעלט די אויערן.

עס איז זיי געגאַנגען אין אונטערשיידן פון וועלכער זייט עס דערטראָגט זיך דאָס בילן פון די הינט, און פון וועלכער זייט עס הערן זיך די עכאָס. סוף כל סוף האָבן אַלע איינגעשטימט, אַז מ׳דאַרף גיין אויף לינקס, כדי אויסצומיידן דאָס דאָרף, וואָס איז געשטאַנען פאַרדעקט מיט שוואַרצקייט און נישט געגעבן פון זיך קיין סימן פון לעבן. בלויז שייע איז נישט געווען איינשטימיק מיטן גאַנג; אים האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אַז די היינטיקע נאַכט איז די געפער־לעכסטע פון די אַלע נעכט ווען אים איז אויסגעקומען מיטצוגיין. ער האָט געשטעלט די פיס אָן חשק, און ווען ער וואָלט נישט מורא געהאַט זיך איינצורייסן מיט די עלטערע, וועלכע האָבן, פאַרסאָפּעטע, געשפּאַנט פאַר אים, וואָלט ער זיי פאַרלאָפן דעם וועג און געיאָגט צוריק אין וואַלד אַריין, אָבער שייע האָט געשטיקט אין זיך זיין אומצופרידנקייט און מיט שנעלע טריטלעך איז ער נאָכגעלאָפן דער לעצטער.

פלוצלינג האָט אהרן געהאַמעוועט זיינע טריט און געבליבן שטיין מיט צעגומענע הענט. די ייִדן האָבן זיך פאַרהאַלטן. אַלע האָבן זיך איינגעקוקט אין דער פינצטערניש, פון וואַנען עס האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש פון טריט מיט אָפּקלאַנגען, וואָס האָבן ווי געוואָלט איבערשרייען דאָס פייפן פונעם ווינט. די ייִדן האָבן אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע ווערטער פון אַ שאַרפן געשפּרעך באַגלייט מיט אויסגעלאָסענע זידלווערטער און קללות. ווען די ייִדן האָבן דערהערט פויליש רעדן האָבן זיי זיך געוואָרפן צו דער ערד מיט די מעסערס אין די הענט. עס האָבן דורכגעשלייכט געשטאַלטן מיט ביקסן אויף די אַקסלען. שאַרף און שפּיציק האָבן זיי זיך באַוועגט אין אַ גלייכער ליניע גאָר נאָענט פון דעם אָרט, ווו די ייִדן זענען געלעגן אויסגעצויגענע מיט פאַרריסענע פנימער אַנטקעגן די טעמפּע רייד און די שלעפּנדיקע טריט אויף דער זאַמדיקער ערד.

— מיר האָבן איצט געהאַט גרויס מזל — האָט אהרן קוים פון

זיך אַרויסגעבראָכן די עטלעכע ווערטער — דאָס זענען די אַקאָוו־צעס, וואָס הרגענען אַנטלאָפענע ייִדן פון געטאָ.

— ווען די רוצחים וואָלטן געגאַנגען אין דער ברייט, וואָלטן זיי פון אונדז אַ סוף געמאַכט — האָט יאָסל צוגעגעבן.

— איר זעט, מיין האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט היינט נישט צו גיין...

— דו ליג איינגעלייגט — האָט אַהרן מיט כעס איבערגעהאַקט שייעס קול — דאָס קאָן יעדע נאַכט מיט אונדז געשען, און זיי נישט קליגער פון אַלע.

די ברידער האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די אַלע רייד. זיי האָבן פאַרגעלייגט ענדערן דעם גאַנג אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. יואל, יאַנקל, פסח און משה האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די געגנט ווו עס גראַסירן די רוצחים און צוריקגיין אין די לאָזעווער וועלדער. דאָרט זענען זיי שוין באַקאַנט געווען מיט יעדן וועגל און שטעגל.

די דריי ייִדן האָבן באַלד מסכים געווען צו גיין צוזאַמען מיט די ברידער, זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט לאָזן זיך אין לאַנגן וועג מיט ליידיקע טאָרבעס. קיינער פון זיי האָט אויך נישט געוווסט ווי אַזוי אויסצונוצן דעם וועג אויף איינצושאַפן אַ ביסל שפּייז. אַהרן האָט געראָטן קודם־כל צו פאַרלאָזן דאָס אָרט פון וואַנען עס זענען אָנגעקומען די אַקאָווצעס און פאַרנעמען זיך אויף רעכטס. אפשר דאָרט וועלן זיי אָנטרעפן אַ צייכן, וואָס וועט ווייזן ווו זיי געפינען זיך.

די ייִדן האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און אָנגעהויבן גיין לויט אַהרנס אָנווייזונגען, צערוקט אין דער ברייט און פאַר־בונדן צווישן זיך דורך סיגנאַלן. אין גאַנג איז יאָסל אָנגעקומען צו אַ בוים מיט נידעריק אַראָפּגעלאָזטע צווייגן. ער האָט געלאָזט הערן פון זיך אַ לאַנג־צעצויגענעם פייף. די ייִדן האָבן זיך צו אים דער־נענטערט און באַטראַכט דעם בוים. לויט דעם ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער ערד, האָבן די מענטשן פאַרשטאַנען, אַז אויף דעם בוים זענען געוואַקסן ווילדע באַרנעלעך, וואָס זענען שוין

חדשים לאַנג געלעגן צעשאָטענע און געפוילט צוזאַמען מיט די אַראָפּגעפאַלענע בלעטלעך. די ייִדן האָבן געשאַרט די ערד, געזוכט אַ גאַנצע פּרי, אָבער צוריקגעצויגן די הענט, באַקלעפּטע מיט אַ ריח פון צעפוילטקייט. די ייִדן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער בוים דאַרף שטיין ערגעץ נאָענט פון אַ קאָלאָניע און אַז אויף די אַרומיקע פעלדער דאַרפן זיך געפינען קאָפּצעס מיט באַגראָבענע שפּייזן. די ייִדן זענען ווייטער געגאַנגען צעשפּרייט, מיט שטילע טריט איבער דער ווייכער ערד, און געלאָזט זיך פירן דורך זייערע פאַרשאַרפטע אינסטינקטן.

אַהרן האָט געפירט אויף רעכטס, צו דער זייט ווו די עכאָס פון דער הינט־בילעריי האָט זיך געהערט וואָס אַ מאָל שוואַכער. לאָזנדיק דאָס דאָרף הינטער זיך האָט ער די ייִדן געהייסן גיין פּאַמעלעך און אויסטאַפּן יעדן שפּאַן ערד פאַר זייערע אויגן. שייע איז געבליבן שטיין מיטן אויסגעשטרעקטן פּנים. אים איז פאַרגעקומען, אַז ער זעט עפּעס פאַר זיך אַ שוואַרצן פלעק. אַהרן מיט יאָסלען האָבן זיך פאַרויסגערוקט און באַלד געגעבן אַ צייכן, אַז די ייִדן זאָלן זיי נאָכגיין. אַלע זענען זיי געבליבן שטיין ביי אַ סטאָג שטרוי־סנאָפּעס. אַ ביסל טיפער אין פעלד האָבן די ייִדן זיך אָנגעשטויסן אין אַ פּאָר קאָפּצעס. איינער פון זיי, דער גרעסטער, איז געשטאַנען שיפּועדיק לאַנג מיט פאַרטיפטע אויסגראָבונגען אַרום. די ייִדן האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויף דעם אָרט ליגן באַגראָבן קאַרטאָפל. אָנגעפירט מיט דער אַרבעט האָט אַהרן. ער האָט די גרופּע צעטיילט צו צוויי. כאָטש אַלע האָבן שוין געהאַט אַ סך דערפאַרונג דערביי, איז ער פון דעסטוועגן געלאָפן פון איין קאָפּיעץ צום צווייטן און קאָנטראָלירט, צי די אונטערגראָבונגען גייען לויט זיינע אָנווייזונגען — אַז עס זאָלן בלייבן וואָס ווייניקער שפּורן.

דעם קאָפּיעץ פון בוראַקעס האָט אַהרן געהייסן צוריק פאַרמאַכן און לאָזן אים גאַנץ. מיט מייערן און ריבן האָבן די ייִדן אָנגעפילט די זעקלעך און צוריק פאַרשאָטן די אייבערשטע ערדשיכט אויף גלאַט. דער עיקר האָבן די ייִדן זיך געוואָרפן אויף די

קאַרטאָפל. דאַן האָט מען געראָרפּט באַשטימען ווער פון זיי עס איז בכוח מער צו שלעפּן.

מיט איינגעבויגענע רוקנס זענען די ייִדן אַוועק אין דער ריכ־טונג צום וואַלד. מידע האָבן זיי אויף די זעקלעך אַוועקגעזעצט זיך אָפּאָטעמען און באַראַטן זיך וועגן ווייטערדיקן גאַנג. די ברידער האָבן זיך געהאַלטן ביי זייער מיינונג: אַריינגיין אין וואַלד און זיך לאָזן אויף מזרח, צו די לאָזעווער וועלדער. אהרן מיט זיין גרופּע האָבן נישט געוואָלט סתם אָנלייגן גאַנג, זענען זיי געזעסן און נאָכ־געטראַכט דעם דורכגעגאַנגענעם וועג און געקומען צום אויספיר, אַז זיי דאַרפן זיך נאָך מער פאַרנעמען אויף רעכטס, אין אַ פאַרטיפטן צוריקגאַנג. דאָרט האָבן זיי געהאַפט אויסצוגעפינען עפּעס פון די נאַכט־סימנים, די ברידער האָבן איינגעשטימט און זענען געגאַנגען נאָך אַהרנס טריט.

פאַרמאַטערט פונעם שווערן גאַנג, האָבן די ייִדן זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף די זעקלעך און איינגעגראָבן די פּנימער צווישן די אויפגעשטעלטע קעלנער. די ווינטן האָבן דורך די מלבושים דערגרייכט צו די צעוואַרעמטע לייבער. צוזאַמענגערוקטע האָבן זיי זיך געטוליעט איינער צום צווייטן. נאָך נישט באַוויזן אָפּצואָטעמען, האָבן זיי אַלע אויפגעריסן די קעפּ און זיך איינגעהערט אין אַ קלאַפּ פון אַ צוגעמאַכטער טיר. אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט האָבן די ייִדן פאַרוואָרפן די זעקלעך אויף די פּלייצעס און אַוועק מיט שנעלע טריט. נאָכן אָפּלויפן אַ שטיקל וועג האָט אַהרן געזאָגט, אַז איצט איז אים שוין קלאָר ווו זיי געפינען זיך. ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן און דערזען דעם פּרוכנעוואַטן בוים. אין דער שוואַרצער נאַכט האָט ער בלאַס געלויכטן, ווי אַן אויסגעברענט שטיק האָלץ וואָס האַלט זיך אין לעשן. ביי אָט דעם נאַכטצייכן האָט אַהרן פעסט־געשטעלט דעם ריכטיקן וועג, און די ייִדן האָבן מיט מער זיכערע טריט דערגרייכט צו דעם אָרט, וואָס האָט זיי געוויזן דעם וועג צו די מזרחדיקע וועלדער.

אַהרן, יאָסל און שייע האָבן דערקענט דעם וואַלד. זיי האָבן

צוריק אָפּגעפונען די געצייכנטע ביימער אויפן וועג צו זייער באַ־העלטעניש. די ייִדן האָבן זיך אויסגעזעצט אונטער אַ בוים און גענומען רעדן וועגן די קומענדיקע שעהען פון דער נאַכט. שייע, ווי זיין געוווינהייט, האָט אָנגעהויבן פּאָרלייגן זיינע פּלענער איינער פאַנטאַסטישער פונעם אַנדערן. ער איז געווען דער איינציקער צווישן דער גרופּע ייִדן, וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם וואַלד, צו וועלכן ער איז שוין געווען געוווינט. אין אַנדערע ערטער האָט ער פאַרגעפילט אַ סך גרעסערע סכנות.

— שווייג! — האָט אַהרן האַסטיק אַ זאָג געטאָן — אויף דיינע רייד קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן, מיר האָבן דאָך שוין אָפּגערעדט צו גיין אין די לאָזעווער וועלדער.

— ווי לאַנג דאַרף מען גיין אַהין? — האָט יאָסל געפרעגט.

די ברידער האָבן צו ערשט אויסגערעכנט די צאָל קילאָמעטערס פון איין דאָרף צום אַנדערן, צו דעם האָבן זיי צוגערעכנט דעם אומקרייז דורך די וועלדער, וואָס האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַ שטח פון בערך אַ צען קילאָמעטער.

— איז דאָס מעגלעך צו מאַכן אין איין נאַכט מיט די זעקלעך אויף די פּלייצעס?

— שווייג! האָב איך דיר שוין איין מאָל געזאָגט — האָט אַהרן ווידער אויסגערופן — דו שלעפּסט דאָך נישט. וועסט נאָר דאַרפן יעדן העלפן פאַרוואַרפן דאָס זעקל אויף די פּלייצעס און נאָכגיין הינטער אונדז. דערווייל לאָמיר אָנצינדן אַ פייער און אָפּבראָטן אַ ביסל קאַרטאָפל. דערנאָך וועלן מיר זיך לאָזן אין וועג אַריין.

די ברידער האָבן געמאַכט אַ חשבון ווי לאַנג עס וועט נאָך דויערן די נאַכט און ווי לאַנג עס דאַרף זיך ציִען דער וועג, די אויסרעכענונג האָט געוויזן גענוג צייט. האָבן אַלע זיך גענומען גרייטן צום פייער.

אויף אַן אָרט ווו די ביימער זענען געשטאַנען שיטערער, האָבן די ייִדן אָנגעטראָגן אַ בינטל צווייגן. דאָס מאָל איז זיי אָנגעקומען שווער צו מאַכן אַ פייער. די טרוקענע שפּענדלעך קינהאָלץ, וואָס

יאָסל פלעגט זיי אויסבאַהאַלטן אין טאַש, האָבן זיך אויסגעלאָזט. די צווייגן זענען געווען קאַלט און נאַס. אויך די נאָדלען פון די סאָסנעביימער האָבן זיך נישט געוואָלט צעברענען. דריי שוועבעלעך, טייערע חפצים, זענען דערביי פאַרלוירן געגאַנגען מיט גאָרנישט. אַהרן איז געוואָרן אויפגערעגט, אים איז אַ שאָד געווען די צייט, וואָס גייט פאַרלוירן מיט סתם זיך מאַטערן. ער האָט אַ קאָפּע געטאָן מיטן פוס אין די צווייגן און אויסגערופן מיט כעס:

— אַז עס גייט נישט, דאַרף מען נישט!

אָבער די ברידער האָבן שוין געהאַט אַ סך דערפאַרונג ביים מאַכן פייערן. זיי האָבן נישט געוואָלט אונטערגעבן זיך די שוועריקייטן. יואל און יאַנקל האָבן דערטאַפּט אַ בוים מיט אַ דיקער קאָרע. פון דער טרוקענער זייט האָבן זיי אויסגעשניטן שטיקלעך און זיי אַוועקגעלייגט צווישן דעם בערגעלע נאָדלען אונטער די צווייגן. יואל האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און געהייסן די ייִדן זיך אויסשטעלן מיט צענומענע פּאָלעס אַרום אים. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. אויף די שטיקלעך קאָרע האָבן זיך אָנגעזעצט עטלעכע פונקען. יואל האָט אָנגעהויבן בלאָזן מיט אַלע כוחות און די פייער־פונקען זענען זיך צעגאַנגען אין איין שטיק, אָנגעצונדן די סאָסנע־נאָדלען, ביז עס האָט אַרויסגעשאָסן אַ פייער פונעם בערגל צווייגן. די ייִדן זענען אָפּגעשפּרונגען און געריבן די הענט פון דער אָנגענעמער וואַרעמקייט. זיי האָבן צונויפגעשלעפּט נאָך צווייגן, אַריינגעלייגט די אָפּגעציילטע קאַרטאָפל אין פייער און אָנגעוואָרפן די צווייגן. אַ שוואַרצער געדיכטער רויך האָט געקנאַלט איבערן פלאַמפייער. עס האָט אויסגעזען, ווי אָט, אָט, צינדן זיך אָן אויך די ביימער, און דער גאַנצער וואַלד וועט אָנהייבן ברענען. אָבער גאָר גיך איז דער רויך־וואָלקן געוואָרן נידעריקער, דער פייערפלאַם קלענער, ביז די צווייגן זענען געבליבן ליגן ווי צעגליטע דראָטן אויף די אָנגעסמאַלעטע קאַרטאָפל. עס איז געוואָרן שטיל, דער רויך איז זיך צעגאַנגען צווישן די ביימער. די ייִדן האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם איינגעפאַלענעם שייטער און מיט

הונגעריקע אויגן געקוקט צו די קאַרטאָפּל, וואָס האָבן זיך געבראָטן און נאָך נישט צייטיק געווען צום עסן.

נאָכן שווערן מאַרש אין פעלד, זענען די ייִדן, באַפרייטע פון פחד, געזעסן ביי די געבראָטענע קאַרטאָפּל. דורכגענומענע פון דעם בלינדן אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, האָבן די ייִדן אין דעם מאָמענט פאַרגעסן, און אַפילו זיך אויסגעלאַכט, פונעם שווערן וואַלדישן לעבן. מיט גרויס הנאה האָבן זיי געקייט די געבראָטענע קאַרטאָפּל, און ווי זיי וואָלטן איבערגעהיפּערט צייטן און געשעענישן, האָבן זיי זיך דערמאָנט אין זייער לעבן אין שטעטל, געלאָזט זיך צוריקציִען צו דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט — פונעם פּשוטן טאָגטעגלעכן לעבן ביזן דערהויבענעם שבת. די רייד זענען געווען באַגלייט מיט זיפצן און אויך מיט הומאָר. אויך אין דעם מאָמענט האָט משהלען נישט פאַרלאָזן זיינע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן פריילעך צו מאַכן. ער האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים און געזאָגט:

— דוכט זיך, אַז היינט איז פרייטיק־צו־נאַכטס. האָט מען קודם כל געדאַרפט קידוש מאַכן.

— און איך מיין, אַז היינט איז שבת — האָט אַהרן זיך אָנ־גערופן — טאָ רעד וועגן טשאָלנט מיט קוגל.

יאָסל האָט אַריינגעשאָטן די געבליבענע קרישקעס קאַרטאָפל פון האַנט אין מויל אַריין און אָנגעהויבן אויסציילן די טעג אויף די פינגער:

— זונטיק האָט מען געהערט קלינגען פון פּאָדלאָזעווער קאָש־טשאָל. אויף צו מאָרגנס ביי נאַכט בין איך געגאַנגען צו די סטע־פּאַניקס. מיט אַ נאַכט שפּעטער האָסטו, אַהרן, זיך געוואָלט אַריינ־באַקומען צו אַמבראָזשעקן און זיינע הינט זענען דיך באַפאַלן. דאָס איז געווען דינסטיק. מיט אַ נאַכט שפּעטער זענען מיר נישט אַרויס פון וואַלד, איז מיטוואָך. נעכטן האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן, איז דאָך היינט טאָקע, ווי משה האָט געזאָגט, פרייטיק.

— אויב אַזוי — האָט יאַנקל אונטערגעהאַלטן — דאַרף מען יואלן, דעם עלטסטן, מכבד זיין מיט קידוש מאַכן.

די ייִדן האָבן ממשיך געווען די שפּיל: יאָסל האָט זיך אויסגעצויגן, זיך געשטעלט אויף די הענט און די פיס, און אויסגערופן:

— אָט איז אַ טיש!

שייע מיט אַהרנען האָבן ביים טלײַענדיקן פייער אָנגעצונדן צוויי שטעקעלעך, אַנשטאָט שבתדיקע ליכט, די אַנדערע האָבן געווישט און געריבן די הענט און זיך געווונטשן „גוט שבת".

זיי האָבן אויסגעזען צו זיין אַנטלאָפענע פון זייער ווירקלעכקייט, וואָס האָט באַלד געדאַרפט זיך אָנהייבן מיט אַ לאַנגן מאַרש איבער די וועלדער. אין דעם מאָמענט האָט דאָס אויסגעזען צו זיין אומגלויבלעך און נאַריש, פּונקט ווי זייער וואַלדיש לעבן וואָלט זיך פּלוצלינג פאַרוואַנדלט אין יענעם לעבן ווו מען לאַכט, ווו מען עסט שבתדיקע מאַכלים. די מינוטן וואָלטן זיך נאָך לענגער געצויגן ווען יאָסל וואָלט זיך ניִשט אויפגעריסן פון אַלע פיר, געבליבן שטיין אַן אויסעצויגענער מיט אַרויסגעזעצטע אויגן און געשריגן:

— איר מאַכט מיך משוגע מיט אייערע פיש און פליישׁ! דערמאָנט עס נישט מער!

די ברידער האָבן זיך דערשראָקן פאַר יאָסלס ווילדן אויסזען, זיי אַליין זענען שוין געוווינט געווען צו משהס הומאָר. ער האָט כמעט שטענדיק איבערגעחזרט די זעלבע רייד, און געטאָן האָט ער דאָס בעת ער האָט געוואַרט אויפן ביסל שפּייז, וואָס איז יעדן פון זיי צוגעפאַלן. וואָס מער די ברידער האָבן זיך צוגעוווינט צו דעם סדר, וואָס האָט רעגולירט זייער עקזיסטענץ, אַלץ מער האָט משהלע אויסגעלאַכט די צרות. אָבער איצט האָט דאָס אויפגערייצט און אַזוי זיך אָפּגערופן אויפן אָפּגעשטאַנענעם דאַרפסיינגל יאָסל.

די ברידער זענען געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע פּנימער צום פייער, וואָס איז פאַמעלעך פאַרגאַנגען אין דעם בערגל אַש. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל. די ביימער האָבן אָנגענומען געשטאַלטן פון אויסטערלישע שאָטנס און אַרויסגערופן אַנגסטיקע מחשבות. דווקא יאָסל האָט אויסגעזען צו זיין באַפרייט פון אַזעלכע געפילן. ער איז געזעסן אויף די איינגעבויגענע פיס, איינגעקוקט

זיך אין די פּאָר צוגעטיילטע געבראָטענע קאַרטאָפל און אַרויס־געפּלאַצט מיט אַ משונהדיק געלעכטער. די ברידער האָבן זיך איבערגעקוקט, געהויבן מיט די אַקסלען אויף יאָסלס אויסברוך. ער האָט ווילד געשלונגען די איינגעביסענע קאַרטאָפל און געזוכט אַרום זיך די אַראָפּגעפאַלענע ברעקלעך פאַרברענטע שאָלעכץ. אַהרן האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף זיין מויל, געגעבן אַ רמז, אַז קיינער זאָל נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט ביז יאָסל וועט ענדיקן מיט זיין לעצטן ביסן.

— נו, געענדיקט מיט דער שבתדיקער סעודה — האָט יואל אויסגערופן און באַפוילן זיך שטעלן אויף די פיס.

פון די פריִערדיקע שאָטנס אַרום פייער איז געוואָרן איין געדיכטע שוואַרצע מאַסע. קאַלט און שוואַרץ איז געווען אַרום. בלויז די לאַנגע און שפּיציקע סילועטן האָבן זיך אָפּגעצייכנט אַנטקעגן דער צאַנקענדיקער ליכטשיין ביים גרייטן זיך צו פאַרלאָזן דאָס אָרט. יואל און אַהרן האָבן קאָנטראָלירט יעדן איינעם, וואָס האָט זיך געשטעלט אין דער ריי מיט די באַלאָדענע זעקלעך אויף די פּלייצעס.

די ייִדן האָבן געלאָזן הינטער זיך די נאָך טליִענדיקע צווייגן אינעם בערגל אַש און איינער נאָכן צווייטן אָנגעהויבן גיין צו דער מזרחדיקער זייט פון וואַלד. אַהרן און יואל זענען געגאַנגען פאָרויס. די ייִדן זענען געגאַנגען מיט איינגעצויגענע קעפּ צווישן די אויפ־געשטעלטע קעלנער און אויסגעמיטן די ביימער, ביז יואל און אַהרן האָבן זיך פּלוצלונג פאַרהאַלטן און אַלעמען געהייסן בלייבן שטיין. אַ באַוועגונג מיט אַ פאַרדעכטיקטן גערויש האָט זיך שנעל פאַר־בייגעטראָגן און פאַרשוווּנדן. די ייִדן האָבן ווידער אָנגעהויבן מאַרשירן.

זיי האָבן נישט געוווּסט ווו זיי געפינען זיך. ביימער, מיט אַ געדיכטער שוואַרצקייט האָבן אומאויפהערלעך פאַרשטעלט דעם וועג. ווען זיי זענען דערגאַנגען צו אַ ליידיקן שטח האָבן זיי אַראָפּגעלאָזן די זעקלעך פון די פּלייצעס און זיך אַוועקגעזעצט רוען אויף די

פּיעניעס פון אויסגעהאַקטעביימער. אַהרן האָט דעם שטח געוואָלט אויסמיידן און זיך פאַרנעמען מער רעכטס, טיפער אין וואַלד, אָבער דער קאָפּ האָט שוין אָנגעהויבן ווי טאָן פון די שווינדלדיקע ביימער פאַר די אויגן. איז ער געבליבן שטיין און אַלע האָבן פרייער אָפּ־געאָטעמטביים אויסגלייכן די פיס. אָבער אויפן ליידיקן וואַלד־שטח האָט דער ווינט זיך געטראָגן נאָך שאַרפער, געשניטן אין פּנים. די ייִדן האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די רוקנס צום ווינט, געוואָלט איינגעקורטשעטע איבערזיצן די מינוטן פון רו. זענען זיי אָבער אויפגעציטערט געוואָרן פון טריט, וואָס האָבן זיך שנעל באַוועגט פאַר די אויגן, נישט ווייט זיך פאַרהאַלטן און אַרויפגעפאַלן אויף עפּעס אַ קעגנשטאַנד.

די ייִדן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען שאַקאַלן אָדער אַנדערע וואַלד־חיות, וואָס רייסן שטיקער פון אַ פּגר.

— נישט רירן זיך פון די ערטער — האָט יואל באַפוילן און אָנגעהויבן טאַפּן אַרום זיך.

— וואָס זוכסטו? — האָט אים אַהרן געפרעגט.

— איך וויל אַ וואַרף טאָן אַ שטיין אויף יענעם אָרט.

די ייִדן האָבן אויף אַלע פיר אָנגעהויבן אויסטאַפּן די ערד, צו־נויפגעשאַרט האַרטע שטיקלעך און געוואָרפן זיי צו די חיות. יענע האָבן זיך דערשראָקן און צוריקגעלאָפן מיטן זעלבן וועג, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

יואל איז צוגעקראָכן צום אָרט, פון וואַנען די חיות האָבן זיך אָפּגעטראָגן, באַלד האָט ער זיך צוריקגעצויגן און אַרויסגעשטאַמלט:

— דאָרט ליגט אַ טויטער מענטש!

נאָך עטלעכע רגעס פון שטילשווייגן האָט עמעצער אויסגערעדט:

— לאָמיר שנעל זיך אָפּטראָגן פון דעם אָרט!

— ניין — האָט יואל געשעפּטשעט — מיר גייען פון דאַנען נישט אַוועק ביז מיר וועלן נישט אָנקוקן דעם טויטן און זיך דער־וויסן ווער ער איז.

קיינער האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט. די ייִדן האָבן

אַנגעהויבן זיך אַוועקשאַרן פון דעם אָרט, ווו יואל און אַהרן זענען געזעסן. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַן אָנדייטונג, אַז זיי זענען נישט מסכים מיט יואלן. אָבער יאַנקל איז זיי פאַרלאָפן דעם וועג, האָט שייען דעם ערשטן געשטויסן אויף צוריק און געזאָגט צו אים מיט בייזקייט:

— ווילסט ווערן אויס מענטש, טאָ גיי צו די חיות!

און ווידער זענען אַלע געזעסן מיט אַנגעבויגענע קעפּ און זיך איינגעהערט אין יואלס ווערטער:

— איך בין אַן אויסגעצייכנטער סאָלדאַט. הערט מיך אויס: אַז איר וועט נישט מורא האָבן פאַר אַ טויטן, וועט אייך דער טויט אויסמיידן. אַחוץ דעם, זענען מיר דאָך יידן און מיר טאָרן נישט לאָזן ליגן אַ מת, ווי אַ פּגר פאַר חיות. קומט מיט מיר צו דעם אָרט, ווו עס ליגט דער טויטער!

די יידן האָבן זיך צוזאַמענגעשטעלט מיט די רוקנס צום ווינט. יואל האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. אַ קורצער ליכטשיין איז געפאַלן אויף אַ טויטן מענטש מיט אַ צעביסן פּנים און צעריסענע קליידער. לויט די פאַרבלוטיקטע סימנים האָט אויסגעזען, אַז דער טויטער ליגט דאָ נישט לאַנג. אויף דעם זעלבן אָרט ווו די יידן זענען געשטאַנען, האָבן זיי צעגראָבן די ערד און קובר געווען דעם טויטן.

מיט שנעלע טריט האָבן די יידן פאַרלאָזט דאָס אָרט. שוין אָפּגייענדיק אַ שטיק וועג האָבן זיי זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַפרייען פון די מאַטערנדיקע מחשבות: ווער קאָן דאָס זיין? איז ער אַ היימישער אָדער אַ פרעמד־פאַרבלאָנדזשעטער ייד? און ווער זענען די רוצחים? יואל, ווי ער וואָלט אויסגעדריקט וואָס אַלע האָבן אין די מינוטן געטראַכט, האָט געזאָגט צו זיך אַליין:

— מיר האָבן געטאָן אַ מענטשלעכע זאַך, נישט געלאָזט אים ליגן פאַר די ווילדע חיות.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט, אָבער דאָס בילד פון דעם צעביסענעם טויטן ייד האָט פאַרפאָלגט און יעדן פון זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז נאָר נאָך אים גייט נאָך דאָס בילד פונעם טויטן.

שייע מיט משהן, די צוויי יינגסטע, וועלכע זענען מיט שנעלע טריטלעך די לעצטע גאַכגעגאַנגען די גרופּע יידן, האָבן נישט געקאָנט אָפּגעפינען זייער אמתדיק קול. זיי האָבן צווישן זיך איבער־געוואָרפן אָפּגעריסענע ווערטער:

— האָסט מורא פאַרן טויט? — האָט שייע געפרעגט.

— אַז מען איז שוין טויט, ליידט מען דאָך נישט מער — האָט משה גלייכגילטיק געענטפערט.

— און איך, זעסטו — האָט שייע נישט אויסבאַהאַלטן זיין פּחד — האָב שטאַרק מורא. יעדן טאָג מיין איך, אַז דער איז שוין דער לעצטער.

משה האָט אַ צי געטאָן שייען פאַרן אַקסל און אַריינגערעדט אין זיין אויער:

— הער זיך איין: אויב דו וועסט אַזוי ווייטער רעדן, וועסטו זיך אַליין דערהרגענען. היט זיך אויס פאַר די עלטערע. זיי וועלן דיר פאַרשטאָפּן דאָס מויל אָדער פאַריאָגן פון זיך.

נאָך דעם לאַנגן וועג האָבן די יידן זיך אָוועקגעזעצט און אויס־געצויגן די פאַרמאַטערטע פיס. זיי וואָלטן תיכף איינגעשלאָפן, אָבער פאַר זייערע אויגן האָט אָנגעהויבן פאַרגיין די נאַכט, די ביימער זענען אַרויס פון דער פינצטערניש אויפגעפרישטע, מיט טוי־באַנעצטע צווייגן, טשאַטעס פייגל האָבן אָנגעהויבן זיך איבער־טראָגן פון איין עק וואַלד צום צווייטן. אַ מאַטער טאָגליכט האָט די האַלב־איינגעדרעמלטע יידן אַריינגעצויגן אין אַ נייעם טאָג. פון ערגעץ ווייט האָט זיך געדוכט צו הערן דאָס קרייען פון הענער. אַ בילנדיקער הונט איז אָנגעלאָפן אין געיעג נאָך אַן אַנטלאָפענעם האָז. די ברידער האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס, אויסגעריבן די אויגן און גענומען אַרומקוקן זיך ווו זיי געפינען זיך און זיי האָבן אויסגערופן: די לאַזעווער וועלדער! יאַנקל מיט פּסחן זענען אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים און אָבסערווירט די ווייטע פונקטן. זיי האָבן דערזען אַ טורעמדיקן שפּיץ פון אַ קלויסטער און לויט אים פעסטגעשטעלט ווו זיי געפינען זיך. יואל האָט אויף דער

פלאַך פון זיין האַנט אָנגעצייכנט די ערטער ווו עס געפינען זיך צעוואָרפן די דערפער, אויף וועלכער זייט זיי דאַרפן זיך פאַרנעמען טיפער אין וואַלד. ווען די ייִדן האָבן שוין געהאַט הינטער זיך אַ שטיק וועג, האָבן זיי דערהערט שוואַכע אָפּקלאַנגען פון צע־קלונגענע קלויסטער־גלאָקן, וואָס האָט זיי דערמאָנט דאָס אָרט ווו זיי דאַרפן לאַנדן.

קאַפּיטל פערצן

ביי דער „כאַינקע״

אין באַראַק האָט זיך איינגעשטעלט דיסציפּלין און אָרדענונג. מאַריאַ איז געוואָרן די היטערין און באַפעל־געבערין איבער די שטוביקע פליכטן. איר אויפגאַבע איז אויך געווען אַכטונג צו געבן, אַז די שיכטן זאָלן פּינקטלעך אַרויס צו דער אַרבעט.

סטאַשיאַ איז געוואָרן צוגעטיילט אין דער אַוויאַנען־פאַבריק, נישט ווייט פון לאַגער. איר אַרבעט איז געווען צו פּאַקן אין שאַכטלען די קוגל־לאַגערן, וואָס זענען דערלאַנגט געוואָרן צו איר אַרבעטס־טיש גלייך פון די מאַשינען אַוועק. סטאַשיאַ האָט די אַרבעט אויס־געפירט געשיקט און פּרעציז און נאָטירט אויף די איינגעפּאַקטע שאַכטלען די גרייס, סאָרט און די צאָל.

אין דער זעלבער פאַבריק האָט געאַרבעט נאָך אַ מיידל פון איר באַראַק, סטעפקאַ, אַ דאָרפישע. זי איז געשטאַנען ווייט אָפּגערוקט פון סטאַשיאַן. אירע הענט האָבן זיך נישט אַזוי גוט געלייגט צו דער אַרבעט, דער עיקר ביים אויסשרייבן די צייכנס אויף די איינגע־פּאַקטע פּעקלעך. דער אַרבעט־אויפזעער האָט איר פאַרגעוואָרפן, אַז די אַרבעט אירע איז נישט גענוג פּערפעקט. סטעפקאַ האָט שווער אויפגענומען זיינע אָנווייזונגען, האָט ער געפּרוווט זי אַוועקשטעלן נאָענט פון סטאַשיאַן. זי האָט גאַנץ שנעל זיך איינגעאיבט אין פּאַקן, שווער איז איר אָנגעקומען מיטן שרייבן אויף די קאַרטאָנען, אָבער אויך דאָס האָט זי זיך אויסגעלערנט. דאַן איז זי אַוועק צו איר טיש אַרבעטן זעלבשטענדיק.

סטעפקאַ איז סטאַשיאַן דאַנקבאַר געווען פאַר איר הילף. איידער זי איז אָנגעקומען אין דער פאַבריק, האָט זי שטאַרק מורא געהאַט

פאַר קאָמפּליצירטע אַרבעטן, וואָס זי וועט נישט פּעיִק זיין צו באַנעמען. דאָ, אין דער אַוויאַנען־פאַבריק, האָט די אַרבעט אויס־געזען צו זיין נישט שווער פאַר איר. זי האָט בלויז נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געריוש פון די מאַשינען. כאָטש זי איז געווען אָפּגעזונדערט פון דער מעכאַנישער אָפּטיילונג מיט ווענט און פאַר־מאַכטע טירן, דאָך האָט דער אָפּהילך פון די מאַשינען כסדר גע־זשומעט אין אירע אויערן.

קאַזשאַ און יאַדוויגאַ זענען אַנגעקומען צו אַנדערע אַרבעטן, יעדע אויף אַן אַנדער אָרט. במשך פונעם גאַנצן טאָג איז סטאַשיאַ געווען צעשיידט מיט אירע בעט־חברטעס. ערשט פאַר נאַכט פלעגן זיי זיך צוזאַמענטרעפן אין דער ריי נאָכן עסן אָדער אין באַראַק. סטאַשיאַ איז גראָד געווען צופרידן וואָס איר קאָנטאַקט מיט קאַזשאַן איז לויזער געוואָרן. הערנדיק צו וואָס פאַר אַן אַרבעט סטאַשיאַ איז געוואָרן אָנגענומען, האָט איר קאַזשאַ מקנא געווען צוליב דעם וואָס איר, קאַזשאַן, איז שווער געווען צו דערוואַשן אירע הענט פון די שאַרפע פאַרבן ביי איר אַרבעט. פאַר סטאַשיאַן איז נישט באַ־קוועם געווען, אַז קאַזשאַ זאָל זיך אַרומטראָגן מיט אַזאַ געפיל, פלעגט זי ביים אומקערן זיך פון דער אַרבעט באַקלאָגן זיך, אַז זי שטייט אויס צרות פונעם דייטשישן אַרבעטס־אויפזעער, ווייל ער פאַרלאַנגט אַלץ מער און מער, דערפאַר קומט זי צוריק אַ מידע. די מיידלעך האָבן געהאַט מיט איר מיטלייד און אָנגענומען פאַר גוט, וואָס סטאַשיאַ פלעגט פרי זיך לייגן אויף איר בעט. אָבער די אמתע סיבה פון סטאַשיאַס וועלן זיך אָפּרייסן פון די פאַרנאַכטיקע קאָנטאַקטן אין באַראַק איז געווען אַן אַנדערע, אַ סודותדיקע, וואָס זי האָט געטראָגן טיף אין זיך.

אין די ערשטע טעג, ווען סטאַשיאַ איז אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד און דערפילט דעם טעם פון אַ סטאַביל אָרט צום וווינען און אַרבעטן, האָבן איר אָנגעהויבן פאַרפאָלגן פיינלעכע מחשבות: ווו געפינען זיך איצט אירע פיר ברידער, וואָס זי האָט איבערגע־לאָזט אין וואַלד? וועלן זיי אין שטאַנד זיין איבערצוטראָגן אַזאַ

לעבן צווישן הימל און ערד, מיט אַלע געפאַרן? אין איינער אַ נאַכט זענען די ברידער איר געקומען צו חלום דערשעפּטע פון הונגער און קעלט. סטאַשיאַ האָט זיי גערופן צו זיך, אָבער די ברידער האָבן נישט געוואָלט שטעלן אין סכנה איר לעבן. אין מיטן אַמפּערן זיך האָט סטאַשיאַ זיך איבערגעוועקט מיט אַ געשריי.

צו מאָרגנס האָבן די מיידלעך סטאַשיאַן געפרעגט וועגן איר אומרויִקער נאַכט. סטאַשיאַ האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל אויס־לאַכנדיק זיך אַליין. זי האָט געוואָרנט די מיידלעך נישט לייגן זיך שלאָפן מיט דער מורא פאַר נאַכט־אַלאַרמען. דאָס איז טאַקע געווען די סיבה פון איר חלום. זי האָט געוואָלט זיך אַרויסבאַקומען פון צווישן די באַמבעס, וואָס זענען געפאַלן אַרום איר.

— סטאַשיאַ איז גערעכט. מ׳דאַרף טאַקע נישט אין זינען האָבן די באָמבעס פאַרן שלאָפן גיין.

— יאָ אין זינען האָבן, נישט אין זינען האָבן — האָט יאַדוויגאַ ווי דעקלאַמירט פאַר די מיידלעך — דער עיקר, מ׳דאַרף פאַרן שלאָף וואָס מער זיך מאָדליען, וועט גאָט געבן אַ רויִקע נאַכט.

מאַריאַ איז יעדן טאָג געזעסן אין די ביוראָ־צימערן פון דער לאַגער־קאָמענדאַנטור, ווו עס זענען באַטראַכט געוואָרן פאַרשידענע טעגלעכע ענינים. זי איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט נישט בלויז ווי די פאַרוואַלטערין פון איר באַראַק, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעך־געזעלשאַפטלעכער פאַרוואַלטונג פונעם פרויען־לאַגער. די דייטשן האָבן ווי געהעריק אויסגענוצט אירע קענטעניש און זענען געווען צופרידן פון אירע באַמיִונגען ביים דורכפירן באַשלוסן, וואָס די לאַגער־אָנפירונג האָט אַרויפגע־לייגט מיט צוואַנג אויף די געפאַנגענע מיידלעך.

מיידלעך אין לאַגער האָבן זיך געווענדט צו מאַריאַ, זי זאָל ווירקן, אַז אין איינעם פון די באַראַקן זאָל מען איינאָרדענען אַ קאַשטשאָל. די דייטשן האָבן אָפּגעזאָגט. אין דער אומגעגנט פון לאַגער, האָבן זיי געזאָגט, איז פאַראַן אַ קלויסטער, און ווער פון

די מיידלעך עס וויל, קאָן אַהינגיין. מאַריאַ האָט אָבער געמאָלדן, אַז די מיידלעך קאָנען גרופּנווייז אָפּריכטן תפילות אין דעם באַראַק, ווו זיי וווינען.

אין די פאַרנאַכטן, ווען אַלע זענען זיך צוזאַמענגעקומען נאָכן אָוונטברויט און עס האָט אָנגעהויבן טונקלען אין באַראַק, האָבן די מיידלעך זיך אויסגעזעצט אויף די אונטערשטע בעטן, געהאַלטן אין די הענט געעפנטע געבעט־ביכלעך מיט צלמלעך, אָנגע־האָנגענע אויף קרעלן, און פון די באַראַקן זענען זיך צעגאַנגען מאָנאָטאָנע לאַנג־צעצויגענע געזאַנגען.

ביי סטאַשיאַן אין באַראַק האָבן די מיידלעך אָפּגעהיט די נאַכט־תפילות צו דער פּינקטלעכער צייט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס די פאַרפליכטונגען האָבן זיי אָפּגעריסן פון די געמיינזאַמע תפילות. מאַריאַ האָט אויף דעם שאַרף רעאַגירט מיט פאַרשליסן דעם וואַשרוים אויף דער צייט פון דער געבעט־שעה. די מיידלעך האָבן איר פאַר דעם געוואָלט צוטיילן דעם כבוד מיט אָנפירן די נאַכט־תפילות. אָבער מאַריאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטן מאָטיוו, אַז זי איז נישט באַרופן צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַ גלח. זי האָט פאַרגעלייגט, אַז די תפילות זאָלן זיך אָנהייבן געמיינזאַם און אַזוי אויך זיך פאַרענדיקן. די מיידלעך האָבן איינגעשטימט. בלויז איינע, קאַזשאַ, האָט איינגעצויגן אירע ליפּן און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מאַריאַ.

אין אַ שמועס מיט סטאַשיאַן האָט קאַזשאַ זיך געהיצט:

— איך בין אפשר די איינציקע דאָ אין באַראַק וואָס טראָג אַ שנאה צו מאַריאַ.

סטאַשיאַ האָט געפּרווט זי איינבעמען:

— קאַזשאַ, איך ווייס נישט פאַר וואָס דו האָסט זיך אַזוי אָנ־געלייגט אויף דער מאַריאַ. זעסט דאָך ווי זי באַמיט זיך פאַר אונדז, ווי זי זאָרגט פאַר דער אָרדענונג. מיר אַלע דאַרפן דערפון זיין צופרידן.

קאַזשאַ איז אַריין אין סטאַשיאַס רייד:

— זיי נישט קיין קינד! ביסט דאָך אַ פרום קאַטוילישן מיידל, די זעלבע ווי איך. קוק זיך איין ווי זי האַלט דאָס ביכל מיט די פּאַטשערקעס אין די הענט, זע ווי פאַלש אירע ליפּן באַוועגן זיך ביים זאָגן די תפילות. און אויב דאָס איז דיר ווייניק — קוק זיך איין אין אירע אויגן, ווי זיי שפּרינגען פון איין פּנים אויפן צווייטן. אויב דאָס וועט דיר גאָרנישט זאָגן, ווייס איך נישט ווער דו ביסט...

סטאַשיאַ האָט געצוימט איר אומרו און געוואָרן נאָכגיביקער:

— מאַכסטו מיר שוין נייגעריק מיט דער מאַריאַ, כאָטש זי איז ביי מיר נישט ווערט, איך זאָל טראַכטן וועגן איר, אַפילו ווען זי איז געוואָרן די גאַנצע טאָגנגעבערין אין באַראַק. דאָך וועל איך קאָנטראָלירן דיין מיינונג וועגן איר.

דעם זעלבן טאָג האָט סטאַשיאַ אין געהיים איבערגעגעבן מאַריאַן אַ קורץ בריוועלע, וווּ עס איז געווען געשריבן:

„זייט וויסן, אַז קאַזשאַ איז שטאַרק ראַפינירט און אָבסערווירט אייך. זי דערציילט מיר אַלץ. ביי די תפילות זייט ענלעך צו אַלע און זייט שטאַרק פאָרזיכטיק מיט יעדן שריט. פאַרניכט באַלד די פּאָר ווערטער".

סטאַשיאַ איז געוואָרן באַזאָרגט פון דעם אַלעם וואָס קאַזשאַ האָט געוועבט אַרום מאַריאַן. סטאַשיאַן איז שווער געווען צו פאַרשטיין די דאָזיקע פּרוי: וואָס פאַר אַ נשמה טראָגט זי אין זיך? פון איין זייט ווערט זי אָבסערווירט און פאַרדעכטיקט און פון דער צווייטער זייט האַלט זי זיך אַזוי שטאָלץ לגבי די מיידלעך אין באַראַק. טייל מאָל איז זי שטרענג באַפעלעריש, אַן אַנדער מאָל נאָכגיביק מיט אַ ווייך וואָרט און די מיידלעך לאָזן פון איר זיך איינגעמען, כאָטש אַ סך פון זיי באַרעדן זי. סטאַשיאַ האָט באַוווּנדערט מאַריאַס מוט, איר מאָראַלישן כּוח און גלייכצייטיק געציטערט פאַר איר גורל.

ווען קאַזשאַ איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, איז זי, ווי יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט, געשטאַנען ביים וואַסער־קראַן און געריבן די הענט פון די פאַרבן, וואָס האָבן זיך אין זיי איינגעגעסן. פּלוצלינג האָט מאַריאַ זיך באַוויזן פון הינטער קאַזשאַס רוקן:

— אַזוי מוזטו יעדן טאָג רייבן דיינע הענט נאָך דער אַרבעט ?

— ליידער יאָ — האָט קאַזשאַ געענטפערט מיט אַ זייטיקן בליק.

— וואָלסט וועלן זיך באַפרייען פון דער אַרבעט ?

— נאָך ווי אַזוי — האָט קאַזשאַ אַ קוק געטאָן מאַריאַן גלייך אין פנים אַריין.

— איך מוז דיך באַפרייען פון דעם שמוץ.

— איך וואָלט טאַקע וועלן זען אַז איר זאָלט עפּעס טאָן אויף פאַר מיר.

מאַריאַ האָט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן נאָענט צו קאַזשאַס הענט און געזאָגט מיט באַדויער :

— אַזעלכע שיינע פינגער קומט אַ פיינערע אַרבעט. הער זיך איין, קאַזשאַ, האָסט מזל וואָס איך בין דאָ צופעליק אַדורכגעגאַנגען, איך דאַרף אַ מיידל אין דער פּאָסט־אָפּטיילונג. איך שטעל זיך פאָר, אַז דו קאָנסט גוט לייענען און שרייבן. דאָס איז אַ ריינע און לייכטע אַרבעט. וועסט זיין צופרידן.

קאַזשאַס אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן פון פרייד :

— איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער גוטן ווילן.

מאַריאַ האָט געשטעלט אַ טריט צום אַוועקגיין און זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן :

— געדענק, באַלד נאָכן עסן קומסטו אַריין אין דער ביוראָ פון לאַגער־פירער. ער וועט דיר לויט מיין פאַרשלאָג באַפרייען פון דער כעמישער פאַבריק און פון מאָרגן אין דער פרי וועסטו אָנהייבן אַרבעטן אין דער פּאָסט.

— אַ דאַנק ! אַ דאַנק !

קאַזשאַ האָט שנעל אָפּגעווישט די הענט און געלאָפן נעמען איר פאַרציע עסן.

סטאַשיאַ האָט פון דער זייט אויפגעכאַפּט קאַזשאַס יאָגעניש. ווען זי האָט באַמערקט אַז קאַזשאַ פאַרקעמט זיך די האָר און קוקט זיך אַ פאָר מאָל אָן אין שפּיגעלע, האָט זי געפילט, אַז קאַזשאַ גרייט זיך אָפּטאָן אַ זאַך, מיט וועלכער זי היט זיך אויס פאַר איר. סטאַשיאַ

האָט אָנגעהויבן נאָכקלערן, קאָנטראָלירן אַלע געשפּרעכן מיט קאַזשאַ. אין דער קורצער צייט וואָס זי האָט געוווינט מיט איר, האָט זי שוין באַוויזן צו דערקענען קאַזשאַס אָפנהאַרציקייט. אויך היינט, ביים קומען פון דער אַרבעט, איז זי געווען נישט אַנדערש ווי שטענדיק: דאָס זעלבע באַגריסן זיך, דאָס זעלבע אָנגעלאָדענע שטילשווייגן, די זעלבע טריט צו דער שאַפקע, צום בעט. און פּלוצלינג — איז זי געקומען פון וואַשצימער נישט מיט איר גאַנג, ווי עס וואָלט איר ווער געיאָגט, אָדער ווי זי וואָלט זיך נאָך עפּעס געיאָגט. אַ פאַרזאָרגטע האָט סטאַשיאַ גענומען דאָס שיסעלע מיטן לעפל און געשטעלט זיך אין דער ריי, אָבער דאָס עסן איז איר נישט באַקומען.

פאַר דער נאַכט־תפילה איז קאַזשאַ צוזאַמען מיט מאַריאַ אַריין אין באַראַק.ביידע מיט צופרידענע פּנימער. קאַזשאַ איז געבליבן שטיין ביי איר בעט און זיך אַרומגעקוקט:

— סטאַשיאַ!

— וואָס איז געשען נייעס?

— וואַזשנע נייעס! איך פּלאַץ אַזש פון פרייד!

— לאָמיר שוין הערן, וואָס ציסטו מיך אַזוי אָן? — סטאַשיאַ האָט גענומען קאַזשאַן אונטערן אָרעם און אַוועק מיט איר שפּאַצירן איבערן באַראַק.

— וואָס זאָגסטו צו דעם? — האָט קאַזשאַ געזאָגט מיט אַ שיינענדיק פּנים — מאַריאַ האָט מיר פאַרשאַפט אַ גוטע אַרבעט אין דער פּאָסט. דער לאַגער־פירער האָט מיך באַפרייט פון דער פאַבריק און שוין פון מאָרגן אָן וועל איך מער נישט אייננאָטעמען די פאַרשטונקענע ריחות און כ׳וועל נישט דאַרפן רייבן די הענט שעהענווייז.

— זעסטו! — האָט סטאַשיאַ מיט סאַטיספאַקציע אויסגע־רופן — מען דאַרף זיין פאַרזיכטיק ביים אורטיילן וועגן אַ מענטש...

— מעגלעך, אפשר בין איך געווען צו איילִיק ביים אַרויסזאָגן מיין מיינונג וועגן איר. אָבער דאָס שטערט מיר גאַרנישט צו געניסן פון איר פּראָטעקציע...

— ווייזט אויס, קאַזשאַ, אַז דו האָסט אין אירע אויגן געפונען מער חן ווי אַנדערע מיידלעך אין באַראַק.

— ביסט אייפערזיכטיק, סטאַשיאַ ?

— זיי נישט קיין קינד, קאַזשוכנאַ, איך בין דווקא זייער צו־פרידן וואָס דו ווערסט פטור פון דיין שמוציקע אַרבעט.

— איך גלייב דיר — האָט קאַזשאַ אַ צעשמייכלטע געזאָגט, און ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין אויף דעם אָרט, וווּ די מיידלעך האָבן זיך געזאַמלט צו דער נאַכט־תפילה.

פאַרן שלאָפנגיין האָט סטאַשיאַ זיך געטראָפן מיט זאָשיאַן אין דרויסן. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם, וואָס איז פאַרלאָפן צווישן קאַזשאַ און מאַריאַ. צוזאַמען מיט זייער צופרידנקייט, וואָס די באַציִונגען צווישן קאַזשאַ און מאַריאַ וועלן זיך פאַרבעסערן, זענען סטאַשיאַ און זאָשיאַ געוואָרן באַזאָרגט דערפון וואָס קאַזשאַ, ביים אַרבעטן אין דער לאַגער־פּאָסט, וועט ווערן אויפמערקזאַם, אַז זיי באַקומען נישט פון קיינעם קיין פּאָסט. סטאַשיאַ און זאָשיאַ האָבן אויסגעפונען אַ מיטל ווי אַזוי צו ליקווידירן דעם חשד : זיי וועלן אָנהייבן שרייבן בריוו איינע צו דער צווייטער.

דעם ערשטן בריוו האָט באַקומען סטאַשיאַ, אַדרעסירט פון בערלין אין דייטשלאַנד, אונטערגעשריבן מיטן נאָמען אירענאַ סטאַזשינסקאַ, אַן אָפּשטאַמיקע פון דעם זעלבן געבוירן־אָרט אין פוילן. סטאַשיאַ האָט פאָרגעלייענט פאַר קאַזשאַן דעם בריוו. אירענאַ האָט דאָרט מיט פרייד איבערגעגעבן, ווי אַזוי זי האָט זיך דערוווּסט סטאַשיאַס אַדרעס אין דייטשלאַנד. קאַזשאַ האָט אויסגעהערט און אומעטיק אָפּגעזיפצט פונעם טרויעריקן אינהאַלט וועגן אירענאַס ליידן און בענקשאַפט צו איר היים. די שילדערונג, ווי אַזוי אירענאַ איז געכאַפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד איז געווען ענלעך צו דעם וואָס מיט קאַזשאַ איז געשען. דערפאַר האָט זי זיך אַזוי שטאַרק איבערגענומען ביים אויסהערן לייענען דעם בריוו.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט אויך זאָשיאַ באַקומען אַ בריוו און אים פאָרגעלייענט פאַר אירע חברטעס אין באַראַק.

פון זינט קאַזשאַ האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער פּאָסט, איז זי געוואָרן גוטמוטיקער צו די מיידלעך אין באַראַק, נישט געחוזקט און קיינעם נישט באַרעדט. אויך סטאַשיאַ איז געווען צופרידן פון קאַזשאַס טאָלעראַנטער האַלטונג, אָן די נערוועזע אויסברוכן און אָן דער אָנגעבלאָזענער שטימונג.

אין באַראַק האָבן די מיידלעך אָנגעהויבן זיך גרייטן צו ווייַנאַכט. זיי האָבן זיך געשאַפט אַ כאָינקע און באַצירט זי מיט קאָלירטע פּאַפּירלעך. אין יענעם טאָג האָט מען אין לאַגער געטיילט זיסוואַרג מיט דינע רונדיקע פּלעצעלעך. אויך דאָס עסן איז געווען בעסער ווי געוויינלעך. מאַריאַ האָט געהאָלפן שאַפן די יום־טובדיקע שטימונג. זי האָט פון ערגעץ געבראַכט קליינינקע ליכטעלעך פאַר דער כאָינקע, געטיילט צוגאָב־פּאָרציעס צום אָוונטברויט און געבעטן יעדע פון די מיידלעך זיך איבערטאָן אין בעסערע קליידלעך. קאַזשאַ האָט איר צוגעהאָלפן. זי האָט געבראַכט יעזוס־בילדער, אויסגעשניטענע פון אַ צייטונג.

אין יענעם טאָג האָט סטאַשיאַ זיך געפילט קראַנק. איר האָט ווי געטאָן אין האַלדז, הענט און פיס האָבן איר געבראָכן, זי האָט אָבער פאַר קיינעם זיך נישט פאַרקלאָגט. ווי אַלע אַנדערע, האָט אויך זי זיך איבערגעטאָן, פאַרקעמט די האָר, גענומען דאָס געבעט־ביכעלע אין האַנט און געוואַרט אויף דער יום־טובדיקער שעה.

אין באַראַק זענען די מיידלעך געלאָפן צום וואַש־צימער און פון דאָרט צו די שאַפקעס ביים איבערטאָן זיך. קליינע שפּיגעלעך זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט ביים פאַרקעמען זיך די האָר, ביים פלעכטן די צעפּ און אָנשטעלן אַ גלייכן שרינט אין מיטן קאָפּ, דערביי האָבן די מיידלעך זיך פריילעך געמאַכט מיט קוויטשענדיקע געלעכטערלעך.

דערווייל איז סטאַשיאַ אַרויף אויף איר אויבערשטן בעט, כדי זיך אָוועקצולייגן. איר זענען נאָך נישט באַקאַנט געווען די מעלאָדיעס פון די געזאַנגען אַרום דער „כאָינקע", האָט זי דערפאַר געוואָלט

אויסמיידן צו זיין די ערשטע, כדי צו קאָנען פריִער אויפכאַפּן די טענער און דערנאָך זיך פאַראייניקן אין אַלגעמיינעם געזאַנג.

אין די שפּעטע שעהען, פאַר האַלבער נאַכט, האָט מאַריאַ אָנ־געצונדן די ליכטלעך טורעמדיק אויסגעשטעלטע איבער די צווייגלעך פון דער כאָיִנקע. אויף צוזאַמענגערוקטע בענק האָבן די מיידלעך זיך אויסגעזעצט אַרום דער שיין פון די ליכטלעך און אָנגעהויבן מיט אַ כאָראַלן געזאַנג.

קאַזשאַ האָט שנעל זיך געכאַפּט, אַז סטאַשיאַ פעלט. זי האָט אַ פרעג געטאָן יאַדוויגאַן און זי האָט איר געענטפערט מיט אַ הייב מיט די אַקסלען. ביידע האָבן זיך אויפגעהויבן און געלאָפן צום בעט, און נאָך זיי — נאָך עטלעכע מיידלעך. ווען סטאַשיאַ האָט זיך מיט אַנגסטיקער שרעק אויפגעוועקט, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין...

— זאָג אונדז, וואָס איז מיט דיר פּלוצלינג געשען? — האָבן די מיידלעך אומרויִק געפרעגט סטאַשיאַן.

סטאַשיאַ האָט שנעל זיך באַהערשט אין איר נישט אָנגענעמער סיטואַציע און געענטפערט מיט אַ כליפּענדיק קול:

— יעזוס מאַריאַ! ס'איז מיר שווער צו זינגען ביי דער כאָיִנקע אַזוי ווייט פון דער היים...

די מיידלעך האָבן זיך איבערגענומען מיט סטאַשיאַס ענטפער און אויך זיי האָבן מיטגעוויינט, ביז סטאַשיאַ איז אַראָפּ פון בעט, אויסגעווישט די אויגן, און צוזאַמען מיט אַלע אַריין אין געזאַנג...

קאַפּיטל פופצן

דער הונגער טרייבט

נאָך רעגנדיקע טעג און נעכט מיט דונערן און בליצן זענען די ייִדן אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן, טיף אָפּגעאָטעמט מיט דער פרימאָרגנדיקער וואַלדלופט, מיט די ריחות פון צעבליטע קוסטעס. פון די גרינע בלעטלעך אויף די צווייגן האָבן נאָך געטריפט קאַלטע טראָפּנס, פאַרבליבענע נאָכן רעגן. אויך זייערע פיס האָבן דערפילט אַ דערלייכטערונג. זיי האָבן שוין נישט געטראָטן אויף דער זומפּיק־צעווייקטער ערד, נאָר אויף אַ ווייכן מאָך, צעשפּרייט איבערן וואַלד.

באַגינען, ווען עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג, ווען דער וואַלד האָט אויפגעלעבט מיט צייטיקן זומער, האָבן די פאַרחושכטע אויגן זיך אויסגעלייטערט, זיך געוועקט צום לעבן, צום וואַרעמען וועטער, צו די אויפגעלויכטענע טעג, צו דעם געזאַנג פון די פייגל. אין אַזאַ פרימאָרגן האָבן די יידן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די וואַרעמע קליידער מיט די שווערע פאַרבלאָטיקטע שיך. אין אַ לייכטן גאַנג האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט קלויבן יאַגדעס, ווײמפּערלעך, מאַלינעס, וואָס זענען ווילד געוואַקסן אויף די נידעריקע ביימלעך אין פאַרשידענע ערטער איבערן וואַלד.

די ייִדן האָבן געוווסט, אַז אַהער קומען אויך פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער רייסן די פרוכט. פלעגן זיי אַרויסגיין מיטן טאָג צו גלייך, כדי אויסצומיידן מענטשלעכע אויגן. איין מאָל אין אַזאַ פרימאָרגן האָבן די יידן דערזען צווישן די ביימלעך זיך באַוועגן אַ איינגעבויגענעם גוף. זיי האָבן איבערגעוואַרט ביז די פויערטע איז אַוועק מיט אירע קוישן. ווען דאָס האָט זיך גענומען איבערחזרן, האָבן

די יידן געדאַרפֿט זיך פֿאַרטראַכטן וואָס צו טאָן. אַ טייל האָבן געראָטן אָנצוהייבן אַרויסגיין אויף אַן אַנדער שטח, אָבער נישט אַלע האָבן מסכים געווען צו פֿאַרלאָזן דעם וואַלד ווו עס זענען אויך געוואַקסן אַגרעס, גרויסע ווי גרינע טרויבן.

— מיר קענען דאָך נישט וויסן ווו די פֿויערטע וועט מאָרגן זיך דרייען אין וואַלד.

— פֿאַר דעם האָבן מיר אויגן — האָט פסח אָפּגעענטפֿערט אַהרנען.

— אויך די גויע האָט אויגן.

— דאָ דאַרף מען צוטראַכטן עפּעס אַ פֿאַרטל — האָט יאַנקל זיך אומגעקערט צו יואלן.

— יאָ — האָט יואל נאָך אַ ווייל אָפּגעענטפֿערט — מיר איז עפּעס איינגעפֿאַלן. גיי, משה, שלעפּ אַרויס פֿון גרוב דיין פּעלצענעם בגד און ברענג אים אַהער.

יואל האָט דעם פּאַלטן איבערגעדרייט מיט די האָר אַרויף, געהייסן משהן אים אָנטאָן, און זיך שטעלן אויף אַלע פֿיר, שפּרינגען און ברומען ווי אַ ווילדע חיה. משה האָט גענוי אויסגעפֿירט וואָס יואל האָט אים באַפֿוילן. די יידן זענען זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ טיפֿן געלעכטער, אָבער יואל מיטן ערנסטן פּנים האָט זיי איינגעשטילט:

— הער זיך איין, משה. מאָרגן וועסטו פֿון דאַנען פֿאַרלויפֿן פֿאַר אונדז דעם וועג און זיך אַראָפּלאָזן צווישן דיביימלעך. אויב וועסט דערזען די גויע, לאָז פֿון זיך אַרויס קולות, שפּרינג ווי אַ חיה און מיר וועלן זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער.

אַזוי ווי די יידן האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט, זענען זיי מיטן זעלבן וועג אין דער זעלבער צייט דערגאַנגען צו דעם אָרט, פֿריער אויסגעקוקט דעם שטח. עס האָט אויסגעזען, אַז אַלץ שטייט אומ־באַוועגלעך, מיט אַזאַ שטילקייט, וואָס האָט קוים געלאָזט דערהערן די פֿאַרזיכטיקע טריט צווישן דיביימער. אָבער יואל האָט דאָך אַ באַוועג געטאָן מיט דער האַנט — צו בלייבן שטיין. ער האָט טיפֿער נאָך זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט, וואָס איז פֿון צייט צו

צייט איבערגעריסן געוואָרן דורכן געזאַנג פון די פייגל, דורך אַ שאָרך פון אַ וועוויערקע אויף אַ בוים. די יידן זענען געשטאַנען און צווישן זיך גערעדט מיט די אויגן. ערגעץ פון דער נאָענט האָט אַביימל אַ ציטער געטאָן. עמעצער האָט אָפּגעהוסט און אויסגע־שפּיגן. יואל האָט מיט די אויגן אַ רוף געטאָן משהן און אַריינגע־שושקעט אים אין אויער:

— פריער וועל איך אַרויפקריכן אויף אַ בוים.

משה האָט דערווייל זיך געשטעלט אויף אַלע פיר מיט אַרויס־געררוקטע האָריקע הענט ווי פאָדערשטע פיס פון אַ חיה, דאָס פּנים איבערגעדעקט מיט אַ געלעכערטער שמאַטע. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך צעשפּרונגען אַנטקעגן די יידן. זיי זענען געשטאַנען צוזאַמענגערוקט אונטער אַ בוים און מיט די הענט אויף די מיילער איינגעהאַלטן דאָס פאַרשטיקטע געלעכטער.

יואל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון בוים און דערציילט, אַז נישט ווייט פון דאַנען זעט מען צוויי פּויערטעס צווישן דיביימלעך. יואל האָט געעצהט נאָך אַ ביסל צו וואַרטן ביז די קיישלעך וועלן זיך מער אָנפילן, דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. די יידן זענען אים נאָכגעגאַנגען און זיך אויסגעשטעלט אונטער אַ בוים. משה האָט פּאַמעלעך זיך דערנענטערט צו יענעם אָרט, ווו די פּויערטעס, מיט איינגעבויגענע רוקנס, האָבן געציפּט די יאַגעדעס פון די צווייגלעך.

אויף עטלעכע מעטער ווייט פון זיי איז משה מיט שלעפּנדיקע טריט אַרויסגעקראָכן פון אונטער אַ בוים. זיין געברום האָט זיך אַ קאָלער געטאָן איבערן וואַלד, די פּויערטעס האָבן האַסטיק אויס־געדרייט די פּנימער צו דער ווילדער חיה, זענען אויפגעשפּרונגען און מיט יאָמערלעכע קולות זיך צעלאָפן טיפער אין וואַלד אַריין. ווען די פּויערטעס זענען פאַרשוווּנדן צווישן די ביימער און זייערע קולות האָבן זיך איינגעשטילט, זענען די יידן אַרויפגעפאַלן אויף די אָנגע־פילטע צוויי קיישלעך מיט פּרוכט. אין דעם דריטן קיישל האָבן זיי געפונען שטיקער ברויט מיט קעז און אַן איבערגעדעקט קריגעלע

מיט מילך. יאָסל איז געבליבן שטיין מיט אויסגעצויגענע הענט און זיך געבעטן:

— האָט אויף מיר רחמנות און טיילט מיר שוין צו מיין חלק.

מיט אַ בייזן בליק האָט יואל באַפוילן יאָסלען אַוועקצוגיין אין אַ זייט, אָבער יאָסלס פּנים האָט זיך פאַרקרימט און ער האָט גענומען ציטערן. יואל האָט אויף אים רחמנות באַקומען, גערופן אַלע אונטער אַ בוים, ווו ער האָט צעטיילט דאָס ברויט מיטן קעז. איידער די איבעריקע האָבן דערפילט דעם טעם פון עסן, האָט יאָסל זיך שוין באַלעקט נאָך די לעצטע אָראָפּגעשלונגענע ביסנס און מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז געוואָרט אויף די עטלעכע זופּ מילך פון קריגל.

צוריקגעקומען צו זייער אָרט אין וואַלד, האָבן די יידן פאַרלייגט אַ פייער, געבראָטן קאַרטאָפל און פאַרביסן מיט די אָנגעקליבענע יאַגעדעס.

נאָך אַ לענגערן איבעררייס האָבן יאַנקל און פּסח באַשלאָסן ווידער אַרויסצוגיין אין דאָרף און אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט באַקאַנטע פּויערים. דאָס מאָל האָבן זיי אויסגעוויילט צו גיין צו אָרעמע, וואָס האָבן געשמט פאַר גוטע מענטשן. דער גאַנג האָט פאַר די ברידער געדאַרפט דינען, ווי אַן אויסשפּיר־פּרוּוו צו דערוויסן זיך וועגן דעם מצב אין דאָרף, די שטימונג צווישן די פּויערים, און פאַר איין וועגס — אפשר עפּעס מיטברענגען.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, די טירן פון די כאַטעס זענען פאַרמאַכט געוואָרן און דאָס בילעריי פון די הינט אויף די קייטן האָט זיך איינגעשטילט, האָבן יאַנקל און פּסח זיך צעשיידט אין פעלד. איינער איז געגאַנגען צום עק דאָרף, ווו עס איז געשטאַנען אַמבראָזשאַקס אָרעם הייזל, און דער צווייטער איז אַוועק דורך הינטערשטע סטעזשקעס צו דער כאַטע מיטן שינדלדאַך, ווו אַרויסגערוקט צו די פעלדער האָט זיך געפונען די פּויערישעווירטשאַפט פון דער אַלטער כינדוסקאַ. פאַרן צעשיידן זיך האָבן ביידע ברידער אָפּגערעדט די צייט און דאָס אָרט ווו זיך צו טרעפן.

מיט שטילע טריט האָט יאַנקל זיך צוגעשאַרט צום הייזל און געבליבן שטיין ביים פענצטער. יאַנקל האָט אָנגעקלאַפּט אין לאָדן. די גויע האָט זיך איבערגעוועקט:

— ווער איז דאָרט? — האָט אַ פאַרשלאָפענע שטימע געפרעגט.

— האָט נישט קיין מורא, אַ היימישער קלאַפּט אין פענצטער.

— טראָג זיך אָפּ פון דאַנען!

אָבער יאַנקל איז נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט נאָך אַ מאָל אַ שאָקל געטאָן דעם לאָדן און איבערגעחזרט:

— איך בין הערשקעס זון פון לאָזעווע. לאָזט מיר אַריין אויף אַ פּאָר מינוט.

די גויע האָט אָנגעהויבן טשלאָפּען מיט די טריט. זי האָט אַרויסגעצויגן דאָס דרענגל פון די אייזערנע רינגען און די דרויסענ־דיקע טיר האָט מיט אַ סקריפּע זיך אָפּגעשפּאַרט.

יאַנקל איז אַריין אין דעם פינצטערן פּאָדערהייזל. אים האָט אַרומגענומען אַ טוכלע וואַרעמקייט. די גויע האָט אים אַ צי געטאָן ביים אַרבל און געפירט נאָך זיך אין קיכל אַריין, ווו עס האָט אַ שלאָג געטאָן דער ריח פון געקאָכטע עסן. די גויע האָט אָנגעצונדן אַ נאָפט־לעמפּל. אין דער האַלב־פינצטערניש האָט זי, אַן איינגעבויגענע איבערן קיכל, אָנגעפילט אַ שיסל מיט קליסקעס און באַגאָסן זיי מיט מילך. אַ ציטערנדיקער פון הונגער און קעלט האָט יאַנקל נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון דער אַלטער ביז זי איז צוגעקומען צו אים און אַוועקגעשטעלט דאָס עסן אויף אַ נידעריק בענקעלע און שטיל אַריינגערעדט יאַנקלען אין פנים אַריין:

— מען דאַרף נישט הערן אין צווייטן צימער, אַז דו געפינסט זיך ביי מיר.

נאָכן אויסליידיקן די שיסל האָט יאַנקל אָנגעשטעלט זיין מויל אונטער דער גויעס אויער:

— זיי קענען דאָך מיך גוט, פאַר וואָס זאָל איך פאַר זיי מורא האָבן?

די גויע האָט אויסגעשטרעקט אירע דאַרע פינגער:

— די יונגע פֿאַרשטייען אַנדערש...

יאַנקל האָט די גויע אַ גלעט געטאָן איבער דער האַנט:

— גאָט זאָל אייך באַצאָלן פֿאַר אייער גוט האַרץ.

— אָרעם יינגל — האָט די גויע געשאָקלט מיטן קאָפּ — וואָס גאָט האָט דיך געלאָזט אויף הפקר.

— יאָ, איך האָב קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. פֿאַר וואָס קומט דאָס מיר?

די אַלטע גויע האָט פֿאַרוואָרפֿן אַ טיכל איבער אירע אַקסלען און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ נידעריק בענקעלע לעבן יאַנקלען.ביידע צוזאַמענגערוקטע האָבן אויף דער ווייס־געקאַלכטער וואַנט אָפּגעשאָטנט ווי אַן אומבאַוועגלעך־שוואַרצער פֿלעק.

— הער זיך איין, יינגל — האָט די גויע אַן אָנגעבויגענע שטיל גערעדט — דו ליידסט פֿאַר אַנדערע. דערפֿאַר האָב איך אויף דיר רחמנות און לאָז דיך איבערטרעטן מיין שוועל.

— איך וואָלט וועלן איבערלעבן און אייך קאָנען אָפּדינען פֿאַר אייערע גוטע מעשים.

— אָ ניין — האָט די גויע ווי אַרויסגעלייענט אַ טויטאורטייל פֿון אַ פּאַפּיר — דו, מיט דיינע עטלעכע יידן אין וואַלד, איר מוזט אַלע אומקומען. איר זענט דאָך פֿאַרשאָלטן געוואָרן פֿון גאָט און איר ווערט פֿאַרפֿאָלגט פֿון מענטשן, איז ווי אַזוי קאָנט איר בלייבן לעבן?

— פּאַני כינדוסקאַ, איר זענט זיכער אין מיין טויט, און דאָך ווילט איר מיר העלפֿן לעבן.

די גויע האָט אַ זיפֿץ געטאָן און געענטפֿערט:

— איך וואָלט וועלן דיר אַ סך העלפֿן צוליב דיין טאַטן. מיר האָבן אים אַזוי שטאַרק געשעצט. ער איז געווען אַ גוטער, ערלעכער ייד, אָבער מיט דעם וואָס איך טו פֿאַר דיר בין איך איינגעשטעלט מיט מיין לעבן.

— גאָט באַשיצט די מענטשן, וועלכע זענען גרייט צו העלפֿן אָרעמע.

— איך וויל אין דעם גלייבן — האָט די אַלטע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

פון אַ שכנתדיק הייזל האָט זיך דערהערט עפּעס און צומאַכן אַ טיר. די גויע איז צוגעגאַנגען צום קיכל און פּאַרלאָשן דאָס לעמפּל. זי האָט אַרויסגעקוקט דורך אַ שפּאַרע פון לאָדן און געזען איר שכן טראָגן אַ לאַמטערנע מיט קובלעס עסן צו די שטעלער. זי איז צוריק־געקומען צו יאַנקלען און אים געזאָגט, אַז ווען דער שכן וועט צוריק אַריין אין שטוב, זאָל ער זיין גרייט צום גיין. יאַנקל האָט איר געבעטן אויף אַ ווײַלע נאָך צוזעצן זיך לעבן אים און אויסהערן אַ פּאָר ווערטער פאַר זיין אַוועקגיין.

אין שטיבל איז געווען פינצטער. אויפן בוידעם האָט אַ האָן זיך צעקרייעט. פון איבער דער וואַנט האָט מען געהערט דאָס שנאָרכן פון די שלאָפנדיקע. דער וואַנטזייגער האָט אויסגעקלונגען האַלבע נאַכט. די גויע האָט זיך צוגעזעצט און אָנגעהויבן אַרויסווייזן אומגעדולד. זי איז געזעסן אַ שווייגנדיקע און טיף געאָטעמט, ווי זי וואָלט אַזוי זיצנדיק איינגעשלאָפן.

— פּאַני כינדוסקאַ, איך וויל אייך עפּעס פאָרלייגן. איר קאָנט פון דעם האָבן פיל נוצן.

— וואָס אַזוינס? — האָט די גויע געפרעגט, ווי אַן אויפגעוועקטע פון שלאָף.

— איר נוצט דאָך שוואָמען צום קאָכן?

— יאָ — האָט די גויע זיך אָנגעכאַפּט אין יאַנקלס פאָרשלאָג — מיר האָבן דאָס ליב, אָבער קיינער פונעם יונגוואַרג האָט נישט קיין צייט צו גיין קלויבן, און מיר איז שווער צו גיין אין וואַלד.

— ווילט איר, אַז איך זאָל אייך ברענגען שוואָמען פון וואַלד?

— געוויס. אָבער צו דעם דאַרפן אויך מסכים זיין מיינע קינדער...

— ווייסט איר וואָס? איך וועל אייך ברענגען אויף פּראָבע עטלעכע סאָרטן און איר וועט מיר זאָגן וועלכע עס וועלן גוט זיין פאַר אייך.

— דו קענסט זיך אויף שוואָמען? ווייסטו וועלכע מען טאָר נישט נוצן? — האָט די גויע זיך געוווּנדערט.

— איך קען אייך אויסרעכענען די סאָרטן שוואָמען, וואָס מען מעג נוצן.

— אַ נו, לאָמיך הערן — האָט די גויע אינטערגעשטעלט איר אויער.

יאַנקל האָט אָנגעהויבן:

— צו ערשט, די קאָזשאַלקעס מיט די לאַנגע פיסלעך און ברוינע קעפּלעך, ענלעך צו אַ צעעפנטער פּאַראַסאָלקע, ריכטיק?

— ריכטיק.

— נאָך דעם, די געלע קורצינקע גאָנסקעס, וואָס זעען זיך קוים אַרויס פון צווישן די גראָזן. זיי וואַקסן געפּאָרט און מען רייסט זיי גאַנצע בינטלעך מיט אַ מאָל, ריכטיק?

— ריכטיק.

— און איצט, די בעסטע פון אַלע סאָרטן, די ריכטיקע גזשיבעס אויף קורצע פיסלעך מיט ברייטע ברוינע גלאַנציקע קעפּ. זיי וואַקסן אַרויס פון אונטערן מאָך ביים ראַנד פון די ביימער, ריכטיק?

די גויע האָט שטיל געכאַכאָטשעט און געזאָגט:

— אַ זשידעק זאָל אַזוי גוט זיך אויסקענען אויף אַלע סאָרטן שוואָמען! נו, זאָל זיין, ברענג אַ ביסל אויף פּראָבע און מיר וועלן זען.

יאַנקל האָט געקריגן דרייסטקייט:

— קאָן איך אייך בעטן, אַז איר זאָלט מיר געבן אַ קיישל און אויך עפּעס פאַר מיינע הונגעריקע ברידער?

די אַלטע האָט אַ מרוקע געטאָן, זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, דערנאָך זיך אויפגעהויבן פון בענקעלע און אָנגעהויבן שלעפּן אירע טריט פון קיכל אַרויס.

יאַנקל איז געבליבן אַליין אין דער פינצטער. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט ער דערהערט איר צוריקקומען.

— נעם, ייִנגל, און פאַרלאָז די כאַלופּע, נאָר קיינער זאָל נישט הערן און נישט זען...

אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג פון דער כאַטע, האָט יאַנקל געפונען אין קיישל אַ רונדיק ברויט, אַ שטיק ווייסן קעז, אַ ביסעלע זאַלץ און אַ פּושקעלע שוועבעלעך. פון גרויס פרייד זענען זיינע פּיס לייכטער אַוועק צום אָפּגערעדטן אָרט ווו עס האָט געדאַרפט זיך געפינען דער צייכן פאַר דעם, וואָס וועט פריִער פאַרלאָזן דאָס דאָרף. יאַנקל האָט גלייך דערטאַפּט דעם שטיין צווישן דיביימלעך און מיט שנעלע טריט געלאָזט זיך צום פּרוכנעוואַטן בוים ביים ראַנד פונעם וואַלד.

— פאַר וואָס האָט עס ביי דיר געדויערט אַזוי לאַנג ? — האָט פּסח אַ אומגעדולדיקער געפרעגט.

— ס׳האָט טאַקע געדויערט, אָבער ס׳האָט געלוינט. קוק אַריין אין קיישל וועסטו זען וואָס איך טראָג פון דאָרט.

פּסח האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ איבערן קיישל. דערפילנדיק דעם ריח פונעם ברויט, האָט ער מיט אויפגעריסענע אויגן געפרעגט :

— ווי אַזוי האָסטו זיך דערשלאָגן צו אַזאַ פאַרמעגן ?

יאַנקל האָט זיך געריבן די הענט און מיט אַן אַנציִענדיקן טאָן אָנגעהויבן דערציילן ווי אַזוי ער האָט פאַרבראַכט די צייט ביי דער אַלטער כינדוסקאַ.

— ביסט אַריין צו איר מיטן רעכטן פוס.

— דער עיקר איז דער קאָפּ — האָט יאַנקל אָנגעוויזן אויפן שטערן — מ׳דאַרף פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פון אַזאַ אַלטער גויע און אויסרעכענען ביז וואַנען זי קאָן גיין אויף אַזאַ געפערלעכן וועג.

— נו, דו הייבסט שוין אָן צוגעבן אַ פאַרציע פּסיכאָלאָגיע צום ברויט...

— לאָך נישט, פּסח — האָט יאַנקל ערנסט גערעדט — אין אונדזערע באַדינגונגען איז דאָס וואָרט נישט קיין וויץ. אָן צו פאַרטראַכטן זיך פאַר יעדן אַרויסגאַנג פון וואַלד, אָן צו פאַרשטיין דעם, ביי וועמען מען קלאַפּט אין טיר, אָן צו קאָנען אויסמיידן אפילו דאָס בילן פון אַ הונט — הייסט זיך אויסשטעלן אויף אַן אַדורכפאַל, און דאָס רופט מען פּסיכאָלאָגיע... פאַרשטאַנען ?

— יאָ — האָט פּסח ווי אַ געהאַרכזאַמער שילער געענטפערט.

— און איצט דערצייל מיר ווי אַזוי איז דיר צוגעגאַנגען מיט אַמבראַזשאַקן ?

— איך האָב נישט געהאַט אַזאַ מזל ווי דו, אָבער איך קום אויך נישט מיטן ליידיקן — האָט פסח אַ שטופּ געטאָן דאָס זעקל צו יאַנקלס פיס.

— די קאַרטאָפל זענען אויך עפּעס, אָבער איך וויל פון דיר אויסהערן, דער עיקר, ווי אַזוי דער גוי האָט זיך באַצויגן צו דיר.

— פון אָנהייב אָפילו גאַנץ שלעכט — האָט פסח גענומען דער־ציילן — ער האָט פשוט געוואָלט מיך פאַרטרייבן. האָב איך אים אָנגעהויבן בעטן ער זאָל רחמנות האָבן. אַ סך האָט מיר געהאָלפן דעם טאַטנס נאָמען. ער איז געוואָרן ווייכער און מיך אַריינגעלאָזט אין שטוב. דער פויער האָט נישט געוואַרט ביז איך זאָל בעטן פון אים עפּעס. ער האָט אויסגעקראַצט אַ טאָפּ און מיר דערלאַנגט. איך האָב אָנגעהויבן שלינגען די קאַרטאָפל און דערפילט אַ שלעכטן טעם, אָבער דער הונגער האָט מיך נישט געלאָזט אַוועקלייגן דעם לעפל, און דאָך האָב איך געמוזט אויפהערן עסן.

פסח איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים בויך, אַ קרעכץ געטאָן און איבערגעוואַרט ביז דער קראַמף איז אים אַריבער. ער האָט ממשיך געווען:

— אין שטיבל איז געווען פינצטער, דעם גויס פּנים האָב איך נישט געזען. איך האָב אָבער דערפילט זיין בייזקייט ווען איך האָב אים געבעטן עפּעס אַנדערש, ווייל די קאַרטאָפל זענען געווען זויער. האָט ער זיך איינגעבויגן צו מיר און אַריינגעסיקעט אין פּנים:

— די קאַרטאָפל האָב איך געהאַלטן פאַר די חזירים, האָט דיך דער טייוול אָנגעטראָגן. אויב דאָס עסן שמעקט דיר נישט, איז אַ סימן אַז דו ביסט נישט הונגעריק.

איך האָב ווידער געדאַרפט אים איינגעמען, ווי מען נעמט איין אַ בייזן הונט. ווען ער איז בעסער געוואָרן, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ שטיק ברויט מיט מילך און פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס. ווען ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע האָב איך געזען, אַז ער שטעלט אָן זיינע

אויגן אויף מיר. ביים ציִען דעם רויך פון פּאַפּיראָס איז ער געוואָרן באַרעדעוודיק און אָנגעהויבן דערציילן, אַז אין די לאָזעווער וועלדער האָבן זיך באַוויזן ווילדע חיות, אַזוי דערציילט מען אין דאָרף, און די פּויערטעס האָבן שוין מורא אַרויסצוגיין קלויבן שוואָמען און יאַגעדעס, אַפילו זיינע שכנים וואָס האַלטן זיך פאַר שטאַרקע, זאָגן אַז נאָר גרופּנווייז וועלן זיי גיין צו וואַלד־אַרבעט. ווען איך האָב אים געפרעגט וואָס פאַר אַ מינים חיות דאָס קאָנען זיין, האָט דער גוי גענומען שילדערן פאַנטאַסטישע געשטאַלטן פון חיות וואָס די צוויי פּויערטעס זאָלן האָבן געזען מיט די אייגענע אויגן און זיי זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן צוריק אין דאָרף אַריין.

יאַנקל האָט זיך צעלאַכט און געבעטן פסחן ווייטער דערציילן, און פסח האָט פאַרגעזעצט:

— נעכטן האָט אַמבראָזשאַק געהערט אין ספּולקע ווי די פּויערים האָבן צווישן זיך גערעדט וועגן די אַלטע צייטן; וואָס דאָס דאָרף האָט זיך אָנגעליטן פון די ווילדע חיות, וואָס פלעגן אָנלויפן פון וואַלד און פאַרצוקן קעלבער און שעפּסן. דאָס גאַנצע דאָרף האָט דעמאָלט געפירט אַ מלחמה מיט דעם ווילדן אָנשיקעניש, ביז די פּויערים האָבן די חיות פאַרטריבן. אָבער איצט, האָט אַמבראָזשאַק זיך געקלאָגט, טאָר אַ פּאָליאַק נישט נעמען קיין ביקס אין האַנט אַריין, זענען די כלאָפּעס באַזאָרגט וואָס זיי וועלן מוזן זיך שיצן קעגן די חיות בלויז מיט העק און ווידלעס. ווען איך האָב דעם גוי געפרעגט וואָס קאָנען מיר טוען קעגן די חיות, האָט ער מיר פאַר־זיכערט, אַז די חיות וועלן אונדז פריִער צי שפּעטער באַפאַלן, און מיר וועלן נישט דאַרפן מער זיך מאַטערן אויף דער וועלט.

— אוי — האָט פסח אויסגערופן מיט די הענט אויפן בויך — איך דאַרף שוין ווידער לויפן.

— נאָך אַ מאָל זיי פאַרזיכטיק און נעם נישט קיין דרעקיש עסן אין מויל אַריין — האָט יאַנקל אים געוואָרנט — קום, לאָמיר גיין.

פסח האָט אויסגעזען בלאַס און פאַרמאַטערט, דאָס בלייכע פּנים — מיט אַ גרימאַסע. יאַנקל האָט פסחן געוויזן ער זאָל אַריינ־

שטעקן צוויי פינגער טיף אין מויל אַריין — און פון אים האָט געטאָן אַ שפּריץ אַרויס אַ געדיכטע פליסיקייט. די ייִדן האָבן פאַרלייגט אַ פייער און אָנגעהיצט אַ שטיין. יאַנקל האָט דעם הייסן שטיין פאַרוויקלט מיט אַ שמאַטע און צוגעלייגט אים פסחן צום בויך. ביסלעכווייז זענען די ווייטיקן פאַרביי און פסח האָט זיך ווידער געשטעלט אויף די פיס. די ייִדן האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום פייער און יאַנקל האָט זיי דערציילט וועגן זייערע וויזיטן אין דאָרף.

די ייִדן האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט די פּלענער פאַר די נאָענטע טעג. אַהרן האָט נישט דרייסט געפרעגט צי וועט יעדער איינער דאַרפן זאָרגן פאַר זיך, אָדער אַלץ וואָס וועט געזאַמלט ווערן זאָל אַריין אין שותפות פאַר אַ געמיינזאַמען לעבן. די ברידער האָבן זיך געוווּנדערט וואָס אַהרן האָט גאָר אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם. יאַנקל האָט אים געפרעגט, אַז אויב אים וועט אָנקומען לייכטער צו באַקומען עסן, וועט ער קאָנען צוזען, ווי אַנדערע פון דער גרופּע לײַדן הונגער? און יואל האָט געענדיקט מיט אַ שאַרפן אַקצענט:

— איין גורל פאַר אַלע, אויב הונגערן — איז אַלע! און דאָס, וואָס יעדער וועט שאַפן, וועלן דערפון אַלע געניסן.

פסח און משה האָבן פאַרגעלייגט, אַז אין די נעכט זאָלן די ברידער אַרויסגיין אין דאָרף, ווייל זיי קענען בעסער די וועגן און די פּויערים. אַהרן, יאָסל און שייע זאָלן זיך פאַרנעמען מיט רייסן די פּרוכטן און קלויבן שוואָמען. יואל אָבער האָט אַרויסגעוויזן זיינע ספקות, צי אַזאַ אָרדענונג וועט זיך לאָזן איינשטעלן, ווייל קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס פאַראַ איבעראַראַשונגען דער טאָג אָדער די נאַכט קאָנען מיט זיך ברענגען. האָבן די ייִדן באַשלאָסן נישט פאַרלויפן די קומענדיקע טעג, נאָר וועגן יעדן טאָג באַזונדער זיך פריִער צונויפרעדן.

נאָכן איבערשלאָפן זיך אַ פּאָר שעה זענען די ייִדן באַגינען אַרויס איבערן וואַלד קלויבן שוואָמען. יאַנקל, וואָס איז געוואָרן דער גאַנצער דעה־זאָגער ביי דער אַרבעט, האָט געפאָדערט צו־

צוגרייטן אַ פּול קוישל, די שוואָמען זאָלן זיין גוט געריייניקט, און דער עיקר — איינלייגן זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן נישט צעקוועטשט אָדער צעבראָכן ווערן; די סחורה זאָל געפעלן ווערן דער גויע און זי זאָל פון אים פאַרלאַנגען נאָך און נאָך. די ייִדן האָבן יאַנקלען געראָטן דאָס ערשטע מאָל איר ברענגען ווייניקער, אָבער פון אַלע סאָרטן, און זי זאָל זיך אויסוויילן וועלכע עס זענען פאַר איר בעסער. יאַנקל האָט מסכים געווען.

ביי נאַכט איז יאַנקל אַליין אַוועק אין דאָרף. ער האָט נישט געוואָלט קיין באַגלייטערס. דאָס מאָל האָט ער מיט זיין גאַנג פאַר־בונדן אַ דורכגעטראַכטן פּלאַן מיט וועלכן ער האָט שוין די ייִדן געהאַט באַקענט. יאַנקל האָט געטראַכט צו געפינען ביי דער פויערישער פאַמיליע צוטרוי, אַז ער קאָן זיי ברענגען נוצן אַז זיי זאָלן נישט קוקן אויף אים ווי אויף אַן איבעריקן מענטש אויף דער וועלט. די ייִדן, אַזוי ווי זיי האָבן געקענט די פויערישע משפחה, האָבן נישט געגלייבט, אַז דאָס וועט זיך יאַנקלען איינגעבן, דאָך האָט קיינער אים נישט אָפּגערעדט דערפון. יואל האָט אַפילו געשטאַרקט זיין מוט און אים באַגלייט ביז די אָפענע פעלדער.

דורך זייטיקע סטעזשקעס האָט יאַנקל זיך דערשלאָגן צו די הינטערשטע ווענט פון די שטעלער. ער האָט אָפּגעוואַרט ביז דאָס בילן פון די הינט האָט זיך איינגעשטילט, און דאַן איז ער מיט שטילע טריט דערגאַנגען צום פענצטער פון כינדוסקאַס שטיבל. דורך די שפּאַרעס פון לאָדן האָט ער געזען ווי די אַלטע זיצט אויפן ראַנד פונעם בעט, אַנטקעגן דעם נאַפטלעמפּעלע און זי קעמט אירע שיטערע האָר, וואָס זענען ווי אויסגעצויגענע ווייסע סטרונעס געהאַנגען איבער איר פּנים. נאָך יעדער מאָל אַ פּיר טאָן מיטן קעמל איבערן קאָפּ האָט די אַלטע אַוועקגעשאַרט די האָר פאַר אירע אויגן און געזוכט די לייז אויפן געדיכטן קעמל נאָענט פאַר די אויגן. יאַנקל האָט צוגעוואַרט ביז די גויע האָט פאַרוואָרפן דאָס קאָפּטיכל און דאָס פאַרקניפּט מיט צוויי עקן הינטער דער גאָמבע. דעמאָלט

האָט ער אַ טרייסל געטאָן דעם לאָדן און די גויע, אַ דערשראָקענע, האָט זיך אומגעקוקט צום פענצטער:

— ווער איז דאָרט?

— יאַנקעל, הערשקאָס זון.

— דער טייוול האָט דיך שוין ווידער אָנגעטראָגן!

יאַנקל האָט אַריינגערעדט אין דער שפּאַרע פונעם לאָדן:

— איך האָב אייך געבראַנגט אַ קיישל מיט שוואָמען.

די גויע האָט געברומט אונטער דער נאָז, גערעדט עפּעס צו זיך אַליין. זי האָט אַ שלעפּ געטאָן אַ דערעלע, עס פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען און מיט שטילע טריט פון אירע באָרוועסע פיס איז זי אַוועק צו דער דרויסנדיקער טיר.

יאַנקל איז אַריין אין דער כאַטע. די אַלטע האָט אים אָנגעוויזן אויף דער אָפענער טיר פון איר צימער. יאַנקל האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קיישל מיט די שוואָמען, געקוקט אויף דער אַלטער, ווי זי פאַרמאַכט פאָרזיכטיק די טיר און הייסט אים זיך זעצן אויף אַ נידעריק בענקעלע. זי האָט זיך איינגעבויגן צו אים:

— מיר וועלן רעדן שטיל. די טאָכטער מיטן איידעם האָבן זיך נאָר וואָס געלייגט שלאָפן. זאָלן זיי נישט דערהערן, אַז עס געפינט זיך ווער דאָ.

אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער, האָט זי גענומען דאָס קיישל מיט שוואָמען, עס אונטערגעטראָגן צום לעמפּל, אויסגעלייגט פון אַלע סאָרטן אויפן טישל, געשמעקט צו זיי און אַ טייל איינגעבראָכן און זיך איינגעקוקט מיט אירע אַראָפּגעלאָזטע אויגן, צי די שוואָמען זענען נישט ווערעמדיק.

— יאָ, ייִנגל — האָבן אירע ליפּן זיך אַ באַוועג געטאָן — דו קענסט זיך גוט אויס אויף שוואָמען, אָבער דאַרפסט געדענקען וויפל און ווען צו ברענגען. קאָנסט קומען איין מאָל אין אַ חודש. דו וועסט זיך אָנעסן און איך וועל דיר נאָך עפּעס מיטגעבן אין וואַלד אַריין.

— פּאַני כינדוסקאַ, פאַר וואָס זאָלט איר נוצן אַזוי ווייניק

שוואָמען? שמעלצן דאָס עסן קאָסט דאָך אַזוי טייער, און ס׳איז שווער צו באַקומען.

— אָ — האָט די גויע פאַרריסן דאָס פּנים — מיין אײדעם גיט זיך ווי עס איז אַן עצה.

יאַנקל איז געוואָרן מער צודרינגלעכער:

— איז נישט בעסער צו זיין שפּאָרזאַמער מיט די זאַפּאַסן און מער נוצן שוואָמען?

די גויע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— מיינסט, אַז איך באַשטים וואָס צו קאָכן? יעדן טאָג מוז איך זיי איבערפרעגן וואָס זיי ווילן עסן. אויב כ׳וועל זיי געבן אַלע טאָג שוואָמען, וועט מען מיך פאַרטרייבן פון דער כאַלופּע.

— אויב אַזוי האָב איך פאַר אייך גאָר אַ גוטן פּלאַן.

— וואָס נאָך האָסטו צוגעטראַכט?

יאַנקל האָט זיך אָנגעבויגן צו דער גויע און אַריינגערעדט אין איר:

— הערט אויס, זומער אַרבעטן די פּויערים אין פעלד, עסן זיי אַ סך מילכיקס. אָבער ווינטער זיצן די כלאָפּעס אין שטוב און געטריקנטע שוואָמען איז פאַר זיי אַ מאכל, ריכטיק?

די אַלטע האָט זיך צעשמייכלט:

— צום טריקענען דאַרף מען אַ סך שוואָמען. איך וויל אָבער נישט, אַז דו זאָלסט צו מיר קומען אָפט...

— און איין מאָל אין דער וואָך?

די גויע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין:

— איך האָב מורא. יעדע וואָך קלאַפּן ביי מיר אין לאָדן איז אַ צו גרויסע ריזיקע.

יאַנקל איז אַלץ מער צוגעשטאַנען:

— איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן. איך ווייס ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן. איר וועט זען.

די גויע האָט געשוויגן און יאַנקל האָט פאַרגעזעצט:

— פאַר וואָס שרעקט איר זיך מער ווי אַלע אין דאָרף? איך קום דאָך אויך צו אַנדערע פויערים...

די גויע האָט אָנגעשטעלט אויף יאַנקלען אַ שאַרפערן בליק:

— דו אָרעם יינגל! ליגסט ערגעץ פאַרשטעקט אין וואַלד און דו ווייסט נישט וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָבן די שוואָבעס דאָ נישט ווייט אין אַ דאָרף דערשאָסן אַ גאַנצע פאַמיליע פאַר אַריינלאָזן צו זיך אַ ייִד.

— ער איז זיכער געווען אַ פרעמדער ייִד, נישט געקענט דאָס אָרט און די מענטשן.

די גויע האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ:

— נישט ריכטיק! דאָס איז דווקא געווען אַ באַקאַנטער ייִד. פרעמדע לאָזט קיינער נישט איבערטרעטן די שוועל.

— איז עס געוויס געווען אַ מסירה פון שלעכטע מענטשן.

— אָבער ווער קאָן היינט זיך אויסהיטן פון פאַרדעכטיקטע אויגן?

— ווער עס וויל גוט זיין, דעם היט גאָט. צוליב מיר וועט קיין איין פאָליאַק נישט אומקומען, איך ווייס ווי אַזוי זיך צו היטן.

די גויע איז געוואָרן נייגעריק:

— ווי אַזוי מיינסטו זיך אויסצוהיטן און ווי אַזוי וועסטו באַזאָרגן די שוואָמען צו אונדז?

יאַנקל האָט גענומען פאַרשטעלן פאַר דער אַלטער ווי אַזוי ער מיינט דורכצופירן דאָס באַזאָרגן צו איר די שוואָמען.

— אויב איר וועט מיר געבן אַ קנוילכל גראָבע פאָדעם מיט אַ דיקערע נאָדל, וועל איך אויף דעם אַרויפציִען די בעסטע גזשיבעס וואָס טויגן צום טריקענען. פון יעדע פופציק שטיקלעך וועל איך מאַכן אַ קרענצל גרייט אויפצוהענגען אויפן בוידעם. ריכטיק, באַבקאַ?

די פרוי כינדוסקאָ האָט איבערגעפרעגט:

— אָבער נאָך וואָס טויג מיר אַזוי פיל גזשיבעס? פאַר די פערד מיט די חזירים? מיר זאַלבעדריט, וויפל דאַרפן מיר דאָס?

— זעט, באַבקאַ, וואָס ווייניקער איר וועט פאַרנוצן די שוואָמען,

אַלץ מער וועט איר האָבן צו פאַרקויפן. געטריקנטע שוואָמען זענען שטענדיק געווען טייער, ווער שמועסט איצט אין מלחמה־צייט. פאַר דעם געלט וועט איר קאָנען קויפן אַנדערע זאַכן.

די גויע האָט מיט אַ קרעכץ זיך אויפגעהויבן פון בענקעלע, אַראָפּגעשלעפּט פון זיך דאָס דערעלע און אַראָפּגערעדט צו יאַנקלס אויפגעהויבן פּנים:

— האָסט טאַקע אַ יידיש קעפּל אויף זיך. דיך וועט שוין דער טייוול נישט נעמען!

די גויע האָט אָנגעפילט אַ שיסל מיט געלער קאַשע, באַגאָסן דאָס מיט מילך און אַוועקגעשטעלט אויף זיינע קני׳ען. ווען זי האָט געהערט אַ קראַץ טאָן דעם לעפל אין דער אויסגעליידיקטער שיסל, האָט די אַלטע צוגעברענגט דעם טאָפּ, פון דאָרט אַרויסגעשאַרט נאָך אַ ביסל קאַשע, צוגעגאָסן מילך און געזאָגט מיט איר הייזעריקער שטימע:

— וואַרט נאָך אַ ביסל. דאָס דאַרף וועט גוט איינשלאָפן, וועסטו צוריקגיין אין וואַלד.

— ווען מעג איך צו אייך קומען? — האָט יאַנקל שוין מער דרייסט געפרעגט.

די אַלטע האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט, עטלעכע מאָל פאַר זיך איבערגעחזרט יאַנקלס פראַגע, און געענטפערט:

— זאָלסט נישט וואַגן צו קומען אַ גאַנצע וואָך, די מענטשן אין דאָרף זענען איבערגעשראָקן און בייז. טרעפן זיי אַ ייִד, זענען זיי גרייט אים צו הרגענען.

יאַנקל איז געוואָרן אומעטיק. מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ האָט ער געקוקט אויפן שטיינערנעם דיל. אויך די גויע איז געזעסן אַ שטילשווייגנדיקע.

— נו, ייִנגל, איך וויל פאַרלעשן דאָס לעמפּל און פאַרנעם זיך מיט דיינע זאַכן.

— פּאַני כינדוסקאַ, איר וועט מיר לאָזן אַוועקגיין אַזוי, בלויז מיט מיינע הענט און פיס?

די גויע האָט פֿאַרשטאַנען יאַנקלס ווונק און באַקומען צו אים מיטלייד:

— קום אַהער, יינגל.

יאַנקל איז איר נאָכגעגאַנגען ביזן פֿאָדערהייזל. דאָרט האָט די גויע זיך פֿאַרנומען אין אַ זייטיק קעמערל. מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין דער פֿינצטער האָט ער געשטעלט בלינדע טריט, ביז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ געעפֿנט טירל פֿון וואַנען עס זענען צו אים דערגאַנגען שאַרפֿע ריחות פֿון געריכערטע פֿליישן און זויער קרויט. דאָס האָט אים ווי אַ זעץ געגעבן אין קאָפּ. מיט די פֿינגער האָט ער פֿאַרקוועטשט די נאָזלעכער און אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ. די גויע האָט אין דער פֿינצטער געניִשטערט, עפּעס אַוועקגעלייגט צו יאַנקלס פֿיס און געהייסן אים דאָס נעמען.

אויף די פֿעלדער האָט יאַנקל פֿון זיך אַראָפּגעלאָזט דאָס זעקל. אין דער פֿינצטער האָט ער גאַרנישט געזען, אָבער זיינע הענט האָבן דערטאַפּט קאַרטאָפֿל, בוראַקעס, אַ נאַסע דורכגעווייקטע טאָרבע מיט קרויט און אַ ווייס קעזל וואָס האָט געשמעקט מיט פֿרישקייט, ווי ערשט אַרויסגענומען פֿון אונטערן פּרעס. יאַנקל איז געווען צופֿרידן פֿון זיין באַזוך אין דאָרף און דאָס האָט אים געשטאַרקט ביים ווידער פֿאַרוואַרפֿן דאָס זעקל אויף די פּלייצעס. וואָס מער ער האָט געפּלאָנטערט מיט די פֿיס ביים טראָגן די משׂא, אַלץ צופֿרי־דענער איז ער געווען ביים איבערטראַכטן וואָס ער טראָגט פֿאַר די ייִדן אין וואַלד.

פֿון די פֿעלדער האָט יאַנקל דערהערט אַ פּייפֿן, וואָס איז זייער ענלעך געווען צו די נאַכט־צייכנס פֿון זיינע ברידער. ער איז גע־בליבן שטיין און זיך בעסער איינגעהערט, אָבער די אויסגעפּייפֿטע איבעררופֿן זענען ניִשט געווען די זעלבע. יאַנקל האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען פֿרעמדע, איז ער מיטן זעקל אַוועק טיפֿער אין פֿעלד, ווייט אָפּגערוקט פֿון טראַקט. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און מיט וואַכע אויגן געקוקט אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דערהערט אַן אָנלויף פֿון פֿערדישע

טריט וואָס האָבן זיך געטראָגן אין גאַלאָפּ פון דעם וועג, פון וואַנען ער איז נאָר וואָס געגאַנגען. די פערדישע טריט האָבן זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט און צעשפּרונגענע זיך געדרייט אויף דער ווייכער ערד. דער רייטער האָט אַרויסגעלאָזט אַ צעצויגענעם פייף. באַלד האָט זיך דערהערט אַ צווייטער פייף, וואָס האָט שוואַך אָפּגעהילכט איבער די פעלדער. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַרן רייטער ער זאָל טרייבן דאָס פערד און שנעל אָפּטראָגן זיך פון דעם וועג. יאַנקל האָט אויפ־געהויבן זיין איינגעצויגענעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט. אַ ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן אין פּנים. פון דאָרף האָט מען געהערט בילן די הינט. דער רייטער איז פאַרשוווּנדן אויף די פינצטערע פעלדער.

מיט גיכע טריט האָט יאַנקל אָנגעהויבן פאַרלאָזן דאָס אָרט. ער האָט וואָס שנעלער געוואָלט אָניאָגן דעם וועג צום וואַלד, אָבער דאָס זעקל אויף די פּלייצעס האָט געהאַמעוועט זיינע טריט און ער האָט ווידער געמוזט אָוועקזעצן זיך. אַרום אים איז געשטאַנען די שטילע נאַכט מיט אַ געדיכטער פינצטערניש. ער האָט געהערט דאָס מילדע ווינטל און דאָס שנעלע אָטעמען פון זיין אָפן מויל.

אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויפן זעקל, וואָלט אפשר יאַנקל פון גרויס מידקייט איינגעשלאָפן, אָבער ער האָט דערהערט פון וואַלד דאָס טרילערן פון אַ פויגל. יאַנקל איז אויפגעשפּרונגען און זיך איינ־געהערט אין דעם אָפּהילך פון משהס נאַכטסיגנאַלן. יאַנקל האָט אים אָפּגעענטפערט מיט דריי קורצע פייפן.

— מיר האָבן זיך דאָך נישט אָפּגערעדט — האָט יאַנקל אַ זאָג געטאָן צו משהן ווען יענער האָט אים געהאָלפן אַראָפּלאָזן פון זיך דאָס זעקל.

— גוט וואָס איך האָב דיך אָפּגעפונען — האָט משה שטיל אַרויסגערעדט.

— וואָס איז געשען?

משה האָט באַרויִקט יאַנקלען:

— נישט מיט אונדז. גייענדיק דיך אויסקוקן האָב איך פון דער נאָענט באַמערקט פאַרדעכטיקטע געשטאַלטן. כ׳האָב זיך באַהאַלטן

צווישן דיביימער און געזען אָנקומען פון דאָרף צוויי קי געפירט פון יונגע שקצים. זיי זענען אַוועק מיטן וועג אין וואַלד וואָס פירט צום בוג. צוויי רייטערס זענען שפּעטער אָנגעלאָפן און געזוכט די טריט פון די גנבים.

— יאָ, איין רייטער האָב איך געהערט דורכלויפן צום וואַלד.

— קום, יאַנקל, לאָמיר זיך אָפּטראָגן פון דעם וועג — האָט משה אַ כאַפּ געטאָן דאָס זעקל און ביידע ברידער זענען אין דער וואַלד־פינצטערניש פאַרשווונדן צווישן די ביימער.

יאַנקל האָט זיך דערוווּסט פון משהן, אַז אויך יואל איז אַרויס פון וואַלד. ער האָט געזאָגט צו די ייִדן, אַז מען דאַרף נישט וואַרטן ביז די זאַפּאַסן וועלן זיך אויסלאָזן.

— צו וועמען, האָט יואל געזאָגט, גייט ער ?

— ער האָט געוואָלט ווידער פּרוּוון זיך דערשלאָגן צו ראַדאָוו־סקין. אפשר וועט ער דאָס מאָל זיך דערוויסן ווו העניע געפינט זיך.

געהערט וואָס משה האָט אים דערציילט, האָט יאַנקל אָן אויפּ־גערעגטער געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט אַלע פּאָר שעה טוישן די מיינונג. זיי האָבן אָפּגערעדט צו וואַרטן מיטן אַרויסגיין אין דאָרף ביז די פויערים וועלן אָנהייבן פאַרגעסן די געשעענישן נעבן סעראָטשינעק.

ווען יאַנקל מיט משהן זענען אָנגעקומען צום פּונקט אין וואַלד, איז יואל נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען פון דאָרף. ער איז גראָד געווען אין אַ גוטער שטימונג וואָס דאָס מאָל איז אים געלונגען באַגעגענען דעם גוי ווען ער איז אַרויס פון דער כאַטע מיט צוויי פולע עמערס פאַר די שטאַלן. ראַדאָווסקי האָט אים אַריינגעפירט אין אַ סטאָדאָלע און געהייסן וואַרטן. ער האָט געבראַכט ברויט מיט מילך, אָנגעשיט אין זאַק אַריין אַ ביסל מייערן און קאַרטאָפל און געהייסן גיין און נישט באַווייזן זיך מער, ווייל אין דאָרף ריכט מען זיך אויף אַבלאַוועס פון די דייטשן.

וועגן זייער שוועסטער העניע האָט ראַדאָווסקי נישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן. אויפן וועג צו דער באַן האָט ער איר אָנגעזאָגט,

אַז זי זאָל נישט וואַגן אים צו שרייבן פון דאָרט ווו זי וועט זיך געפינען.

ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאַכט. די ייִדן האָבן שוין געהאַט אויסגערעדט וועגן אַלץ וואָס איז זיי געקומען אויפן געדאַנק, זיי זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף דער מאָכיקער ערד און געאָטעמט מיט דער געדיכטער לופט. טראָפּנס האָבן אָנגעהויבן זיך אַראָפּ־גליטשן פון די ביימער. אַ בליץ האָט זיך איינגעשניטן אין דער נאַכט. פאַר די אויגן האָט אַ שווינדל געטאָן אַ שאַרפער ליכטשיין. איבערן וואַלד האָבן זיך געקייקלט די עכאָס פון אַ דונער און די ייִדן זענען אין איילעניש אַנטלאָפן אין זייער באַהעלטעניש.

קאַפּיטל זעכצן

פאַן איגנאַץ

פון שכנותדיקע לאַגערן האָבן אָנגעהויבן קומען פּוילישע בחורים, כדי צו שליסן קאַנטשאַפט מיט די מיידלעך. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען „פאָזנאַנטשיקעס" (פּאָליאַקן פון פּויזן), געקומענע קיין דייטשלאַנד ווי פרייוויליקע צו דער אַרבעט. זיי זענען געווען פריי־ווילעגירט אין דעם לאַגער־לעבן און זיי האָבן אויך געהאַט מער פרייהייט צו באַוועגן זיך אויסער די גרענעצן ווו זיי האָבן געוווינט. זיי זענען געווען די ערשטע, וואָס זענען אין די פרייע זונטיקס געקומען אויסגעפּוצטע צו די מיידלעך אין פרויען־לאַגער.

דאָס אָרט פאַר באַקענען זיך איז בעיקר געווען די קאַנטינע פון לאַגער, אין אַ ברוין אָפּגעמאַליעוועטן באַראַק. ביים אַריינגאַנג זענען געווען פאַרפלאַנצט בלומען. די אינעווייניקסטע ווענט זענען געווען באַפּוצט מיט פּאָרטרעטן פון די נאַצישע פירער, מיט אויס־שניטן פון דייטשישע זשורנאַלן און מיט וואַנטצייטונגען אין דער פּוילישער שפּראַך פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן. צו די טישלעך אַרום די ווענט האָט מען געקאָנט צוברענגען פאַר געצאָלט אַ גלאָז שוואַרצע נישט געזיסטע קאַווע, אָדער אַ קופּעל שוואַרצע ביר. צום מיינסטן האָט געצויגן אַהער דער היימישער האַרמאָשקע־אָרקעסטער און דער קיילעכיקער טאַנץ־פּלאַץ אין מיטן פון באַראַק.

אַ גאַנצע וואָך איז די קאַנטינע ווייניק באַזוכט געוואָרן. ערשט ווען עס איז געקומען דער פרייער זונטיק, האָבן בחורים און מיידלעך אויסגעפילט דעם באַראַק מיט טענץ, געלעכטער און געשפּרעכן.

באַלד ביים אַריינגיין דאָס ערשטע מאָל אין דער קאַנטינע האָבן סטאַשיאַ מיט אירע צוויי שיינע קאָלעזשאַנקעס נישט געדאַרפט

לאַנג וואַרטן, אַז זיי זאָלן צוציִען די בליקן פון דריי בחורים. צוויי פון זיי, אַנטאָש און זיגמונט, זענען געווען בלאָנדע מיט בלאָע צעשמייכלטע אויגן. דער דריטער, איגנאַץ, איז געווען עלטער פון זיי און געהאַט אַ טונקעלע טשופּרינע, ברוינע אויגן און אַ פאַרריסן נעזל. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט פאַר „פּאַזנאַנטשיקעס" וואָס האָבן נישט ליב געהאַט צו פאַרברענגען צו פיל צייט ביים טאַנצן. זיי האָבן אַ נעם געטאָן די מיידלעך אונטער די אָרעמס און פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר איבער די פעלדער אַרום לאַגער.

די דריי פּאָרלעך זענען אין איין שורה געגאַנגען צוזאַמען און די שמועסן זענען אויך געווען געמיינזאַמע. די יינגלעך האָבן נישט געקאַרגט קיין קאָמפּלימענטן און די מיידלעך האָבן דאָס אויפגענומען מיט אַ פריילעך געלעכטערל. די ערשטע קאָנטשאַפט איז געוואָרן פאַרענדיקט אין דער קאַנטינע מיט טענץ. די בחורים האָבן אָנגעזאָגט דעם קומענדיקן זונטיק אַ צווייטן וויזיט.

די דריי זענען טאַקע געקומען אין לאַגער, אָבער ווען זיי זענען אַריין אין דער קאַנטינע, האָבן זיי נישט געטראָפן זייערע פּאַרטנערקעס צווישן די פאַרזאַמלטע. זיי זענען אַריין אין באַראַק און דאָרט געטראָפן אַ שטימונג פון זאָרג און שטוינונג. סטאַשיאַ האָט זיי דערציילט, אַז ערשט מיט אַ ווילע פריִער זענען צוויי געסטאַפּאָוצעס אַריין אין באַראַק, באַפוילן די מיידלעך זיך צו שטעלן ביי זייערע בעטן און אויסגערופן אַ נאָמען. זיי האָבן דער פרוי געהייסן איינפּאַקן די זאַכן און זי גענומען מיט זיך.

— ווער איז דאָס געווען? — האָט איינער פון די בחורים געפרעגט.

— אַן עלטערע פרוי, מאַריאַ — האָט סטאַשיאַ געענטפערט מיט אַ שטימע, וואָס האָט נאָך געהאַט שפּורן פון שרעק.

צו זיי זענען צוגעקומען קאַזשאַ מיט פעליאַן. אַלע זענען זיי אַרויס אין דרויסן און פאַרגעזעצט דאָס געשפּרעך.

— אָן אַ סיבה קומט נישט געסטאַפּאָ אין לאַגער — האָט אַנטאָש געזאָגט.

— געוויס! — האָט קאַזשאַ אויסגערופן — איך האָב באַלד פון אָנהייב חושד געווען, אַז מאַריאַ איז אַ פאַרשטעלטע ייִדישקע.

— וואָס מיינט איר, מיידלעך, אַז מאַריאַ איז דער איינציקער פאַל אין אייער לאַגער? — האָט זיגמונט געלאָזט הערן זיין גראָבע שטימע.

איגנאַץ, וואָס איז געשטאַנען שטייף מיט ביידע הענט אין די טאַשן, האָט איין האַנט באַפרייט און זי אָנגעשטעלט אַנטקעגן קאַזשאַן פרעגנדיק:

— זאָגט מיר, פריילין קאַזשאַ, וואָס האָט איר אַזוינס דערזען אין מאַריאַ פאַרדעכטיקס?

קאַזשאַ האָט זיך דערפילט שטאָלץ וואָס בלויז זי איז באַרופן צו ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע:

— קודם כל איז מיר נישט געפעלן איר רייסן זיך צו ווערן די גאַנצע דעה־זאָגערין אין באַראַק. צווייטנס, האָט זי זיך דעמאַס־קירט ביים אָנפירן מיט די נאַכט־תפילות. זי האָט נישט געקענט דעם מינדסטן ריטואַל, וואָס אַ קאַטאָליטשקע דאַרף וויסן.

— פאַר וואָס האָט איר באַלד וועגן דעם נישט געמאָלדן דער לאַגער־קאָמענדאַנטור?

קאַזשאַ האָט אָנגעשטעלט אַ פאַרדריסלעך פּנים:

— וואָס מיינט איר, פאַניע איגנאַץ, אַז איך זיץ דאָ אין לאַגער מיט אַ פאָליציייִשער אויפגאַבע? גענוג, אַז איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט מיינע חברטעס אין באַראַק און אויך מיט סטאַשיאַן.

דאָ האָט סטאַשיאַ שוין מער נישט געקאָנט שווייגן:

— איך מיין, אַז מאַריאַס אַרעסט טראָגט מעגלעך גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. אפשר האָט זי אין לאַגער געפירט אַ פאַרבאָטענע טעטיקייט און דאָס איז דערגאַנגען צו דער געסטאַפּאָ. וועגן איר ייִדישקייט בין איך אַ קנאַפּערע קענערין ווי קאַזשאַ. זי האָט געוווינט אין שטאָט נאָענט פון ייִדן. און דאַרף האָב איך קיין ייִד פאַר די אויגן נישט געזען.

— אַנטשולדיקט, פריילין סטאַשיאַ — האָט יאַנוש איר איבער־

גערימן — ביים פירן די תפילות, ווי עס דערציילט פריילין קאַזשאַ, האָט איר גאָרנישט באַמערקט?

סטאַשיאַ האָט גוט פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון אומגעריכטן געשפּרעך, האָט זי פאַרטושט דעם אינערלעכן אומרו מיט איר לייכטער האַלטונג:

— הערט אויס, קאַזשאַ האָט ליב שטענדיק זיך אַרומצוקוקן, אָבסערווירן. מיטן אויפכאַפּן פּיקאַנטע מאָמענטן פאַרשאַפט זי אונדז טייל מאָל אַ גוטע שטימונג. אין דער צייט פון די תפילות אינטע־רעסירן מיך בלויז די ווערטער, וואָס איך לייען אַרויס פונעם הייליקן ביכל און איך ברענג זיי אַרויס אויף מיינע ליפּן צוזאַמען מיט די וואָס זיצן לעבן מיר. מאַריאַ איז מיך ווייניק אָנגעגאַנגען. איך האָב זי אַפילו פיינט געהאַט. גוט איז זי געווען צו אַנדערע, נישט צו מיר. אויך קאַזשאַ האָט דורך איר געקריגן אַ לייכטע אַרבעט...

— האָ, איך האָב געפילט, אַז דו ביסט מיך מקנא מיט מיין אַרבעט אין דער פּאָסט...

— נאַריש מיידל — האָט סטאַשיאַ אַרומגענומען קאַזשאַן זיך הילכיק צעלאַכט — האָסט אַ מאָל געהערט מיך זיך באַקלאָגן אויף מיין אַרבעט?

איגנאַץ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואַרט צו, פריילין פעליאַ האָט נאָך זיכער וואָס צו זאָגן.

פעליאַ האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַ פּיר געטאָן מיטן שפּיץ שיך איבערן זאַמדיקן באָדן און געזאָגט אַ פאַררויטלטע:

— איך ווייס דאָרט. מיר האָט מאַרישאַ קיין שלעכטס נישט געטאָן, איז זי מיר אויך ווייניק אָנגעגאַנגען, זי איז דאָך אַזוי ענלעך צו אַ פּאָלקע. אויף אַן אמת, איך ווייס נישט.

איגנאַץ האָט פאַרגעזעצט דאָס געשפּרעך אויפן שפּאַציר און שאַרף אַקצענטירט זיינע רייד:

— אין אונדזער לאַגער קאָן אַ ייד זיך נישט באַהאַלטן. מיר, פּויזנער, ווייסן ווי אַזוי זיך אומצוגיין דערמיט. נאָר איר, ווייבער, זענט נישט גענוג רייף אויף דעם געביט, דערפאַר קאָנען אין אייער

לאַגער זיך אויפהאַלטן זשידוווקעס. די פריילין קאַזשאַ איז אפשר די איינציקע צווישן אייך מיט אַ שאַרף אויג, אָבער זי דאַרף וויסן, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגיין מיט אַזאַ איינער ווי מאַריאַ.

בעתן רעדן צו די מיידלעך האָט איגנאַץ זיי אַריינגעקוקט אין די אויגן. פאַר קאַזשאַ און פעליאַ האָט עס געקאָנט הייסן אַ העפּ־לעכער זשעסט, פאַר סטאַשיאַ איז דער קוק געווען אַ שלעכטער אָנזאָג, וואָס האָט אַרויסגערופן אין איר אַ ציטער. מיט אַלע כוחות האָט זי אים נישט דערלאָזט צו אירע אויגן.

ווען איגנאַץ האָט סטאַשיאַן גענומען אונטערן אָרעם האָט זיך איר געדוכט ווי ער וואָלט געפּרוווט זיינע פינגער־שפּיצן אָנשטעלן אויף איר פּולס, אָבער סטאַשיאַ האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מיט פּשוטע ווערטער צו פאַרלויפן איגנאַצס בייזע מחשבות:

— פאַר וואָס — האָט סטאַשיאַ אָנגעשטעלט אַ נאַיווו פּנים — הערן מיר נישט ביי אונדז אין לאַגער אַזעלכע טשעקאַווע רייד? זענען מיר דאָ בלויז פּרומע דינסטן און מער גאָרנישט? איך וואָלט פאַרגעלייגט, מען זאָל דעם פאַן איגנאַץ פאַרבעטן צו אונדז ער זאָל אַזוי רעדן פאַר אַלע מיידלעך אין לאַגער.

יאַנוש האָט אַ טופּע געטאָן מיט אַ פוס און אויסגערופן:

— ווי גאָט איז מיר ליב, דאָס איז אַ קלוגער פאַרשלאָג!

קאַזשאַ האָט גלייך אויפגעכאַפּט יאַנושעס אויסרוף:

— סטאַשיאַ איז אין אַלגעמיין אַ שטילע, קאַרג אין רייד, אָבער אַז זי פאַרטראַכט עפּעס, איז דאָ וואָס צו הערן.

אין גאַנג האָט סטאַשיאַ אָנגעבויגן איר קאָפּ צו איגנאַצס פאַר־טראַכט פּנים:

— נו, פאַניע איגנאַשו, וואָס זאָגט איר אַליין צו דעם וואָס איך האָב אייך פאַרגעלייגט?

איגנאַץ האָט אויף אַ ווײַלע איינגעהאַלטן זיינע טריט און זיך געווענדט צו סטאַשיאַן און דערנאָך צו אַלע שפּאַצירנדיקע:

— איך דאַנק אייך, פריילין סטאַשיאַ, פאַר אייער בכבודיקן פאַרשלאָג. איך וואָלט דאָס זייער גערן געטאָן, ווי איך האָב דאָס

געטאָן אויפן פאַקולטעט אין פּויזנער אוניווערסיטעט. אָבער דאָרט בין איך דאָך געווען אַ פרייער פּאָליאַק און דאָ וויל איך גאָרנישט, אַז די דייטשן זאָלן וויסן אַז איך רייס זיך צו עפּנטלעכע אַרויסטריטן.

— אָבער דאָס איז דאָך אַ טעמע פאַר וועלכער די דייטשן וועלן דיר דאַנקבאַר זיין...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן — האָט איגנאַץ אַ קוק געטאָן אויף זיגמונטן — די דייטשן אין לאַגער האָבן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער געסטאַפּאָ און זיי האַלטן אויפן אויג אַ פּאָליאַק וואָס מישט זיך אין געזעלשאַפטלעכע ענינים.

די דריי פּאָרלעך זענען דערגאַנגען צו דער קאַנטינע, פון וואַנען עס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון האַרמאָשקעס. טאַנצנדיקע פּיס האָבן געטופּעט צום טאַקט פון אַ פּאָלקע. סטאַשיאַ האָט געלאָזט אויף זיך דערקענען, אַז זי איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דער פרייַלעכער שטימונג און אָנגעהויבן זיך וויגן צום ריטעם פון דער מוזיק. קאַזשאַ און פעליאַ האָבן נאָכקאָפּירט סטאַשיאַן. די בחורים האָבן אַ ציִ געטאָן די מיידלעך פאַר די הענט און זענען אַריין אין טאַנץ.

מיט פאַרוואָרפענע קעפּ און גלאַנציקע אויגן האָבן זיי זיך געהויבן אין שטורעם. די פּיס האָבן געטראַסקעט אין הילצערנעם דיל און געוואָרן באַגלייט פון ווילדע אויסגעשרייען: או־האָ! או־האָ!

איגנאַץ און סטאַשיאַ זענען אַרויס פון טאַנץ. ער האָט זי פאַר־בעטן צו אַ טישל און געברענגט צוויי קופּלעס שוואַרצע ביר. אַ גוט־געשטימטער האָט ער אָנגעקלאַפּט זיין גלאָז אין סטאַשיאַס:

— נאַזדראָוויע (צום געזונט)! זאָל זיך אונדז דוכטן, אַז מיר טרינקען וואָדקאָ.

— זאָל זיך מיר בעסער דוכטן, אַז איך געפין זיך איצט אויף אַ הוליאַנקע אין דאָרף.

— פריילין סטאַשיאַ — איגנאַץ האָט אַ קעם געטאָן מיט די פינגער דורך זיין טשופּרינע — איך וואָלט געשווירן, אַז איר זענט נישט קיין דאָרפישע.

סטאַשיאַ האָט אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז אויפן טישל:

— אויב דאָס דאַרף זיין אַ קאָמפּלימענט, בין איך נישט גרייט אים אָנצונעמען. מיין דאַרף איז מיר אַ סך ליבער ווי אייער גרויסע שטאָט.

איגנאַץ האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנטפלאַך אויף דער ברוסט.

— אַנטשולדיקט, פריילין סטאַשיאַ, איך האָב בלויז אין זינען געהאַט אייער דעליקאַטקייט, וואָס איז אַ זעלטנהייט ביי אַ דאַרפישע...

סטאַשיאַ האָט אַ זופּ געטאָן פונעם גלאָז ביר און אַנגעשטעלט איר בליק אויף איגנאַצן:

— מיינע פערזענלעכע אייגנשאַפטן האָב איך אפשר פון מיין טאַטן, אַ וואַרשעווער, וואָס האָט געהייראַט מיט אַ דאַרפיש מיידל. אָבער דאָס איז געוויס מער אינטערעסאַנט פאַר אייך, אַ סטודענט פון פּסיכאָלאָגיע.

— זעט איר, פריילין סטאַשיאַ — האָט איגנאַץ זיך אָנגעבויגן צום טישל — דאָס וואָס איר זאָגט, ווייזט אויך אויף אייער העכערער אַנטוויקלונג.

סטאַשיאַ האָט זיך צעשמייכלט:

— אויב פון אַ דאַרפישער פאָלקסשולע קאָן מען אַרויס מיט אַ העכערער אַנטוויקלונג, איז דאָס טאַקע אַ דערגרייכונג...

— אָבער, פריילין סטאַשיאַ, עפּעס האָט געווירקט, וואָס האָט אייך אַרויסגעפירט פון די דאַרפישע באַגרענעצטקייטן.

— איר זענט דערגאַנגען צום פּונקט. יעדער מענטש מיט זיינע אייגנשאַפטן. נעמט צום ביישפּיל, מיין חברטע פעליאַ. זי שטאַמט פון אַ גרויסער שטאָט, און קומט אַ מאָל אויס צו פירן מיט איר אַ געשפּרעך, איז זי נאַיִוו און פאַרלירט דאָס לשון.

איגנאַץ האָט זיך צעלאַכט און איינשטימיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, איך האָב דאָס באַמערקט אויף איר פאַררויטלטן פּנים...

אין קאַנטינע האָט דער טומל פון די פאָלקעס נאָכגעלאָזט. די פריִער צעהיצטע פאַרלעך האָבן איינגעהאַלטן דעם אימפּעט און

זיך באַוועגט נאָך די קלאַנגען פון די צעצויגענע וואַלץ־טענער.

— קאָן איך אייך איינלאַדן צום וואַלץ?

— זייער גערן — האָט סטאַשיאַ געענטפערט מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

בעתן טאַנץ האָט איגנאַץ פאַרטרויט סטאַשיאַן אַ סוד:

— כאַפּט אַ בליק אויף דעם, וואָס זיצט אין ווינקל פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס. ער לייענט אַ צייטונג און וואַרפט אויגן אויף די טאַנצנדיקע...

— יאָ, איך זע אים אַ מאָל אין דער קאַנטינע ביי אַ גלעזל ביר.

— ווייסט איר ווער ער איז?

— ניין.

איגנאַץ האָט סטאַשיאַן איינגערוימט אין אויער:

— ער איז אַ פּאָליציי־אַגענט. ער רעדט עטלעכע שפּראַכן, אויך פּויליש. איך מיין, אַז מאַריאַס אַרעסט איז זיין אַרבעט. מיט מיר האָט ער געוואָלט פאַרפירן געשפּרעכן, פאַרגעלייגט באַקענען מיך מיט פאָלקסדייטשן אין בערלין. איך בין געבליבן גלייכגילטיק צו זיינע פאָרשלאָגן.

— ווו טוט ער דאָס? דאָ, ביי אונדז אין דער קאַנטינע?

— ער קומט אויך צו אונדז אין לאַגער.

— זאָל ער גיין צום טייוול.

— שאַצט אים נישט גרינג. ער קאָן אָנטאָן צרות...

אַ טאַנצנדיק פּאָרל האָט זיך אָנגעשטויסן אין זיי ביידע. סטאַשיאַ האָט איינגעבויגן אַ פוס. מיט פאַרקריצטע ציין האָט זי זיך צוגעשלעפּט צו אַ טישל. איגנאַץ האָט אויסגעדריקט באַדויערן וואָס דער טאַנץ איז איבערגעריסן געוואָרן.

סטאַשיאַ האָט אָפּגעאָטעמט און באַמערקט:

— מיר האָבן מער גערעדט ווי געטאַנצט...

— אַזאַ בין איך. אַלץ וואָס איך טו איז באַגלייט מיט רעדן. בפרט אין אייער געזעלשאַפט...

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט. איך בין ווייטער גרייט אייך אויסהערן.

— פריילין סטאַשיאַ, איר זענט מיר אָבער שולדיק אַן ענטפער...

— איך געדענק שוין נישט אויף וואָס.

— איך האָב דערמאָנט מאַריאַס אַרעסט.

— אַ יאָ! איך קאָן זייביידן שיקן צום טייוול...

איגנאַץ האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף סטאַשיאַן:

— מאַריאַ האָט פאַר וואָס זיך צו שרעקן פאַרן טייוול, אָבער דעם אַגענט וועט דער טייוול נישט נעמען. ער אַליין איז דער טייוול...

סטאַשיאַ האָט זיך אויסגעגלייכט אויף דער שטול. זי איז אַריבער אין אַנגריף.

— פאַניע איגנאַץ! אויב איר ציילט מיך אָפּצושרעקן מיט דעם אַגענט, איז אייער מי אַן אומזיסטע.

איגנאַץ האָט אַ הייב געטאָן די אַקסלען:

— פריילין סטאַשיאַ! אַנטשולדיקט, איר פאַרשטייט מיך שלעכט, איך רעד צו אייך אָן שום בייזע כוונות. אונדזער גאַנצער געשפּרעך איז דאָך צוליב מאַריאַס אַרעסט פון וועלכן איר האָט אויסגעזען צו זיין שטאַרק איבערגענומען...

— געוויס — האָט סטאַשיאַ אַקצענטירט — איך בין געוואָרן באַאיינפלוסט פון דער נערוועזער שטימונג אין באַראַק.

— דאָס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך — איגנאַץ האָט צע־צויגן די ווערטער.

קאַזשאַ און פעליאַ זענען, אין דער באַגלייטונג פון זייערע פאַרטנערן, צוגעקומען צום טישל. זיי האָבן אויסגעזען נאָך צו זיין פאַרמאַטערט נאָכן טאַנץ. יאַנוש און זיגמונט האָבן זיך געוויצלט אויף איגנאַצס אַדרעס:

— האָסט זיך צוגעקלעפּט צו סטאַשיאַן נישט אָפּצורייסן...

סטאַשיאַ האָט אויפגעכאַפּט:

— ווייזט אויס אַ גוטער קליי. ער האַלט שטאַרק...

איגנאַץ האָט געפּאַטשט מיט די הענט:

— בראַוואָ!

יאַנוש האָט אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג:

— אַזוי גיך געפונען סימפּאַטיע ביי דער פריילין סטאַשיאַ?

זיגמונט, מיט אַ גראַב געלעכטער:

—אויף אַן אמת צו שנעל זיך צוגעקלעפּט.

נאָך אַ קורצן איבעררייס האָבן די האַרמאָשקעס זיך צעשפּילט. די קלאַנגען פון אַ פּאָלקע האָבן ווידער געצויגן צום טאַנץ. די פּיס זענען אַריין אין קאַראַהאָד. אויסגעשרייען פון צעלאָזענער פרייד האָבן באַגריסט דעם פרייען זונטיקדיקן טאָג.

יאַנוש האָט פאַרגעלייגט זיינע חברים, זיי זאָלן זיך טוישן מיט די מיידלעך צום טאַנץ. סטאַשיאַ, פּעליאַ, און קאַזשאַ האָבן זיך גע־שטעלט אין אַ זייט, געקוקט צו די בחורים, ווי זיי קומען צווישן זיך אַדורך ווער מיט וועמען עס זאָל טאַנצן.

יאַנוש האָט העפלעך זיך פאַרנויגט פאַר סטאַשיאַן און זי אַרומ־גענומען. די דריי פּאָרלעך זענען ווידער אַריין אין דער פּאָלקע.

— פריילין סטאַשיאַ, איר זענט שוין מיד? — האָט יאַנוש אַ צעיאַכמעטער געפרעגט.

— נישט אַזוי מיד ווי דורשטיק.

ביידע זענען אַרויס פון צווישן די טאַנצנדיקע. יאַנוש האָט אויסגעגלייכט זיין צעשויבערטע טשופּרינע, צוגעפירט סטאַשיאַן צו אַ זייטיקן טישל און געפרעגט:

— ביר אָדער קאַווע?

— קאַווע — האָט סטאַשיאַ געענטפערט.

יאַנוש איז צוריקגעקומען מיט צוויי טעפּלעך קאַווע, פאַרריכט זיך דעם קראַוואַט, וואָס איז אין טאַנצן אויסגעקרימט געוואָרן אין אַ זייט. אַראָפּקוקנדיק צום געפרעסטן קאַנט פון די הויזן האָט ער אַ בייזער אויסגעשריגן:

— דאָ כאָלערי! באַשפּריצט די הויזן!

— פון דעם בלייבט נישט קיין פלעק — האָט אים סטאַשיאַ באַרויִקט.

— איך האָב געפּילט אַ שטויס אין רוקן. אַזאַ כאַמסקען וויץ האָט געקאָנט מאַכן נאָר דער אינטריגאַנט.

— פאַניע יאַנוש, וועמען האַלט איר דאָ פאַר אַן אינטריגאַנט?

— איגנאַץ! — האָט יאַנוש אויסגערופן מיט כעס אין די אויגן.

— אייער קאָלעגע? איר זענט אין דעם זיכער?

— יאָ. פריילין סטאַשיאַ! איר קענט אים נאָך נישט. איגנאַץ איז נישט קיין אָנגענעמער טיפּ. ער האַלט זיך העכער פון אַלע, האָט ליב יענעם צו דערנידערן, ער חברט זיך מיט די דייטשן. אפשר זוכט ער צו מאַכן ביי זיי אַ קאַריערע.

יאַנוש האָט געזאָגט די עטלעכע ווערטער פאַר זיין צולויפן צום וואַסערקראַן, וווּ ער האָט מיטן באַנעצטן טיכל אָפּגערייניקט די פלעקן אויף זיינע הויזן. צוריקגעקומען, האָט ער געטראָפן די צוויי פאַרלעך ביי סטאַשיאַס טישל. איגנאַץ האָט אים האָט אויפגענומען מיט אַ שפּאָטיש געלעכטער...

— פון וואָס לאַכסטו? — האָט יאַנוש זיך אַרומקוקנדיק געפרעגט.

— דו קאָנסט מאַכן לאַכנדיק...

— איך? מיט וואָס? — האָט יאַנוש מיט פאַרוווּנדערונג גע־פרעגט און דערביי אָנגעקוקט איגנאַצן.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן? קוק אַראָפּ אויף דיינע הויזן. אַלע דאַרפן וויסן, אַז דו האָסט נישט באַוויזן אַריינלויפן דאָרט וווּ דו האָסט געדאַרפט?...

די מיידלעך האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און יאַנושס אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט רוגזה:

— פאַר אַזאַ כאַם ווי דו ביסט פאַסן אַזעלכע וויצן.

איגנאַץ האָט מיט געביילטע פויסטן זיך דערנענטערט צו יאַנושן:

— דו הירנזון! איך האָב דאָס געזאָגט אין וויץ און דו האָסט דאָס פאַרשטאַנען ווי אַ פאַרסמאַרקעטער יינגל.

זיגמונט האָט זיך געשטעלט אויף יאַנושס זייט:

— דו ווילסט שפּילן די ראָל פון אַן אינטעליגענט אָן בושה מיט דיין קורווישער שפּראַך אַפילו פאַר די מיידלעך...

איגנאַץ האָט אַרויסגעסיקעט פון צווישן די ציין:

— איר זענט ביידע פון איין סאָרט...

יאַנוש מיט זיגמונטן האָבן זיך געשטעלט אין אַ פּאָזע ווי צום שלאָגן זיך. איגנאַץ האָט פאַרריסן זיין פּנים מיט ברייט צעעפנטע אויגן. קאַזשאַ, אַ דערשראָקענע, איז אַריין צווישן די קאַוואַלירן. סטאַשיאַ האָט אַ שלעפּ געטאָן איגנאַצן פאַר דער האַנט און זיך געבעטן ביי אים:

— באַרויִקט זיך! ס'איז דאָך נישט שיין צווישן אַזוי פיל מענטשן.

איגנאַץ איז נאָך געווען צעקאָכט און מיט אַן אויסגעדרייט פּנים צו זיינע חברים האָט ער געדראָט: „איך וועל זיי אָנלערנען", אָבער פון סטאַשיאַן האָט ער געלאָזט זיך פירן וויט פון דער קאַנטינע. זי האָט געדריקט צו זיך זיין אויפגערעגט־ציטערנדיקע האַנט און מיט מילדע רייד אים איינגענומען:

— פון אַזעלכע צוויי צערייצטע מענטשן איז גלייכער, אַז מען טרעט אָפּ, נישט דאָ איז דאָס אָרט אויף קריגערייען.

— פריילין סטאַשיאַ, ווען איר נעמט מיך נישט אַוועק, וואָלט איך זיי ביידע צעקוועטשט ווי קורטשאַקעס...

דער לאַגערגלאָק האָט זיך צעקלונגען. איגנאַץ האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנטזייגערל. ס'איז געווען האַלבער טאָג. ער האָט זיך געזעגנט מיט סטאַשיאַן און איר אָנגעזאָגט נאָך אַ וויזיט אויף דעם קומענדיקן זונטיק.

נאָך מיטאָג־עסן האָט סטאַשיאַ פאַרפירט אַ שמועס מיט זאָשיאַן, וועלכע איז אויך געווען אין דער קאַנטינע און זי האָט דאָרט אָבסערווירט סטאַשיאַן מיט איר געזעלשאַפט. זאָשיאַ האָט געוווסט בלויז דאָס, וואָס איר אויג האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן פון דער זייט. אויך דעם סקאַנדאַל ביים סוף פון דער פאַרוויילונג האָט זי באַמערקט. זאָשיאַ האָט אָבער נישט געוווסט די סיבה פון אינצידענט און סטאַשיאַ האָט דאָס איר איבערגעגעבן מיט אַלע פּרטים.

— האָסט געזען מיט וועמען איך האָב געטאַנצט? — האָט זאָשיאַ מיט אירע צעשמייכלטע אויגן געפֿרעגט — אַזאַ שיינער קאַוואַליר, מיט אַ פֿיינער באַנעמונג. גאָרנישט ווי יענע צעלאָזענע שקצים...

סטאַשיאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן און געלאָזט זאָשיאַן אָן אַ ענטפֿער.

— פֿאַר וואָס ביסטו פּלוצלינג געוואָרן אַזוי אומעטיק? — האָט זאָשיאַ געפֿרעגט.

— פֿאַראַן אַ סיבה — האָט סטאַשיאַ טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — ווען איך האָב געזען דיך טאַנצן מיט יענעם בחור, האָט דאָס האַרץ אין מיר אַ ציטער געטאָן. איך האָב געמוזט זיך אויסהיטן, אַז איגנאַץ זאָל דאָס נישט באַמערקן אויף מיין פּנים.

— וואָס איז די סיבה? — איז זאָשיאַ צוגעשטאַנען צו סטאַשיאַן.

— דער מיט וועמען דו האָסט געטאַנצט איז אַזוי ענלעך צו מיין יינגסטן ברודער, משהלע. ווער ווייסט וואָס מיט זיי איז געשען דאָרט אין וואַלד.

זאָשיאַ האָט אויסגעמוסרט סטאַשיאַן:

— האָסט אַליין ווייניק צרות, זוכסטו נאָך?

— מיין טייערע, איך זוך זיי נישט. זיי קומען אַליין... — האָט סטאַשיאַ שטיל געענטפֿערט.

אין וואַשרוים ביים רייניקן די כּלים נאָכן עסן האָבן זיך ביידע געשיידט. זאָשיאַ איז אַוועק צו דער שוועסטער אין צווייטן עק פֿון באַראַק, און סטאַשיאַ, אַן אויסגעצויגענע אויף איר בעט, איז געלעגן און געטראַכט.

קאַפּיטל זיבעצן

נעפּלען און כמאַרעס

נידעריקע נעפּלען, פאַרקנוילטע, געדיכטע, האָבן דעם גאַנצן טאָג זיך געטראָגן איבערן וואַלד און דערשטיקט דעם צוויגן־גערויש. אונטער דעם אַראָפּגעלאָזטן הימל האָבן פייגל דורכגעשניטן די נעפּלען מיט דערוואָרגענע געשרייען, פאַרלוירן געגאַנגען צווישן די שוואַרצע כמאַרעס, וואָס האָבן זיך אָנגעטראָגן פון אַלע וואַלדעקן. אַ טויטע שטילקייט איז געהאָנגען איבערן וואַלד — אָן די ווייטע אָפּהילכן פון אונטערגעהאַקטע ביימער, אָן די עכאָס פון מענטשלעכע איבעררופן. ווי אין אַ תהום פון אונטערגאַנג איז דער וואַלד פאַר־זונקען געוואָרן נאָכן גאָסרעגן וואָס די מאָכיקע ערד האָט אין זיך איינגעזאַפּט און פונאַנדערגעטראָגן אַ פאַרדומפּענעם ריח.

יאַנקל האָט געוואַרט ביז ס'איז געוואָרן פינצטער. דאַן האָט ער פאַרבויגן די הויזן ביז די קני̇ען, אָנגעהאָנגען דאָס זעקל אויף די אַקסלען און איז אַריין צווישן די ביימער. זיינע אויערן זענען געוואָרן אָנגעשפּיצט צו די הויכע סאָסנעס. זיי זענען איצט גע־שטאַנען אַזוי רו̇יק, אָן דעם געפּייף פון ווינט. ער האָט געשאַרט די נאַקעטע פיס איבע̇רן שליימיקן מאָך ביז ער האָט דערפילט איבערן קאָפּ דעם אָפענעם שוואַרצן הימל. אַ ווינטל האָט אים פאַרכאַפּט, זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיינע צעשויבערטע האָר. די י̇ידן אין וואַלד האָבן געוווּסט, אַז ער איז געגאַנגען צום לערער קאָז־לאָווסקי.

דעם געדאַנק צו גיין צו זיין אַמאָליקן פּוילישן לערער האָט יאַנקל אויסגעשפּונען אין אַ געוועב פון שיינע חלומות. לאַנגע שעהען אין דעם טאָג איז ער געלעגן און געקוקט צום שטיק גראָען הימל

איבערן פֿאַרגליווערטן וואַלד און געטראַכט פֿון זיינע שוליאַרן און דעם לערער, דעם טרוקענעם, פֿאַרשלאָסענעם, אָבער שטרענגן קאָזלאָווסקי. אַלע אין דאָרף האָבן פֿאַר אים געצויגן דאָס היטל און גערעדט וועגן אים ווי וועגן דעם געלערנטסטן פֿון גאַנצן דאָרפֿישן יונגוואַרג. אַלע זענען זיי געוועזן פֿאַרטאָן אין הוליאַנקעס מיט בלוטיקע געשלעגן און בלויז ער האָט זיין לעבן פֿאַרבראַכט איבער לערנביכער און ביים דערציִען די קינדער פֿון דאָרף.

טיפֿער אין וואַלד האָבן די ייִדן פֿאַרלייגט אַ פֿייער, געבראָטן קאַרטאָפֿל מיט שוואָמען, געקראַצט מייערן. יואל האָט איינגעטיילט יעדן איינעם זיין פֿאַרציע עסן. בלויז יאַנקלס חלק איז געבליבן נישט אָנגערירט. ער איז געלעגן אַ פֿאַרזונקענער אין זיינע פֿאַר־גאַנגענע קינדעריאָרן. אין אָט דער פֿאַרחלומטער וועלט האָבן זיך אויפֿגעריסן אַלע צוימען פֿון זיין וואַלדיש לעבן, אים אַריינגעצויגן אין זיין דאָרפֿישער היים, מיט טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברי־דער — ווי זיי זענען אין איילעניש געלאָפֿן אין שקאָלע אַריין אָנגעהאָנגען אויף זייערע פּלייצעס די פּירקאָנטיק־הילצערנע קעסט־לעך, אָנגעפּילטע מיט קאַיעטן און ביכער. איבערן דאָרף איז די זון אויפֿגעגאַנגען. גוטמוטיקע פּויערים מיט פּויערטעס אויף שפּרינ־גענדיקע וועגענער האָבן איבערן זאַמדיקן וועג געיאָגט די צע־הירזשעטע פֿערד צו פֿעלדאַרבעט, און ער, יאַנקל, האָט זיך דורכ־געשלאָגן אַ וועג צווישן די סטאַדעס שעפּסן און קי וואָס האָבן געמעקעט צו די גרינע לאָנקעס. שטענדיק האָט ער געוואָלט זיין פֿון די ערשטע שילער, זיך אַוועקזעצן אויף זיין אָרט פּונקט אַנט־קעגן לערער, וואָס האָט די לעקציעס געפֿירט מיט אַ ליניע־ברעטעלע אין האַנט און מיט אַ שטרענגן בליק אַריבערגעקוקט צו די שילער אין קלאַס. יאַנקל האָט ליב געהאַט צו זען ווי דעם לערערס אויגן ציִנדן זיך אָן פֿון כּעס, ווען זיינע פֿראַגעס בלייבן אָן אַן ענטפֿער. דאַן האָט ער זיין שאַרפֿן בליק אַריבערגעפֿירט אויף אים, יאַנקלען, און תּיכּף איז דעם לערערס פּנים געוואָרן פֿרייער, אַפֿילו מיט אַ באַהאַלטן שמייכעלע צווישן די איינגעפּרעסטע ליפּן. נישט איין מאָל

האָט דער לערער געפרעגט זיינע תלמידים: ווי לאַנג נאָך וועט יאַ־נק־על דאַרפן, אַנשטאָט זיי, ענטפערן אויף די פראַגעס פון פוילישער געשיכטע. יאַנקל האָט געוווּסט, אַז דעם לערערס פאַר־וואָרפן וועקן ביי זיינע קריסטלעכע שול־חברים קנאה און שנאה. אין דרויסן פלעגט ער, נאָך אַזאַ לעקציע, קריגן מיט עפּעס אַ האַרטער זאַך אין קאָפּ אַריין, און בלויז אויף אַ הילכיק געלעכטער האָט יאַנקל אַנגעטראָפן ווען ער האָט זיך אומגעקוקט כדי צו דער־קענען דעם וואַרפער. אַז דער לערער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, פלעגט ער יאַנקלען פאַרגיטיקן מיטן זאָג: „יאָ, די זשלאָבעס קאָנען נישט פאַרטראָגן צווישן זיך אַ יידיש קעפּל"...

ער האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי זיין טאַטע אברהם הערש, דער יידישער רעליגיע־לערער אין דער פוילישער שול, פלעגט ביי דער וואַנט וווּ ס'איז געהאָנגען אַ צלם מיטן יעזוס־בילד, שטיין מיטן קאַפּעלע אויפן קאָפּ און לערנען מיט די יידישע שילער תנך. יאַנקל האָט זיך געפילט שטאָלץ דערפון, וואָס דער לערער האָט זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ צו זיין פאָטער. אַ מאָל האָט ער אים אַ גלעט געטאָן איבער דער פּלייצע און געזאָגט: „נו, האָסט אין וועמען אַריינצוגעראָטן".

אַן אויסגעצויגענער אויף דער ערד האָט יאַנקל געשמייכלט מיט אַ פאַרגליווערטן בליק צו די הויכקייטן. ווי טיף איז ער געווען פאַרזונקען אין זיינע דמיונות! זאָל ער זיי איבעררייסן און אויס־דרייען זיין פּנים צו דער ווירקלעכקייט? ניין, זאָלן די מחשבות פלעכטן יענע גליקלעכע טעג פון די קינדעריאָרן, אויסוועבן יענע חלום־וועלט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך אונטער זיינע אומריינע מלבושים.

יואל איז צוגעקומען און אָראָפּגערעדט צו יאַנקלען:

— וואָס ליגסטו אַזוי פאַרטראַכט? דיינע געבראָטענע קאַרטאָפל זענען שוין קאַלט געוואָרן.

יואלס געשטאַלט, אַזוי ווי ער האָט אים געזען אַרויסקריכן פון אונטער דער ערד נאָכן שלאָף, האָט יאַנקלען נישט איין מאָל געמאַכט

אומעטיק. אויך דאָס מאָל איז זיין אַראָפּקוקנדיקער בליק געווען טרויעריק־מיד. שטענדיק, ווען ער האָט זיין ברודער געזען מיט אַט די זעלבע פּנים־שטריכן, איז אים געוואָרן נאָך ענגער אין האַרצן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס איז נישט דער זעלבער יואל, וואָס האָט שטענדיק געוועקט צו טאָט, צו וואַכזאַמקייט, נאָר אַזעלכער, וואָס רייסט אים אַוועק פון זיינע שיינע חלומות.

אין זיין נאַכטיקן גאַנג צום לערער האָט יאַנקל זיך דערמאָנט אין די בייטאָגיקע מחשבות. זיי זענען אין אים אויפגעקומען ווי אַ בליץ און תיכּף אַנטרונען. אים האָט אָפּגעטיילט פון יענע חלומות דאָס שלעפּן זיך איבער דער זומפּיקער ערד, די פאַרגאָסענע לאַנקעס. ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן שוואַרצן הימל. עס וואָלט אים היימלעכער געוואָרן ווען ער געפינט צווישן די וואָלקנס עפּעס אַן אָפּשיין פון אַ שטערן; ווען עס באַגלייט אים כאָטש זיין אייגענער שאָטן; ווען ער טרעפט אָן אַ פאַראייניזאַמטן בוים אין פעלד. אָבער אַלע נאַכט־שאָטנס זענען פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט דער לבנה. אַ שוואַרצע נאַכט, אַ נאַכט אָן שאָטנס. פון ערגעץ ווייט האָט ער געהערט אַ וויסטן געוואָי, ווי אַ געוויין פון אַ געשלאָגענעם הונט. אין דער טיפער שוואַרצקייט האָבן זשאַבעס איינגעוויגט די נאַכט. יאַנקלען איז פאַרגעקומען, אַז ער גייט ערגעץ אויף פרעמדער ערד ווו זיינע פיס זענען נאָך נישט געטראָטן. ווו זענען אַהינגעקומען די שמאָלע נאַכטוועגלעך צו זיין היימיש דאָרף לאַזעווע? טרעט ער אויף אַ פרעמדער זומפּיקער וויסטעניש פאַרוואַקסן מיט קוסטעס? דאָ נישט ווייט דאַרף זיך געפינען דאָס געמויערטע הייזל פונעם דאָרפסשמיד, נישט ווייט פון דער ווינטמיל, וואָס שטייט אַרויסגערוקט טיפער אויף די פעלדער. ער איז געגאַנגען מיט אויפגעריסענע אויגן זיי זאָלן פאַר אים אַנטפּלעקן עפּעס אַ סימן צו דעם הייזל, אָבער נישטאָ, ווי עס וואָלט איינגעזונקען געוואָרן אין דער צעווייקטער ערד. די שוואַרצע נאַכט האָט פאַרווישט פאַר זיינע אויגן די גרענעץ צווישן דאָרף און פעלד און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער שפּרייזט מיט פאַרבונדענע אויגן.

פון די אַראָפּגעלאָזענע שוואַרצע הימלען האָבן זיך אָנגעטראָגן ליכטפּאַסן און אַ פּאַל געטאָן צו דער ערד. עכאָס פון ווייטע דונערן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין דער נאַכט. יאַנקל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעריבן זיינע אויגן און לאַנג זיך אַרומגעקוקט. אַ שטיק הימל איז העל געוואָרן מיט אַ גרינער ליכטיקייט, וואָס האָט אָפּ־געדעקט אַ הויכקייט ווו ס'איז געשטאַנען אַ ווינטמיל מיט אויס־געשטרעקטע פליגל. דאָ נישט ווייט, איבער דעם טיפן ראָוו, געפינט זיך די קוזשניע. יאַנקל איז פול געוואָרן מיט דערוואַרטונג. ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען ווי אַ בלינד פערד. אַ הונט האָט אַ טרייסל געטאָן אַן אייזערנע קייט. יאַנקל האָט איינגעהאַלטן זיינע טריט ביז דער הונט האָט זיך איינגעשטילט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי צו דערקריגן זיך צום הייזל. אַרום האָט געגליוועט די נאַכט. עכאָס פון דונערן האָבן זיך שנעל אַריבערגעטראָגן איבער די פעלדער און געלאָזט נאָך זיך אין דאָרף אַ דינעם רעגן.

לאַנג איז יאַנקל געשטאַנען ביי דער הינטערשטער וואַנט פונעם הייזל. ער האָט געקוקט צום פענצטערל מיט דער פּירקאַנטיקער ראַם אַרום די שייבלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי באַקלעפּטע מיט שוואַרץ פּאַפּיר. וואָס אומרויִקער ער איז געוואָרן, אַלץ מער און מער האָט עס אים געצויגן אין זיי אָנקלאַפּן און אויסרופן דעם לערערס נאָמען, אָבער זיינע פינגער זענען געוואָרן ווי אויסגעטריקנטע. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אַ קעלט ליימט זיינע פינגערשפּיצן און זיי קאָנען מער נישט אויספירן דעם באַפעל פונעם ווילן.

יאַנקל האָט דערהערט שטילע טריט ביי דער טיר פונעם פּאָדערהייזל, וואָס האָט זיך געעפנט און פאַרמאַכט. ער האָט פאַר־האַלטן דעם אָטעם און פון הינטער דער וואַנט האָט ער נאָכגעקוקט די שוואַרצע שאָטנס, וואָס האָבן זיך געוויגט ביים אַראָפּגיין צום טאָל. איינער פון זיי האָט זיך אומגעקערט צום הייזל. יאַנקל האָט דערפילט אַז ער האָט אַ שייכות צו אים. יאָ, אַזוי זעט אויס דער שאָטן פון דער שמאָלער פיגור.

— שטיי! ווער ביסטו? — איז געפאַלן אַ שטרענגער באַפעל,

און ער האָט דערזען פאַר זיך אַ רעוואָלווער אין אַן אויסגעשטרעק־טער האַנט, גרייט צום שיסן.

— יאַנקל, הערשקאָס זון פון לאָזעווע.

די אויסגעשטרעקטע האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. די שוואַרצע פיגור האָט זיך דערנענטערט צו יאַנקלען, אים אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין:

— קום אַריין!

יאַנקל איז נאָכגעגאַנגען דעם לערערס טריט. די קני האָבן זיך אים געבויגן הינטער דעם שאָטן־מענטש, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין בייז.

ביידע זענען זיי אַריין אין אַ פינצטערן צימער. זיי זענען גע־שטאַנען איינער קעגן צווייטן אין אַן אויסטערלישער שטילקייט. ענדלעך האָט יאַנקל דערהערט אַ טרוקענע שטימע:

— פון וואַנען קומסטו?

— פון וואַלד.

— ביסט אַליין?

— זיבן זענען מיר צוזאַמען; פיר ברידער און נאָך דריי לאָזעווער.

— אַזוי פיל זענט איר? האָט איר געווער?

— מיר ווילן לעבן... דאָס איז אונדזער געווער...

יאַנקל האָט דערפילט אַ געלעכטערל:

— ייִדיש געווער...

איבערן צימער האָבן אָנגעהויבן שפּאַנען טריט און געבליבן שטיין. אַ קליין פייערל פון אַ נאַפטלעמפל האָט אויפגעלויכטן. פאַר יאַנקלס אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס געשטאַלט פון זיין לערער: די זעלבע האַרטע שטריכן און שטייפע באַוועגונגען. קיין שפּור פון מיטלייד צו אים האָבן די אויגן נישט אויסגעדריקט. איבער דער וואַנט האָט זיך געוויגט אַ שאָטן, און די טריט איבערן צימער — ווי אין מיליטערישן מאַרש.

— האָסט איצט געהאַט מזל. ווען עס טרעפן דיך אַן די צוויי

פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען נאָר וואָס אַרויס, מאַכן זיי דיך קאַלט...

— איר און פּאַרטיזאַנער?

קאָזלאָווסקי האָט יאַנקלען אָנגעוויזן אויף אַ בענקל. ער אַליין איז געבליבן שטיין אַ שטראָם־אויסגעצויגענער:

— אַנדערע צייטן, מיין ליבער! יענע יאָרן פון קנעלן מיט קינדער זענען אַוועק. איצט בין איך קאָמענדאַנט פון די פּוילישע פּאַרטיזאַנער איבער די אַרומיקע דערפער.

יאַנקלס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון בענקל און אויסגערופן צו זיין געוועזענעם לערער:

— נעמט אונדז אריין צווישן די פּוילישע פּאַרטיזאַנער! מיר זענען גרייט אויסצופירן אַלע אייערע באַפעלן!

קאָזלאָווסקיס שאַרף געשניצט פּנים האָט אויסגעדריקט חידוש. ער האָט גאָרנישט נישט געענטפערט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן גיין איבער דעם צימער. די שאָטנס אויף דער וואַנט זענען זיך צעלאָפן, באַהאָפטן, אָפּגעטיילט און ווידער געבליבן שטיין. ער האָט געננישטערט מיטן שאַרפן בליק איבער יאַנקלס בלאַסן פּנים, אַרויס־געצויגן פון טאַש דעם רעוואָלווער און אים איבערגעלייגט פון האַנט צו האַנט:

— איר האָט דאָך שטענדיק געציטערט אַפילו צו קוקן אויף אַזאַ כלי... וואָס וואָלט איר געטאָן מיט אַ ביקס אין דער האַנט?

אַ געטראָפּענער פון די ווערטער איז יאַנקל געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט אָבער גיך זיך באַהערשט:

— פּאַניע קאָזלאָווסקי, איר זענט אַ לערער פון היסטאָריע. אַ שאָד, וואָס איר קענט נישט יענע בלעטער פון יידישער געשיכטע, ווען יידן האָבן מיט זייער העלדישקייט געדינט ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע פעלקער.

קאָזלאָווסקי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און געפרעגט מיט אַ חויזק־שמייכעלע:

— ווו האָסטו דאָס געלערנט?

— אין חדר און אין דער רעליגיע־שעה, וואָס מיין טאַטע האָט געפירט אין דער שול.

קאָזלאָווסקי האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און געווענדט זיך צו יאַנקלען מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט געפירט אַ לעקציע אין קלאַס:

— איך האָב שטענדיק טאָלערירט דיינע שאַרפע פראַגעס. אָבער זאָג מיר: וואָס פאַר אַ געשיכטע מאַכט איר איצט, אין דער צייט פון טרעבלינקע, דאָ נישט ווייט פון אונדז? בוידעס, וואָס דיין טאַטע האָט אייך געלערנט!

אין קאָזלאָווסקיס גרינע וואַסער־אויגן האָט יאַנקל געזען אַ שוואַרצן אָפּגרונט. אים האָט פאַרקלעמט אין ברוסט. ער האָט גע־טראַכט, אַז פאַר זיין געוועזענעם לערער מעג ער זיך האַלטן ווערדיק:

— איר געדענקט דאָך געוויס ווי איך בין געווען אייער גע־האַרכזאַמער שילער, געווען שטאָלץ מיט אייער באַציִונג צו מיר. איצט שטיי איך פאַר אייך אַ געיאָגטער און געפּלאָגטער. אָבער איך פאַרמאָג נאָך אין זיך גענוג כוח צו זאָגן, אַז ווען די מלחמה־טעג וועלן אַריין אין דער געשיכטע, וועט מען דאָרט דאַרפן לייענען, אַז טרעבלינקע איז געשטאַנען אויף דער פוילישער ערד און פּאָליאַקן האָבן געהאָלפן פאַרניכטן די ייִדן.

יאַנקל האָט אַראָפּגעלאָזט זיין באַוואָקסענעם קאָפּ. ווי אַזוי האָט ער געפונען אין זיך מוט אַרויסצוברענגען אַזעלכע ווערטער פאַרן קאָמענדאַנט פון די רוצחישע יעגער נאָך די רעשטלעך איבערגע־בליבענע ייִדן? סיידן, די רייד האָבן זיך אַליין פון אים אַרויסגעריסן, אָדער אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס קאָזלאָווסקי איז געווען זיין לערער פון די קינדער יאָרן אָן? אַ מינוט שפּעטער, ווען ער האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ, האָט ער פאַר זיך געזען קאָזלאָווסקין אָן אויפ־געלייזטן פון זיין פריִערדיקע שטייפקייט. די אויגן זיינע זענען שוין נישט געווען, ווי פריִער, אַזוי שאַרף און דורכדרינגלעך, נאָר מיט אַ בליק נישט פון גוטסקייט און אויך נישט פון בייזקייט. אין דער

ערשטער רגע איז פאַר אים שווער געווען צו באַגרייפן צי איז דאָס פאַר אים שלעכט אָדער גוט.

קאָזלאָווסקי איז אַרויס און צוריק געקומען מיט אַ שיסל געַ־קאָכטע קרויט. פון אונטערן אָרעם האָט ער אַרויסגענומען אַ שטיק ראַזאָווע ברויט און דערלאַנגט יאַנקלען. ער איז אַליין געבליבן אין צימער, אַן איבערגעבויגענער איבער דער שיסל, און קאָזלאָווסקי איז אַריין און אַרויס, אַ פאַרנומענער מיט דער אַרבעט, וואָס ער פלעגט אויספירן אין די שפּעטע שעהען פון דער נאַכט.

יאַנקל האָט שוין פאַרענדיקט דאָס עסן. ער האָט געקוקט צו דער טיר ביז די קלאַמקע האָט זיך אַ ריר געטאָן און קאָזלאָווסקי איז אַריין אַ נאַסער פון רעגן. ער האָט פון זיך אָפּגעשאָקלט די טראָפּנס און זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן יאַנקלען. ער האָט באַלד אָנגעהויבן רעדן, ווי די ווערטער וואָלטן פון פריִער שוין געלעגן אים אויף די ליפּן:

— ווי אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט פון אַזאַ ענגן רינג אַרום דעם שטעטל?

יאַנקל האָט אים דערציילט ווי אַזוי ער מיט נאָך דריי ברידער זיינע זענען געציילטע מינוטן פאַר דער „אַקציע" אַנטלאָפן פון שטעטל. וועגן דער שוועסטער העניע, וואָס האָט געדאַרפט זיך געפינען אין דייטשלאַנד אויף אַרישע פּאַפּירן — האָט ער אויס־געמיטן צו רעדן.

— פון וואָס לעבט איר אין וואַלד? זיבן מענטשן דאַרפן דאָך האָבן מיט וואָס זיך צו דערנערן.

יאַנקל האָט געשילדערט די הונגעריקע טעג און נעכט. מיט אָט דער שילדערונג האָט ער געוואָלט אַרויספילן דעם איינדרוק אויפן לערער. אין זיינע בלאָע אויגן אונטער די שיטערע ברעמען האָט ער געזוכט עפּעס, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דאָס געשילדערטע בילד און צי איז ער בכלל מסוגל זיך איבערצוצייגן? קאָזלאָווסקי האָט אָבער נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיינע האַרטע רייד, וואָס ער האָט נישט געוואָלט באַהאַלטן אונטער קיין שום מאַסקע:

— כל זמן דו וועסט רעדן אין נאָמען פון זיבן יידן, בין איך נישט גרייט דיר צו העלפן. דיר אַליין — יאָ, אָבער מיטן באַדינג אַז דו זאָלסט נישט מאַכן קיין צו אָפטע באַזוכן. זיי קאָנען אונדז ביידן שאָדן ברענגען.

יאַנקל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אַ צייכן, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אָבער איין פאַרלאַנג בלויז האָט ער געהאַט פאַרן אַוועקגיין:

— מיר זענען אָפּגעשניטן פון דער וועלט. איר האָט דאָך קאָנטאַקטן. דערציילט מיר עפּעס...

קאָזלאָווסקי איז נאָכגעקומען יאַנקלס בקשה. ער האָט אַרויס־באַקומען פון ערגעץ אַ געהיים בלעטל איינגעלייגט אין פירן און דערלאַנגט עס יאַנקלען. ער האָט דאָרט אַרויסגעלייענט אינפאָר־מאַציעס וועגן די מלחמה־געשעענישן, וועגן דער איינגעבראָכענער סטאַלינגראַדער פראָנטליניע. אַ גאַר ברייטער באַריכט איז געווען פון די מאַסן־אַרעסטן פון דער פוילישער אינטעליגענץ מיט די נעמען פון די, וועלכע זענען שוין אומגעקומען. צום סוף — אַ פּאָר שורהלעך וועגן זעכצן דערמאָרדעטע יידן אין נאָוואָגרודעק.

קאָזלאָווסקי האָט איינגעלייגט דאָס בלעטל און געפרעגט:

— נו, איצט ווייסטו שוין וואָס הערט זיך אויף דער וועלט?

יאַנקל האָט אָפּגעזיפצט און געענטפערט:

— יאָ, פון אייער וועלט האָב איך געהערט. וועגן מיין וועלט — גאָרנישט.

קאָזלאָווסקי האָט געעפנט זיינע האַנטפלאַכן, געמאַכט מיט זיי אַ זשעסט, אַז יאַנקל זאָל אים בעסער פאַרשטיין:

— דיין וועלט איז שוין מער נישטאָ, אונטערגעגאַנגען. טאָ וואָס איז פאַראַן וועגן דעם צו שרייבן?

— פאַר וואָס געפינט מען דאָ נישט קיין וואָרט וועגן טרעב־לינקע?

קאָזלאָווסקי האָט זיך צעשמייכלט:

— דו נאַריש יינגל! וועגן טרעבלינקע קאָן איך דיר דערציילן

מער ווי צען בלעטלעך. פּאָרט מען אַ פּאָר קילאָמעטער מיט דער באַן פון קאָסאָווע, זעט מען ביי טאָג אַ שוואַרצן רויך זיך ציִען און ביי נאַכט פאַרדעקן דעם הימל רויטע פלאַמען...

יאַנקל האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— דאָס איז אַלץ...

— אומגליקלעך ייִנגל וואָס דו ביסט! — קאָזלאָווסקי האָט אונטערגעהויבן יאַנקלס פּנים — דו האָסט זיך איינגערעדט, אַז אין דער וועלט וויל זיך עמעצער מיט אייך פאַרנעמען... לאָז דאָס אַרויס פון קאָפּ. טראַכט בעסער ווי אַזוי צו שאַפן זיך אַ שטיקל ברויט.

— הייסט דאָס, אַז מיר האָבן נישט קיין אויסזיכטן איבערצולעבן דעם קריג?

קאָזלאָווסקי האָט צוזאַמענגעצויגן זיינע ברעמען:

— אייער גוראַנגל פאַרן לעבן איז אַן אומזיסטער. די באַוואָפנטע מענטשן אין וואַלד האָבן אַ באַפעל צו שיסן אין אייך.

— דער באַפעל איז פון אייך?

— איבער מיר זענען פאַראַן נאָך באַפעלגעבער.

יאַנקל האָט זיך אויפגעשטעלט און באַדאַנקט זיין געוועזענעם לערער פאַר לאָזן אים איבערטרעטן זיין שוועל. דעם זאַק האָט יאַנקל אָנגעהאָנגען אויפן קאָפּ ווי אַ שפּיציקן קאַפּטור קעגן רעגן און געמאַכט אַ טראָט צו דער טיר.

— שטיי אַ ווײַלע — האָט קאָזלאָווסקי אַ רוף געטאָן — מייד אויס די פעלדער הינטערן דאָרף. אויף יענע וועגן געפינען זיך היינט די פּוילישע פּאַרטיזאַנער.

יאַנקל האָט אויסגענוצט די לעצטע מינוט אויף צו פרעגן:

— מעג איך אייך נאָך אַ מאָל באַזוכן?

קאָזלאָווסקי האָט אָנגעקוקט יאַנקלען מיטן זאַק איבערן קאָפּ, אָוועקגעדרייט זיך און געענטפערט גלייכגילטיק:

— אויב דו ווילסט איינשטעלן דיין קאָפּ צוליב אַ שיסל קרויט — קום...

ווען יאַנקל האָט זיך צוריקגעקערט אין וואַלד זענען פון די

ביימער נאָך גערונען טראָפּנס רעגן. די ייִדן זענען געווען פאַר־שטעקט אונטער דער ערד. אויך ער איז אַהין אַריין, אָן איינגע־קורטשעטער זיך אַוועקגעלייגט צווישן די שלאָפנדיקע, פאַרמאַכט די אויגן און געוואַרט, אַז די פינצטערניש זאָל אים איינוויגן. אָבער דער שלאָף איז צו אים נישט געקומען; ער איז נאָך געווען אויפגעטרייסלט פון זיין באַזוך ביים לערער. יאַנקל האָט באַטראַכט זיין יעדעס וואָרט און געזוכט צווישן זיי אַזעלכע, וואָס קאָזלאָווסקי זאָל האָבן געזאָגט מיט אַ מענטשלעך געפיל. אָבער אַזעלכע ווערטער זענען געבליבן אַזוי ווייניק אין זיין זכרון צווישן די אַלע רייד, וואָס האָבן געשטאָכן זיין לייב. ער האָט זיך איינגעהערט אין יואלס פאַרשלאָפן קול: „ביסט שוין דאָ?" יאַנקל האָט נישט געוואָלט שטערן די רו פון די פאַרזונקענע אין שלאָף, איז ער געבליבן שטיל. יואל האָט זיך געדרייט ביז ער איז צוריק איינגעשלאָפן. ער, יאַנקל איז נאָך לאַנג געלעגן אַ וואַכעדיקער.

באַגינען זענען אַלע אַרויס פון דער באַהעלטעניש. יאַנקל איז געשטאַנען אויף זיינע פיס ווי אַ שיכורער, מיט אַ פאַרזיגלט מויל. אַלע האָבן אָנגעשטעלט אויף אים פרעגנדיקע אויגן. ער האָט געגענעצט און געזאָגט אָן אַ חשק צום רעדן:

— אַז איך שווייג, איז אַ סימן אַז מיר איז נאָכן וויזיט ביים לערער נישט פריילעך אויפן האַרצן...

די ייִדן זענען צוגעשטאַנען צו יאַנקלען און אים געצוווּנגען רעדן. מיט אַלע פּרטים האָט ער דערציילט ווי קאָזלאָווסקי האָט אים אויפגענומען.

די ייִדן זענען געוואָרן דערשלאָגן. יאָסל האָט נישט געקאָנט זיך באַהערשן. אַ וויינענדיקער האָט ער געמורמלט: „זיי וועלן אונדז הרגענען". מיטגעוויינט האָט דער שטענדיק צעשראָקענער שייע. יואל איז אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צו יאָסלען, מיט די פינגער געטרייסלט יאָסלס קאָפּ און געשריגן:

— דו שטיק פּחדן! מיינסט, וועסט זיך קענען באַהאַלטן הינטער

אונדזערע פּלייצעס? ציטערסט פאַר דיין הויט? נעם אַ שטריק און הענג זיך אויף!

די ייִדן האָבן געזען יואלס צעפּלאַמטע אויגן און שטילע זיך איינגעהערט אין זיין הילכעדיק קול:

— מיר לעבן נישט בלויז פון דעם וואָס מען געפינט אַריינ־צולייגן אין מויל, נאָר אויך פון דעם פּלאַנירן ווי אַזוי דאָס צו פאַרשאַפן... מיט שרעק פאַרן טויט קאָן מען נישט קעמפן פאַרן לעבן!

קאַפּיטל אכצן

געלע לאַטעס און טליתים

אין דער אָפּטיילונג ווו סטאַשיאַ האָט געטאָן איר אַרבעט האָט דער דייטשישער אויפזעער אַוועקגעזעצט לעבן איר אַן אומבאַקאַנטע פרוי. דאָס פּוילישע מיידל, וואָס איז פריִער געזעסן אויף דעם אָרט, איז אַוועק טיפער אין דער פאַבריק צו אַן אַנדער אַרבעט. דאָרט האָט זי גערייניקט די פּאַדלאָגעס, דעם אָפּפאַל פון די מאַשינען צונויפגענומען אין זעק און דערלאַנגט די אַרבעטער פאַרשידענע רויע טיילן.

הילזאַ, די נייע אַרבעטס־שכנה לעבן סטאַשיאַן, איז געווען אַ דייטשקע אין די מיטעלע יאָרן. איר פּנים האָט מיט גאָרנישט געגעבן צו דערקענען איר עכטע אַרישע אָפּשטאַמונג, אַחוץ דאָס פאַרריסן דיקלעך נעזל און די גראָע אויגן אויף איר ברונעט אויס־געפּילט פּנים. עפּעס קעגנזעצלעכס צו דעם, וואָס זי האָט געדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלן ווי אַ פרוי, איז געווען אין דעםברייטן מויל ביז די גריבעלעך אויף די פולע באַקן און אין דעם קורץ־געשוירענעם טונקעלן קאָפּ האָר.

ווען סטאַשיאַ האָט אָנגעקוקט דעם ברייט־פאַרנעמיקן אונטן און דאָס קיילעכיקע פאַרשלאָסענע פּנים פון איר נייער שכנטע, בעת זי האָט זיך דערנענטערט צו איר אַרבעט, איז איר געוואָרן אומהיימ־לעך. זי איז שוין געווינט געווען מיט איר פּוילישער חברטע. ביידע פלעגן זיך איבערוואַרפן מיט היימישע בליקן און דאָס האָט זיי פאַר־לייכטערט די געשפּאַנטע שטימונג ביי דער יאָגנדיקער אַרבעט. גראָד אין דעם זעלבן טאָג, ווען זי האָט מיט איר פּוילישער שכנטע זיך אָפּגערעדט ווי אַזוי אַ ביסל איינצוהאַלטן דעם טעמפּאָ ביי דער

אַרבעט, האָט סטאַשיאַ אָנגעטראָפן די דייטשקע, וואָס האָט תיכף אָנגעהויבן ווישן די קוגל־לאַגערן מיט אַזאַ שנעלקייט, פון וועלכער סטאַשיאַן האָט פאַרשווינדלט אין די אויגן.

נישט גוט, האָט סטאַשיאַ געטראַכט און געיאָגט די פינגער איבער די שמאַטקעס. אָבער איר געשפאַנטקייט האָט אָנגעהויבן אַ ביסל פאַלן ווען הילזאַ האָט צו איר אָנגעהויבן רעדן דייטש מיט אַ מילדן טאָן. סטאַשיאַ האָט איר געלאָזן אויסרעדן און געהויבן מיט די אַקסלען: „ניקס פערשטיין״. הילזאַ האָט זיך אָבער נישט גערעכנט מיט סטאַשיאַס תמעוואַטע אויסדרוקן און ווייטער גערעדט. זי האָט דערציילט אַז זי איז אַנטי־נאַציש און שוין געזעסן אין טורמע פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט.

— קאָמוניסטן? — האָט סטאַשיאַ אונטערגעשטראָכן דאָס איינציקע וואָרט, וואָס זי זאָל כלומרשט האָבן פאַרשטאַנען.

הילזאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ און איז געבליבן שטיל. דער אַרבעטס־אויפזעער איז אָנגעקומען אין דער אָפּטיילונג, זיך איבערשפּאַצירט און אַוועק.

סטאַשיאַ איז געווען פאַרטאָן ביי איר אַרבעט און נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער זייט, ווו די דייטשקע איז געזעסן אַן אָנגע־בלאָזענע. סוף כל סוף האָט זי אויסגעדרייט איר פּנים און געפרעגט:

— ניקס פערשטיין דויטש?

סטאַשיאַ האָט געפינטלט מיט די אויגן און אַרויסגעקוועטשט פון זיך צוויי ווערטער:

— ביסיען פערשטיין.

הילזאַ האָט גערן אויפגעכאַפּט סטאַשיאַס „ביסיען״ און גערעדט מיט אַ פּליסיק לשון קוקנדיק אַ מאָל אויף סטאַשיאַן און אַ מאָל אויף די קוגל־לאַגערן וואָס זי האָט געפּאַקט אין די שאַכטלען. הילזאַ האָט באַמערקט ווי סטאַשיאַ מאַכט איר אויפמערקזאַם מיט דער האַנט: „לאַנגזאַמער, ניקס פערשטיין״. די דייטשקע האָט איר געענטפערט מיט אַ ברייטן שמייכל פון איר צעצויגן מויל און גערעדט שטילער וועגן איר מאַן, וואָס איז ערגעץ אויפן מזרח־

פראַגט און זי האָט קיין אַנונג נישט צי ער לעבט נאָך. מיט גע־ציילטע ווערטער האָט זי דערמאָנט אירע צוויי זין, וואָס האָבן געהערט צו דער היטלער־יוגנט. זיי האָבן פרי פאַרלאָזט די שטוב צוליב די עלטערנס לינקע אַנשויונגען.

נישט ווייט פון זיי האָט געאַרבעט יוזעפאַ, אַן עלטערע פרייליין פון אַ פאַרוואָרפן קליין שטעטעלע אין פוילן. זי האָט אָנגעשטעלט אַן אויער, געוואָלט עפּעס אויפכאַפּן פון הילזאַס רייד, אָבער קיין איין דייטשיש וואָרט האָט זי נישט פאַרשטאַנען אַחוץ די דריי ווערטער וואָס דער דייטשישער אויפזעער פלעגט איר ביי זיין יעדן מאָל אַריינקומען צוואַרפן — „מאַך דאַס שנעלער". יוזעפאַן האָט פאַרדראָסן פאַר וואָס די דייטשקע מיידט אויס צו קוקן אויף איר און ווען הילזאַ האָט יאָ אַ מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר, האָט יוזעפאַן זיך געדוכט, אַז זי זעט אַ בייז פּנים.

יוזעפאַ האָט איר פאַרדרוס אַרויסגעבראַכט פאַר סטאַשיאַן און געפרעגט: פעלט דען אויס צווישן די דייטשן אַן אַרבעט פאַר איר? פאַר וואָס מוז זי זיצן דווקא צווישן פוילישע מיידלעך? מיט יאַדוויגאַן איז איר געווען אָנגענעמער, געהאַט מיט וועמען אויס־צוטוישן אַ וואָרט; ביידע האָבן זיך געגעבן צייכנס ווען דער אויפ־זעער איז אַריין. סטאַשיאַ האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז הילזאַ קומט אָפּ אַ שטראָף פאַר איר קאָמוניסטישן גלויבן, און דערפאַר קאָן זי נישט אַרבעטן צוזאַמען מיט דייטשן.

צו יוזעפאַס שׂכל האָט סטאַשיאַס אויפקלערונג זיך נישט גע־פּאַסט. לויט איר מיינונג איז אויסגעקומען, אַז דער אויפזעער האָט די דייטשקע געבראַכט צווישן די פוילישע מיידלעך כּדי זי זאָל זיי היטן ביי דער אַרבעט און אפשר אויך — דערטראָגן מסירות. יוזעפאַ האָט סטאַשיאַן געראָטן וואָס ווייניקער זיך אָפּצוגעבן מיט דער דייטשקע.

סטאַשיאַ האָט זיך געפונען אין קלעם. הילזאַ האָט נישט געקאָנט מוותּר זיין אויף איר פּלאַפּלען ביי דער אַרבעט, און יוזעפאַ איז געווען באַהערשט מיטן טעמפּן געפיל פון קנאה. סטאַשיאַ האָט

געזוכט אַ מיטלוועג: נישט איינרייסן מיט יוזעפּאַן און אויך הילזאַ זאָל נישט וואַרפן אויף איר אַן אומחן.

פאַר סטאַשיאַן זענען אַריבער געשפּאַנטע טעג. זי האָט לאַווירירט צווישן ביידע, הילזאַן אַרויסגעוויזן געדולד פאַר אירע מעשיות און יוזעפּאַן נאָך דער אַרבעט וועגן דעם דערציילט. סטאַשיאַ האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז יוזעפּאַ וועט זי באַרעדן צווישן די מיידלעך אין באַראַק. זי האָט געגומען צו הילף קאַזשאַן און איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע. קאַזשאַ, ווי איר שטייגער, האָט יוזעפּאַן אויסגעזידלט און געוואָרנט די אַלטע מויד, זי זאָל זיך פון סטאַשיאַן וואָס גיכער אָפּטשעפּען. פאַר קאַזשאַ האָט יוזעפּאַ מורא געהאַט צוליב איר אַרבעט אין דער פּאָסט־אָפּטיילונג. מיט סטאַשיאַן זיך פאַרמעסטן האָט יוזעפּאַן אויסגעזען צו זיין לייכטער.

אין אַ פאַרנאַכט נאָכן קלונג פון פאַבריקסגלאָק, ווען אַלע האָבן געענדיקט די אַרבעט־שיכט, איז הילזאַ, אַ צעקאָכטע, צוריקגעקומען פון איר גאַרדעראָבע־שאַפקעלע מיט אַ געשריי: מען זאָל איר גלייך צוריקגעבן דאָס זשאַקעטל. די אַרבעטס־אויפזעער האָבן פאַרהאַלטן אַלע פוילישע מיידלעך, זיי רעווידירט און פאַראָרדנט אויסצולייגן די טאַשן צו די פיס. יוזעפּאַ האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן סטאַשיאַן און זיך אָנגעהויבן נערוועז צו דרייען. סטאַשיאַ האָט באַמערקט ווי זי וויל מיט די פיס פאַרטוישן די טאַשן. זי האָט נישט אַראָפּגענומען אירע אויגן ביז יענע האָט פּאַמעלעך זיך אַוועקגעשאַרט פון דעם אָרט. דער אויפזעער האָט לעבן סטאַשיאַן געפונען צוויי טאַשן. פון איינעם האָט דער דייטש אַרויסגעצויגן אַ זשאַקעטל. הילזאַ האָט אַ קוויטש געטאָן: „דאָס איז מיין!"

דער אויפזעער האָט סטאַשיאַן אַרויסגענומען פון דער ריי און איר אַריינגעשריגן אין פּנים:

— וועלכע טאַשע איז דיין?

סטאַשיאַ האָט זיך נישט פאַרלוירן און אָנגעוויזן אויף איר טאַש.

דער דייטש האָט ווידער אויסגעשריגן:

— וועמען געהערט דאָס?

קיינער האָט נישט געענטפערט.

דער דייטש, אַן אויפגערעגטער, איז געגאַנגען פון איינער צו דער צווייטער. זיינע בייזע אויגן האָבן דערזען יוזעפאַן צווישן די מיידלעך מיט אַ דערשראָקן פנים. ער האָט זי אַ שלעפּ געטאָן און געשריגן:

— וואָרום שווייגסטו, פּאָלנישע שווינע?

הילזאַ האָט געפייערט איר נצחון איבער דער פאַרהאַסטער יוזעפאַ און סטאַשיאַ האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

יעדן טאָג איז סטאַשיאַ געשטאַנען פאַר אַ נייעם פּרווו, וואָס איז געקומען פּלוצלינג אומגעריכט. איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען אַלע זענען שוין געשטאַנען ביי דער אַרבעט, איז פאַרפאָרן אַ לאַסט-אויטאָ און פון דאָרט זענען אַראָפּ פרויען און מענער. זשאַנדאַרן האָבן זיי געיאָגט אין דער פאַבריק אַריין. הונדערטער פאָר אויגן האָבן געקוקט אויף זייערע געלע לאַטעס און ווייסע פּנימער. שפּעטער האָט סטאַשיאַ זיך דערוווּסט, אַז דאָס זענען ייִדישע געלערנטע וואָס זענען, אָפּגעזונדערטע פון די איבעריקע פאַבריקס-אַרבעטער, געשיקט געוואָרן אין דער עקספּעדיציע-אָפּטיילונג צו אַרבעטן ביים טראַנס-פּאָרטירן די אויסגעאַרבעטע טיילן.

דער הויפּט-אויפזעער אין דער אָפּטיילונג, דער דייטש מעכע, איז געווען אַן עלטערער מאַן מיט אַ גראָען קאָפּ האָר, אַן אינוואַליד מיט אַ שטייפן פוס נאָך פון ערשטן וועלטקריג. געקענט האָט מען אים פאַר אַ פאַרהעלטנישמעסיק רויִקן מענטש. זעלטן ווען מען האָט געהערט זיין הייזעריק קול. דאָס שרייען האָט ער געלאָזט פאַר די אַנדערע אויפזעער. ער אַליין פלעגט אויספרעגן פון די פוילישע מיידלעך מער כוחות דווקא מיט שטילע ווערטער. זיינע אויף אַלע זייטן צעלאָפענע אויגן פלעגן פון הינטער די פלייצעס אַריבערקוקן צו די הענט און ער האָט געלאָזן נאָך זיך דאָס איינציקע וואָרט, וואָס אַלע פוילישע מיידלעך האָבן באַלד פון ערשטן אַרבעטסטאָג פאַרשטאַנען: „שנעלער!“

אַנדערש האָט זיך דער דייטש באַצויגן צו די מיט די געלע לאַטעס. אויף זיי האָט ער געשריגן, זיי האָט ער געיאָגט און דערביי האָט ער געפּאַכעט מיט אַ ווייס שטעקעלע אין דער לופט, ווי ער וואָלט אָנגעפירט מיט אַן אָרקעסטער.

מעכע האָט זיך גוט געפילט מיט זיין ראָל וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן ביי דער גרופּע ייִדן. דער דייטש האָט די ייִדן פונאַנדערגעטיילט לויט זייער אַקאַדעמישער בילדונג. די מיט אוני־ווערסיטעט־דיפּלאָמען האָט ער אָוועקגעשטעלט ביי די שווערע קאַרטאָנען און קעסטלעך. מיט דעם ווייסן שטעקעלע האָט ער געצייכנט דעם וועג, וואָס די ייִדן האָבן געדאַרפט מאַכן און מיט זיין הייזעריק קול געיאָגט זייערע טריט.

הילזאַ האָט ליב געהאַט צו וואַרפן בליקן צו דעם אָרט ווו די ייִדן האָבן געאַרבעט. זי האָט גערופן סטאַשיאַן זיך איינקוקן ווי אומגעשיקט די ייִדן בייגן זיך ביים טראָגן די פּעק. סטאַשיאַ האָט געענטפערט, אַז אין די קאַרטאָנען געפינען זיך שטאָלענע טיילן מיט אַ שווערער וואָג, אָבער הילזאַ האָט זיך צעלאַכט ווען אַ קעסטל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון איינעמס הענט און געפאַלן אויף דעם צווייטנס פיס. מעכע האָט ווילד געשריגן און די פּוילישע מיידלעך האָבן מיטגעלאַכט נאָך הילזאַס געלעכטער.

סטאַשיאַן איז שווער געווען איבערצוטראָגן אַזעלכע סצענעס, פלעגט זי אָפט גיין אין דער אוביקאַציע. העלזאַ פלעגט באַדויערן סטאַשיאַן, וואָס מיט איר אָוועקגיין האָט זי דורכגעלאָזט פּיקאַנטע סצענעס מיט די ייִדן. שפּעטער איז הילזאַן געוואָרן אויפפאַלנדיק סטאַשיאַס אָפטע אָוועקגיין, האָט זי איר פאַרגעוואָרפן צופיל עמ־פינדלעכקייט. אַזעלכע אייגנשאַפטן פּאַסן זיך נאָר פאַר ייִדן.

איין מאָל, ווען סטאַשיאַ איז געשטאַנען אין וואַשרוים ביים רייניקן די הענט נאָך דער אַרבעט, איז צו איר צוגעקומען איינער מיט אַ געלער לאַטע און געוואָלט וויסן וואָס איז געוואָרן מיט די ייִדן אין פּוילן. סטאַשיאַ האָט געענטפערט מיט איר „ניקס פאַר־שטיין" און יענער איז אַוועק. הילזאַ איז גלייך צוגעשטאַנען צו

סטאַשיאַן זי זאָל איר זאָגן וואָס דער יודע האָט פון איר פאַרלאַנגט. סטאַשיאַ האָט געהויבן מיט די אַקסלען: עפּעס האָט יענער געוואָלט זיך דערוויסן, אָבער זי האָט אים נישט גוט פאַרשטאַנען. הילזאַ האָט סטאַשיאַן געוואָרנט, זי זאָל זיך אויסהיטן פאַר די יידן, ווייל אין יעדער פאַבריק זענען פאַראַן אויגן וואָס כאַפּן אַלץ אויף.

יעדן טאָג האָט דער דייטש אויסגעטיילט פאַר די ייִדן אַקאָרד־אַרבעט. אויב ס׳איז געשען, אַז דער טראַנספּאָרט איז איבערגעטראָגן געוואָרן פאַר דער צייט, האָט מעכע געפונען אַ מיטל די ייִדן זאָלן נישט קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם: ער האָט באַפוילן צוריק אַראָפּ־צונעמען און ווידער אויפלאָדן אויף די לאַסטאויטאָס.

איין מאָל, ווען די פאַבריק איז געווען אין פולן גאַנג און מעכע איז געווען פאַרנומען מיט די ייִדן, איז פאַרפאָרן אַ לאַסטאויטאָ מיט עס־עס־לייט, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן שלאָגן די ייִדן, געשלעפּט זיי אין דרויסן און מיט די ביקסן־קאָלבעס געטריבן צו דער אַראָפּ־געלאָזטער קלאַפּע פונעם אויטאָ. ווען מעכע האָט זיך געבעטן ביי די זשאַנדאַרן, זיי זאָלן דערלויבן די ייִדן צו ענדיקן מיט די לעצטע פּעקלעך פונעם טראַנספּאָרט, האָט אַ זשאַנדאַר געוויזן אים אַ פּאַפּיר, אַז מען מוז תיכף אויספירן דעם באַפעל. אייגער פון די ייִדן האָט אין דעם טומל פאַרלוירן זיין פאָרטפעל און געוואָלט צוריקגיין, האָט דער זשאַנדאַר אים צוריקגעיאָגט שרייענדיק „בראַוכסט דאָס נישט מער!” הילזאַן איז נאָך דעם געוואָרן לאַנגווייליק ביי דער אַרבעט און סטאַשיאַן איז שווער געווען צו פאַרטרייבן פון זיך דאָס אומע־טיקע בילד.

אין דער אָפּטיילונג ווו סטאַשיאַ האָט געאַרבעט האָט מען גע־נוצט אַ סך שמאַטעס צום רייניקן און פוצן די קוגל־לאַגערן, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דער פאַבריק און זענען דערלאַנגט געוואָרן שמוציקע. די שמאַטעס זענען געווען פון אַלטע בגדים צעשניטענע אויף פירקאַנטיקע טיילן. איין מאָל, ווען סטאַשיאַ איז געקומען צו דער אַרבעט און צוגעגאַנגען פאַרנעמען איר פּלאַץ, האָט זי אויפן טיש געפונען אַ געלע לאַטע אין דער פאָרעם פון אַ

„מגן דוד". סטאַשיאַ האָט אָנגענומען מיט די פינגערשפּיצן די געלע לאַטע און געפרעגט הילזאַן, וואָס דאָס דאַרף באַדייטן. מיט אַ גראָב געלעכטער האָט הילזאַ איר אָנגעוויזן אויף אַ בלעכענע פּושקע לעבן איר, פול אָנגעשטאָפּט מיט די געלע לאַטעס.

הילזאַ האָט גערימט די קוואַליטעט פון די געלע לאַטעס. זיי האָבן שנעל איינגעזאַפּט די פייכטקייט און געמאַכט גלאַנציק די קיילעכלעך. אַחוץ דעם, האָט הילזאַ באַמערקט, קאָן דאָס אויך פאַר־גרעסערן די צאָל אַרבעט, אָבער דאָס, האָט זי געראָטן, דאַרף מען האַלטן בסוד, די אויפזעער זאָלן נישט פאַרלאַנגען נאָך מער. הילזאַ האָט סטאַשיאַן פאַרגעלייגט גיין נעמען פאַר זיך פון אָט די שמאַטקעס, ווייל דאָס פוילישע מיידל, וואָס האָט יעדן אינדערפרי דאָס דערלאַנגט, איז היינט נישט געווען ביי דער אַרבעט. סטאַשיאַ האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, זי האָט גענומען איר פּושקע און אַוועק צו די שמאַטקעס. דער דייטש האָט איר אָנגעוויזן דאָס אָרט מיט די איינ־געפּאַקטע באַלעמס. איינער פון זיי איז געשטאַנען אַן אָפענער און פון דאָרט האָט זיך אַרויסגעזען אַ געלע פאַרב. אַ רגע איז סטאַשיאַ געבליבן שטיין אַ פאַרשטייפטע. זי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ צום פּאַק געלע לאַטעס און מיט ציטערנדיקע הענט אָנגעכאַפּט די בלעך. הילזאַ האָט געוואַרט אויף איר צוריקקומען.

— וואָס דענקסטו, סטאַשיאַ, וואַר אין פוילן זאַ פיל יודען?

— וואַרום? — האָט סטאַשיאַ זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין איר פראַגע.

— איזט דאָך מיליאָנען אין דיזע געפעק...

הילזאַ איז געווען געשטימט צו פאַרפירן אַ געשפּרעך וועגן די געלע לאַטעס, אָבער צו סטאַשיאַס מזל איז אָנגעקומען דער אויפ־זעער און ביידע אויפמערקזאַם געמאַכט נישט צו רעדן אין דער צייט פון דער אַרבעט. הילזאַן האָט ער געוואָרנט נישט צו טרייבן קיין פּאָליטיק אין דער פאַבריק.

וואָכן האָבן זיך אַזוי געצויגן אין דער אומענדלעכער פּיין. טויזנטער געלע לאַטעס זענען אַריבער דורך סטאַשיאַס הענט, דער־

מאַנט איר אין היימיש־נאָענטע וואָס זי האָט זיי אויסגעמאָלן אין איר דמיון ביים טראָגן די אָפּצייכענונגען אויף דער ברוסט. סטאַשיאַן איז אויפגעקומען דאָס מוטיקע געשטאַלט פון איר מוטער רייזל. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער ליכטיקער טאָגשיין אויף דער גאַס, כדי נישט נעמען אויף זיך דעם שאַנדצייכן. באַגינען האָט סטאַשיאַ מיט קאַלט וואַסער פּאַרטריבן פון זיך די נאַכט־קאָשמאַרן און גע־וואַרט אויפן טאָג ווען זי וועט דערהערן אַז די געלע לאַטעס זענען שוין מער נישטאָ. אין יענער נאַכט האָט גערוט איבער איר אַ שטילע פרייד: געענדיקט מיט די געלע לאַטעס. אָבער מער ווי די איינציקע נאַכט האָט די רו נישט אָנגעהאַלטן.

אויף צו מאָרגנס האָט זי איר פּושקע געפונען אָנגעפילט מיט צעשניטענע שטיקלעך פון טליתים. הילזאַ האָט אין אָנהייב נישט קיין אַכט געלייגט מיט וואָס זי פּוצט די קוגל־לאַגערן. זי האָט זיך איינגעבויגן צו דער פּושקע אַרויסנעמען פון דאָרט עטלעכע שמאַטקעס זענען איין מאָל פון צווישן אירע פינגער נאָכגעהאַנגען ציצית. הילזאַ האָט דעם עק פון טלית אַ וויג געטאָן פאַר סטאַשיאַס אויגן און איר געפרעגט: „קוק מאָל, וואָס איזט דאָס?‟ סטאַשיאַ האָט אויף דעם געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין — זי ווייסט נישט. הילזאַ איז אָבער נייגעריק געווען צו וויסן וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס נאָכהענגענדיקע בינטל וואָלענע פעדעם, אַזוי שיין געפלאָכטן און געקניפּט צו דעם עק מיט די ווייס־שוואַרצע פּאַסן. אין סטאַשיאַן האָט זי אָבער נישט געפונען קיין אינטערעס פאַר דעם, האָט זי די ציצית אַ וואָרף געטאָן צו אַ פוילישע מיידל, די נאָענטסטע צו איר. אויך יענע האָט נישט געוווּסט וואָס דאָס איז, אָבער זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס מוז זיין עפּעס „פּאָ זשידאָך‟ (נאָך די יידן). סטאַשיאַ האָט הילזאַן איבערגעזעצט דאָס פוילישע וואָרט, אָבער זי האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דער אויפקלערונג. סטאַשיאַ האָט געטאָן איר אַרבעט און מיט זייטיקע בליקן געקוקט, ווי די ציצית טראָגן זיך איבער צווישן די פוילישע מיידלעך פון האַנט צו האַנט. הילזאַ האָט שוין

כמעט געהאַט פאַרגעסן אין דער אַטראַקציע, ווען זי דערהערט נישט די הייזעריקע שטימע פונעם דייטשישן אויפזעער:

— ווער האָט דיזן דינקס געשמיסן??!

מיט דער זעלבער פראַגע האָט מעכע זיך געווענדט צו אַלע פּוילישע מיידלעך, ביז ער האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן דער דייטשקע. הילזאַ האָט נישט געלייקנט. זי האָט זיך פאַרטיידיקט דערמיט וואָס זי האָט דעם „דינקס״ געוויזן נאָר סטאַשיאַן און יאַדוויגאַן, מער איז עס איר נישט אָנגעגאַנגען. מעכע האָט זיך נישט באַרויקט מיט הייזלאַס ענטפער און געשריגן מיט זיין אָנגעדראָלענעם האַלדז:

— קוק מאָל דיזע אונאָרדענונג ביי דער אַרבייט!

אַ בייזער איז מעכע אַוועק מיט הינקענדיקע טריט צו דעם אָרט וווּ פּוילישע מיידלעך זענען געשטאַנען ביי טישן מיט אויס־געלייגטע טליתים, וואָס זיי האָבן געשניטן מיט שערן. מעכע האָט אָבסערווירט זייער אַרבעט און נישט געקאָנט באַהערשן זיין אויפ־רעגונג:

— שמייסט וועק דיזע שווענץ, דאָס גיבט קיינע נוצן!

נאָך דער אַרבעט האָבן די מיידלעך דערציילט אין באַראַק, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער פאַבריק מיט די צעשניטענע טליתים. דאָס האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ שמועס וועגן ייִדן. יאַנקאַ האָט פאָרגעשטעלט ווי אַזוי זייער ייִדישער שכן פלעגט זיך איינהילן מיט דעם ווייסן ליילעך אַזש ביז איבערן פּנים און זי האָט דערביי זיך צעשאָקלט, ווי דער ייִד ביים דאַווענען. אַלע אַרום איר האָבן געלאַכט.

יאַדוויגאַ האָט באַלד געוווּסט דעם סוד פאַר וואָס די ייִדן האָבן מיטן טלית פאַרדעקט דאָס פּנים: כדי נישט אָנצוקוקן אַ גוי. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז דער טלית איז ביי ייִדן אַזוי שטאַרק פאַר־הייליקט, אַז זיי לאָזן זיך אַפילו דערמיט קובר זיין.

פראַנקאַ, וואָס האָט אין דער פאַבריק געשניטן די טליתים, האָט געזאָגט, אַז דאָס זעט איר אויס צו זיין ריכטיק. ביים צע־

שפּרייטן די טליתים אויפן טיש האָט זי אָנגעטראָפן אַ סך פון זיי מיט געדרוקטע ייִדישע אותיות.

די גראָבע אַנדזשאַ האָט דערציילט וועגן דעם טאָג ווען מ׳האָט פאַרטריבן זייער ייִדישן שכן אין דאָרף. זענען זיי אַריין אין דער פאַרלאָזטער שטוב און אַלץ פון דאָרט אַרויסגעטראָגן און בלויז אַ פּאָר טליתים האָבן זיי איבערגעלאָזט. קיינעם פון איר משפּחה איז נישט איינגעפאַלן, אַז מען קאָן פון דעם עפּעס מאַכן. נאָר די דייטשן, האָט זי געזאָגט מיט קנאה, ווייסן ווי אַזוי אויסצונוצן די זאַכן נאָך די ייִדן. אַפילו די געלע לאַטעס האָבן זיי איבערגעשיקט קיין דייטשלאַנד אין די פאַבריקן...

אין יענער נאַכט איז סטאַשיאַ געלעגן אַ שלאָפלאָזע. פאַר אירע פאַרמאַכטע אויגן האָט זיך געוויגט דאָס געשטאַלט פון איר פאָטער, אברהם הערש, איינגעהילט אין טלית.

קאַפּיטל ניינצן

אַ גוטער גוי אין וואַלד

אויף זאַמדיקער ערד, וווּ מען האָט קיין גרעזל אַרום די כאַטעס נישט געזען, איז געלעגן צעוואָרפן דאָס דאָרף קאַמיענטשיק. פון איין זייט, כּמעט הינטער די ווענט, האָט טאָג און נאַכט גערוישט דאָס וואַסער פון בוג, און פון פאָרנט, אַנטקעגן די פענצטער־לעכער, האָט געשטאַנען דער וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן ווייט־ווייט, אָן אַ סוף.

אָרעמע פּויערים האָבן געלעבט אין דעם דאָרף קאַמיענטשיק. זיי האָט געפעלט די שוואַרצע ערד, וואָס האָט מיט זאַטקייט געשפּייזט די פּויערים דאָרט, פון דער צווייטער זייט וואַלד. פון די זאַמדיקע פעלדער ביים בוג האָבן די פּויערים געהאַט צו פירן אַן אָרעם לעבן, אַזוי ווי זייערע אבות, פון ווענען זיי האָבן געירשנט די דאָזיקע ערד.

די איינוווינער פונעם דאָרף האָבן דערציילט, אַז אויף דעם אָרט האָבן מיט אַ סך יאָרן צוריק זיך אָפּגעשטעלט וואַנדערנדיקע פישערס, דאָ אויפגעשטעלט אַ ישוב און געלעבט פון פישפאַנג, פון וואַלדגעוויקסן און אויך פון גנבות און רויב איבער די פאַרמעגלעכע פּויערים פון יענער זייט וואַלד.

די פּויערים פון דער אַרומיקער געגנט האָבן זינט לאַנגע צייטן זיך אַרומגעטראָגן מיט שנאה צו די איינוווינער פון דעם דאָרף, געקוקט אויף זיי ווי אַנגעלאָפענע פון אַ פרעמדער וועלט. זיי האָבן נישט געוואָלט האָבן קיין באַציִונגען מיט זיי, פאַרטריבן זיי פון זייערע הוליאַנקעס און געקוקט מיט שפּאָט אויף די שלעפּערס מיט די נאָס־פאַרבויגענע הויזן ביז איבער די קני׳ען אויף זייערע קאָל־

טענעוואַטע קעפּ און אָפּגעברענטע לייבער פון די גראָבע העמדער אַרויס. בלויז דאַן ווען מ׳איז אָנגעפּאָרן מיט אָנגעלאָדענע וועגענער זיך איבערצושיפּן דעם בוג, האָט מען נישט געקאָנט אויסמיידן די פישערס מיט די טונקלהויטיקע פּנימער און העלע אויגן, אין וועלכע עס האָבן זיך געשפּיגלט די וואַסערן פון בוג.

זינט דעם טאָג ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלטקריג האָט דער טייך געדינט נאָר פּאָר מיליטערישע טראַנספּאָרטן און פּאָר געהיימען שמוגל. דער פישפאַנג איז אונטערגעגאַנגען. די פּויערים האָבן געמוזט זוכן זייער חיונה אויף די מאָגערע פעלדער, ווו דער קאָרן איז געוואַקסן מיט האַלב־ליידיקע זאַנגען, ביי וואַלד־אַרבעט, און אַז דאָס מזל האָט צוגעשפּילט — אויך ביי גנבות. האָט געפעלט ערגעץ אַ קו אָדער אַ שעפּס, האָבן די פּויערים באַלד זיך געריסן צו דעם דאָרף אויף די זאַמדן. אָבער איידער די רייטער זענען אָנגעלאָפן, איז די גנבה שוין געווען אויף יענער זייט בוג.

די ייִדן אין וואַלד האָבן שטאַרק זיך אויסגעהיטן פאַר די קאַמיענטשיקער גויִים. זיי האָבן יענע באַרוועסע פּויערים געהאַלטן פאַר רויבער, וואָס קאָנען זיך וואַרפן אויף זייער נאַקעט לעבן. אין זייערע וואַנדערונגען האָבן די ייִדן געוווּסט, ווי אַזוי אויסצומיידן די וועגן, וואָס האָבן געפירט צו דעם דאָרף.

אין וואַלד איז איין מאָל יאַנקלען אַנטקעגנגעקומען אַ סטאַדע שעפּסן. אין דער זייט איז נאָכגעלאָפן אַ פאַרסאַפּעטער הונט. יאַנקל האָט זיך געשטעלט אונטער אַ בוים און געוואַרט די סטאַדע זאָל אַדורך. יאַנקל האָט מורא געהאַט צו אַנטלויפן צוליבן הונט מיט דער צונג אין דרויסן. ער איז געשטאַנען מיט וואַכע אויגן ביז צווישן די ביימער האָט ער דערזען אַ נידעריקע געשטאַלט, וואָס האָט זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג ווו יאַנקל איז געשטאַנען. אינעם ערשטן אויגנבליק האָט ער געמיינט, אַז עס גייט אים אַנטקעגן אַ יונגער פאַסטעך מיט אַ לאַנגער טאַרבע ביז די טריט. דערזען האָט ער אָבער אַ נידעריק גויעלע מיט שפּיציק פאַרדרייטע וואָנצעס. ער איז געגאַנגען, ווי אויף אַ שפּאַציר, מיט רויִקע טריטלעך.

אַ לאַנגע בייטש פון אונטער זיין אָרעם האָט זיך נאָכגעשלעפּט אויף דער הוייכער ערד. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די בליקן. דער פּאַסטעך האָט תיכף פאַרשטאַנען וועמען ער האָט פאַר זיך, האָט ער יאַנקלען באַרויקט:

— שרעק זיך נישט, זשידעק, איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן.

— איר זעט טאַקע אויס צו זיין אַ גוטער מענטש.

— זעץ דיך לעבן מיר — האָט דער פּאַסטעך רויק געזאָגט.

יאַנקל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און געקוקט אויף דעם שפּיץ ברויט, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון פּאַסטעכס טאָרבע.

— ביסט הונגעריק? — האָט דער פּאַסטעך געפרעגט.

— שטאַרק הונגעריק.

דער פּאַסטעך האָט אָפּגעריסן אַ שטיק פון זיין ברויט און געזאָגט:

— נעם עס!

יאַנקל איז געזעסן און פון ציטערנדיקע הענט געביסן דאָס ברויט. דער פּאַסטעך האָט אויף אים געקוקט און געשאָקלט מיט זיין באַוואָקסענעם קאָפּ:

— אַ פּאַסקודנע וועלט געוואָרן — אומצובערענגען מענטשן...

— ווער זענט איר? דאָס ערשטע מאָל הער איך אין וואַלד רעדן צו מיר אַזעלכע ווערטער. ווי אַזוי רופט מען אייך?

דער פּאַסטעך האָט זיך צעלאַכט:

— ווער קען נישט דאָ אין וואַלד זאַלעסקי דעם פּאַסטעך?

— וועמען זאָל איך פרעגן? איך האָב מורא פאַר מענטשן.

— פון וואָס לעבסטו, זשידעק?

— ווען קיינער זעט נישט, העלפן מיר גוטע מענטשן.

— ווי גאָט איז מיר ליב, איך וועל דיר אויך העלפן!

די סטאַדע שעפּסן איז אַריין טיפער אין וואַלד; מ'האָט זיי מער נישט אַרויסגעזען פון צווישן די ביימער. זאַלעסקי האָט אַ פייף געטאָן און דער געלער הונט איז צוגעפאַלן צו זיינע פיס און

געדרייט מיטן ווידל. ער האָט אים געשיקט פּאָרויס און צו יאַנקלען האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן קאַלטענוואַטן קאָפּ:

— קום, זשידעק.

יאַנקל איז נאָכגעגאַנגען דעם פּאַסטעך, אין אים איז אויפ־געקומען אַ חשד און פּחד פאַר דעם באַוואַקסענעם מענטש, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַ גוטער און דאָך פאַרדעכטיקט צוליב זיינע זייטיקע בליקן צו אים.

זאַלעסקי האָט אַ פיר געטאָן די בייטש אין אַ בויגן מיט אַ געשריי „נעם זי!" דער הונט האָט אַ שפּרונג געטאָן פאָרויס, זיך אַריינגעריסן צווישן די שעפּסן און איינער פאַריאָגט אין אַ זייט. זאַלעסקי האָט דעם שעפּס פאַרנאַרט צו זיך מיט אַ טעפּל אין דער האַנט.

— טרינק, זשידעק.

יאַנקל האָט זיך מחיה־נפש געווען מיטן ביסל מילך און גע־בענטשט דעם פּאַסטעך:

— זאָל אייך גאָט באַצאָלן.

— גיי נאָך נישט אַוועק, זשידעק.

— רופט מיר ביי מיין נאָמען.

דער פּאַסטעך האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— וועמענס קאָפּ איז היינט צו געדענקען אַ ייד ביים נאָמען?

יאַנקל האָט געזאָגט זיין נאָמען און פון וואַנען ער שטאַמט. דער פּאַסטעך איז צו אים צוגעגאַנגען און אַרויפגעלייגט גוטברו־דעריש די האַנט אויפן אַקסל:

— ביסטו דאָך אַ נאָענטער שכן! מ׳גייט אויס דעם וואַלד אין דער ברייט, און לאַזעווע איז אויף דער האַנט. אַנו, יאַ־נק־על, בלייב נאָך איבער מיט מיר, דער טאָג איז גרויס.

ווידער האָבן ביידע זיך אַוועקגעזעצט. דער פּאַסטעך האָט אויפגעשאַקלט דאָס זעקעלע מיט מאַכאָרקע און פאַרדרייט אַ גראָבן פּאַפּיראָס. בלאָזנדיק דעם רויך, האָט ער דערמאָנט דאָס דאָרף לאַזעווע מיט אַ פאַרקרימט פּנים, אַזש די וואָנצעס האָבן ביי אים זיך

פּאַרריסן. די מענטשן פון דעם דאָרף, האָט ער געזאָגט, זענען ביטער־שלעכטע. זיי זענען רייך מיט ערד און בהמות, אָבער איינער דעם צווייטן וואָלט צוליב אַ מעטער ערד דעם קאָפּ אַראָפּגעשניטן, נישט ווי זיינע דאָרפסלייט, וואָס לעבן צווישן זיך בשלום. נישטאָ דאָרט איבער וואָס זיך צו קריגן — נישט צוליב דעם זאַמדיקן שטיקל ערד און אויך נישט צוליב די פּאָרביימער אין וואַלד. די וואַסערן פון בוג זענען שטענדיק געשטאַנען אָפּן פאַר יעדן ווער ס'האָט נאָר געוואָלט אַריין אין דער לאַדקע און טריקענען דערנאָך דאָס נאַסע אָנטועכץ איבער די אָנגעגליטע ליימענע אויוונס. אַזוי האָט מען אין דאָרף געלעבט ביז ערב דער מלחמה. זיינע דאָרפסלייט האָבן פאַרגעפילט, אַז עס קומט פאַר אין דער ווייטער וועלט. זיי האָבן מיט אומרו געקוקט צום וואַלד, צו די אָפענע וואַסערן פונעם בוג, ביז אין איינער אַ נאַכט זענען זיי אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אומבאַקאַנטע גערוישן און ווייטע פאַרטויבטע דונערן.

זאַלעסקי האָט מיט זיין רעדן זיך פאַרהיימישט מיט יאַנקלען. בעת ער האָט געדאַרפט זיך דערנעענטערן צו די שעפּסן, האָט ער יאַנקלען נישט אָפּגעלאָזט. אויך דער געלער הונט האָט אויף יאַנקלען אָנגעהויבן קוקן, ווי אויף אַ היימישן.

— פון וואָס זשע לעבן איצט אייערע שכנים?

דער פּאַסטעך האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל:

— גאָט פאַרלאָזט נישט די אָרעמע...

דער פּאַסטעך האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן יענע טעג אין דאָרף ווען ס'איז געגאַנגען דער שמוגל קיין וואַרשע. ווער ס'האָט נאָר געהאַט אַ האַנט מיט אַ פוס, האָט זיך געלאָזט מיט פּעק אין דער גרויסער שטאָט אַריין. דאָרט איז אַלץ פאַרקויפט געוואָרן מיט גוטע פאַרדינסטן. איז איינער אַריינגעפאַלן מיט זיין שמוגל, האָבן אַנדערע פון דער משפּחה מצליח געווען. כלאָפּעס האָבן פאַרדינט; ס'איז געווען פאַר וואָס צו קויפן אויך אַ פלעשל בראָנפן.

— און איר האָט געהאַט מזל ביים שמוגל?

— זעסטו, דו האָסט אַריינגעהאַקט אַ ריכטיקע פראַגע! איז דען

אַ פּאַסטעך פּעיִק צו פירן אַזאַ האַנדל? מיין טאַטע איז געווען אַ שעפסן־טרייבער, האָט ער די ירושה געלאָזן פאַר מיר.

— זענען אייערע דאָרפישע נישט געווען קיין נאַראָנים.

— נאָך ווי! ווען מ׳האָט די יידן פאַרטריבן אין די געטאָס האָבן זיי אויפגעהערט פאָרן מיט דער באַן קיין וואַרשע, נאָר געלאָזט זיך אין די שטעטלעך מיט קוישן שפּייז. דאָס דאָרפישע יונגוואַרג האָט זיך אויסגעסטרויעט אין שיינע אָנצוגן מיט קיילעכדיקע טיפע היטלען אָן דאַשקעס.

דער פּאַסטעך האָט געצויגן דעם פּאַפּיראָס צוזאַמען מיט זיינע רייד:

— אַ מזל פון כלאָפּעס! אין דאָרף האָט מען זיך דערוווסט, אַז אויף דער באַן־סטאַנציע אין קאַסאָווע שטעלן זיך אָפּ לאַנגע צוגן מיט יידן. פאַר אַ שלונג וואַסער זענען זיי גרייט אַ מאַיאָנטעק אַוועק־צוגעבן. נו, וואָס מיינסטו, האָבן די כלאָפּעס געטאָן? זיי האָבן פאַר־קאָרקעוועט פלעשלעך מיט וואַסער און זיך אַוועקגעשטעלט דערמיט אויף דער סטאַציע. ווער עס האָט זיי צוגעוואָרפן אַ גוטע זאַך, האָט באַקומען אַ פלעשל וואַסער. זאָג, איז עס נישט קיין געלעכטער? פון אַ ביסל וואַסער מאַכן אַ פאַרמעגן...

— אייערע דאָרפישע האָבן נישט מער קיין זאָרג פאַר פרנסה.

דער פּאַסטעך האָט זיך געשאָקלט פון געלעכטער:

— רייך געוואָרן? אָבער מ׳לאָזט זיי נישט רויִק לעבן. אין דאָרף קומען באַנדיטן און רויבן אַוועק אַלץ וואָס עס לאָזט זיך. מען האַלט, אַז דאָס האָט דער גנב באַנדעראַ געמאַכט אַזאַ באַנדע. ער האַלט אין שרעק דאָס גאַנצע דאָרף. די פּויערים מיידן אים אויס, זיי האָבן מורא פאַר זיין געשטופּלט פּנים, פאַר זיינע גרויסע אויערן. זיי האָבן געוואָלט ביי אים זיך אויסקויפן, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. ער האָט פאַר קיינעם נישט קיין מורא.

— און איר האָט נישט קיין מורא פאַר אים?

זאַלעסקי האָט פאַרריסן דאָס פּנים און זיך געגרויסט:

— מיט מיר איז ער אַן אייגענער. ער זאָגט, אַז ער איז מיין

ברודער, מיין חבר. ער איז מיר אַריינגעקראָכן אין די נשמה. מיט זיסע רייד האָט ער געוואָלט זיך דערוויסן פון מיר וועגן פון די כלאָפּעס עס האָט געמאַכט אַ גרעסער פאַרמעגן. אָבער ער האָט געזען, אַז איך פּאַשע שעפּסן, נו האָב איך אַ שעפּסענעם קאָפּ. ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ פאַרחידושטער, ווי ער וואָלט מיך דאָס ערשטע מאָל געזען און געלאַכט פון מיר.

— קומט ער אויך אין וואַלד אַריין? — האָט יאַנקל געפרעגט.

— יאָ, ער קומט. דער גנב מיינט, אַז איך בין בלינד, אַז איך האָב נישט געזען, ווו ער האָט באַגראָבן זיינע גניבות אין וואַלד. אַי, ווייס איך, אָבער איך מוז האַלטן פאַרמאַכט דאָס מויל.

אַ פאַרבלאָנדזשעטער שעפּס האָט זיך צעמעקעט. דער פּאַסטעך איז אויפגעשפּרונגען, אַ בלאָז געטאָן מיטן פייפל. דער הונט האָט פאַרשטאַנען וואָס דער פּאַסטעך מיינט מיט זיין אויסגעצויגענער בייטש, איז ער זיך צעשפּרונגען איבער די קוסטעס און דעם שעפּס פאַריאָגט צוריק צו דער סטאַדע.

זאַלעסקי מיט יאַנקלען האָבן זיך איבערגעטראָגן נענטער צו דער סטאַדע. די שעפּסן האָבן זיך פאַרהאַלטן אין אַ יונג וועלדל מיט געדיכטע גראָזן.ביידע האָבן פאַרלייגט אַ פּייער. דער פּאַסטעך האָט פון זיין טאָרבע אַרויסגעצויגן אַ פיש, געמאַכט אים גרייט צום בראָטן, זיי האָבן אויך אָנגעמאָלקן אַ טעפּל מילך, און ווען די זון האָט זיך געשטעלט אין דער מיט פון הימל, האָבן זיי צוזאַמען געגעסן מיטאָג.

נאָכן עסן האָט דער פּאַסטעך זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. פון זיינע שטיוול־כאַלעוועס האָט ער אַרויסגעצויגן אַ לאַנג פייפל. ער האָט דאָס פריִער אויספּרובירט מיט שפּרינגענדיקע פינגער און דאַן געוויגט זיין קאָפּ צום ריטעם פון די מאָנאָטאָנע טענער. דער הונט איז געלעגן אַן אויסגעצויגענער אויפן בויך מיט פאַרמאַכטע אויגן און געאָטעמט מיט דער צונג אין דרויסן. און יאַנקל איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער, געקוקט אויף דעם איינגעדרעמלטן הונט און אים מקנא געווען, וואָס ער, דער הונט, שלאָפט אָן שרעק און

ער האָט אַ היים. דער פֿאַסטעך האָט אויסגעטרייסלט זיין פייפל און אַרומגעווישט די פייכטקייט. אַז עס האָבן אַרויסגעקוקט זיינע געלע ציין פון מויל, האָט יאַנקל פאַרשטאַנען, אַז ער גייט עפּעס זאָגן:

— פאַר וואָס זיצסטו מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ? האָסט מורא אַז באַנדעראַ וועט קומען אין וואַלד? נישט בלויז דו, דאָס גאַנצע דאָרף האָט פאַר אים מורא. אָבער נישט לאַנג וועט עס דויערן. זיי וועלן דעם באַנדיט מיט קאָסעס צעשניידן און זיינע שטיקער אַריינשליידערן אין בוג. ווי גאָט איז מיר ליב! איך דערקען דאָס אויף די כלאָפּעס. זיי וואָלטן אים שוין געהאַט פאַרטיק געמאַכט, אָבער פּלוצלונג איז ער פאַרשוווּנדן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אַנטלאָפן פון דאָרף. נישט לאַנג האָט געדויערט און דער פויגל האָט זיך ווידער באַוויזן, אַן אויסגעפּוצטער אין געפּרעסטע הויזן מיט אַ קאַנט, מיט גלאַנציקע שיך און גאָלדענע רייפלעך אויף די לאַפּעס. אַלע האָבן אים נאָכגעקוקט און מורא געהאַט אַרויסצורעדן מיט אים אַ וואָרט, אָבער קאָמיענטשיקער פויערים האָבן אויערן און נעז. באַלד האָבן זיי אויסגעשמעקט זיינע וועגן. ווייסטו ווו דער סקורווייסין איז פאַרקראָכן? אַזש קיין טרעבלינקע. ער האָט דאָרט געפירט אַ האַנדל מיט די אוקראַינער, וואָס האָבן געוואַכט איבער די געבראַכטע וואַגאָנען מיט ייִדן...

— הערט מען עפּעס אין דאָרף וועגן טרעבלינקע?

דערהערנדיק יאַנקלס פראַגע האָט דער פאַסטעך זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ:

— זאָל גאָט אָפּהיטן וואָס מען דערציילט זיך אַלץ אַן פון דאָרט! די געשרייען הערט מען אַזש טיף אין די וועלדער. אַ ריח פון געסמאַליעטע לייבער פילט מען קילאָמעטער אַרום אויף די פעלדער. בערגער, גאַנצע בערגער מיט גאָלד, וואַלגערן זיך דאָרט הינטער די דראָטן... און באַנדעראַס גנבישע הענט האָבן אויך אַהין דערגרייכט...

יאַנקל האָט דערפילט אַן ענגשאַפט אין האַלדז. ער האָט געוואָלט

נאָך עפּעס פרעגן, אָבער זיין שטים האָט זיך פאַרהאַקט. מיט איין מאָל איז שטיל געוואָרן. אַלע רייד פונעם פאַסטעך זענען, ווי פאַר־גליווערטע, געהאָנגען אַנטקעגן זיינע אויגן.

קאַפּיטל צוואַנציק

פּאַסכאַ אין לאַגער

אויף אַ שפּאַציר האָבן סטאַשיאַ און זאָשיאַ אַרומגערעדט און באַשטעטיקט דעם אינהאַלט פון די בריוו, וואָס זיי האָבן צווישן זיך באַשטימט צו שרייבן איינע צו דער צווייטער. נאָך דער אַרבעט איז זאָשיאַ אַרויסגעפאָרן קיין בערלין צו דער פּאָסט און דאָרט באַלייגט צוויי בריוו, איינער אַדרעסירט צו סטאַשיאַן, דער צווייטער צו זאָשיאַן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט קאַזשאַ צו וויסן געטאָן סטאַשיאַן, אַז עס איז פאַראַן פאַר איר אַ בריוו. סטאַשיאַ איז אַוועק אין דער פּאָסט־אָפּטיילונג. דאָרט זענען געשטאַנען נאָך מיידלעך, וואָס האָבן געהאַט צו דערליידיקן זייערע ענינים. סטאַשיאַ האָט פאַר אַלעמען געעפנט דעם בריוו און זיך אַוועקגעשטעלט לייענען. אירע נייגעריקע אויגן האָט זי געפירט איבערן בייגעלע פּאַפּיר. זי האָט געטאָן אַ לייכטן שמייכל און באַלד, ווען אירע אויגן האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אויף אַן אַנדער אָרט, האָבן זיך אירע ליפּן איינגעצויגן. ווען זי האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו האָט סטאַשיאַ אויסגעזען אַ פאַרזאָרגטע.

— סטאַשיאַ, ווייזט אויס, אַז דו ביסט נישט איבעריק צופרידן מיטן בריוו.

— מאָדנע, — האָט סטאַשיאַ געזאָגט מיט אַ פאַרדראָסיקן טאָן — נישט געלייענט, און ווייסט שוין וואָס אין בריוו איז געשריבן.

קאַזשאַ, מיט אַ שמייכעלע:

— איך האָב געלייענט דיין פּנים...

— נאָך וואָס דאַרפסטו זיך לערנען טרעפן? מיר וועלן שפּעטער צוזאַמען לייענען דעם בריוו.

ביים אַרויסגיין האָט קאַזשאַ צוריקגערופן סטאַשיאַן:

— אָט איז אויך אַ בריוו פֿאַר זאָשיאַן, נעם אים מיט...

אין באַראַק האָט זאָשיאַ אַ שפּרונג געטאָן פון פרייד ווען סטאַשיאַ האָט איר דערלאַנגט דעם בריוו.

— ענדלעך, ענדלעך! שוין נישט געוווסט וואָס צו קלערן. די כאָלערע פוילט זיך אָנצושרייבן אַ פּאָר ווערטער.

אָנגעשפּאַרט אין בעט האָט זאָשיאַ געעפנט דעם בריוו און באַלד ביי די ערשטע שורות איז איר פרייד ווי דערשטיקט געוואָרן אין האַלדז. זי האָט איבערגעריסן דאָס לייענען.

— זאָשקאַ, וואָס איז געשען? — האָט סטאַשיאַ געפרעגט.

די מיידלעך אַרום זענען געוואָרן נייגעריק ווען זאָשיאַ האָט מיט צעשראָקענע אויגן דערלאַנגט סטאַשיאַן דעם בריוו:

— נאַ, לייען, וועסטו וויסן ...

סטאַשיאַ האָט אָנגעהויבן לייענען די ערשטע שורות:

„טייערע קאָלעזשאַנקע זאָשיאַ, ליידער מוז איך דיר צו וויסן טאָן, אַז אַנדזשעלאַ איז טראַגיש אומגעקומען אין דער פאַבריק ווו זי האָט געאַרבעט. נעכטן איז געווען איר פּאַגזשעב. מיר האָבן אויף איר קבר אַוועקגעלייגט אַ קראַנץ פון די בלומען, וואָס וואַקסן הינטער אונדזער פענצטער אין לאַגער"...

— דאָס איז די אַנדזשעלאַ, וואָס ביסט מיט איר געגאַנגען אין שול?

זאָשיאַ האָט געשאָקלט דעם קאָפּ אויף יאָ.

ווייטער האָט סטאַשיאַ נישט געוואָלט לייענען. זי האָט צוריק־געגעבן זאָשיאַן דעם בריוו און איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. סטאַשיאַ איז אַוועק צו איר אָרט, אָבער די חברטעס זענען נאָך געבליבן שטיין לעבן זאָשיאַן, איבערגענומענע פון איר זאָרג.

— ווער איז די, וואָס שרייבט דיר דעם בריוו? — האָט איינע פון די מיידלעך געפרעגט.

— אַ באַקאַנטע פון וועג קיין דייטשלאַנד.

— פאַר וואָס זענט איר נישט געקומען אַהער צוזאַמען?

— רעדסט נאַרישקייטן — האָט זאָשיאַ געענטפערט — מיר זענען נישט אין דער זעלבער צייט אַוועק פון דער היים.

— טשעקאַווע, ווי אַזוי האָט איר זיך ביידע אָפּגעפונען?

זאָשיאַ, שפּילענדיק זיך מיטן בריוו אין די הענט:

— פון דער היים האָט זי זיך דערוווּסט מיין אַדרעס.

געניאַ, זאָשיאַס נאָענטסטע שכנה פון דער צווייטער העלפט שאַפּקע, האָט אַראָפּגערעדט פון איר בעט:

— פון דער היים באַקומסטו דאָך גאָרנישט, נישט קיין פּעקל און נישט קיין בריוו.

זאָשיאַ, אַ געטראָפענע פון די רייד:

— דו דאָרפישע שקאָפּע! האָסט דאָס זעלבע גרויסע מויל צום רעדן ווי צום פרעס! דו גרויסט זיך מיט דיין פולער שאַפּקע. האָסטו שוין וועמען פון די מיידלעך, וואָס באַקומען אויך גאָרנישט געשיקט פון דער היים, עפּעס פאָרגעלייגט צו פאַרזוכן? קאָנסט נאָך אויך האָבן דעם זעלבן סוף ווי אַנדזשעלאַ...

— ריכטיק! ריכטיק! זאָג אַריין דעם גראָבן שטיק!

זאָשיאַ האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די מיידלעך:

— די גראָבע האָט מזל וואָס זי וווינט מיט אונדז. אין אַן אַנדער באַראַק וואָלט מען איר צעשלעפּט די זאַכן.

אַריינגעקומען אין באַראַק, האָט קאַזשאַ זיך אַרומגעקוקט. ס'איז געווען צו דערקענען, אַז זי האָט עמעצן געזוכט. איר בליק איז געפאַלן אויף סטאַשיאַס אויבערשט בעט:

— פוילע קאַץ! אין דרויסן איז נאָך ליכטיק און דו שלאָפסט שוין?

סטאַשיאַ האָט זיך אומגעדרייט מיט אַ וואַך פּנים און קאַזשאַן געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— דאָס בעט איז נאָר צום שלאָפן?

— איך זע שוין אַז דער בריוו האָט דיך צעשרויפט. דריי זיך אויס צוריק מיטן הינטן צום באַראַק. איך גיי זיך אַרומוואַשן.

— קאַזשאַ, איך וויל מיט דיר רעדן, און דו שיקסט מיך שלאָפן.

— איך קום באַלד צוריק.

קאַזשאַ איז צוריקגעקומען און נאָך געהאַלטן אין פלעכטן דעם בלאָנדן צאָפּ פאַרוואָרפן אויף פאָרנט איבערן אַקסל. מיט אַ דין בענדעלע האָט זי פאַרוויקלט דעם עק.

סטאַשיאַ האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו קאַזשאַן און גע־האָלפן איר זיך אַרויפדראַפּען צום אויבערשטן בעט. סטאַשיאַ איז געבליבן זיצן, אָבער קאַזשאַ האָט דווקא געוואָלט זיך אַוועקלייגן. אַן אויסגעצויגענע, האָט קאַזשאַ געזאָגט, שטייט נישט פאַר איר פּנים דער אָפענער באַראַק מיט די נאַקעטע טישן אַנטקעגן די דריישטאָקיקע בעטן, וואָס דערמאָנען איר די טורמע, וווּ זי איז מער ווי אַ חודש געווען פאַרשפּאַרט.

סטאַשיאַ האָט זיך פאַרוווּנדערט:

— דאָס האָסטו מיר גאָרנישט דערציילט.

— מיינסט אַז דו ווייסט שוין אַלץ וועגן מיר?

— דערצייל זשע מיר...

— איך בעט דיך, סטאַשיאַ, לאָז מיך רויִק ליגן. איך וויל בעסער הערן דעם בריוו.

סטאַשיאַ האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש דעם בריוו און אַ העלפט פון אים איינגעבויגן. דער אָנהייב, האָט זי געזאָגט קאַזשיאַן, איז נאָר וועגן פאַמיליע־ענינים, וועגן אירע עלטערנס איבערציִען זיך פון דאָרף אין שטאָט אַריין. סטאַשיאַ האָט דער עיקר פאַרגעלייענט וועגן לודוויגן, וועמען זי האָט איבערגעלאָזן אין דאָרף און ער האָט אי־בערגעריסן די קאָרעספּאָנדענץ מיט איר. ערשט פון דעם בריוו איז סטאַשיאַ דערגאַנגען, אַז שולדיק אין דעם איז נישט קיין אַנדערע, נאָר איר שול־חברטע אַנדזשיאַ.

קאַזשאַ איז געלעגן מיט די הענט אונטערן קאָפּ און די אויגן פאַרמאַכט. איצט האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן ווי אַן איבערגעוועקטע פון שלאָף:

— ביסטו טאַקע אַזוי נאַיוו, סטאַשיאַ? איך זע, אַז דאָס איז דיין ערשטע ליבע.

— איך וואָס דערקענסטו דאָס?

קאַזשאַ האָט זיך אויפגעזעצט:

— זאָג מיר, דיין חברטע אַנדזשיאַ איז אַ רייכע טאָכטער?

— געוויס, איר פאָטער האָט אַ סך מאַרגעס פעלד.

— און לודוויג, פאַרשטיי איך, איז אויך נישט קיין אָרעמער.

— יאָ... אמת...

— האָסטו זיך איינגערעדט, אַז אַ רייכער זון וועט חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ טראַמוויי־אָנגעשטעלטן? אויב יאָ, קענסטו נאָך נישט די יונגלעך...

קאַזשאַ איז געוואָרן באַרעדעוודיק און דערציילט וועגן איר אינטים לעבן מיט פאַרשידענע טיפּן מענער. כאָטש מיט אַנדערע כאַראַקטערן, האָבן אַלע ביי איר געהאַט איין פּנים. אַן אויסנאַם האָט זי געמאַכט פאַר דעם לעצטן מיטן נאָמען קאַזשיק. דאָס אַליין וואָס ביידע האָבן זיי געטראָגן דעם זעלבן נאָמען האָט אים מיט עפּעס אויסגעצייכנט. זי האָט זיך אַנטוישט אויך אין אים. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פּשוט פאַר אַן אַלפאָנס און זי האָט אים דערפאַר אָפּגעצאָלט מיט אַ צעבראָכענע פלאַש איבער זיין קאָפּ.

— דערפאַר אפשר ביסטו געזעסן אין טורמע? — האָט סטאַשיאַ געפרעגט.

— יאָ, טאַקע פאַר דעם — האָט קאַזשאַ באַשטעטיקט — דער אויסוואורף האָט זיך פאַרקלאָגט אין דער פּאָליציי, אַז איך האָב געוואָלט אים דערהרגענען. ערשט ווען זיי האָבן זיך דערוווסט וועגן זיין פּראָפעסיע בין איך באַפרייט געוואָרן. איצט, סטאַשיאַ פאַרשטייסטו שוין, ווי אַזוי מען קאָן האָבן צוטרוי צו די מענער.

סטאַשיאַ האָט קאַזשאַן געדאַנקט:

— טייערע, ביסט נאָך יונג און שוין אַזוי פיל אַדורכגעגאַנגען. ווי גאָט איז מיר ליב, דיינע רייד האָבן מיר אַ סך לייכטער געמאַכט אויף דער נשמה...

יענער טאָג איז גראָד אויסגעפאַלן ערב דעם קריסטלעכן פּאַסכאַ. אין באַראַק האָבן די מיידלעך גענומען זיך אויספּוצן אין קלויסטער אַריין. אויך קאַזשאַ און סטאַשיאַ האָבן געריייניקט זייערע זאַכן. פון דער דייטשישער קאָמענדאַנטור האָט קאַזשאַ געבערענגט אַ פּרעסאייזן און ביידע האָבן אויסגעפּרעסט זייערע קליידלעך. סטאַשיאַ האָט צוגעוואָרפן איר חברטע אַ קאָמפּלימענט:

— איך מיין, אַז פון גאַנצן לאַגער וועסטו אין קלויסטער זיין די שענסטע.

קאַזשאַ האָט קאָקעטירט מיט די הענט איבער דער טאַליע:

— איך דאַנק דיר פאַרן קאָמפּלימענט. אפשר ביסטו מיך מקנא, אָבער עס מאַכט נישט. אין יעדער מיידל איז דאָ אַ געפיל פון קנאה ווען זי זעט פאַר זיך אַ שענערע...

— נו, נו, — האָט סטאַשיאַ זיך אָנגעבלאָזן — ווער האָט געזאָגט, אַז דו ביסט שענער פון מיר? איך בין דיך בלויז מקנא מיט דיינע העל־בלאָנדע האָר...

אין מיטן פאַרריכטן אַ זאָק האָט קאַזשאַ אויפגעהויבן אירע בלויע אויגן:

— יאָ, מיט מיינע האָר איז מען מיך פון קינדוויז אָן מקנא. צום מיינסטן זענען דאָס געווען יידישקעס. אַ טשעקאַווע זאַך: אין וואַרשע האָב איך געהאַט אַ באַקאַנטע זשידוווקע, וועלכע האָט געוווינט קעגנאיבער אונדזער פענצטער. זי איז געווען אַ פריילעכע און ליב געהאַט זיך צו וויצלען. פלעגט זי מיר זאָגן אַזוי: „קאַזשאַ, האָסט אַ קאָפּ ווי אויף שרויפן. אפשר קאָנסטו דיין בלאָנדן קאָפּ איבערשרויפן אויף מיינע אַקסלען?“ ווען זי האָט מיינע האָר, ווער וואָלט זי דערקענט פאַר אַ ייִדישע?

— נאַרישקייטן — האָט סטאַשיאַ געזאָגט — וויניק בלאָנדע ייִדישקעס זענען געווען?

— ריכטיק, אָבער אַ מאָדנע געפיל האָב איך ווען איך זע אַ פאָלקע מיט שוואַרצע האָר. שטענדיק דערמאָנט עס מיך אין אַ זשידוווקע. וועסט מיר אַנטשולדיקן, סטאַשיאַ, אָבער ווען איך האָב

דיך דאָס ערשטע מאָל דערזען, זאָל איך אַזוי לעבן, ווי איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַ זשידוווקע. אָבער גלייך מיט די ערשטע רייד האָסטו פאַריאָגט פון מיר דעם פאַלשן איינדרוק...

סטאַשיאַ האָט אויסגעדרייט אירע אויגן צו קאַזשאַן:

— ווען דו ביסט נישט מיין חברטע, וואָלט איך זיך געפילט פון דיר שטאַרק באַליידיקט...

קאַזשאַ האָט זיך הילכיק צעלאַכט:

— ווייסט נישט? ווען צוויי באַבעס הייבן אָן רעדן, דערגעדן זיי זיך אָפט צו נאַרישקייטן...

אויף צו מאָרגנס האָבן אַלע מיידלעך זיך אויסגעפוצט אין די שענסטע קליידער וואָס זיי האָבן געהאַט מיטגעבראַכט פון זייערע היימען. דער פּאַסכאַ־טאָג האָט מיט אַ העל צעשיינטער פרילינגזון זיך באַוויזן איבערן לאַגער. די מיידלעך זענען אַרויס צו דער אויטאָבוסן־ליניע, וואָס האָט געפירט צום קלויסטער אין דער פאַרשטאָט פון בערלין. סטאַשיאַ איז געגאַנגען געאָרעמט מיט קאַזשאַן. ביידע האָבן געטראָגן אין די הענט געבעטביכלעך אַרומ־גענומענע מיט קרענצלעך פּאַטשערקעס. קאַזשאַ איז געגאַנגען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, וואָס האָט גאָלדיק געגלאַנצט אונטער דער זון און סטאַשיאַ האָט געברומט אַ מעלאָדיע.

אין וועג האָבן זאָשיאַ מיט סטאַשיאַן זיך איבערגעוווּנקען. דאָס איז געווען די לעצטע דערמאָנונג גוט אַכטונג צו געבן אויף דער אויפפירונג אין קלויסטער. דער עיקר איז געווען צו אָבסערווירן ווי אַזוי די מיידלעך קומען פאַרן גלח. זיי האָבן שוין געהאַט צווישן זיך אָפּגערעדט ווי אַזוי מאַנעווורירן כדי צו זיין פון די לעצטע.

סטאַשיאַ האָט געהאַט פאַר זיך אַ סך אויפגעכאַפּטע מוסטערן, דאָך, ווען זי איז אַרויף צום באַלעמער און זיך געשטעלט אויף די קני פאַרן גלח אין ווייסן טראַכט, וואָס האָט געשפּריצט עטלעכע טראָפּנס אויף איר קאָפּ און דערלאַנגט אין איר מויל אַ דין ווייס אָפּלאַטקעלע — האָבן אירע קניען זיך נאָך געטרייסלט ביים אַראָפּגיין פון דער צווייטער זייט באַלעמער.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

יאָסלס טויט

זינט יאַנקל האָט באַגעגנט דעם פּאַסטעך אין וואַלד, האָט אים געצויגן צו דעם קליינעם גויעלע און זיין געלן הונט. אויך זיי ביידע, דער פּאַסטעך מיטן הונט, פּלעגן שוין דערפילן יאַנקלס טריט ביי זיין אָנקומען צווישן די סאָסנעביימער. דאָרט פּלעגן זיי זיך אַוועקלייגן נאָכן עסן און דערציילן פאַרשידענע מעשיות. יאַנקל האָט פאַרן פּאַסטעך פאַרגעשטעלט דאָס לעבן פון די ייִדישע דאָרפסלייט, זייערע מנהגים, דערציילט די געשיכטע פון די ערשטע דורות ייִדן אין דאָרף לאָזעווע. זאַלעסקי דער פּאַסטעך האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט מיט פאַרוואונדערונג. איין זאַך נאָר איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין: פאַר וואָס האָט ער מיט יאָרן צוריק געזען אַ ייִדישן וואַלדוועכטער מיט אַ צווייל־פיקער יאַגדביקס זיך אַרומדרייען אין וואַלד, אָבער אַ ייִדישן פּאַסטעך האָט ער נאָך קיין מאָל פאַר זיינע אויגן נישט געזען.

נאָך מער ווי אויסהערן יאַנקלס מעשיות האָט זאַלעסקי אַליין ליב געהאַט צו דערציילן וועגן זיין לעבן אין דאָרף. ער האָט קיין מאָל זיך נישט אָפּגעגעבן מיט באַאַרבעטן דאָס שטיקל זאַמדיקע באָדן, וואָס איז געלעגן וויסט זינט זיין טאַטע האָט דאָס אים איבערגעלאָזט בירושה. געצויגן האָט אים מער דאָס וואַסער פון טייך בוג. נאָכן פאַרטרייבן די שעפּסן פון וואַלד, האָט ער אין די ליכטיקע נעכט זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער לאָדקע איבערן ברייטן טייך און זיך געוויגט אַנטקעגן דער לבנה בייַם קלייבן די פיש פון דער אַרויסגעשלעפּטער נעץ.

אין די פינצטערע נעכט, אָדער ווען עס האָבן געבלאָזן שאַרפע

ווינטן, האָט זאַלעסקי שטאַרק מורא געהאַט פאַרן בוג. ער האָט נישט געוואָלט איינשטעלן זיין לעבן ווען דער טייוול האָט זיך גע־טראָגן אויף די וואַסער־כוואַליעס און געריסן שטיקער פון זאַמדיקן ברעג. אין אַזעלכע נעכט האָט ער זיין פישנעץ אויפגעהאָנגען אויפן דאַך און די לאַדקע האָט זיך געוויגט אויף די כוואַליעס ביים זאַמדיקן ברעג. ער אַליין פלעגט פאַרקריכן ערגעץ אויף אַ בוידעם, ליגן איינגעגראָבן אין שטרוי, ביז די העכער האָבן אָנגעהויבן קרייען אויף טאָג. נאָך אַזאַ נאַכט פלעגט ער קומען אין וואַלד אַריין מיט רויט־פאַרלאָפענע אויגן, שלאָגן די שעפסן מיט דער בייטש און אויך דער הונט האָט דאַן ביי אים קיין רו נישט געהאַט.

אין אַ קאַלטן פרימאָרגן האָט דער פאַסטעך געבראַכט אין וואַלד אַריין די ידיעה וועגן טרעבלינקער אויפשטאַנד. אין דאָרף, האָט ער געזאָגט, דערציילט מען, אַז אַ סך ייִדן זענען אַנטלאָפן פונעם טויטלאַגער און זיי בלאָנקען אַרום אין די וועלדער. זאַלעסקי האָט יאָנקלען געראָטן זיך אויסצוהיטן פאַר די אַבלאַוועס, וואָס וועלן זיכער פאַרקומען. אין דעם טאָג האָט די גרופע ייִדן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם וואַלד. זיי האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, גראָבן נייע באַהעלטענישן און זוכן שפּייז אין די אומבאַקאַנטע פאַר זיי ערטער.

אין זייערע וואַנדערונגען האָבן די ייִדן זיך דערוווּסט פון די קוואַלן, ווו זיי פלעגן געפינען מיט וואָס אויפצוהאַלטן זייער לעבן. נאָכן שניט זענען די פעלדער געשטאַנען פוסטע. דער וואַלד האָט זיי מער נישט געהאַט מיט וואָס צו שפּייזן אַחוץ מיט קאַש־טאַנעס. דער הונגער האָט געפייניקט מיט אַזאַ שאַרפן ווייטיק, וואָס האָט יאָסלען דערפירט ביז שגעון־אָנפאַלן. אין מיטן וועג פלעגט ער זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד און זיינע פאַרחלשטע אויגן האָבן געבעטן רחמנות: ער קאָן ווייטער נישט גיין... יאָסל איז געווען דער איינציקער צווישן די ייִדן, וואָס האָט נישט געקאָנט צוימען זיין הונגער. דאָס צוגעטיילטע פאַר אים האָט ער גיך אַראָפּגעשלונגען

און שפּעטער פלעגט ער זיך אַוועקזעצן און קוקן מיט אויפגעריסענע אויגן אויף די, וואָס פלעגן ביסלעכווייז אַריינלייגן דאָס עסן אין מויל. משה האָט אויסגעפונען אַ מיטל ווי אַזוי יאָסלען צו פאַר־טרייבן. ער האָט דערמאָנט בערישן דעם שטעטלשן בעקער מיט זיינע פלעצעלעך, וואָס האָבן געקנאַקט צווישן די ציין און די צו־געברענטע ציבלקעס האָבן געשמעקט פון דער ווייט, אָדער בעריש דעם בעקערס געפלאָכטענע בייגל, באַשאָטן מיט מאָן. משה האָט דאָס פאַרגעשטעלט אַזוי ווי ער וואָלט אויף אַן אמת געהאַלטן דעם בייגל אין האַנט, געשמעקט צו אים און מיט גרויס הנאה אים איינגעביסן. די ייִדן פלעגן לאַכן ווען יאָסל האָט זיך אָפּגעטראָגן פון זיי מיט די פינגער אין די אויערן און געשריגן צווישן דיביימער: „רעד נישט מער פון בעריש דעם בעקער!“

איין מאָל, ווען די ייִדן האָבן שנעל געדאַרפט אַריבערגיין אַ שטיקל וואַלד, וואָס האָט זיי אויסגעזען צו זיין צו פיל ליכטיק צוליב די אויסגעהאַקטע ביימער, איז יאָסל אַוועקגעפאַלן אַן אויס־געשעפּטער. די געבראָטענע קאַשטאַנעס האָבן אים שוין נישט געשטאַרקט, ער האָט געקריגן שטאַרקע ווייטיקן אין בויך און אַ ציטער אין די פיס און אין גאַנצן קערפּער. ער איז אַ שטיקל צייט אָפּגעלעגן ווי אין הינערפלעט און נישט געענטפערט אויף די רייד פון זיינע וואַלד־חברים.

די ייִדן האָבן אויסגעפלאָכטן פון דינע צווייגן אַ נעץ אַרום צוויי לאַנגע דרענגלעך, אַוועקגעלייגט יאָסלען אויף דער נעץ און אים געטראָגן מיט זיך. פון יענעם טאָג אָן האָט יאָסל שוין נישט געקאָנט מער גיין, זיינע פיס זענען געוווען אָנגעלאָפן מיט געשווילעכץ און דאָס פּנים — טויט־בלאַס. ער האָט מער נישט געמאָנט קיין עסן. איין פאַרלאַנג האָט ער געהאַט: די ייִדן זאָלן אים נישט איבערלאָזן אויף הפקר אין וואַלד. ער האָט דאָס נישט אַרויסגעזאָגט מיט ווערטער, מורא געהאַט דאָס אַרויסצוברענגען אויף זיינע ליפּן, אָבער יאָסלען האָט געפּייניקט פאַר וואָס ער איז געוואָרן אַ שווערע לאַסט פאַר זיינע וואַלד־חברים; זיי האָבן אים געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות.

בעת די ייִדן האָבן זיך געטוישט ביים טראָגן אים, אָדער זיך אָוועק־געזעצט רוען, פלעגן יאָסלס אויגן ווערן באַוועגלעכער און נאָכקוקן זייער יעדן ריר. ער האָט באַמיט זיך אויפצוכאַפּן אַ קלאַנג פון זייערס אַ וואָרט. זינט ער האָט אויפגעהערט גיין אויף זיינע פיס, האָט אים אָנגעהויבן פאַרפאָלגן דאָס בילד פון יענעם טויטן ייִד אין וואַלד מיטן צעריסענעם פנים. אַזעלכע שרעקבילדער זענען אין אים אויפגעקומען זינט מען האָט יאָסלען אַוועקגעלייגט אויף דער גע־פלאָכטענער נעץ און די ייִדן האָבן אים געשלעפּט פון אָרט צו אָרט ווו נאָר זייערע פיס זענען דערגאַנגען.

— נעמט מיינע קאָשטאַנעס, עסט... — האָט יאָסל זיך געבעטן ביי די ייִדן ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט רוען — איך בין נישט הונגעריק.

אים האָט זיך געדוכט, אַז נישט מען טראָגט אים, נאָר ער שווימט־מיט אַזוי מיט דעם וואָלקן אויפן הימל איבער די ביימער־שפּיצן. אַלץ אַרום האָט אומהיימלעך געשוויגן, ער האָט בלויז גע־הערט דאָס שווערע אָטעמען פון די וואָס האָבן אים געטראָגן און דאָס קראַקען פון די שוואַרצע פייגל וואָס האָבן אים באַגלייט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ איבער זיין אויסגעצויגענעם גוף. יאָסלען איז פאָרגעקומען, אַז אָט באַלד וועט דער וואָלקן פון הימל זיך אָפּרייסן און צוקוועטשן אַלעמען צו דער ערד, צוזאַמען מיט די שוואַרצע רויבפייגל.

די ייִדן האָבן געדאַרפט דורכגיין אַ שמאָלן פּאַס. זיי האָבן קוים דורכגעשטופּט צווישן די ביימער דעם אויסגעצויגענעם יאָסל. ביי איין בוים האָט די נעץ זיך פאַרטשעפּעט און יאָסל האָט זיך אַראָפּ־געגליטשט פון דער נעץ. צוזאַמען מיט יאָסלען האָבן די אַנדערע ייִדן זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד און גערוט פאַרן ווייטערדיקן גאַנג. זיי זענען געלעגן אָפּגעשוואַכטע און קיין כוח נישט געהאַט אַפילו צו פילן זייערע מידע איברים.

אומגעריכט האָט זיך דערטראָגן אַ שיסעריי פון דער זייט, וווהין די ייִדן האָבן געהאַט בדעה צו גיין. געשרייען האָבן דורכגעשניטן

דעם וואַלד און זיך איינגעשטילט. די ייִדן האָבן אַ כאַפּ געטאָן יאָסלען און אַוועק מיט אים טיפער אין וואַלד. יואל האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט איבערן מויל. די ייִדן, ענג־צונויפגעדריקטע, האָבן דערזען אָנפאָרן אַ וואָגן מיט פּוילישע פּאָליציי און דייטשישע זשאַנדאַרן. אויף דעם אָרט, ווו זיי זענען פריִער געזעסן, האָט דער וואָגן זיך אָפּגעשטעלט. דאָרט איז געלעגן שייעס רעקל, וואָס ער האָט אין דער בהלה פאַרגעסן מיטצונעמען. פון צווישן דיביימער האָבן די ייִדן געזען די זשאַנדאַרן און די פּאָליציאַנטן צעגייען זיך איבערן וואַלד און זוכן שפּורן פון מענטשלעכע טריט. די הערצער האָבן זיי אָנגעזאָגט טויטשרעק. אַזוי הילפלאָז ווי אין יענע מינוטן זענען זיי, דוכט זיך, ביז דעמאָלט נאָך נישט געווען. ערשט ווען דער וואַלדוועכטער, וואָס האָט באַגלייט די זשאַנדאַרן, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און דער וואָגן האָט גערירט פון אָרט, האָט פון יאָסלס מויל זיך אַרויסגעריסן: „גאָט צו דאַנקען".

אויף יואלס פאָרשלאָג האָבן די ייִדן מסכּים געווען צוריקצוגיין אין די לאָזעווער וועלדער, ווו זיי האָבן שוין געקענט יעדן שפּאַן פון וואַלד. דער לעצטער צופאַל האָט זיי געוואָרנט נישט צו פאַרגיין אויף צו ווייטע וועגן. ענדלעך, ווען די ייִדן זענען צוגעקומען צו דעם אָרט, זענען זייערע באַהעלטענישן געווען נישט גערירטע. אין דעם זעלבן פאַרנאַכט איז יואלן און פּסחן געלונגען צו דערשלאָגן זיך צו דער באַהעלטעניש פון וויעסקער ייִד, הערצקע. ער האָט מיט זיי זיך געטיילט, ווי מיט אייגענע ברידער.

די ייִדן האָבן פאַרלייגט אַ פייער, געבראָטן קאַרטאָפל און דערלאַנגט יאָסלען מער ווי יעדן איינעם, אָבער די וואַרעמע קאַרטאָפל און די פּאָר בלעטעלעך רויִ קרויט האָבן אויף אַ האָר נישט גע־לינדערט זיין ווייטיק, אַ ווייטיק, וואָס ער האָט קעגן אים נישט געקאָנט זיך ווערן.

וואָס מאַכט מען מיט יאָסלען? די ייִדן האָבן געוואָלט זיך אַראָפּ־לאָזן אונטער דער ערד, כדי אַ ביסל זיך איבערצושלאָפן. יאָסל איז געלעגן אָן באַוועגונג. ער האָט געפילט ווי טראָפּן נאָך טראָפּן טריפט

פון אים אויס דער ווילן צום לעבן. ער האָט אַ צאַפּל געטאָן ווען יאַנקל האָט באַרירט זיין פּנים, אַריינגערעדט אין אויער אַ וואָרט און באַלד איז ער ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון פאַר־גליווערטקייט. די אויגן האָבן זיך אים גענומען צומאַכן און ער האָט מער נישט געהאַט קיין ווילן און קיין כוח זיי צו עפענען.

יאַנקל האָט געטראַכט וועגן לעבן אין וואַלד, ווי אַזוי די שעהען פון טאָג ווערן אָפּגעטויט, די צייט שטאַרבט דאָ אָפּ צוזאַמען מיט זיי. זיי זענען פאַרלאָזן און איינזאַם אַפילו אין די לעצטע מינוטן פון לעבן. דער ווינט האָט געריסן דיביימערשפּיצן, שטיקער צווייגן זענען אַראָפּגעפאַלן ווי טויטע פייגל. אַלע זענען אַראָפּ אין דער באַהעלטעניש, בלויז יאַנקל האָט געוואַכט איבער יאָסלען. ער איז געלעגן מיט אַרויסגעזעצטע ווייסלען צום שוואַרצן הימל. ווען ס׳האָט אָנגעהויבן גרויען האָט יאַנקל געפּרוווט אויפהייבן אים דעם קאָפּ און נישט געקאָנט. אַ פּחד איז יאַנקלען באַפאַלן. דאָס איז געווען דער פּחד פאַר דעם פינצטערן תהום, אין וועלכן ער מיט דער גרופּע ייִדן זענען פון גורל געשליידערט געוואָרן. זעענדיק ווי יאָסל ראַנגלט זיך מיטן טויט, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער אַליין ליגט און זינקט, וויל זיך אין עפּעס קלאַמערן און טרעפט אַרום זיך ליידיקייט.

ס׳איז געוואָרן טאָג. אַ פאַרנעפּלט גראָ ליכט האָט זיך אויס־געשפּרייט איבערן וואַלד. דער ווינט האָט זיך געשטילט. אַרום יאָסלען איז געווען שטיל, נאָך שטילער ווי אַלע מאָל, אַ טויטע שטילקייט. יאַנקל איז צוגעלאָפן צו די גריבער און אַריינגעשריגן: „יאָסל איז געשטאָרבן!"

די ייִדן האָבן געגראָבן אַ קבר צווישן די ביימער און די זאַמדיקע ערד איז פאַר יאָסלען געוואָרן מילד. זי האָט אים אַרומגענומען, אַרויסגעריסן פונעם טייוולס הענט... שווייגנדיקע ווי די סאָסנעס זענען די ייִדן געשטאַנען אַרום זייער ערשטן קרבן.

די זון האָט פון צייט צו צייט זיך דורכגעריסן צווישן די וואָלקנס, אַ שטראַל געטאָן איבער די ביימערשפּיצן און צוריק פאַרגאַנגען אין

גראָען טאָגליכט און די ייִדן זענען נאָך אַלץ געשטאַנען ביים קבר.

— געגוג — האָט יואל איבערגעריסן דאָס שווייגן — אין וואַלד זיצט מען נישט קיין שבעה.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען. בלויז שייע, דער ייִנגסטער, האָט נישט געוואָלט זיך שיידן מיט דעם אָרט. ער האָט צו זיך אַליין געטענהט מיט אַ וויינענדיק קול:

— אויסגעגלייכט מיט דער ערד — ווער וועט געפינען זיין קבר?

יואל האָט אים אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַקסל:

— לאָז אים רוען. ער האָט גענוג זיך אָנגעליטן...

ווען זיי זענען אַוועק פונעם אָרט, ווו מען האָט קובר געווען יאָסלען, האָבן די ייִדן אויסגעזען פאַראומערטע און בייזע. זעלטן ווער ס׳האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט. קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט אונטערצינדן אַ פייער. ס׳איז אויך נישט געווען וואָס צו בראָטן. יעדער האָט איבערגעדרייט זיינע טאַשן און אַרויסגעשאָקלט פון דאָרט דאָס מינדסטע קרישקעלע. זיי האָבן געוואַרט אויף דער נאַכט, זיי זאָלן קאָנען אַרויסגיין פון וואַלד און זוכן עפּעס צו עסן.

זיי האָבן פּלאַנירט דאָס מאָל נישט צו מאַכן קיין לאַנגע וועגן. אונטערן גראָ־פאַרכמאַרעטן הימל האָט קיינער נישט געוואָלט זיך אַוועקלאָזן וויינט פונעם וואַלד. מען האָט מורא געהאַט פאַר אַ פּלוצ־לונגען רעגן, פאַר די שאַרפע ווינטן איבער די פעלדער און באַזונדערס האָבן די ייִדן שטאַרק זיך געשראָקן פאַר די הינט, וואָס די פּויערים האָבן אָנגעהויבן אין די נאַכט־שעהען באַפרייען פון די קייטן.

יאַנקל איז אַוועק צו דער אַלטער כינדוסקאַ. דאָס מאָל האָט ער מיט זיך נישט געטראָגן די קרענצלעך שוואָמען. ער האָט אויך נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם וואָס די גויע האָט אים דאָס לעצטע מאָל געזאָגט, אַז די שטוביקע זענען אומצופרידן וואָס ער קומט צו זיי צו אָפט. אַ שטאַרק אויסגעהונגערטער האָט ער זיך געלאָזט פירן פון בלינדן אינסטינקט.

איבערן דאָרף איז געהאָנגען אַ שוואַרצער הימל. די כאַטעס

האָבן אויסגעזען ווי אַ געפּלעכט פון באַרגיקע שאָטנס, וואָס ציִען זיך לענג־אויס דעם וועג, וואָס יאַנקל האָט געלאָזן אין אַ זייט. ער האָט שווער געטראָטן איבער די פאַרבלאָטיקטע דאָרף־שטעגלעך ביז ער האָט דערפילט דעם ריח פון מיסט, וואָס איז געלעגן אין קופּעס אָנגעוואָרפן ביי די ווענט פון שטאַלן. יאַנקל האָט געוווסט, אַז דאָס מאָל, מער ווי שטענדיק, האָט ער נישט געטאָרט אַרויסרופן קיין חשד און שטעלן די אַלטע גויע אין אַ פאַרלעגנהייט פאַר אירע שטוביקע.

יאַנקל איז געשטאַנען מיטן פּנים צוגעדריקט צו די פאַרמאַכטע לאָדנס און אַריינגעקוקט דורך די שפּאַלטן אין דער אַלטערס שוואַך־באַלויכטענעם צימערל. יאַנקל האָט איר געוואָלט טרעפן נאָך פאַרן גיין שלאָפן. ער האָט די כינדוסקאַ געזען זיצן ביים קוימען פון וואַנען עס האָט אַרויסגעלויכטן אַ פייער און געוואָרפן אַ שיין איבער אַ שטיק געקאַלכטער וואַנט. די אַלטע איז געזעסן ביי אַ רעדל און געשפּונען פון אַ בינטל פלאַקס אויף אַ פאַרקיילעכדיקט האַלץ ווי אַ פלאַש. דאָס שפּינרעדל מיט איר איינגעבויגענעם גוף האָבן געוואָרפן פאַרקרימטע און צעפּאָרענע שאָטנס אויף דער וואַנט, ווי זי וואָלט געזעסן איבער רעדער אין גייעג נאָך עפּעס וואָס זי וויל דערגרייכן מיט די הענט.

די אַלטע איז נישט איינגעזעסן רויִק. פון מאָל צו מאָל האָט זי אויסגעדרייט איר פּנים צום פייער, וואָס איז אויפגעגאַנגען מיט אַ פלאַם און באַלד פאַרגאַנגען ווי צום לעשן זיך. זי האָט אַוועק־גענומען די הענט פון שפּינרעדל, זיך איינגעבויגן און אַריינגעבלאָזן צווישן דעם האָלץ. ווידער איז אויפגעגאַנגען אַ פלאַם און איר פּנים האָט אויסגעזען העל באַלויכטן. אירע אומעטיק־פאַרטראַכטע אויגן זענען געווען ענלעך צו דעם בילד פון דער הייליקער מוטער, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט פון דער באַלויכטענער וואַנט.

דאָס פייער אין קוימען האָט זיך אָנגעהויבן לעשן. אַלע אין דער כאַטע זענען שוין געשלאָפן, און בלויז די אַלטע כינדוסקאַ איז נאָך געזעסן ביים שפּינרעדל, מיט די פינגערשפּיצן געצויגן דעם פאָדעם

און צוגעברומט אַ מאָנאָטאָנע מעלאָדיע פון אירע נאַכט־תפילות. יאַנקל איז נאָך אַלץ געשטאַנען הינטערן פענצטער מיט דער שטילער אומרויִקייט פון דאָרף, וואָס האָט אויך אים אַרומגענומען. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט וועט ווער אויסוואַקסן הינטער זיינע פּלייצעס, אים אָנכאַפּן פאַרן קאָפּ און אויסשרייען „כאָדזש, זשידזשע" (קום, ייִד)! יאַנקל האָט אַ ריר געטאָן דעם לאָדן, שטיל געבליבן, און ווידער אַ קלאַפּ געטאָן. די גויע האָט דערקענט יאַנקלס צייכן פון הינטער דער וואַנט. זי האָט אים אַריינגעלאָזט אין שטוב און זיך געוווּנדערט:

— וואָס איז מיט דיר געשען? לעבסט נאָך? כ׳האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין טויט.

יאַנקל האָט געפינטלט מיט די אויגן אַנטקעגן דעם ליכט און געפרעגט:

— פאַר וואָס האָט איר אַזוי געמיינט?

די גויע האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף דער וואַנט ווו די שטוביקע זענען געשלאָפן און גערעדט צו יאַנקלען מער מיט די ליפּן ווי מיטן מויל:

— אָ, דו ווייסט גאָרנישט וואָס ס׳טוט זיך. אין טרעבלינקע האָבן די ייִדן געמאַכט אַ פּאָווסטאַניע (אויפשטאַנד) און אַ סך פון זיי זענען זיך צעלאָפן אין די וועלדער. איצט קומען פאַר אָבלאַוועס און מען הרגעט זיי אויס. נו, האָב איך געמיינט...

— איר זעט דאָך. ווען גאָט היט, איבער דעם האָט נישט קיין שליטה דער טויט.

די גויע האָט צענומען אירע הענט:

— ווייזט אויס אַזוי... נו, אַז דו לעבסט, טאָ זעץ זיך און איך וועל דיר געבן עפּעס עסן.

אויפן קוימען זענען נאָך געשטאַנען וואַרעמע רעשטלעך פון נאַכטעסן. די גויע האָט צעשאָקלט דעם טאָפּ איבער אַ שיסל, זי אָנגעפילט מיט קאַשע און באַגאָסן מיט וואַרעמע מילך.

— קראַץ נישט די שיסל — האָט די גויע געוואָרנט יאַנקלען און פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ.

נאָכן עסן האָט יאַנקל זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקעלע אַנטקעגן פייער. זיין אויסגעבויגענער גוף איז געווען שוואַרץ פאַרשאָטנט און בלויז זיינע רויטע הענט נאָענט צום פייער האָבן אויסגעזען ווי ברענענדיקע. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און טיף אַריינגעאָטעמט די וואַרעמקייט.

ביידע זענען זיי געזעסן און געשוויגן. בלויז ווען זי האָט זיך אומגעקוקט אויף יאַנקלס איינגעדרעמלט פּנים האָט זי זיך איינגעבויגן צו אים און געפליסטערט:

— עי, כלאָפּאַק, שלאָף נישט איין...

יאַנקל האָט דאַן געעפנט די אויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, ער שלאָפט נישט:

— איך בין וואַך מיט פאַרמאַכטע אויגן ווי אַ זאַיאַנץ אין פעלד.

— אָבער פון קעלט ליידט איר דאָרט נישט. האָלץ איז פאַראַן גענוג אין וואַלד.

יאַנקל האָט זיך געריבן זיינע צעוואַרעמטע הענט:

— פּאַני כינדוסקאַ, ווען מען קאָן עסן האָלץ, וואָלט מען אין וואַלד געקאָנט לעבן אַ לאַנגע צייט...

די גויע האָט אַ שמייכל געטאָן און ווידער געבליבן שטיל. זי האָט געקוקט אויף יאַנקלס פאַרבלאָטיקטע שמאַטעס אַרום זיינע צעריסענע שיך. ער האָט שוין געוווסט, אַז ווען זי וויל אים עפּעס זאָגן, זיצט זי פאַר דעם אַ פאַרטראַכטע. יאַנקל האָט נישט געוואָלט איבעררייסן אירע מחשבות, ביז ער האָט דערהערט איר הייזעריקן געפליסטער:

— הער זיך גוט איין, ייִנגל. פון זינט דו האָסט אָנגעהויבן קומען צו אונדז, האָסטו מיטגעבערענגט מיט זיך אַ סך קלאָפּאָטן פאַר מיר. נישט איין מאָל האָב איך געטראַכט: וואָס וועט זיין מיט אייך אין וואַלד? קיין אויסזיכטן אויף איבערלעבן האָט איר נישט. איך

גיב דיר אָפּעסן, ווייל מיין האַרץ האָט מיטלייד מיט אַ געפאַלענעם, אָבער איך בין דאָך נישט רויק מיט זיך אַליין. אפשר טו איך אַ זינד דערמיט וואָס איך העלף ייִדן? אפשר גאָר אַ גרויסע זינד? גלויב מיר, יאַ־נק־על, ווען מיין קריסטלעכע נשמה פילט זיך אין גאַנצן רייך, וואָלט איך נישט געגאַנגען צום קשאָנדז זיך מתוודה זיין. דער קשאָנדז האָט מיר מוחל געווען, ער האָט אָנגענומען מיין ווידוי, נישט באַשולדיקט מיך אין גאָטלעסטערונג, בפרט נאָך, אַז איך האָב אים פאַרגעלייגט, ער זאָל אייך, לאָזעווער ייִדן, אָפּטויפן, כדי איר זאָלט אויף יענער וועלט קומען מיט ריינע נשמות. דו ווייסט, ייִנגל — האָט די גויע פאַרענדיקט — דער קשאָנדז האָט מיך אַפילו שטאַרק געלויבט פאַר מיין איינפאַל...

אין יעדן וואָרט פון דער אַלטער גויע האָט יאַנקל געפילט ווי אַ ברי פון אַן אָנגעגליטן אייזן. אין אירע אומרויִקע אויגן, אין די ציטערדיקע ליפּן, האָט ער געזען, אַז דאָס מיינט זי נישט קיין שפּאַס, נישט סתם פּלאַפּלעריי, נאָר זי רעדט צו אים גלייך און קלאָר. דערפאַר איז ער געוואָרן מאַכטלאָז־טרויעריק. אָבער יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער שטייט ווידער פאַר אַ פּרוּוו צו קאָנען זיך באַהערשן. ער האָט אַ גלעט געטאָן אירע הענט און געזאָגט:

— איך האָב געהאַט מזל ביים איבערטרעטן דאָס ערשטע מאָל אייער שוועל. אַזאַ מוטערלעכע אויפמערקזאַמקייט צו אָרעמע מענטשן קאָן געבן נאָר אַזאַ ריינע קריסטלעכע נשמה, ווי איר פאַרמאָגט, פּאַני כינדוסקאַ. איך וועל מיינע ייִדן אין וואַלד דערציילן וועגן אַלץ וואָס מיר האָבן גערעדט...

דער אַלטעס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. יאַנקל האָט דערפילט, אַז זי האָט אָנגעהויבן קוקן אויף אים מיט מער רחמנות. ער האָט צוגעלייגט אַ פאָר העלצער אין קוימען. דאָס פייער איז געוואָרן אויפגעלעבטער. די גויע האָט אַ צופרידענע געפּליסטערט:

— גוט, ייִנגל, העלף מיר זיך באַפרייען פון אַלע מיינע קלאָפּאָטן וואָס דיין קומען האָט מיר פאַרשאַפט. נאַ, נעם אַ צלמל אין טאַש אַריין. דאָס וועט דיך היטן פון שלעכטע מענטשן. נעם נאָך אַ ביסל

עסן, שטאַרק זיך און שטאַרק דיינע אין וואַלד, זיי זאָלן האָבן כוח דערגיין צום קשאָנדז פון פּאָדלאָזעווקער קאָשטשאָל.

נאָך דעם געשפּרעך האָט די אַלטע אַריינגעפּירט יאַנקלען אין אַ קעמערל און אַריינגעשאָטן עפּעס אין אַ זאַק. זי האָט געפרעגט צי ער וועט דאָס קאָנען דערטראָגן. יאַנקל האָט אונטערגעהויבן דאָס זעקל. עס האָט אים אויסגעזען צו זיין נישט צו שווער פאַר אים. שטיל האָט די גויע געעפנט די טיר פון אַרויסגאַנג און געזאָגט: „גיי מיט גאָט".

אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ פייכטער ווינט מיט אַ לאַנג אויסגעצויגענעם געוואָי, זיך געטראָגן אין דער נאַכט און געטרייסלט יאַנקלס פּיס. אַן איינגעבויגענער האָט ער אויף זיך געשלעפּט דאָס זעקל, געקוקט אין דער חשכות אַריין מיט אויפגעריסענע אויגן. אַ באַגאָסענער מיט שוויס האָט יאַנקל זיך אויסגעגלייכט ווען ער האָט זיך דערשלאָגן צום וואַלד.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

האָר

אין דער אָפּטיילונג ווו סטאַשיאַ האָט געאַרבעט זענען פאָרגעקומען פערסאָנעלע ענדערונגען. אויפן אָרט פון דער דייטשקע איז געקומען יאַשאַ, וועלכע האָט געוווינט מיט סטאַשיאַן אין זעלבן באַראַק. ביידע זענען געווען צופרידן וואָס זיי איז אויסגעפאַלן צו אַרבעטן צוזאַמען. סטאַשיאַ איז במשך פון דער צייט געוואָרן אַ געניטע ביי דער אַרבעט און יאַשאַ, אַן אָנפאַנגעריק, האָט זייער זיך געחנפעט צו סטאַשיאַן, אַז זי זאָל איר וואָס שנעלער אויסלערנען ווי צו באַגיין זיך מיט די גליטשיקע קיילעכלעך, וואָס זענען איר געפאַלן פון די הענט.

יאַשאַ איז געווען אַ דיקע מיט אַ פאָרמלאָזער פיגור, אַ טונקעלן קאָפּ האָר און איר פּנים איז געווען רונדיק אויסגעפּילט. מיטן ערשטן בליק האָט מען אויף איר באַלד דערקענט אַ טיפּיש פויעריש מיידל. זי האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט דייטש. דער נייער לייטער פון דער עקספּעדיציע־אָפּטיילונג, וואָס האָט איר אָנגעוויזן דעם נייעם אַרבעטספּלאַץ, האָט זיך געווענדט צו סטאַשיאַן, זי זאָל יאַשאַן צולערנען ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט די קוגל־לאַגערן.

דער נייער פאַרוואַלטער פון דער עקספּעדיציע־אָפּטיילונג, אַן עלטערער דייטש מיטן נאָמען כעפּע, האָט אויסגעזען — אָן די געשרייען און זידל־ווערטער — צו זיין מער רויִקער ווי דער פאָר אים. מיט שטילע טריט האָט ער שפּאַצירט פון אָרט צו אָרט און נאָכגעקוקט ווי די אַרבעט גייט. איז אים עפּעס נישט געפעלן, האָט ער געדולדיק געלערנט ווי אַזוי צו פאַרשנעלערן די אַרבעט לויט זיין ווילן.

דעם ערשטן טאָג ווען דער נייער פֿאַרוואַלטער איז אָנגעקומען, זענען די מיידלעך געווען צופֿרידן וואָס דער פֿריִערדיקער, מיטן שטייפֿן פֿוס, איז אַוועק מיט זיינע בייזע געשרייען. אָבער די אַנטוי־שונג איז געקומען ווען זיי האָבן איבער זיך דערפֿילט די נייע מעטאָדן פֿון צוואַנגסאַרבעט. איידער די מיידלעך האָבן באַוויזן אָפּ־אָטעמען איז דער דייטש שוין ווידער געשטאַנען ביים טישל, געקוקט אויפֿן זייגער און קאָנטראָלירט די שאַכטלען מיט וויפֿל זיי זענען פֿולער געוואָרן פֿון איין גאַנג צום צווייטן. ווי אַ שטומע וואָרענונג פֿאַר די מיידלעך פֿלעגט ער זיך אַוועקשטעלן אַנטקעגן די אויגן מיט זיין האַקנקרייץ־מעדאַליאָן, וואָס איז געהאַנגען אויף זיין קלאַפּע. צום שטאַרקסטן האָט דאָס אָפּגעפֿילט סטאַשיאַ און זי האָט אויס־געמיטן קוקן אין זיין זייט. אויך יאַשאַן איז באַפֿאַלן אַ פּחד ווען דער דייטש פֿלעגט אָנקומען קוקן אויף אירע הענט.

— וואָס שרעקסטו זיך פֿאַר אים? ער זעט דאָך אויס אַ שטי־לער — האָט סטאַשיאַ געפּרוווט באַרויִקן יאַשאַן.

— זאָל אים די כאָלערע נעמען! דער לאָמער פֿלעגט אַ קוויטשע טאָן און זיך אָפּטראָגן, און דער ליגט כסדר אויפֿן קאָפּ.

— האָב נישט קיין מורא, יאַשאַ, דו זיצסט לעבן מיר. איך וועל זיך באַמיִען דו זאָלסט זיך גוט פֿילן.

יאַשאַ איז געווען גליקלעך וואָס זי האָט אין סטאַשיאַן געפֿונען אַן אָנשפּאַר און געוואָלט איר דאָס אויסדריקן אין פּשוטע ווערטער, ווי יאַשאַ האָט אין דעם מאָמענט געפֿילט. איז אָבער אָנגעלאָפֿן דער דייטש און געוואָרנט, אַז עס איז פֿאַרבאָטן צו רעדן ביי דער אַרבעט.

אין וועג צום לאַגער האָט יאַשאַ זיך באַקלאָגט, אַז זי דערהאַלט נישט מער קיין שפּייזפּעקלעך. לויט די בריוו פֿון דער היים האָבן שוין צוויי פּעקלעך געדאַרפֿט האָבן דערגאַנגען צו איר. זי האָט געבעטן סטאַשיאַן רעדן מיט קאַזשאַן, זי זאָל ווידער קאָנטראָלירן אין דער פֿאַסט די רשימה פֿון די דערהאַלטענע שפּייזפּעקלעך. איר, יאַשאַן, פֿלעגט קאַזשאַ אָפּפּטרן בלויז מיט איין וואָרט — „נישטאָ".

יאַשאַ האָט אַפילו צוגעזאָגט סטאַשיאַן זיך טיילן מיט איר אויב זי וועט דערהאַלטן אַ פּעקל.

סטאַשיאַ האָט זיך איבערגענומען פון יאַשאַס באַקלאָגן זיך, אַז זי הונגערט, אַז דאָס עסן אין לאַגער איז פאַר איר נישט גענוג. האָט זי באַלד נאָכן צוריקקומען אין באַראַק גערעדט מיט קאַזשאַן. זי האָט איר אויפן אָרט נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער. ערשט נאָך עטלעכע טעג האָט קאַזשאַ איר געראָטן זיך אָפּרוקן פון דעם ענין, ווייל זי קאָן האָבן דערפון אומאָנגענעמלעכקייטן. סטאַשיאַ האָט פאַרשטאַנען דעם ווונק און יאַשאַן האָט זי געראָטן צו האָבן געדולד. אָבער יאַשאַ האָט נישט גערוט. זי איז יעדן טאָג געלאָפן אין דער פּאָסט, געהאַט טענות צו די באַאַמטע, דער עיקר צו קאַזשאַן דערפאַר וואָס זי האָט זיך גלייכגילטיק באַצויגן צום ענין. אַ וואַכמאַן, וואָס האָט גערעדט פּויליש, איז מיט איר געגאַנגען צום לאַגער־פירער, וועלכער האָט אַלץ פאַרשריבן און צוגעזאָגט פאַראינטערעסירן זיך מיט דעם.

יאַשאַס באַקלאָגן זיך איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבערן לאַגער. צווישן די מיידלעך האָבן זיך אָפּגערופן נאָך אַזעלכע געליטענע. סטאַשיאַן האָט יאַשאַ געמאַכט פאַרוווּרפן, אַז זי האָט איר נישט געהאָלפן דערגיין דעם אמת. עס האָבן נישט געהאָלפן איר אויפ־קלערן, אַז אין מלחמה־צייט געשען אַזעלכע זאַכן. זי איז נישט אָפּגעטראָטן.

אין אַ שטילן געשפּרעך מיט סטאַשיאַן האָט קאַזשאַ זיך מודה געווען, אַז מיט די שפּייזפּעקלעך איז עפּעס פאַרגעקומען. לויט איר מיינונג איז עס נישט געווען אַזאַ גרויסע עוולה ווי יאַשאַ האָט דאָס געוואָלט פאַרשטעלן. אין אַזאַ צייט, ווען מיידלעך האָבן באַקומען פּעקלעך און זענען צעפּלאַצט געוואָרן פרעסנדיק, האָבן אַנדערע מיידלעך גאָרנישט באַקומען געשיקט פון דער היים און געהונגערט. דערפאַר איז עס נישט קיין גרויס פאַרברעכן אָראָפּצונעמען אַ פּעקל. יאַשאַ, האָט זי געזאָגט, פּיסקעווועט צו פיל. זי האָט געראָטן סטאַשיאַן

זי זאָל איר איינשטילן — אויב די גראָבע מויד וויל נאָך בכלל עפּעס באַקומען.

— האָסט דאָך מיר געזאָגט איך זאָל מיט דעם זיך נישט פאַרנעמען.

— יאָ, ריכטיק — האָט קאַזשאַ מיט כיטרע אויגן אָנגעקוקט סטאַשיאַן — איך האָב געזען, אַז דו האָסט זיך אין גאַנצן געשטעלט אויף איר זייט...

סטאַשיאַ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן:

— דו ווילסט פּרעסן פון פרעמדע פּעקלעך און איך זאָל ווישן דיין מאָרדע?

— סטאַשיאַ, זיי נישט אויפגערעגט, קאָנסט אויך פון דעם געניסן...

— איך דאַנק דיר פאַר אַזעלכע פאָרשלאָגן — מיט דעם האָט סטאַשיאַ איבערגעריסן דאָס געשפּרעך און קאַזשאַן געלאָזט אַליין.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט יאַשאַ געקריגן אַ פּעקל און דער סקאַנדאַל האָט זיך איינגעשטילט. ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט, און ווידער איז יאַשאַ געוואָרן באַזאָרגט. דאָס מאָל — פון אַ בריוו, אין וועלכן די עלטערן האָבן איר מודיע געווען, אַז צוליב די מלחמה־געשעענישן וועלן זיי פון יענער געגנט אין פּוילן נישט קאָנען מער אַרויסשיקן קיין שפּייז. יאַשאַ האָט שטאַרק זיך געשראָקן פאַר הונגער.

איין מאָל, פאַרן ענדיקן די שיכט, איז צו סטאַשיאַן צוגעקומען דער דייטש כעפּע און איר פאַראָרדנט נאָך דער אַרבעט אַריינצוקומען אין זיין ביוראָ־צימער. סטאַשיאַן איז באַפאַלן אַ שרעק: צוליב וואָס, האָט זי געטראַכט, האָט דער דייטש מיטן האָקנקרייץ זי איינגעלאַדן? אפשר קוקט זי אים אויס, מיט אירע טונקעלע האָר צווישן אַזוי פיל בלאָנדע קעפּ, פאַרדעכטיק? אפשר האָט די דייטשקע וואָס האָט געאַרבעט לעבן איר, פאַר עמעצן אויסגעדריקט אַ פאַרדאַכט? און אפשר גאָר האָט די אַלטע מויד, יוזעפאַ, אויסגעטראַכט אַ נייע פּראָוואָקאַציע קעגן איר? פאַרן אַריינגיין צום דייטש האָט סטאַשיאַ געבעטן יאַשאַן, זי זאָל אויף איר צוואַרטן מיטן אַהיימגיין.

סטאַשיאַ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. דעם דייטשס שטימע האָט געענטפערט — „אַריין". ער האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ שטול אויף דער צווייטער זייט ביוראָ־טיש. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. איר פּנים איז אויסגעקומען פּונקט אַנטקעגן דעם גרויסן בילד פון היטלערן, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט.

דער דייטש האָט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און געפרעגט סטאַשיאַן פון וואַנען זי קען רעדן דייטש ווען די אַנדערע פּוילישע מיידלעך פאַרשטייען קוים וואָס ער רעדט צו זיי ביי דער אַרבעט. סטאַשיאַ האָט אים געענטפערט, אַז די שפּראַך האָט זי געלערנט אין דער פּוילישער שול און אויך ביי דער אַרבעט אין דייטשלאַנד.

דער דייטש האָט דאַן געוואָלט וויסן אויב סטאַשיאַ קומט אויס מיט אירע לאַגער־ראַציעס. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים ציל פון זיין געשפּרעך: ער האָט פאַרגעלייגט סטאַשיאַן, זי זאָל צו אים קומען וואַשן די כלים אין זיין טיי־הויז, וואָס האָט זיך געפונען אַ פּאָר קילאָמעטער פון איר לאַגער.

דערהערנדיק דעם פאָרשלאָג האָבן סטאַשיאַס אויגן אויפגעלעבט, נייע כוחות האָט זי באַקומען. זי האָט נאָר געוואָלט וויסן, צי זי מעג נעמען מיט זיך נאָך אַ מיידל פון לאַגער. דער דייטש האָט איינגע־שטימט. אויף דעם פּאַפּיר, אויף וועלכן ער האָט אויפגעשריבן זיין אַדרעס, האָט ער אויך אָנגעצייכנט דעם וועג פון לאַגער צו זיין שטוב.

מיט אַ טאָג שפּעטער זענען סטאַשיאַ און יאַשאַ אָנגעקומען אין אַ קליינער אָרטשאַפט מיט נידעריקע הייזער צווישן ביימער־אַלייען, אויסגעשטעלטע ביי דער זייט פון שמאָלע גאַסן. זיי האָט זיך אויס־געוויזן, אַז זיי זענען דערגאַנגען צו אַ דאַטשע־אָרט. דער פאַר־שריבענער אַדרעס איז דאָרט גוט באַקאַנט געווען און מען האָט זיי געוויזן מיט וועלכער אַליי זיי דאַרפן גיין צו דעם פּענסיאָן. אויפ־געגומען האָט זיי אַן עלטערע דייטשקע, אָנגעטאָן אין וויסן ווי אַ קראַנקן־שוועסטער. זי האָט די מיידלעך אַריינגעפירט אין אַ קיך. דאָרט זענען געשטאַנען שטויסן מיט טעלער און אַ באַרג גלעזער

צום וואַשן.ביידע מיידלעך האָבן ענערגיש זיך גענומען צו דער אַרבעט און דאָס געמאַכט גוט און שנעל. יאַשאַ איז נאָך געבליבן אין קיך ביים וואַשן די כלים ווען סטאַשיאַן האָט מען דערלאַנגט אַ ווייס פאַרטעך און זי אַריינגעפירט אין אַ העל־באַלויכטענעם זאַל, ווו אַרום טישלעך זענען געזעסן פרויען מיט מענער ביי טיי מיט קוכן. צום מיינסטן זענען דאָס געווען אינוואַלידן אין מיליטערישע מונדירן. סטאַשיאַ האָט זיך באַוועגט אַרום די געסט, געפילט אויף זיך נייגעריקע בליקן און געענטפערט מיט אַ קאָפּשאָקל אויף דער פראַגע: „אַ פּאָלנישע?"

נאָך דער אַרבעט האָבן די מיידלעך געקריגן אָפּצועסן אַ זאַט מיטאָג. דער דייטש האָט זיי אַראָפּגעפירט אין אַ קעלער, געהייסן אָננעמען קאַרטאָפל וויפל זיי וועלן כוח האָבן צו דערטראָגן און געזאָגט זיי, אַז מאָרגן קאָנען זיי ווידער קומען. אין באַראַק האָט סטאַשיאַ געטיילט די קאַרטאָפל. די מיידלעך האָבן מיט רעש זיך גענומען צום קאָכן און פּרעגלען און דאָס האָט אַריינגעברענגט אַ היימישע שטימונג.

אין משך פון זייער אַרבעט ביים דייטש האָבן סטאַשיאַ און יאַשאַ געמעגט פריי אַראָפּגיין אין קעלער. וואָכן לאַנג האָט זיי קיינער דערביי נישט געשטערט. איין מאָל, ווען ביידע האָבן גע־האַלטן ביים גיין נעמען קאַרטאָפל, האָט דער דייטש זיי געהייסן צווואַרטן און איז מיט זיי צוזאַמען אַראָפּ אין קעלער. דאָרט האָט ער געבעטן סטאַשיאַן און יאַשאַן, זיי זאָלן אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט איינשטעלן אַ פּאָר פולע זעקלעך, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן. סטאַשיאַ האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די זעק מיט צוגע־קלעפּטע ווייסע צעטלען איבער די פאַרנייטע ראַנדן. שפּעטער, ווען די מיידלעך האָבן געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט דער דייטש געבעטן סטאַשיאַן, זי זאָל מיטברענגען פון לאַגער אַחוץ יאַשאַן נאָך אַ מיידל צו אַן איינמאָליקער אַרבעט.

סטאַשיאַ האָט צוגעזאָגט פאַרלייגן דאָס די מיידלעך.

סטאַשיאַ האָט געוואָלט, אַז זאָשיאַ זאָל מיטגיין אויף דער

אַרבעט, כדי זי זאָל קאָנען אָפּעסן אַ געשמאַק מיטאָג, אַזעלכעס, וואָס זי האָט אין איר מויל שוין לאַנג נישט געהאַט. אָבער אין דעם טאָג האָט זי געאַרבעט אין דער נאָכמיטאָג־שיכט. סטאַשיאַ האָט דאַן פאַרגעלייגט אַ צווייט מיידל, אירענאַ, וואָס צוליב אַ שיסעלע זופּ איז זי גרייט געווען לויפן ווי ווייט.

ווען סטאַשיאַ איז געקומען מיט די צוויי מיידלעך האָט דער דייטש צווישן זיי פאַרטיילט די אַרבעט. סטאַשיאַן האָט ער געהייסן זיך נעמען רייניקן די כלים און יאַשאַן מיט אירענאַן האָט ער אַראָפּגעפירט אין קעלער, געעפנט די זעק און זיי אויסגעשאָקלט. אויפן דיל איז געבליבן אָנגעשאָטן אַ באַרג מיט האָר. די מיידלעך האָט ער אָנגעוויזן אויף ליידיקע קעסטלעך. זיי האָבן געדאַרפט סאָרטירן די האָר אויף צוויי סאָרטן — העלע פאַרבן אין באַזונדערע קעסטלעך און טונקעלע אין אַנדערע.

נאָכן אָפּטאָן איר אַרבעט איז סטאַשיאַ אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער רופן די מיידלעך עסן מיטאָג. צו איר איבערראַשונג האָט זי געטראָפן די מיידלעך סאָרטירן די האָר, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן פאַר זייערע פיס. סטאַשיאַ איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע. די מיידלעך האָבן אויף איר אַ קוק געטאָן און געפרעגט:

— וואָס קוקסטו אויף דעם מיט אַזעלכע גרויסע אויגן? פאַרשטייסט וואָס דאָס איז?

סטאַשיאַ האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

— ניין, איך קאָן נישט פאַרשטיין...

— זעסט נישט, אַז די האָר זענען פון יידן?

סטאַשיאַ האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס די שוואָבעס קאָנען אַלץ אויסנוצן...

מיט גיכע טריט איז אָנגעקומען דער דייטש. ער איז צוגעלאָפן צום ערשטן קעסטל, צעשאַרט די האָר, זיי גענומען אין האַנט, געטאַפּט מיט די פינגער, אַזוי —ביים צווייטן קעסטל, זיך איינגעבויגן, געשאַרט, געמישט, און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ בינטעלע, אַ צוזאַמענגעקלעפּטס, עס אונטערגעטראָגן סטאַשיאַן און געהייסן די

מיידלעך געבן צו פֿאַרשטיין, אַז די אומריינע האָר האָבן זיי אַליין געדאַרפֿט פֿאַרשטיין אָוועקשמייסן אין אַ זייט, בפֿרט נאָך, אַז ער האָט זיי דאָס אָנגעזאָגט, אָבער דער דייטש האָט זיי מוחל געווען פֿאַרן פֿעלער. ער האָט נאָר פֿאַרלאַנגט, אַז איידער זיי פֿאַרלאָזן דעם קעלער, זאָלן די מיידלעך ענדיקן מיט דעם ביסל האָר וואָס איז נאָך געבליבן ליגן אויפֿן דיל. דערפֿאַר האָט ער זיי צוגעזאָגט אַ גוט געשמאַק עסן.

דער דייטש האָט נאָך אַ מאָל דערמאָנט צו באַזייטיקן די אומריינע האָר. אַזוי האָט פֿאַרלאַנגט דער טאַפּעצירער, וואָס האָט געגרייט פֿאַר אים נייע מאַטראַצן.

אויפֿן צוריקוועג צום לאַגער האָבן די מיידלעך גערעדט וועגן דער אַרבעט אין קעלער. פֿון אָנהייב האָבן זיי וואָס גיכער געוואָלט פֿון דאָרט אַרויס צוליב דעם וואָס די האָר זענען זיי פֿאַרקראָכן אין האַלדז. אירענאַ האָט אַפֿילו באַדויערט פֿאַר וואָס זי איז מיטגעגאַנגען צו אַזאַ שמוציקער אַרבעט. ערשט ווען זי האָט זיך אָוועקגעזעצט עסן, איז דאָס אַלץ איר אַרויס פֿון קאָפּ. דערמאָנט אין דעם האָבן איר יאַשאַס רייד וועגן סטאַשיאַן, וואָס צו דער אַרבעט האָט זי נישט צוגעלייגט קיין האַנט און בלויז פֿון אַ קוק געבן אויף די האָר איז זי בלאַס געוואָרן ווי קאַלך און אַפֿילו נישט געקאָנט פֿאַרענדיקן דאָס עסן.

— וואָס זאָל איך טאָן — האָט זיך סטאַשיאַ פֿאַרקלאָגט — אַזאַ פֿאַסקודנע נאַטור ביי מיר! ווען איך זע עפּעס נאָך אַ טויטן, איז ווי דער טייוול וואָלט מיך באַפֿאַלן...

— דאָס איז טאַקע נישט קיין גוטע געוווינהייט — האָט אירענאַ באַדויערט סטאַשיאַן — מיין מאַמע האָט אויך אַזאַ נאַטור. ווען זי זעט פֿון אַ מענטש רינען בלוט, כאַפּט זי זיך אָן ביים האַרץ...

יאַשאַ האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס זעקל קאַרטאָפֿל פֿון רוקן, זיך אויסגעגלייכט און באַדויערט סטאַשיאַן און אירענאַן:

— מיידלעך, ווו איז אייער שׂכל? איר האָט דאָך אין גאַנצן

פאַרגעסן, אַז די האַר זענען ייִדישע! וואָס איז דאָס גאַנצע איבער־נעמען זיך?

— מיינסט, אַז די דייטשן זענען פּאַר אונדז בעסער?! — איז סטאַשיאַ אויפגעשפּרונגען פונעם זעקל אויף וועלכן זי האָט זיך אַוועקגעזעצט רוען.

— נו, נו... פון פּוילישע קעפּ האָבן די דייטשן נאָך נישט געשווירן האַר אויף צו מאַכן מאַטראַצן...

סטאַשיאַ האָט אויסגעשפּיגן:

— אַזאַ הינטיש לעבן ווי אונדזערס איז נאָך ערגער ווי דער טויט...

— סטאַשיאַ איז גערעכט — האָט אירענאַ מיט בייזקייט זיך אָנגערופן — ווען האָבן מיר געהאַט אַזאַ דרעקיש לעבן?

— פריִער, ווען דו האָסט געהערט פון אַ גוטן טעלער עסן, האָסטו זיך געריסן מיטצוגיין. איצט רעדסטו אַנדערש.

— איך בין בלויז איין מאָל געגאַנגען, און איר ביידע לויפט צום דייטש יעדן טאָג — האָט אירענאַ מיט חוזק זיך צעלאַכט.

סטאַשיאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— איך גיי נישט מער צום דייטש. זאָל ער זיך ווערגן מיטן טעלער עסן...

סטאַשיאַ האָט גענומען אויף זיך די קאַרטאָפל און געוואָרנט יאַשאַן מיטן פינגער:

— געדענק! ווען כעפּע וועט אין דער פאַבריק פרעגן פאַר וואָס מיר זענען נישט געקומען צו אים, וועל איך ענטפערן: „אויף צוויי ערטער אַרבעטן קאָנען מיר נישט באַוויִזן".

— כ'האָב געהערט — האָט יאַשאַ אַן אומצופרידענע איינגע־שטימט.

ווי יעדעס מאָל נאָך אַזאַ איבערלעבונג, האָט סטאַשיאַ זיך אין געהיים צוזאַמענגעטראָפן מיט זאָשיאַן און פאַר איר אויסגערעדט דאָס האַרץ. פון דעם געשילדערטן בילד ביים דייטש אין קעלער האָט סאָשיאַ זיך איינגעבראָכן און אַריינגעוויינט אין אירע הענט.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

דייטשן און פּוילישע פּאַרטיזאַנער

אין וואַלד איז געוואָרן אומרויִק. די פֿייגל, דערשראָקענע פֿון די שיסערייען, האָבן זיך איבערגעטראָגן פֿון איין עק וואַלד צום צווייטן, געקרייזט אַרום די ביימער, פֿאַרשוווּנדן אין די ווייטקייטן און צוריקגעקערט, ווען די שיסעריי האָט אויפֿגעהערט. לויט די ווייטע אָפּהילכן האָבן די ייִדן זיך פֿאָרגעשטעלט וויפֿל שטח עס טיילט זיי אָפּ פֿון יענעם אָרט פֿון וועלכן די שאָסן זענען געקומען. ווען די עכאָס זענען געוואָרן שאַרפֿער, האָבן די פֿייגל נישט געקאָנט מער זיך איינהאַלטן אין וואַלד און די ייִדן זענען אויף גאַנצע טעג פֿאַרשוווּנדן אונטער דער ערד.

אין יענע טעג האָבן פּויערים געטריבן די ייִדן פֿון דאָרף, זיי געדראָט מיט מאָרד און מסירה אויב עס וועט ווער פֿון זיי זיך דערנענטערן צו אַ כאַטע. דערשלאָגענע זענען די ייִדן צוריקגעקומען אין וואַלד אַרייַן מיט ליידיקע זעק. הונגער און שרעק האָבן זיי צונויפֿגענומען אין דער באַהעלטעניש. דאָרט זענען זיי געלעגן מידע, מיט פֿאַרוואָרפֿענע הענט און פֿאַרפּרעסטע ליפּן. די אויגן, פֿאַרזונקען אין דער אונטערערדישער פֿינצטערניש, האָבן מער שוין נישט געוואָלט זען די שיין פֿון טאָג.

יואל און יאַנקל האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר דער אַפּאַטיע, וואָס האָט אַלעמען באַהערשט. זיי האָבן באַשלאָסן עפּעס טאָן, כּדי צו דערשלאָגן זיך כאָטש צו איינעם פֿון די באַקאַנטע גויים. זיי האָבן זיך דערמאָנט אין דעם רייכן פּויער ריטעל, וואָס האָט געשמט מיט זיינע ליבעראַלע מיינונגען.

מיט אַ טאָג פֿריִער, איידער זיי זענען אַרויס אין וועג, איז

אין דאָרף פּאַרגעקומען אַן אַבלאַווע. דייטשן זענען געגאַנגען פון כאַטע צו כאַטע, געזוכט אין די שטאַלן, אויף די בוידעמס. אַ סך שטיבער זענען געווען האַלב־פּאַרלאָזט. די דייטשן האָבן דאָרט געטראָפן איבערגעשראָקענע פויערים און פויערטעס, פאַרוויקלטע אין פאַטשיילעס. זיי האָבן גערי‎סן טירן פון שטאַלן און קעלערס און נישט געפונען די חזירים און די זעק קאָרן וואָס די פויערים האָבן געדאַרפט צושטעלן לויטן קאָנטינגענט.

יואל און יאַנקל האָבן נישט געוווּסט וועגן דער אַבלאַווע אין דאָרף. זיי האָבן דאָס אפשר געקאָנט דערקענען פון אַ טייל כאַטעס, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעליידיקט פון מענטשן. דער פּחד פאַר די דייטשן האָט זיי אַרויסגעיאָגט צו שכנים. צונויפגענומענע איז זיי געווען לייכטער און היימלעכער.

אין וועג האָבן די ברידער צווישן זיך גערעדט וועגן דעם פויער ריטעל, ווי וועגן דעם קליגסטן אין דאָרף — אַ מענטש מיט אַן אָפענער נשמה. זיי זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן געווינען זיין האַרץ... צוקומענדיק צו זיין הויז, האָבן די ברידער געהערט אַן אַמפּעריי פון קולות, וואָס האָבן הייס דיסקוטירט איבער דער פאַרגעקומענער אַבלאַווע. איינער האָט געוואָרפן די שולד אויפן צווייטן. דורך די שפּאַרעס אין לאָדן האָבן יואל און יאַנקל דערקענט זייערע פּנימער.

ריטעל, דער בעל־הבית פון הויז, מיט אַ ליולקע אין מויל, די הענט פאַרלייגט אויפן רוקן, האָט זיך נישט געבייזערט אויף קיינעם. אַן אַנגעבויגענער צו די שכנים אויף די נידעריקע בענקלעך, האָט ער פאַרחידושט געפרעגט:

— ווו איז פאַרשווונדן דיין חזיר, וואָס דער סאָלטיס האָט פאַרשריבן? באַגנבעט?...

און נאָך אַ ווײַלע:

— ווייסט איר נישט, אַז באַגראָבענע תבואה אונטער דער ערד פוילט?...

די פויערים זענען געוואָרן ווי צעטומלט, נישט פאַרשטאַנען

צי ריטעלס שטראָפרייד זענען פאַר זיי גוט אָדער שלעכט. צו וואָס האָבן זיי זיך געלאָזט אָנרעדן צו קומען אַהער? צו וואָס האָבן זיי געדאַרפט זיך אַריינפּלאָנטערן אין אַזאַ געררעדעריי? איז נישט בעסער געווען פריִער? אָט שטייט ער, ריטעל, און שאָקלט מיטן פינגער אין פּנים אַריין:

— שווייגט, איר נאַראָנים! ווער רעדט איר נאָך, אַז אַנטלאָפענע ייִדן פון טרעבלינקע דרייען זיך אַרום אין דאָרף? ווער זעט אַ ייִד פאַר די אויגן? נישטאָ מער קיין ייִדן.

די פּויערים האָבן אָנגעהויבן זיך לאַנגווייליקן. אײנגעטוליעטע אין וואַרעמע שובעס מיט אויפגעשטעלטע קעלנער האָבן זיי איינציקווייז זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב און אַריין צווישן די פאַרפינצטערטע כאַטעס.

די טריט פון די אַרויסגייענדיקע פּויערים האָבן צערייצט די הינט. לאַנג נאָך זייער אַוועקגיין האָבן די הינט נאָך געבילט. דער פּויער איז אַרויס מיט אַ לאָמטערנע און דערזען ווי די הינט רייסן זיך אָנטקעגן אַריינגאַנג צו דער הינטערשטער וואַנט. ריטעל האָט אָנגעשטעלט דאָס ליכט אויף צוויי קעפּ.

— ווער זענט איר דאָרט? — האָט דער פּויער אויסגערופן.

די ברידער האָבן זיך געגעבן צו דערקענען.

— ייִדן! צום טייוול! פון וואַנען קומט איר? איר שטעלט אין געפאַר דאָס דאָרף!

— פּאַניע ריטעל, קיינער ווייסט נישט פון אונדז...

דער גוי איז געבליבן שטיין מיט דער אַראָפּגעלאָזענער לאָמטערנע ביי די פיס. זיינע אויגן האָבן דורכגעשניטן די פינצטערניש, געקוקט אויף די צוויי צונויפגעאַמענגערוקטע ברידער וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט. ער האָט געפילט אויף זיך זייערע בעטנדיקע בליקן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַ שפּרונג טאָן אויף די ברידער, אָבער זייער שרעק האָט נאָכגעלאָזט ווען ער האָט זיי געררופן מיט זיך, צוגעפירט צו אַ שייער און געהייסן זיי אינעווייניק וואַרטן ביז ער וועט קומען צוריק.

אויפֿן הויף איז געוואָרן שטיל. די הינט האָבן זיך אַוועקגעלייגט און געסאַפּעט. די ברידער האָבן מורא באַקומען פֿאַר דער שטילקייט. זיי זענען געשטאַנען אין דער פֿינצטער, געוואַרט אויף די טריט פֿונעם פּויער, אָבער ער איז נישט געקומען. וואָס וועט זיין? אפשר מיינט דער גוי זיי צו האַלטן ביז טאָג און דערנאָך איבערגעבן אין די הענט פֿון רוצחים? דאָס וואַרטן האָט זיך פֿאַרצויגן. יאַנקל האָט געראָטן צו אַנטלויפֿן.

— די טירן זענען פֿאַרמאַכט — האָט יואל געזאָגט.

— זעסט דאָך וואָס דאָ טוט זיך. פֿאַר וואָס האָט ער אונדז פֿאַרמאַכט? קום זוכן ערגעץ אַ לאָך.

יואל האָט יאַנקלען געשלעפּט פֿאַרן קאָלנער צוריק און געהייסן אים וואַרטן ביי דער טיר. ער אַליין איז אַוועק אויסקוקן אַן אַרויס־גאַנג, אויב עס וועט נייטיק זיין זיך אַרויסצוקריגן פֿון דער אַנדערער זייט שייער.

יאַנקל האָט זיך געטרייסלט פֿון אומגעדולד און יואל האָט געשטאַמלט: „ער וועט קומען, ער מוז קומען"...

ענדלעך האָבן זיי דערהערט טריט פֿון שטוב גלייך צום שייער. דורך דער אָפּגעלעכנטער טיר איז אַריין ריטעל אַרומגענומען מיט אַ פּעלץ. די ברידער זענען איבערראַשט געוואָרן פֿון זיין שטיל קול:

— אַנטלאָפֿענע פֿון טרעבלינקע?

— ניין, מיר זענען עטלעכע ברידער אין וואַלד.

— איר ווייסט וואָס עס קומט איצט פֿאַר אין די דערפֿער?

— פּאַניע ריטעל, מיר ווייסן ווי אַזוי זיך צו היטן...

— איך ווייס. איך ווייס. איר מוזט דאָך מיר איינרעדן. זאָגט, וואָס ווילט איר פֿון מיר?

— מיר זענען הונגעריק.

— הערט, זשידקעס, נעמט אייך פֿון דאַנען דעם האַלבן זאַק קאַרטאָפֿל. איך וועל אייך נאָך צוגעבן אַ ברויט. אָבער געדענקט, מיידט אויס מיין שטוב... איך וויל נישט געבן מיין קאָפּ צוליב אַ ייד...

האַרבסטיקע טעג אין וואַלד. רעגן און נעפּל. ווינטן האָבן זיך געיאָגט איבער דיביימער, זיי געטרייסלט, אויסגעקרימט, צוזאַמענ־גענומען און ווידער זיי צעשאָקלט. אַלע ביימער אין וואַלד, קליין און גרויס, האָבן געוואָיעט מיטן זעלבן געוויין. טשאַטעס פייגל האָבן פאַרלאָזט די ביימער, זיך געריסן צו הויכקייטן, צו די גראָע וואָלקנס.

אין אַזעלכע טעג האָבן די ייִדן פאַרוויקלט מיט שמאַטעס זייערע צעריסענע שיך כדי זיי זאָלן נישט צעפאַלן אין דער זומפּיקער ערד, די אויבערשטע בגדים האָבן זיי ענג אַרומגענומען מיט שטריק, זייערע צעשויבערטע קעפּ — איינגעצויגן צווישן די אויפגעשטעלטע קעלנער, און איינגעבויגענע, זענען זיי געלאָפן צום גרוב, ווו די ווינטן מיט די רעגנס האָבן זיי נישט דערגרייכט, ביז דער הונגער האָט זיי ווידער אַרויסגעיאָגט פון אונטער דער ערד.

דאָס איז געווען אין אַ נאַכט מיט צעהוליעטע ווינטן. יאַנקל איז שוין געהאַט דערגאַנגען צום שוואַרצן ראַנד פון וואַלד, ווי עס האָט אָפּגעהילכט אַ שאָס. דער עכאָ פונעם נאָענטן שאָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן ביי אים אין די אויערן. אַ פאַרטויבטער האָט ער זיך צוריקגעצויגן אין וואַלד. אָפּגעוואַרט ביז ס'איז שטיל געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן גיין צום וועג אין דאָרף. ער איז געוואָרן אַרומגע־רינגלט פון באַוואָפנטע לייט און געבליבן שטיין מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם:

— וואָס שווייגסטו? הייב אויף דעם קאָפּ, ווייז דיין ייִדישן פּרצוף!

יאַנקל האָט עפּעס אַרויסגעשטאַמלט און די לייט האָבן אים פאַרשריגן:

— פון טרעבלינקע, האַ? גיב אַוועק דאָס גאָלד מיט די בריליאַנטן איידער מיר הרגענען דיך אַוועק!

— פּאַנאָוויע, איר האָט אַ טעות...

— פאַררעד נישט די ציין, דו פאַרשיווער זשיד!

יאַנקל האָט מיט אַ הויך קול איבערגעחזרט דעם פּאַראָל, וואָס די לייט האָבן געהאַלטן פאַר זייער סוד.

— פון וואַנען קומט צו דיר דער פּאַראָל? ווער ביסטו?

— איך בין דער, וואָס גייט אין שליחות פונעם קאָמענדאַנט!

— ווער איז דער קאָמענדאַנט?

יאַנקל האָט אָנגערופן זיין נאָמען.

די לייט האָבן צוריקגעצויגן די ביקסן, זיך איבערגעקוקט און אַוועק אין אַ זייט.

אין דאָרף האָט יאַנקל אָנגעקלאַפּט ביים לערער. ער האָט אים געטראָפן זייער געשפּאַנט. דער לערער האָט אים אויסגערעדט פאַר וואָס דווקא אין דער היינטיקער נאַכט, ווען עס האָט געדאַרפט פאַר־קומען אַן אַקציע, איז ער אַרויס פון וואַלד. ער האָט יאַנקלען געגעבן עפּעס צו עסן און אים באַפוילן וואָס גיכער זיך אָפּצוטראָגן פון דאָרף. ער האָט אים אָנגעוויזן מיט וועלכע וועגן ער דאַרף גיין, כדי אויסצומיידן די באַוואָפנטע פּאַטראָלן פון זיינע פּאַרטיזאַנער.

יאַנקל האָט שוין געהאַט פאַרלאָזט דאָס דאָרף. ער איז אַוועק אויפן וועג וואָס דער לערער האָט אים אָנגעוויזן. דאָרט האָט ער געשלעפּט זיינע פיס פון דער צעווייקטער ערד. ווען ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון די זומפּן, איז ער אַריין אין די וואַסערן פון פאַרגאָסענע לאָנקעס. וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ טיפער איז ער געזונקען. דאָס וואַסער האָט אים שוין דערגרייכט ביז איבער די קני׳ען. יאַנקל האָט פאַרקערעוועט אויף רעכטס, אויף לינקס, אָבער נישט געפונען קיין אויסוועג. ער איז געבליבן שטיין און געטראַכט: וואָס ווייטער טאָן? איבער זיין קאָפּ האָט געטריפט אַ דינער רעגן, פון די לאַנגע האָר האָבן זיך געצויגן קאַלטע טראָפּנס איבערן לייב. ער האָט אויפגעריסן די אויגן און נישט געזען אַרום זיך מער ווי דעם פאַלנדיקן רעגן אינעם שטייענדיקן וואַסער. יאַנקל האָט געפּרוווט ווייטער גיין פאָרויס. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט שוין דערפילט דעם ריח פון וואַלד, דערהערט דעם גערויש פוןביימער — און דאָ האָט אים דאָס וואַסער פאַרכאַפּט ביז צום

גאַרטל. מיט צעפּאַכעטע הענט האָט ער זיך געריסן צוריק, ווי אויף אַ צעשטורעמטן טייך. אַ דורכגעווייקטער האָט זיך יאַנקל אומגעקערט אין דאָרף. ער האָט נישט געוווסט צו וועמען עס געהערט דער שייער, ווו ער האָט זיך אַריינבאַקומען און פאַרקראָכן צום שפּיץ פון אַ באַרג שטרוי, ביז אונטערן דאַך.

אין דרויסן האָט דער הימל זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריקער און פאַרשווענקט דאָס דאָרף מיט אַ גאָס רעגן. דער ווינט האָט געריסן שטיקער פון שטרויענעם דאַך, געקלאַפּט אין די צוגעלענטע טירן, אַריינגעפּייפט דורך די שפּאַרעס פון די ווענט. יאַנקל האָט אויסגעגראָבן אַ טיפן לאָך אין שטרוי און דאָרט זיך אַריינגעלאָזט. איין סנאָפּ האָט ער געלאָזט ליגן — אפשר וועט דאָס אים נייטיק זיין צום איבערדעקן זיך. ער האָט געקעמפט מיט זיך, מורא געהאַט פאַר דער נאַכט וואָס האָט אים געפאַנגען אין דאָרף, אָבער די מידקייט האָט אים באַהערשט און ער איז איינגעשלאָפן.

אין גראָען פרימאָרגן האָט יאַנקל זיך איבערגעוועקט פון אַ געדיכטער שיסעריי אין דער זייט צום וואַלד. דורך די שפּאַרעס האָט ער געזען אַרויסגעשטעקטע קעפּ פון טיר און פענצטער. פון די פעלדער הינטערן דאָרף זענען געלאָפן איינגעבויגענע געשטאַלטן און ערגעץ אַנטרונען געוואָרן. אַ פויער פון דער כאַטע אַנטקעגן דעם שייער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער אָפענער טיר, געמאַכט באַוועגונגען מיט זיין צעשויבערטן קאָפּ, און צוריק אַריין. קיינער פון די איבערגעוועקטע פויערים האָט נאָך נישט געוווסט, אַז ביים ראַנד פון וואַלד זענען געלעגן דערהרגעטע דייטשן אַרום אַ מיליטערישן אויטאָ.

באַגינען איז דאָס גאַנצע דאָרף שוין געשטאַנען אויף די פיס. ס׳איז געווען בולט צו דערקענען דעם אומרו ביי אַלע איינוווינער. פויערים האָבן זיך געזאַמלט הינטער די ווענט, גערעדט שטיל צווישן זיך און געקוקט זייטיק, מיט חשד. פויערטעס מיט פאַרבראָכענע הענט זענען געשטאַנען ביי די שוועלן פון זייערע כאַטעס און אויפגעציטערט ביי יעדן קלאַנג, וואָס זיי האָבן דערהערט. ערשט שפּעטער

האָט יאַנקל זיך דערוווּסט וועגן די דייטשן, דערהרגעטע דורך פּוילישע פּאַרטיזאַנער. ער האָט דערזען די געפאַר וואָס האָט צום מיינסטן אים געדראָט.

אין שייער איז אַריין אַ פּויער, אַרויפגעקראָכן אויפן לייטער, אַראָפּגעשלעפּט אַ בינטל שטרוי און גענומען עס שניידן. דער פּויער האָט געמרוקעט און געשאָלטן מיט בייזע קללות. דערנאָך איז אַנ־געלאָפן אַ פּויערטע, האַסטיק אָוועקגעשטעלט צוויי עמערס און אים גערופן מיט אַ דערשראָקן קול. יאַנקל האָט אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַרעס און איבער זיין לייב איז אַדורך אַ ציטער, ווען ער האָט זיך דערוווּסט אין וועמענס שייער ער געפינט זיך: דאָס געשטאַלט פון דעם פּויער האָט אים תיכף דערמאָנט אין רוצח פון דעם יידישן שניידער אין דאָרף...

אַראָפּקוקנדיק אין ליידיקן שייער האָט יאַנקל דערזען שטיין צוויי עמערס געקאָכטע קאַרטאָפל, פון וועלכע ס'האָט נאָך געשלאָגן אַ פּאַרע. אַרום איז געוואָרן שטיל. דער הונגער האָט אים געצויגן צום לייטער. ווי אַ קאַץ האָט ער אַ שפּרינג געטאָן צו די צוויי עמערס, אָנגעפּילט די קעשענעס און ווידער אָוועק אויפן שטרוי אונטערן דאַך.

אין שייער איז אַריין די פּויערטע. זי האָט פאַרענדיקט שניידן דאָס בינטל שטרוי, צוגעגרייט עסן אין קאַריטעס און דאָס איבער־געטראָגן אין די שטאַלן. דעם פּויער האָט מען מער נישט געזען. אַ שכנה האָט צו איר אַריבערגערעדט דורך אַ פּלויט וועגן די כלאָפּעס, וואָס זענען זיך צעלאָפן אין וואַלד. אַ צעשראָקענע האָט זי דורך די אָפענע טירן געזען אָנפאָרן אין דאָרף אַריין מאָטאָציקלען און מיליטערישע אויטאָס. דער סאָלטיס איז געגאַנגען אין שפּיץ פון באַוואָפנטע זשאַנדאַרן, וואָס האָבן געזוכט דאָס יונגוואַרג פון דאָרף. יאַנקל איז געלעגן אין שטרויענעם גרוב און געהערט די ווילדע געשרייען פון די דייטשן, דאָס פאַרוויינטע קול פון דער פּויערטע, דאָס אויפפּראַלן די טירן פון שייער, די באַטשוועקעוועטע טריט אויפן שטיינערנעם באָדן. אין זיין מוח האָט געהאַקט דאָס

שווערע דראַפּען זיך אויפן לייטער. טויטדראָענדיקע קולות האָבן ווי שאַרפע שפּיזן דורכגעשניטן דעם בינט שטרוי, וואָס האָט אים איבערגעדעקט. ערשט נאָך דעם ווען די טריט האָבן זיך דערווייטערט פון שייער צום זאַמדיקן וועג, האָט יאַנקל אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ און אַריינגעצויגן אין זיך די לופט.

דעם גאַנצן טאָג איז יאַנקל געלעגן אין שייער, אויסגעזוכט די סנאָפּעס מיט פולע זאַנגען און זיי אויסגעליידיקט אין די קע־שענעס אַריין. ביי נאַכט איז ער אַראָפּ און מיט זייטיקע וועגן אַוועק צו זיינע יידן אין וואַלד.

אויף צוריקוועגס האָט יאַנקל געשטעלט גיכע טריט. דער שאַרפער ווינט הינטער אים האָט לייכטער געמאַכט זיין גאַנג. נאָך דעם שווער איבערגעלעבטן טאָג האָט ער געוואָלט זיך אויסרעדן פאַר די יידן, אָבער ווען ער איז שוין ענדלעך דערגאַנגען, האָט ער דאָס אָרט נישט דערקענט, ווי ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט אין אַן אַנדער וואַלד. ער האָט אָנגעהויבן רופן, אָבער קיינער האָט אים נישט אָפּגעענטפערט. אַלע סימנים אַרום דיביימער האָבן געוויזן, אַז דער וועג איז אַ ריכטיקער, אָבער קיין לעבעדיקער נפש איז נישט געווען. יאַנקל האָט אָפּגעבראָכן אַ דיקערן צווייג און געמאַכט פון דעם אַ לאַנגן שטעקן. ווי אַ בלינדער האָט ער פאַר זיינע פיס אויסגעקלאַפּט די טריט ביז ער איז דערגאַנגען צו דער באַהעל־טעניש. דאָרט איז זיין שטעקן געזונקען אין וואַסער. דער גרוב איז פאַרפלייצט געוואָרן פון די שטאַרקע רעגנס, דאָס האָט יאַנקל פאַר־שטאַנען, אָבער ווו זענען די יידן? אויב דאָס וואַסער האָט זיי פאַריאָגט פון גרוב, דאַרפן זיי זיך געפינען אַרום דעם אָרט. אַזוי האָט ער געטראַכט גייענדיק מיטן שטעקן פאָרויס. ער האָט זיך געגליטשט איבער דער מאַכיק־צעווייקטער ערד, געפאַלן און ווידער געשפּאַנט, ביז ער איז אָנגעקומען צו אַ בערגל. דאָרט, אונטער אַ בוים מיט נידעריקע צווייגן, האָט דער שטעקן זיך אָנגעשטויסן אין די יידן, וואָס זענען געזעסן צוזאַמענגעטוליעטע און דורכגע־ווייקטע קליידער מיט נאַסע זעק איבער די קעפּ, מיט פאַרשטייפטע

פינגער. דאָס זענען געווען אויסגעלאָשענע מענטשן — אָן לשון, אָן אַ ציטער, אָן אַ באַוועגונג מיט אַן אבר, ווי דערטרונקענע וואָס זענען זיצנדיק פאַרפרוירן געוואָרן אין אייז. יאַנקל האָט זיי געשאָקלט, געריבן די פנימער און בלויז אַ פּאָר שטאַמלדיקע ווערטער האָט ער דערהערט, מער האָבן זיי פון זיך נישט געקאָנט אַרויסברענגען. מיט די לעצטע כוחות האָט ער אָנגעשלעפּט אַ באַרג מיט צווייגן. ערגעץ, האָט ער זיך דערמאָנט, האָבן געדאַרפט ליגן באַהאַלטן אין אַ בלעכענער פּושקע שוועבעלעך. דאָס אונטערגעצונדענע שטרוי האָט אויפגעפלאַקערט אַנטקעגן די ייִדן, באַלויכטן זייערע קעפּ. יאַנקל האָט יעדן באַזונדער צוגעשלעפּט נענטער צום פייער. אַ וואַרעמקייט האָט זיי אַרומגענומען. דאָס פייער איז געווען גוט צו זיי, אויפגעטייעט זייערע פאַרשטייפטע גלידער, געעפנט זייערע אויגן און פונאַנדערגעיאָגט די שוואַרצע נעפּלען. מיט צעפלאַמטע פנימער האָבן זיי געקוקט אויפן פייער ווי אויף אַן אויפגייענדיקער זון, און דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן, דערציילן וועגן דעם איבערגעלעבטן טאָג. אַרום שייטער זענען געשטאַנען נאַסע ביימער מיט נאַקעטע צווייגן. די ייִדן זענען געזעסן מיט צעשמייכלטע פנימער, ווי אויפגעוואַכטע צו אַ נײַ לעבן.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

דער אַרעסט

אומרויִקע נעכט זענען אָנגעקומען אין לאַגער. די לופט־אַטאַקעס אַרום בערלין האָבן אויך געצילט אין דער עראָפּלאַנען־פאַבריק ווו סטאַשיאַ האָט געאַרבעט. אַזעלכע אַלאַרמען פלעגן דויערן, מיט קורצע איבעררייסן, ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהען.

סטאַשיאַ איז ביי טאָג אַרומגעגאַנגען אַ מידע פון די שלאָפלאָזע נעכט. דערפאַר פלעגט זי נאָכן אומקערן זיך פון דער פאַבריק זיין פון די ערשטע אין דער ריי ביים נעמען דאָס נאַכטעסן און דערמיט האָט זי געוווּנען צייט פריִער זיך אַוועקצולייגן אויפן בעט. ביזן ערשטן אַלאַרם האָט זי שוין געהאַט אַ ביסל זיך איבערגעשלאָפן.

קאַזשאַ איז נישט געפעלן געוואָרן אַזאַ אויפפירונג. מיט די מערסטע מיידלעך אין באַראַק איז זי געווען צעקריגט, מיט אַנדערע האָט איר נישט געפּאַסט זיך צו חברן, איז זי אַרומגעגאַנגען אַן איינזאַמע און נאָך דער אַרבעט האָט זי נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. סטאַשיאַ האָט דערפילט, אַז קאַזשאַ איז אָנ־געצויגן. זי האָט אָבער נישט געקאָנט מוותר זיין אויפן ביסל שלאָף. קאַזשאַ האָט דאָס געוואָלט פאַרשטיין, ס׳איז איר אָבער נישט געווען צום האַרצן.

אין איינעם אַ טאָג, ווען סטאַשיאַ איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט זי געטראָפן אַ האַלבע שאַפּקע אויסגעליידיקט. קאַזשאַ האָט פאַרלאָזט דעם באַראַק. סטאַשיאַן האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, און נאָך מער צוליב דעם, וואָס זי אַליין זאָל האָבן גורם געווען צו קאַזשאַס אַוועקגיין אַ ברוגזע. זי האָט אויך מורא געהאַט פאַר שלעכטע קאָנסעקווענצן. זי האָט אָנגעהויבן נאָכטראַכטן וועגן איר

חברשאַפט מיט קאַזשאַן ביז צו יענעם אַוועקגיין און נישט אויס־געפונען קיין שום סיבה פון חשד, און דאָך האָט דער אומרו צוליב קאַזשאַס אַוועקגיין זי נישט פאַרלאָזט. סטאַשיאַ האָט גוט געוווּסט וואָס קאַזשאַ איז אַלץ פעיִק געווען אָפּצוטאָן ווען זי איז אַריינ־געפאַלן אין כעס.

אין באַראַק האָט געוווינט אַ צווייטע זאָשיאַ — אַ יונג שיין מיידל, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע מיידלעך מיט איר זויבערקייט, פיינער שפּראַך און שטילן טאָן פון רעדן. דאָס מיידל מיט די גלאַט־פאַרקעמטע שאַטינע האָר און בלאָע קלוגע אויגן איז אַ מאָל געקומען פון סקערנעוויץ קיין וואַרשע, האָבן איר די דייטשן, צוזאַמען מיט נאָך אַ סך, פאַרכאַפּט אויף אַרבעט.

אין באַראַק האָט זאָשיאַ זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלע. זי פלעגט פון ערגעץ אין לאַגער ברענגען ביכער און זיי לייענען אויף איר אַרבעט אָדער ביים טיש ווען קיינער איז דאָרט נישט געזעסן. די מיידלעך האָבן נישט פאַרטראָגן איר איינגעשלאָסנקייט אין זיך, האָבן זיי אויף זאָשיאַן געקוקט קרום און אין דער שטיל זי באַרעדט, נאָכגעמאַכט אירע דראָבנע טריטלעך, און דערביי געשפּאָט: „זאָל זי גיין מיט אירע פיסלעך אין אַ טאַנצזאַל״, אָדער: „שטעלט זי אַריין אין שויפענצטער״... די מיידלעך האָבן זי מקנא געווען מיט די רייכע פּעקלעך, וואָס זי פלעגט קריגן פון דער היים. זיי האָבן געוווּסט, אַז אַ טייל פון די פּעקלעך גיט זי אויך פאַר די באַקומענע ביכער צום לייענען.

אין דעם זעלבן טאָג, נאָך קאַזשאַס פאַרלאָזן דעם באַראַק, איז זאָשיאַ צוגעקומען צו סטאַשיאַן און געבעטן איר הסכמה, זי זאָל פאַרנעמען אונטער איר דאָס ליידיקע בעט. סטאַשיאַ האָט גערן איינגעשטימט און נאָך געהאָלפן איר איבערטראָגן די זאַכן צו דער אויסגעליידיקטער שאַפע.

סטאַשיאַ איז גלייך אַריין אין אַ שמועס מיט זאָשיאַן, געוואָלט וויסן פאַר וואָס איר נייע שכנה איז אַוועק פון יענעם בעט, ווו זי

איז שוין איבער אַ יאָר געלעגן. סטאַשיאַ האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי איז דווקא צופרידן פון דעם אויסטויש.

די שטילע זאָשיאַ, וואָס האָט אין באַראַק געשמט פאַר אַ שוויי־געריין, האָט אין סטאַשיאַס געזעלשאַפט אַרויסגעוויזן זיך פאַר אַ גוטע שמועסערין. איר איז נמאס געוואָרן דאָס וווינען צוזאַמען מיט די דאָרפישע מיידן, וואָס האָבן פון גאָרנישט געוואָלט וויסן, נאָר פון פרעס, אַ קאַוואַליער צום הוליען און פון מאַדליען זיך. סטאַשיאַ האָט געשמייכלט פון זאָשיאַס צייכענען מיט די הענט די פאָרמלאָזע פיגורן און פון איר נאָכקאַפּירן זייערע קוויטשענדיקע קולות ביים רעדן. באַזונדערס האָט זאָשיאַן שטאַרק דענערווירט, וואָס אין יענעם ווינקל האָט געוווינט די קליינע זאָשיאַ, וועמען מ'האָט אַ סך מאָל גערופן, און זי האָט יעדעס מאָל זיך אומגעקוקט, כאָטש זי האָט געוווסט, אַז דאָס מיינט מען נישט איר.

סטאַשיאַ האָט געזען ליגן אַ בוך אויף זאָשיאַס בעט, זי האָט געזאָגט, אַז ריימאָנטס „פּויערן" געדענקט זי נאָך זייער גוט, כאָטש זי האָט דאָס בוך שוין געהאַט געלייענט מיט אַ צייט צוריק. סטאַשיאַ האָט זיך אַ ביסל צערעדט וועגן די נאַטוראַליסטישע שילדערונגען פון פּויערישן לעבן און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אויפטרייסלענ־דיקן בילד אין בוך, ווי דער פּויער אַמפּוטירט זיך אַליין זיין קראַנקן פוס אין שייער...

— זעסטו — האָט זאָשיאַ קוקנדיק אויף סטאַשיאַן געזאָגט — מיין געפיל האָט מיך נישט גענאַרט ווען איך האָב פאַרנומען דאָס בעט לעבן דיר...

זיי האָבן נאָך געשמועסט וועגן בוך. צום סוף האָט זאָשיאַ באַמערקט:

— קוק זיך איין, סטאַשיאַ, אין די ברייטע הינטנס מיט די גראָבע פיס. זיי זענען דאָך די לעבעדיקע העלדינס פון ריימאָנטס בוך...

מיט קאַזשאַן האָט סטאַשיאַ זיך שפּעטער געטראָפן ביים עסן. קיין חברשאַפט האָבן זיי שוין נישט אָנגעהאַלטן, אָבער די באַגע־

גענישן אין דער ריי אָדער ביים געמיינזאַמען עסטיש זענען געווען געגוג היימיש און עס זענען נישט געווען צו דערקענען קיין סימנים פון ברוגז.

די אמתע סיבה פון פאַרלאָזן דעם באַראַק האָט סטאַשיאַ זיך דערוווּסט נישט פון קאַזשאַן גופא, נאָר פון די מיידלעך, וואָס האָבן צוזאַמען מיט איר פאַרברענגט אין די באַראַקן ביי די מענער און פון דאָרט געשלעפּט שטיקער ווורשט, ברויט און אַנדערע גוטע זאַכן.

דאָס ערשטע מאָל ווען זאָשיאַ און סטאַשיאַ האָבן גערעדט אויף דער טעמע האָט זאָשיאַ געעפנט איר שאַפקע און סטאַשיאַן דער־לאַנגט ברויט מיט ווורשט. איר פּנים האָט דערביי געשמייכלט:

— אויב קאַזשאַס פּאַרציע וואָס זי באַקומט פון די מענער איז גרעסער, בין איך גרייט אויסגלייכן, און אפשר נאָך מיט עפּעס מער...

אויף סטאַשיאַן האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זי האָט מיט עפּעס געוואָלט אויסדריקן איר דאַנקבאַרקייט, האָט זיך פון איר אַרויסגעכאַפּט אַ פראַזע:

— אַ שאָד וואָס איך פיר נישט קיין טאָגבוך; דעם עפּיזאָד וואָלט איך באַזונדער באַשריבן...

זאָשיאַ האָט אָפּגעענטפערט מיט צופרידנקייט:

— אויב נישט אויפן פּאַפּיר, טאָ שרייב איין אין דיין זכרון...

יאַשאַ איז אַריין אין באַראַק מיט אַ סענסאַציע: זי האָט זיך געשווירן ביי איר לעבן, אַז זי האָט מיט די אייגענע אויגן געזען פאַרנעמען אין אַ קעטשל פון געסטאַפּאָ דריי מיידלעך. זיי זענען אַנטדעקט געוואָרן ווי ייִדישקעס. איינע פון זיי האָט זי גוט געקענט פון דער ריי ביים נעמען עסן. די מיידלעך האָבן נישט געקאָנט זיך באַרויִקן פון דעם געשעעניש.

דער אַרעסט פון די דריי מיידלעך האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן פּרויען־לאַגער. ס׳זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען וועגן דעם, ווי אַזוי זיי זענען אַנטדעקט געוואָרן. סטאַשיאַ האָט געמוזט מיט אַ גוט דורכגעטראַכטער פאָרזיכטיקייט פאַרטושן איר אינערלעכן אומרו, דער עיקר פאַר איר שכנה זאָשיאַ, וואָס איז נישט מיט־

געריסן געוואָרן פון דער היסטעריע צו אַנטדעקן מאַסקירטע ייִדישקעס, אָבער זי איז נישט געווען אין גאַנצן גלייכגילטיק צו דעם געשעעניש און סטאַשיאַן האָט זי געבעטן נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט אַזעלכע מיידלעך, וואָס זעען אויס שטאַרק שפּירעוודיק ווען מען רעדט מיט זיי וועגן ייִדן...

— ווער פון אונדז איז נישט שפּירעוודיק? — האָט סטאַשיאַ געפרעגט — אָט זע וואָס ס'טוט זיך אין לאַגער.

— איך מיין נישט — האָט זאָשיאַ מיט אַן ערנסט פּנים זיך באַמיט סטאַשיאַן אויפצוקלערן — די ספּאָנטאַנע אויסדרוקן פון אַזאַ איינע, וואָס לעבט אין שטענדיקן פּחד, נאָר די באַהאַלטענע רעאַק־ציעס, וואָס קומען אין געוויסע מאָמענטן צום אויסדרוק נישט אין גאַנצן בולט. כדי דו זאָלסט מיך בעסער פאַרשטיין, וועל איך דאָס דיר אילוסטרירן מיט אַ פּערזענלעכן פאַקט. איך האָב געהאַט אַ באַקאַנטע ייִדישקע, וואָס האָט געאַרבעט מיט מיר אין באַנק. פון געטאָ איז זי אַרויס אָן דער געלער לאַטע. זי פלעגט אויך צו אונדז אין שטוב אַריינקומען. זי איז געווען קלוג, געלערנט און נישט געהאַט קיין ייִדישן אויסזען, און דאָך איז זי אַדורכגעפאַלן ביים סימולירן אַ קאַטאָליטשקע.

— אפשר דורך אַ מסירה?

— ניין, נישט אַזוי, סטאַשיאַ. דער וואָס האָט זי אַנטדעקט, האָט געקאָנט דערזען דאָס אמתע פּנים אונטער איר מאַסקע.

סטאַשיאַ האָט אַ פּיר געטאָן מיט די הענט:

— דאָס האָט שוין צו טאָן מיט פּסיכאָלאָגיע. איך קען זיך נישט אויף דעם...

זאָשיאַ האָט אַ לאַך געטאָן:

— יאָ! דאָס האָב איך טאַקע געמיינט!

אין לאַגער האָט מען איינגעפירט, אַז יעדער באַראַק זאָל שיקן אַ מיידל, לויט אַ ריי, אָפּצונעמען די פּאָסט פאַר אַלע. דורך דעם האָבן די דייטשן געהאַט אַ קאָנטראָל ווער עס באַקומט בריוו פון דער היים. סטאַשיאַ האָט תיכף געמוזט זוכן אַן אויסוועג פון דער

געפּאַר. איר איז איינגעפאַלן אַראָפּצונעמען אַן אָפּגעשטעמפּלטע מאַרקע פון אַ בריוו, וואָס האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אויפן טיש און זי אַרויפגעקלעפּט אויפן קאָנווערט וואָס סטאַשיאַ האָט אַדרעסירט צו זיך אַליין. ווען ס'איז געקומען איר ריי צו גיין אָפּנעמען די פּאָסט, האָט זי דעם בריוו אַריינגעלייגט צווישן פּעקל קאָנווערטן און גע־בעטן אַן אַנדערע אויסרופן די נעמען. זאָשיאַ, איר שכנה, פלעגט אַזאַ בריוו איבערגעבן מיט אַ קלינגענדיקן אויסרוף: „סטאַשיאַ! אַ בריוו פון דיין טשאַטקע”!...

זינט סטאַשיאַ איז אין די נעכט געלאָפן צוזאַמען מיט זאָשיאַן אין בונקער, האָבן זיי דאָס ערשטע מאָל איבערגעלעבט אַזאַ שווערע נאַכט. דער אַלאַרם האָט געדויערט כמעט אַ גאַנצע נאַכט.ביידע האָבן באַוויזן צו כאַפּן אויף זיך בלויז די קאָצן און זיי זענען געזעסן איינגעקורטשעטע אונטער די פאַלנדיקע באָמבעס, וואָס האָבן מיט אַ פאַרטויבטן גערויש געשניטן די לופט, צעטרייסלט די ערד. אַרומגענומענע האָבן זיי ביידע געשטאַמלט: „אָ יעזו, יעזו”...

אין דער פאַבריק האָט סטאַשיאַ געטראָפן אַ בהלה. פייערלעשער זענען געווען פאַרנומען מיטן לאָקאַליזירן די שׂרפה. מחנות מענטשן האָבן אָפּגערייניקט דעם שטח פון די צעריסענע ווענט. די דייטשישע אַרבעטס־אויפזעער זענען אַרומגעלאָפן און געשריגןביים צוריק איינשטעלן די אָרדענונג ביי דער אַרבעט. אין דער עקספּעדיציע־אָפּטיילונג ווו סטאַשיאַ האָט געאַרבעט, זענען פּאַרפאַקטע קוגל־לאַגערן, שוין גרייטע צום אַוועקשיקן, געלעגן אויף דער ערד צע־שאָטענע.

דעם זעלבן טאָג נאָך דער אַרבעט איז סטאַשיאַ מיט נאָך עטלעכע מיידלעך אויפגעפאָדערט געוואָרן צו אַרבעטן איבערשעהען. ס'האָבן נישט געהאָלפן די רייד. די מיידלעך האָבן געמוזט פאָלגן. שפּעט אין אָוונט איז סטאַשיאַ די לעצטע אַרויס פון פאַבריק.

סטאַשיאַן איז געווען אומהיימלעך אויפן האַרצן. דאָס ערשטע מאָל איז איר אויסגעקומען צו גיין אַליין אויפן שטח פון דער

פאַבריק אין אַזאַ שפּעטער שעה. פאַר וואָס האָט איר דער פאַר־וואַלטער אַרויסגעלאָזט אָן אַ דערלויבעניש? מיט דעם שטיקל פּאַפּיר וואָלט זי זיך געפילט זיכערער. פלוצלינג האָט זי דערזען פון דער ווייטנס אָנקומען אַ הויכע געשטאַלט, אַ מענטש אין אַ שוואַרצן מונדיר האָט איר אָפּגעשטעלט:

— ווער ביסטו?

סטאַשיאַ האָט אים געוויזן אויף דער פּוילישער אָפּצייכענונג.

— ווּ גייסטו?

— אין לאַגער.

— דאָקומענט?

סטאַשיאַ האָט זיך לעגיטימירט מיט דער אַרבעטס־קאַרטע.

אין באַראַק איז זי אַריין אַ בלאַסע. זאָשיאַ האָט זיך איבער־גענומען פון סטאַשיאַס פאַרפאַלן ווערן און פון איר צוריקקומען מיט אַ דערשראָקענעם אויסזען. זי האָט סטאַשיאַן באַרויִקט מיט עפּעס געבן איר אין מויל אַריין פון אירע פּראָדוקטן. אויך יאַשאַ האָט איר געוואָלט אויפהייטערן, מאַכן איר אַ בעסערע שטימונג, האָט זי פאַר־געלייענט אַ טשעקאָווע זאַך פון אַ בריוו, וואָס זי האָט גראָד דעם טאָג באַקומען פון דער היים. דאָרט איז געווען באַשריבן ווי אַזוי איר פאָטער, אַ פּויער אין דאָרף, האָט פאַרנדיק אין שטאָט אַריין באַגעגנט אַ דורכגעפרוירענעם מענטש, אַ בעטלער אַוודאי, זיך שלעפּן אין די טיפע שנייען. ער האָט דעם מענטש גענומען אויפן שליטן, אים דערוואַרעמט מיט אַ זופּ בראָנפן און אים איבערגעדעקט די פּיס. שפּעטער, בעתן רעדן, איז ער דערגאַנגען, אַז אויף זיין שליטן געפינט זיך גאָר אַ ייִד. אַריינפאָרן מיט אים אין שטאָט אַריין האָט ער מורא געהאַט, איז דעם פּויער איינגעפאַלן אַרויס־נעמען דאָס ברעטל פון עק שליטן און אַ טרייב טאָן דאָס פערד אין אַ גאַלאָפּ. אַפּלויפנדיק אַ שטיק וועג האָט ער זיך אומגעקוקט — נישטאָ דער ייִד, אַוועקגעפלויגן צוזאַמען מיטן בינטל שטרוי...

נאָכן ענדיקן דעם בריוו האָט יאַשאַ געוואַרט אויף אַ שטאַרק געלעכטער. צו איר אַנטוישונג האָט זי בלויז אויף זאָשיאַס פּנים

באַמערקט אַ קאַלטן שמייכל און סטאַשיאַן האָט זי פאַרחידושט געפרעגט:

— האָסט נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן דעם שוואַרצן דייטש?

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

יואלס טויט

אין דאָרף האָט אויסגעפעלט נאַפט און זאַלץ. פויערישע כאַטעס זענען געשטאַנען פינצטערע אין די אָוונטן. די איינציקע באַלייכטונג אין אַזעלכע שטובן איז געווען דאָס ברענענדיקע האָלץ אין אונטער־געהייצטן קוימען.

נאָך ערגער איז געווען מיט זאַלץ. די פויערים זענען גרייט געווען צו באַצאָלן מיטן בעסטן פון זייער ווירטשאַפט, אַבי צו פילן דעם טעם פון אַ געזאַלצענעם עסן.

אין יענע טעג האָבן אויף די ווענט פון די פויערישע כאַטעס זיך באַוויזן געדרוקטע מעלדונגען, וואָס האָבן פאָרגעלייגט אַ ליטער נאַפט מיט אַ קילאָ זאַלץ פאַר איבערגעבן אין פּאָליציייִשע הענט אַ לעבעדיקן ייִד. די פּלאַקאַטן מיט פעטער שריפט האָבן געלאָקט די דאָרפישע איינוווינער מיט זייערע צוזאָגן. הינטער די ווענט האָבן פויערים זיך געזאַמלט און קאָמענטירט דאָס געלייענטע. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נאָכן איבערלייענען די מעלדונג מיט עקל אויס־געשפּיגן. אַזעלכע פאַרשלאָגן האָבן באַליידיקט זייערע מענטשלעכע געפילן. אַנדערע זענען אַוועק גלייכגילטיקע, ווי דער ענין וואָלט זיי אין גאַנצן נישט אָנגעגאַנגען. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געוויצלט: אַ ייִד איז נאָך עפּעס ווערט, אָבער ווו געפינט מען אים?...

זאַלעסקי דער פאַסטעך האָט יאַנקלען נישט פאַרגעסן אויך אין די שפּעטע האַרבסט־טעג, ווען ער איז נישט אַרויס אין פעלד מיט די שעפּסן. אַ געדונגענער אויף טאָגאַרבעט איז ער געקומען אין וואַלד מיט פרעמדע פערד־און־וואָגן האַקן האָלץ. אַז יאַנקל האָט

פון די וואַלד־טיפענישן דערהערט אָפּקלאַנגען פון אָפּגערעדטע צייכנס, האָט ער שוין געוווּסט, אַז דאָס קליינע גויעלע רופט אים צו אַ שטיק ברויט און וויל אים דערציילן עפּעס נייעס.

נאָך אַ וואָך פון נישט אַרויסגיין פון וואַלד, איז יואל געווען דער ערשטער פון די ייִדן, וואָס איז אַוועק אין דאָרף. די פּלאַקאַטן, האָט ער געזאָגט, רעדן בלויז צו אַ קליינע צאָל פּויערים, צו וועלכע ער וואָלט סיי ווי נישט געגאַנגען בעטן קיין הילף. צו די בעסערע גויים אין דאָרף, וואָס האָבן געדאַרפט האָבן מער פאַרשטענדעניש צו אַ געליטענעם, האָט יואל פאַררעכנט די פאַראָבקעס פון הויף צוליב זייער אָרעמען שטאַנד. צו זיי האָט ער באַקומען צוטרוי און אין זייערע שטובן האָט ער אָנגעהויבן אַריינקומען און מ׳האָט אים דאָרט געגעבן אָפּצועסן און נאָך עפּעס אין וואַלד אַריין.

אין דער נאַכט ווען יואל איז אַוועק אין דאָרף איז געווען אַ קאַלט וועטער. פאַרן אַרויסגיין איז ער געזעסן צווישן די ביימער אַרומגענומען מיטן פּאַלטן און גערעדט מיט די ייִדן און פון די רייד איז אים געוואָרן נאָך קעלטער. ס׳איז געווען אַ טונקעלע נאַכט מיט גרויסע שטערן, וואָס האָבן באַלויכטן דעם גאַנצן הימל. יואל האָט באַמערקט דעם הימל ערשט ווען ער איז אַרויס אין פעלד. די געשעענישן פון די לעצטע טעג האָבן אים געצווּנגען דאָס פּנים אויף אַראָפּ און ער האָט נישט באַמערקט וואָס עס טוט זיך אויבן. ערשט אין וועג פון וואַלד צום דאָרף האָט די העלקייט פון די שטערן פאַרריסן זיין קאָפּ, פאַרוויגט אים אין אַ חלום וועגן דעם וואַרעמען עסן וואָס די גויע וועט אים דערלאַנגען. און אָט איז ער שוין אָנ־געקומען צו די אָרעמע שטיבלעך פון הויף. די קעלט און די העלקייט איבערן נאַכטיקן הימל האָבן געהאַט אין זיך עפּעס דראַ־מאַטיש. ער האָט וואָס גיכער געוואָלט זיך אָפּרייסן פון דעם דרויסנדיקן פּחד און באַלד אַ ריר געטאָן די טיר. די גויע, ווי זי וואָלט אים אָפּגעוואַרט, האָט יואלן אַריינגעלאָזט. די וואַרעמע לופט אין שטוב האָט אים געצויגן. ער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער צווישן די שלאָפנדיקע. די גויע האָט נישט געוואָלט זיי זאָלן דער־

הערן זיין אַריינקומען. זי האָט אין אַ ווינקל פון שטוב אָוועקגעשטעלט אַ בענקעלע און אים דערלאַנגט אַ שיסל געקאָכטע קרויט. יואל האָט געוווסט אַז ער איז אָנגעקומען צו דער זעלבער גויע, וואָס האָט אים מער ווי אַנדערע אַרויסגעוויזן אַ מענטשלעך געפיל: נאָכן עסן האָט זי אים געלאָזט אַ ביסל אונטערזיצן און אָננעמען זיך מיט דער שטוביקער וואַרעמקייט. זי פלעגט אים אויך דערציילן, וואָס עס טוט זיך אין דאָרף.

אין דרויסן האָבן יונגע שקצים זיך דערוווסט, אַז יואל געפינט זיך ביי אַ שכן. זיי זענען געגאַנגען פון פענצטער צו פענצטער נאָכקוקן. די גויע האָט דאָס באַמערקט. זי איז געוואָרן אומרויִק, האָט איינגעדרייט דאָס נאָפטלעמפּעלע און געהייסן יואלן זיך גרייט מאַכן צום גיין. אין דרויסן אַרום הייזל איז געווען שטיל. מיט אַ ווילדער גיכקייט האָט יואל זיך אַ ריס געטאָן צו דער צעעפנטער טיר, געלאָפן צו די פעלדער. אין די אויערן האָט אים אָפּגעהילכט דער שנעלער געלויף פון זיינע פיס. די אָדערן אויף די שלייפן האָבן אים געקלאַפּט וואָס אַ מאָל שטאַרקער. ווי אַ האָז אין מיטן לויף איז ער געבליבן שטיין כדי זיך אומצוקוקן. אין דער רגע האָט ער דערפילט, אַז מען יאָגט אים. יואל האָט געטוישט דעם וועג, גע־שפּרונגען איבער פּלויטן. ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ לאַנגער שוואַרצער וואַנט פון שטאַלן. ער איז אַריין אין אַ שמאָלן דורכגאַנג. אים האָט זיך געדוכט, אַז די נאָכיאָגער האָבן פאַרלוירן זיינע שפּורן. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם נאָענטן וועגל, וואָס האָט באַרג־אַראָפּ געפירט צו ראָוועס און גריבער. צווישן די צוויי וועגנט אויפן שמאָלן פּאַס ערד האָט אין אים געזידט דאָס אויפגעטייעטע בלוט, וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרגליווערט ווערן, נאָר זיך געריסן צום לעבן. אַן איינגעבויגענער איז ער געלאָפן מיטן פּנים צו דער ערד. נאָך אַ ביסל, נאָך אַ פּאָר שפּרייזן — און דער באַרג־אַראָפּ צו די גריבער, צו די ראָוועס, איז אָפן פאַר אים. דאָרט וועט ער אַנטרונען ווערן. אָט איז ער שוין דערלאָפן צום וועג באַרג־אַראָפּ מיט צענומענע הענט און מיט אַ ברייט־צעעפנט מויל. ווילד צעשריגענע קולות

האָבן אים אָנגעיאָגט. אַן אויסגעשעפּטער, באַצוווּנגען פון טויטשרעק, איז יואל געפאַלן. לעבן זיין טויטן גוף איז געלעגן דאָס אַרויס־געפּאַלענע מעסער פון דער פאַרשטייפטער האַנט. די אָנגעלאָפענע שקצים האָבן מיט די פויסטן זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט פון כעס, פאַר וואָס זיי איז נישט געלונגען כאַפּן דעם ייִד אַ לעבעדיקן. זייערע טאַטעס, די עלטערע פּאַראָבקעס, האָבן געשטעלט אַ צלם אויף יואלס קבר.

יואלס טויט האָט צום שטאַרקסטן געטראָפן זיין ייִנגסטן ברודער משהלע. ער האָט פאַרלוירן זיין הומאָר, אויפגעהערט נאָכמאַכן דאָס געזאַנג פון פאַרשידענע זינגפייגל אין וואַלד. ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם צלם אויף יואלס קבר. אין די נעכט פלעגן אים באַפאַלן חלומות און פירן אים צו יענעם עק אין דאָרף. פון הינטערן וואַלד האָבן שאַרפע ווינטן איבערן דאָרף אָנגעיאָגט וואָלקנס. דער הימל איז געוואָרן טונקל־גראָ. איבער די פעלדער האָבן די ווינטן געוואָיעט ווי קולות פון ווילדע חיות. דער ווירבלווינט האָט גע־בושעוועט, צעטראָגן שטיקער פון די שטרויענע דעכער, אויסגעריסןביימער מיט די וואָרצלען. פון יואלס קבר איז דער צלם פאַרטראָגן געוואָרן ווייט, ווייט...

נאָך אַ חלום האָט משהן פאַרטראָגן איבערן שוואַרצן וואַלד־ראַנד צום קבר פון זיין ברודער. עס האָט געברענט דער צלם. אַ צעפלאַמטע שיין האָט באַלויכטן דאָס בערגל ערד. דער ווינט האָט צעטראָגן שטיקער פון די פלאַמען איבערן דאָרף. שטרויענע דעכער האָבן אָנגעהויבן ברענען. אין דאָרף איז געוואָרן ליכטיק. פויערים זענען נאַקעטע, קוים מיטן לעבן, אַרויס פון די כאַטעס. עס האָבן געברענט סטויגעס היי, פערד און קי זענען אַרומגעלאָפן צעווילדעוועטע אַרום דעם פייער. דער אָפּשיין האָט דערגרייכט אַזש ביזן וואַלד. דער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן דאָרף, די פייערזיילן האָבן זיך אויסגעצויגן און אָנגעצונדן דעם הימל מיט אַ רויטקייט ווי ביים זון־אונטערגאַנג...

אין אַזעלכע חלומות האָט משה געשטילט זיינע נקמה־געפילן

צו יענעם עק דאָרף, ווו עס איז געשטאַנען דער צלם אויף זיין ברודערס קבר. נאָך אַזאַ חלום איז ער געבליבן ליגן מיט אַ צעריסן האַרץ און נישט געפונען קיין רו.

משה האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון זיינע חלומות. וואָס שווערער עס זענען געווען די איבערגעלעבטע טעג אין וואַלד, מיט אַלץ גרעסערע קאָשמאַרן האָבן זיי זיך איבערגעחזרט אין שלאָף. די ייִדן האָבן נישט געוואָלט אויסהערן משהס רייד וועגן זיינע חלומות. זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה.

איין מאָל האָבן זיי געמוזט אַנטלויפן צוליב די שיסערייען, וואָס האָבן אָפּגעהילכט נישט ווייט פון זייער באַהעלטעניש. זיי זענען אָנגעקומען אין אַן אַנדער וואַלד, ווו זיי האָבן אָנגעטראָפן פרעמדע ייִדן, וואָס האָבן שוין לאַנג זיך אויפגעהאַלטן אויף דעם אָרט. די האָבן אויסגעזען וויניקער דערשראָקן, געלעבט מיט מער בטחון, געקומען אין קאָנטאַקט מיט באַקאַנטע גויים, וועלכע האָבן זיי פאַרקויפט שפייז. זיי האָבן איינגעשטימט צו בלייבן בלויז די נאַכט צוזאַמען.

אין שלאָף האָט זיך משהן געחלומט זיין טאַטע. ער האָט ווי אַ מלאך זיך אַראָפּגעלאָזט פון הימל און אָנגעזאָגט אַלע ייִדן זיי זאָלן תיכף פאַרלאָזן דאָס אָרט. דאָ דאַרפן באַלד אָנקומען רוצחים. דער טאַטע איז נישט אָפּגעטראָטן, זיך געאַמפּערט מיט אים, ביז אַ פאַרשטיקטער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין קעל: „שטייט אויף! אַנטלויפט!"

דערשראָקענע זענען די ייִדן אויפגעשפּרונגען און צעטומלטע נישט געוווסט אין וועלכער זייט צו לויפן. ווען זיי האָבן דערהערט, אַז דאָס האָט משהלע אַזוי פון חלום געשריגן, זענען אַלע אויף אים בייז געוואָרן און געוואָלט אים פון דעם אָרט פאַרטרייבן. זיין ייִנגלש קול האָט געוועקט מיטלייד. זיי האָבן אים איינגענומען, זיך געבעטן, ער זאָל זיין רויִק און זיי לאָזן איבערשלאָפן די נאַכט. אָבער משהלע האָט נישט געלאָזט זיך איינרעדן. אין זיין דמיון איז נאָך אַלץ

געשטאַנען דער טאַטע, אים געוואָרנט אַוועקצוגיין פון דעם אָרט. שטיל, נישט איבערצוּוועקן די אַנדערע פון שלאָף, האָט משהלע נישט געלאָזט איינליגן זיינע ברידער, זיי געשלעפּט פאַר די פיס. יאַנקלען האָט געשראָקן משהלעס אומרו, זיין שטיל העשען, האָט ער געריבן דאָס פּנים און מיטגעשלעפּט פּסחן, אַהרנען און שייען. זיי האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויפן ביסל איינגעטוליעטער וואַרעמקייט אונטערן בוים צוליב משהס אַ חלום; אַהרן האָט צוריק־געשטופּט יאַנקלס האַנט און ווידער איינגעגראָבן דעם קאָפּ אונטערן פּאַלטן.

אין וואַלד האָט געררוט אַ נאַכטיקע שטילקייט. דער גערויש פון דיביימער האָט איינגעוויגט די ייִדן אין אַ טיפן שלאָף. אַהרן האָט זיך געדרייט אין שלאָף, געטאַפּט מיט די הענט אויפן אָרט וווּ די ברידער זענען געלעגן און מיט פאַרמאַכטע אויגן ווידער איינגעצויגן זיין קאָפּ צווישן די אַקסלען. ער איז געשלאָפן מיט איבעררייסן. עפּעס האָט אים געשטערט, ווי אַ מיסטעריעזע האַנט וואָלט זיך אַלע מאָל צו אים אויסגעצויגן און אים אַ טרייסל געטאָן. ווען ער האָט טיפער אין דער נאַכט ווידער זיך צעוועקט, האָט ער שוין מער נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט געטראַכט: וואָס קאָן עס זיין די סיבה פון זיין צעשטערטער רו אין אַזאַ שטילער נאַכט? איז ער דאָך שוין געוווינט געווען צו שלאָפן צווישן די ביימער אונטערן פרייען הימל. אַפילו די טריט פון וואַלד־חיות האָבן אים שוין נישט געשראָקן. זאָל עס זיין צוליב די שלאָפנדיקע ייִדן, וואָס האָבן געכראָפּעט ווי אַ זעג וואָלט געשניטן אַ בוים? אָדער טאַקע דערפאַר ווייל די ברידער זענען אַוועק פון דעם אָרט צוליב משהלעס חלום? דאָס האָט אים אויסגעזען צו זיין נאַריש. שטענדיק, ווען משהלע האָט דערציילט זיינע חלומות, האָט אַהרן דאָס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, נישט געוואָלט מער אויסהערן. ער האָט באַדויערט דאָס ייִנגל פאַר די צרות וואָס אַזעלכע חלומות האָבן אים פאַר־שאַפט. אַהרנען האָט שטאַרק פאַרדראָסן די ברידערס אַוועקגיין. זיי האָבן דאָך מיט אים געהאַט אָפּגערעדט אין וועלכן וואַלד זיי

וועלן אַוועק נאָכן איבערשלאָפן די נאַכט. דאָרט וועלן זיי אויסגראָבן אַ רעזערוו־באַהעלטעניש. אַהרן האָט באַשלאָסן אַז ווי נאָר עס וועט נעמען טאָגן וועט ער מיט שייען גיין זוכן די ברידער.

פאַר טאָג. די ביימער אין וואַלד האָבן קוים זיך אַרויסגעזען פונעם נעפּל, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אַרומגעהילטע מיט אַ טונקל־גראָען שלייער. אַהרן האָט דורך די קאַלטענעוואַטע האָר איבער זיין שטערן געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן צו די צווייגן, ווי צו אויסגעשטרעקטע הענט וואָס האָבן גערופן אים אויפצושטיין פון דער ערד. ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, אָפּגערוקט פון די שלאָפנדיקע ייִדן האָט ער אָנגעהויבן לויפן אַרום די ביימער כדי פונאַנדערצורודערן די פאַרשטייפטע גלידער. אַליין, ווי אַ שאָטן צווישן די ביימער, האָט ער זיך אַרומגעדרייט, פאַרריסן אַלע מאָל דאָס פנים צום הימל און געזוכט די ערשטע שפּראָצן פון טאָג. דאָס ערשטע מאָל האָט אַהרנען זיך געדוכט, אַז ער זעט ווי אַזוי די נאַכט צעגייט זיך פּאַמעלעך צווישן די שטאַמען און דער טאָג הייבט אָן נידערן פון די ביימערשפּיצן.

אַזוי איז געשען, אַז אַהרנס בליק זאָל זיך אויסשיילן פון דער טונקלקייט און צו זיין אָנגעשפּיצטן געהער זאָל זיך דערטראָגן עפּעס אַ פאַרדעכטיקטער גערויש. אים איז פאָרגעקומען ווי וויגנ־דיקע קעפּ מיט גלאַנציקע היטלען פון אונטער די ביימער וואָלטן אים אָנגעשטעקט מיט אַ פּראָסטיקן פּחד און דאָס בלוט וואָלט אים אויפגעהערט ריזלען אין די אָדערן. צוריקציִענדיק זיך האָט ער נישט פאַרלוירן פון די אויגן יענע ביימער פון וואַנען ער האָט דערזען שטיל אַרויסשלייכן געשטאַלטן, וואָס האָבן מיט פאָרזיכטיקע טריט אַרומגערינגלט דאָס אָרט וווּ די ייִדן זענען געשלאָפן. זיינע הענט האָבן זיך פאַרקראַמפּט אין די האָר אויפן קאָפּ. ער האָט געוואָלט אויסשרייען צו די ייִדן, אָבער ס'איז געווען שפּעט. דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ האָט אים אָנגעזאָגט וואָס דאָ וועט באַלד געשען. ער האָט גענומען לויפן טיפער אין וואַלד אַריין. הינטער אים האָבן אָפּגעהילכט שאָסן. און מיט איין מאָל איז שטיל געוואָרן, אויס

געשרייען, אויס קרעכצן, די אָפּהילכן זענען פֿאַרגליווערט געוואָרן.

ווען אַהרן האָט אָפּגעפּונען די ברידער, איז ער אַוועקגעפֿאַלן אין חלשות. שפּעטער, ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער דער־ציילט וואָס ס׳איז געשען מיט די ייִדן און מיטן ברודער שייע. ער האָט געקוקט אויף משהלען און געטראַכט: „פֿאַר וואָס האָב איך זיך נישט איינגעהערט אין זיין חלום?"...

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

באָמבעס איבער בערלין

די מיידלעך אין באַראַק האָבן נאָר וואָס זיך געהאַט אָוועקגעלייגט שלאָפֿן. זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן איינדרעמלען, און שוין האָבן די סירענעס זיך צעפּייפט. דער אַלאַרם האָט אָפּגעהילכט פֿון אַלע זייטן איבער די צעוואָרפֿענע לאַגערן. דער הימל איבער בערלין איז געווען באַדעקט מיט רויטע פֿלאַמען.

אויפֿן גאַנצן שטח, ווו נאָר דאָס אויג האָט געקאָנט דערגרייכן, איז געווען ליכטיק ווי אין מיטן העלן טאָג. פֿון דער ווייטנס האָט מען געזען די מחנות מענטשן, וואָס האָבן אין געאייל זיך געצויגן צו די אונטערערדישע בונקערס.

אין בונקער האָט זאָשיאַ זיך דערמאָנט, אַז זי האָט געלאָזן איר שאַפּקע נישט פֿאַרשלאָסן. זי האָט זיך געריסן פֿון סטאַשיאַס הענט. זאָשיאַ האָט נישט געוואָלט לאָזן אויף הפקר איר שפּייזפּעקל וואָס זי האָט לעצטנס באַקומען פֿון דער היים. סטאַשיאַ האָט איר נישט געלאָזט אַליין גיין, זענען זיי ביידע אַרויס פֿון בונקער. דער דרויסן האָט אָנגעוואָרפֿן אַן אימה. עס האָבן געהילכט די שאָסן פֿון זעניט־האַרמאַטן. די ליכטפֿאַסן פֿון פּראָזשעקטאָרן האָבן געזוכט אויפֿן הימל די באָמבאַרדירער. די שרפֿות האָבן וואָס אַ מאָל אַלץ מער זיך אויס־געשפּרייט און די רויך־וואָלקנס האָבן זיך אָנגעטראָגן איבערן לאַגער. סטאַשיאַ איז געלאָפֿן מיט אַ פֿאַרשטיקטן אָטעם. אויך זאָשיאַ האָט מיט דער האַנט צוגעדעקט איר מויל. נאָענט פֿונעם באַראַק האָט די ערד אונטער זייערע פֿיס זיך אַ טרייסל געטאָן. אין דער לופֿט האָבן געשניטן אַראָפּפֿאַלנדיקע באָמבעס. די ביידע מיידלעך, אויס־געצויגענע אויף דער ערד, האָבן זיך קוים אָפּגעפֿונען און געלאָפֿן

צוריק צום בונקער. צעטומלטע זענען זיי אַריינגעפאַלן צווישן דער צונויפגעפירטער מענטשן־מאַסע, וואָס האָבן ווי שיכורע זיך געוויגט פון איין זייט וואַנט צו דער צווייטער. זאָשיאַ האָט אַרומגענומען סטאַשיאַן און אַ דערשראָקענע שטימע האָט זיך געריסן פון איר: „אויב שטאַרבן, זאָלן מיר ביידע צוזאַמען״...

שפּעט אין דער נאַכט זענען אַלע אַרויס פון בונקער. עס האָבן נאָך געטליִעט די רעשטלעך פון די צוויי אָפּגעבערענטע באַראַקן אין לאַגער. די לופט איז פול געווען מיטן ריח פון די שריפות. איבער בערלין האָבן רויטע רויך־וואָלקנס זיך געוויקלט צום הימל. זאָשיאַ האָט געפונען איר שאַפקע נישט אָנגערירט. זי האָט געפּאַטשט מיט די הענט פון פרייד. אויך סטאַשיאַ איז געווען פול מיט פרייד: איר פּנים האָט געשטראַלט אַנטקעגן די פייערן אין בערלין. בלויז די גראָבע יאַשאַ איז געווען אויסער זיך. זי האָט פאַרבראָכן די הענט און געקלאָגט:

— נישט אַנדערש, נאָר איר ביידע זענט פון זינען אַראָפּ נאָך דער היינטיקער באָמבאַרדירונג...

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען אין לאַגער שוין געוווּסט דעם פאַרנעם פונעם חורבן אין בערלין. גאַנצע גאַסן זענען געשטאַנען מיט אָפּגעבערענטע הייזערבלאָקן. די וואָקזאַלן זענען געוואָרן צע־שטערט. פאַרקן און אַלייען אין צענטער שטאָט זענען געשטאַנען מיט פאַרקוילטע ביימער. גאַנצע קוואַרטאַלן זענען אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער שטאָטישער קאָמוניקאַציע־באַוועגונג.

זאָשיאַ איז געקומען פון בערלין נאָך דער אַרבעט. זי האָט סטאַשיאַן אָוועקגערופן אין אַ זייט און איר דערציילט וועגן גרויסן חורבן וואָס די נאַכטיקע באָמבאַרדירונג האָט דאָרט אָנגעמאַכט. זאָשיאַ האָט דערמאָנט, ווי מיט אַ יאָר צוריק, ווען זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער גרויסער שטאָט, פלעגט זי אַ סך מאָל זען פּאַראַד־מאַרשן פון דייטשישן מיליטער. זיי זענען געגאַנגען שטאָלץ, מיט פאַררייסענע קעפּ, צום טאַקט פון האַפּערדיקע מאַרשן, דורך פּראַכט־פולע אַלייען, וואָס אַזעלכע האָט זי אין איר לעבן דאָס ערשטע מאָל

געזען. איצט האָט זאָשיאַ געשילדערט ווי די ביימער פון די שיינע אלייען זענען געוואָרן שטיקער קוילן, און די גאַסן אַרום, מיט די שוואַרצע צעשמעטערטע ווענט, האָבן אויסגעזען ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש. זאָשיאַ האָט פאַרענדיקט:

— אַז מ׳האָט דערלעבט אַזוי צו זען בערלין, וועלן מיר אין גיכן זען אונדזערע היימען...

זאָשיאַ האָט סטאַשיאַן דערציילט נאָך נייעסן, וואָס פּוילישע מענער ביי דער אַרבעט האָבן איר דערציילט — פון די פראָנטן. אַז די אַמעריקאַנער דערנענטערן זיך דורך איטאַליע קיין פראַנקרייך; אויך אויפן רוסישן פראָנט טרעטן אָפּ די דייטשן. אין דער פאַבריק ווו זי האָט געאַרבעט האָבן די דייטשן אויפגעהערט רעדן וועגן זיג. אונטערן איינדרוק פון די פריילעכע נייעסן האָט זאָשיאַ מכבד געווען סטאַשיאַן מיט גוטע זאַכן פון איר נאָר וואָס דערהאַלטענעם פּעקל שפּייז.

יעדן טאָג האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין לאַגער סענסאַציאָנעלע נייעסן. די מיידלעך האָבן אַפילו נישט געוווּסט באַקצוואָגן די נעמען פון די געאָגראַפישע פונקטן, פון וועלכע די דייטשן זענען פאַרטריבן געוואָרן, אָבער זיי האָבן געפילט, אַז פון איצט אָן וועלן די איבעררעשונגען שוין לויפן אַזוי גיך, ביז עס וועט אָנקומען די גרעסטע איבערראַשונג — דאָס פאָרן אַהיים. די מיידלעך האָבן נישט אויסבאַהאַלטן זייער אויפגעלעבטע שטימונג. איינע האָט געוואָלט איבערשטייגן די צווייטע מיט דערציילן אַזוינס, וואָס זאָל ביי זיי אַרויסרופן פרייד.

זאָשיאַ האָט די גוטע שטימונג געוואָלט ברענגען צום אויסדרוק לכבוד די ווייַנאַכטן. זי האָט פאַרגעלייגט סטאַשיאַן צו ברענגען פון וואַלד אַ גרויסן שיינעם צווייג אויף אַ כאָינקע און אים אויספּוצן מיט די שענסטע קאָלירן. אַרום אַזאַ כאָינקע, האָט זאָשיאַ געזאָגט, וועלן די מיידלעך קאָנען אויסזינגען זייער גאַנצע פרייד.

סטאַשיאַ האָט זיך געלאָזט אָנרעדן פון זאָשיאַן. נאָך דער אַרבעט זענען זאָשיאַ און סטאַשיאַ מיט נאָך צוויי מיידלעך פון באַראַק אַוועק

אין וואַלד, דאָרט אָפּגעשניטן אַ גרויסן צווייג ווי אַ יונג דערוואַקסן ביימל און מיט דעם אָנגעהויבן גיין צוריק צום לאַגער. ביים אַרויסגיין פון וואַלד זענען זיי אָנטקעגנגעקומען צוויי מיליטעריש־געקליידטע פרויען מיט האַקנקרייצן אויף די אָרעמס. זיי האָבן פאַרהאַלטן די מיידלעך און אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי. אין דער פּאָליציי האָבן די עס־עס־דייטשקעס געמאָלדן, אַז זיי האָבן אַרעסטירט פיר פּוילישע מיידלעך אונטערן חשד, אַז זיי האָבן געפּלאָנט דורכפירן אַ סאַבאָטאַזש־אַקציע קעגן דער עראָפּלאַנען־פאַבריק. די דייטשקעס האָבן געפאָדערט צו פאַרפירן אַן אויספאָרשונג קעגן די פיר פּאָלקעס, וועלכע האָבן נישט געהאַט ביי זיך קיין שום דאָקומענטן. אַ פּאָליציי־אָפיציר, וואָס האָט פאַרשטאַנען פּויליש, האָט די מיידלעך גענומען אויף אַ פאַרהער. די ערשטע איז געווען זאָשיאַ. זי האָט דערציילט דעם אמת וועגן זייער באַזוך אין וואַלד.

דער אָפיציר האָט זיך אויפגעריסן פון דער שטול און אַן אויפ־געקאָכטער געפרעגט:

— אַ צווייג אויף אַ כאַנוקע? דאָס זענען איצט אייערע זאָרגן אין דייטשלאַנד? שטייען דאָך ביימער אויף די וועגן, טאָ פאַר וואָס זענט איר געקראָכן אין וואַלד לעבן דער פאַבריק?

זאָשיאַן האָט געטראָפן דער שטרענגער טאָן פונעם פאַרשער. זי איז געבליבן זיצן מיט דערשראָקענע אויגן.

די צווייטע איז געוואָרן געפאָרשט אירענאַ. אויף אַלע פראַגן וואָס איז געווען דער ציל פון איר גיין אין וואַלד — האָט זי געענט־פערט מיט אַ געוויין און נישט געקאָנט אַרויסרעדן אַ וואָרט. דער־זעענדיק אירענאַן מיט איר טרויעריק פּנים איז יאַשאַן באַפאַלן אַ ציטער. דער אָפיציר האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין און אויך זי האָט אים אויסגעזען פאַרדעכטיקט. די לעצטע איז געווען סטאַשיאַ, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך באַמיט איינהאַלטן איר נערוועזקייט. זי האָט געענטפערט:

— מיר זענען געגאַנגען אין וואַלד אָפּרייסן אַ צווייג אויף אַ כאַנוקע.

— דאָס האָב איך שוין געהערט — האָט דער אויספאָרשער אָנגעשטעלט זיינע שטרענגע אויגן אויף סטאַשיאַן — איך וויל וויסן פון וואַנען קענסטו די דריי מיידלעך?

— פון לאַגער.

— ווער זענט איר, ווו זענען אייערע דאָקומענטן?

— אונדזערע דאָקומענטן האָבן מיר פאַרגעסן אין לאַגער.

— אין דייטשלאַנד גילט נישט אַזאַ ענטפער!

סטאַשיאַ האָט געשוויגן.

— זאָג, ווער פון אייך שטייט אין דער שפּיץ פון דער סאַבאָטאַזש־גרופּע?

— הער אָפיציר, וואָס באַדייט די פראַגע?

— דאָס וואָס איר האָט געהערט!

סטאַשיאַ איז געוואָרן צעטומלט:

— סאַבאָטאַזש? סאַבאָטאַזש? — האָט זי גערעדט ווי צו זיך אַליין.

— איך וועל אייך איבערשיקן אַהין ווו איר וועט שוין מוזן זאָגן דעם אמת! — האָט דער פּאָליציי־אָפיציר געוואָרנט סטאַשיאַן.

— מיר געפינען זיך אין לאַגער שוין איבער אַ יאָר. דאָרט קען מען אונדז.

— שווייג! איך ווייס שוין וועמען צו פרעגן אויף אייך...

צוויי פּאָליציייליט האָבן איבערגעפירט די פיר מיידלעך אין נאָענטן אַרעסט־צימער, די פאַרשלאָסענע טיר מיט די בלינדע ווענט האָבן אויף די מיידלעך אָנגעוואָרפן אַ פחד. אירענאַ און יאַשאַ האָבן מיט טרערן אין די אויגן געשריגן אויף סטאַשיאַן און זאָשיאַן פאַר וואָס זיי איז איינגעפאַלן אַזאַ משונהדיקער געדאַנק צו גיין אין וואַלד נאָך אַ כאַינקע ווען דער וואַלד איז גאָר אין דייטשלאַנד...

— יאָ, דו ביסט שולדיק! דיר האָט זיך דאָס פאַרגלוסט! — האָט אירענאַ מיט כעס אָנגעוויזן אויף סטאַשיאַן.

אַ צעקאָכטע האָט זאָשיאַ אַ קלאַפּ געטאָן אירענאַס אויסגע־שטרעקטע האַנט:

— דו דאָרפישע כאַמקע! וואָס ווילסטו פון סטאַשיאַן? איך האָב דאָס איר פאַרגעלייגט. ציטער נישט אַזוי, דער טייוול וועט דיך נישט נעמען!

סטאַשיאַ האָט פאַרביסן די ליפּן, ווי אויף איינצוהאַלטן איר אויפ־רעגונג. אין דער אמתן אָבער האָט איר געשטיקט אַ דערדריקנדיק געפיל: אָט איז געשען דאָס וואָס איר האָט שטענדיק געשראָקן. די ווערטער פונעם אָפיציר: „איך וועל שוין וויסן וועמען צו פרעגן" — האָבן איר געשלאָגן איבערן קאָפּ. און אַזוי שטייענדיק מיטן פּנים צו די אייזערנע קראַטעס, האָט זי דערזען אַ באַקאַנט פּנים. זי האָט אָנגעהויבן שרייען: „האַנס! האַנס"! אַ הינקענדיקער דייטש אין אַ מונדיר פון אַ וואַכמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז צוגעקומען צו דעם אָרט ווו מען האָט אים גערופן און דורך די קראַטעס האָט ער דערקענט סטאַשיאַס פּנים.

— וואָס מאַכסטו היר?

סטאַשיאַ האָט אין איין אָטעם אויסדערציילט וואָס מיט איר און מיט די אַנדערע דריי מיידלעך פון לאַגער איז געשען. דער וואַכמאַן איז אַוועק. נאָך אַ קורצער צייט איז ער צוריקגעקומען מיט אַ זשאַנ־דאַר. דער זשאַנדאַר האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג אויפצושליסן די טיר און דער וואַכמאַן האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי אָפּגעראַטעוועט פון גרויסע צרות.

אין באַראַק איז שוין געווען פאַרשלאָסן דאָס ליכט. די מיידלעך זענען געלעגן אין די בעטן. קיינער פון זיי האָט פאַרן גיין שלאָפן זיך נישט אומגעקוקט אויף די בעטן, וואָס זענען געשטאַנען ליידיק. אין דער פינצטער האָבן זאָשיאַ און סטאַשיאַ גענומען עפּעס אין מויל אַריין און מיטן לעצטן ביסן אין מויל אַרויף צו די בעטן. זאָשיאַ און יאַשאַ זענען באַלד איינגעשלאָפן, נאָר זי, סטאַשיאַ, האָט נאָך אַלץ איבערגעלעבט דאָס געשעענע פון דעם טאָג. פאַר איר איז אויפגע־קומען דער מאָמענט, ווען די דריי מיידלעך, ווען זיי האָבן דערפילט

דעם ריח פון וואַלד, זענען זיי געוואָרן פריילעך און אָנגעהויבן זינגען, און זי האָט צווישן די ביימער אין אַ דיטשישן וואַלד געזוכט אירע פאַרלאָרענע ברידער...

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

מיט דער שטריק אויפן האַלדז

יאַנקל איז געקומען פון קאַזלאַווסקין אַ דערשלאָגענער. ער האָט אויף אים נישט געקענט ווירקן קעגן די באַנדעס, וואָס האָבן אין די וועלדער געמאָרדעט יידן. דער קאָמענדאַנט האָט יאַנקלען געוואָרנט, אַז ער זאָל זיך נישט איינשטעלן פאַר קיינעם און נישט זוכן ביי אים קיין הילף פאַר אַנדערע. אין יאַנקלס אויערן האָט נאָך געקלונגען קאַזלאַווסקיס טאָן פון אַ באַפעל־געבער: „איך האָב דיר געגעבן רעכט צו רעדן נאָר פאַר זיך אַליין״!...

— האָסט נישט געדאַרפט גיין צו אים — האָט אַהרן געזאָגט און די שרעק האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן — דער קאָמענדאַנט האָט פיינט יידן און דו האָסט צו אים צוטרוי, ווייל ער איז געווען דיין לערער... ער וועט אונדז אַלעמען אויסהרגענען. ער איז אַן אָנפירער פון אַ באַנדע רוצחים. יואל וואָלט דיך נישט געלאָזט גיין צו אים...

פסח האָט געטריבן פון זיך. ער איז געשטאַנען מיטן פנים צו אַ בוים און זיך נישט אויסגעדרייט אפילו ווען מען האָט גערעדט צו אים. ערשט ווען יאַנקל האָט זיך אָנגערופן און פאַרטיידיקט זיין באַזוכן דעם לערער, האָבן זיך אויפגעעפנט פסחס פאַרפרעסטע ליפן:

— גלייב אים נישט! אויב ער האָט פיינט יידן, מיינט ער אויך דיך... קאַזלאַווסקי איז שוין נישט דער וואָס ער איז געווען אין שול. ער איז אַ הפקר־יונג, אַ טעמפּער פויער, דערפאַר איז ער געוואָרן אַ קאָמענדאַנט פון די באַנדעס...

משהלע איז געזעסן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין אַ בוים און מורא געהאַט זיך אָנצורופן מיט אַ וואָרט ווען אַלע זענען געווען בייז אויף זיך און אויף יענעם. אויך יאַנקל איז געזעסן שטיל און מער אויף די

פאַרוווּרפן נישט געענטפערט. ער האָט טיף געאָטעמט, די אָדערן זענען אים געוואָרן אָנגעצויגן און ער האָט אין דעם מאָמענט מער גאָרנישט געוואָלט, נאָר אַוועקגיין, אַרומבלאָנדזשען צווישן דיביימער, קיינער זאָל צו אים נישט רעדן און קיינעם זאָל ער נישט דאַרפן ענטפערן.

פאַר נאַכט איז אים דער פאַרדרוס איבערגעגאַנגען. ווען ס'איז געוואָרן טונקל איבערן וואַלד איז יאַנקל מיט משהלען אַוועק צו דער באַהעלטעניש, ווו עס זענען געלעגן הערצקע מיט זיין ברודער און שוועסטער. בכדי צוצוקומען אַהין האָט מען געדאַרפט דורכגיין אַ שטיק ליידיקן וואַלד, נאָענט פון דעם דאָרף ווו די פויערים האָבן נישט געלאָזט פאַר זייערע אויגן קיין פרעמדן בעטלער, נאָר זייער ייד הערצקע. די ברידער זענען געגאַנגען מיט אויסגערעכנטקייט פאַר יעדן שפּאַן און געלאָזן אין אַ זייט אויסגעטראָטענע סטעזשקעס.

אין וועג האָט יאַנקל גערעדט צו זיין יינגערן ברודער, ווי יואל פלעגט רעדן צו זיי אַלע:

— עס מוז זיין איינער וואָס זאָל צום מיינסטן טראַכטן, זאָרגן און אויסאַרבעטן פּלענער. אויב יעדער איינער פון אונדז וועט האָבן אַ באַזונדערע מיינונג, וועט מען נישט קאָנען קומען צו קיין טאָלק. מיין מיינונג איז, אַז איך זאָל ווייטער אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן לערער...

— נאָך וואָס גייען מיר צו הערצקען? ער ליגט דאָך פּונקט ווי מיר באַהאַלטן אונטער דער ערד.

יאַנקל האָט משהלען אויפגעקלערט:

— דער הערצקע, כאָטש ער ליגט אויסבאַהאַלטן, קאָן אונדז אַ סך העלפן. הערצקע פילט זיך נישט אַזוי ווי מיר, אַנטרונענע, אַרויסגעריסענע פון פריערדיקן לעבן. ער איז נאָך געבליבן אין זיין דאָרפישער סביבה. ווען הערצקע קומט ביי נאַכט אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, דערפילט ער אַנדערש דעם וואַלד ווי מיר. זיינע דאָרפסלייט רעדן מיט אים אַנדערש. ער הונגערט נישט, ער פילט

נישט דעם זעלבן פּחד וואָס מיר. ער האָט אַ סך פּאַרלוירן, אָבער מיט זיין יידיש האַרץ איז ער געבליבן...

די ביידע ברידער זענען אָנגעקומען צו די פעלדער, וואָס האָבן געפירט צו הערצקעס באַהעלטעניש. אין דעם פינצטערן אָוונט האָבן זיי זיך געפירט ביי די הענט. אין דעם וויסטן פעלד, וואָס האָט אויסגעזען אָן אַן אַרויסגאַנג, אָפּגעשלאָסן, אויסגעלאָשן פאַר די אויגן, האָבן זיי אויסגעזען ווי צענויפגעוואַקסענע מיט דער אַרומיקער שוואַרצקייט. יאַנקל האָט געדענקט וויפל טריט מען דאַרף מאַכן פון דעם בוים אין פעלד ביז צו דער באַהעלטעניש.

הערצקע מיט זיין ברודער און שוועסטער האָבן זיך געפונען אויף דער פרייער לופט. די יידן האָבן זיך דערקענט מיט דעם איבערגערופענעם פייף און זיך אָפּגעפונען אין דער פינצטער. זיי האָבן געשמועסט וועגן דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין די דערפער אונטערן פאַרשאַרפטן טעראָר פון די דייטשן. דער עיקר איז יאַנקלען געגאַנגען וועגן שפּייז פאַר זיינע הונגעריקע יידן אין וואַלד. הערצקע האָט יאַנקלען באַרויִקט. ער איז געווען פול מיט האָפענונג, אָן פּחד. ער האָט דערציילט וועגן דער גוטער באַציִונג פון די אַרומיקע פויערים. דאָס גאַנצע דאָרף, האָט ער געזאָגט, ווייסט וועגן אים מיט זיין ברודער און שוועסטער, פויערים ברענגען צו זייער באַהעלטעניש געקאָכט עסן. לעבן דאָרף האָט ער געהאַט אַ פרייען צוגאַנג צו אַ שפּייכלער, וווּ פויערים האָבן צוגעגרייט פאַר אים שפּייז מער וויפל זיי האָבן געדאַרפט פאַר זיך. פאַר יאַנקלען האָט ער באַשטימט אַן אָרט אין וואַלד, וווּ ער האָט אים צוויי מאָל אין דער וואָך באַזאָרגט מיט שפּייז.

די יידן האָבן אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט הערצקען. ביי יעדן צוזאַמענטרעף האָבן זיי אַחוץ שפּייז אויך באַקומען אינפאָר־מאַציעס וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן, און פון צייט צו צייט — אומלעגאַלע ליטעראַטור וואָס הערצקע פלעגט באַקומען פון אַ פּאַר־טיזאַנער מיט וועלכן זיינע פויערים האָבן אים באַקאַנט. דעם דאָזיקן פּאַרטיזאַן האָט הערצקע געהאַלטן פאַן אַן אייגענעם מענטש.

איין מאָל ביי אַזאַ צוזאַמענטרעף האָט ער הערצקען פאַרגעלייגט אַ פּלאַן צו אָרגאַניזירן אַלע ייִדן אין וואַלד אין איין מחנה, זיי באַוואָפּנען און צוגרייטן צום קאַמף קעגן די דייטשן.

הערצקע האָט דעם פּלאַן אָנגענומען פאַר זייער לאָגיש. אַליין אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, האָט ער געוואָלט זיך שטעלן בראש פון אַזאַ קעמפנדיקער גרופּע. ער האָט דעם פּלאַן געבערענגט פאַר יאַנקלען און די ייִדן האָבן אָפּגעוואַרט דעם טאָג ווען הערצקע וועט זיי פאַר־שטעלן פאַרן „פּאַן פּאָלקאָווניק". דערווייל האָבן זיי געדאַרפט אָפּ־וואַרטן ביז הערצקע וועט באַקומען נייע אָנווייזונגען.

די ייִדן האָבן פון הערצקען אָנגעטראָגן אַ גרעסערן קוואַנטום שפּייז און צוגעגרייט פאַר דעם אַ רעזערווירטע באַהעלטעניש. זיי האָבן דערווייל נישט געדאַרפט אַרויסגיין אין דאָרף בעטלען עסן. זאַלעסקי דער פּאַסטעך פלעגט אַ מאָל לאָזן הערן אַ פייף און יאַנקל איז צו אים געגאַנגען מער כדי צו שמועסן מיט אים, איידער נאָך זיין אָרעם שטיקל ברויט.

אין די נעכט, ווען דער אומרו פון דאָרף פלעגט זיך איינשטילן, איז הערצקע אַ סך מאָל אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און אומגעבעטן, ווי אַ מאָל אין די גוטע צייטן, פלעגט ער אַריינקומען צו זיינע שכנים און פאַרפירן מיט זיי שמועסן. אין די כאַטעס פלעגט ער אויך אַ מאָל זיך טרעפן מיט דעם פּאַרטיזאַן.

אין איינער אַזאַ נאַכט האָט הערצקען געצויגן אַריינצוגיין צו זיין שכן באַגוסלאַוו. יענער איז געזעסן ביי אַ טיש מיט אַ פלאַש בראָנפן. דער שכן האָט אים פאַרבעטן צום טרינקען. אין אַ זייט איז אויך געזעסן זיין גוט באַקאַנטער פּאַרטיזאַן, וואָס האָט פאַר באַגוסלאַווס צוויי זין פאַרגעלייענט עפּעס פון אַן אומלעגאַל בלעטל.

— אַנו, הע־רצ־קאָ, מאַך אונדז לוסטיק, לייג אַרויס דיינע שיינע ווערטלעך!

באַגוסלאַוו איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג נאָכן צוריק־קומען פון מאַרקטאָג אין שטאָט. זיין געלעכטער האָט אָפּגעהילכט איבער דער שטוב:

— פּאַר וואָס טרינקסטו נישט? ביסט דען נישט דער זעלבער וואָס מיר? טרינק און מאַך אונדז פריילעך!

דער פּויער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו הערצקען. אַ ריח פון בראָנפן און פון מאַכאָרקע האָט געשלאָגן פון זיינע גראָבע אויסגעפעטסטע ליפּן. דעם פּויער האָט גערייצט הערצקעס רויִקייט; ער האָט דאָס אָנגענומען ווי פרעמדקייט צו אים און צו זיין משפחה. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ גלאָז, עס אָנגעפילט מיט בראָנפן, איינ־געטונקען אַ שטיק ברויט אין שמאַלץ, דאָס דערלאַנגט הערצקען און אויסגעשריגן:

— טרינק און פאַרגעס אין דיין ביעדע!

דעם פּויערס צוויי זין זענען געזעסן אין אַ זייט ביי אַ צווייט טישל. אויף זייערע פּנימער זענען געווען רויט־צעהיצט פון בראָנפן, אָבער געשמועסט האָבן זיי מיט פּאַרטיזאַן נאָענט צונויפגערוקט, ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעהיט מיט די רייד. הערצקע האָט געוואָרפן צו זיי זייטיקע בליקן, געוואָלט אויפכאַפּן אַ וואָרט, אָבער באָגוסלאָוו האָט אים נישט אָפּגעלאָזן, געקלאַפּט אין זיין גלאָז „נאַ זדראָוויע״!

דער פּויער איז געוואָרן אומרויִק. ער האָט עטלעכע מאָל זיך אַ וויג געטאָן, זיין האַנט איז געבליבן אויף הערצקעס אַקסל. באָגוסלאָוו האָט אים אַריינגעלאַכט אין פּנים:

— הע־רצ־קאָ, ווען דו ווייסט וואָס פאַראַ גוטע חברים מיר ביידע, איך מיט דיין טאַטן זענען געווען. אַרומגעבריקעוועט ווי צוויי יונגע זשרעבאַקעס. דיין טאַטע, אַ געלער ווי מיין קודלאַטער הונט, און איך, הערסט? אַ שוואַרצער, ווי זיין הונט מיט די אַראָפּ־געלאָזענע אויערן... האָט ווער אין דאָרף געוואָלט אונדז ביידע צערייצן, פלעגט מען אונדז צורופן און פרעגן ווער פון אונדז ביידע ס׳איז דער זשיד... און דיין טאַטע האָט אָנגעוויזן אויף מיר... כאַ, כאַ כאַ!... אַזאַ לאָבוז איז ער געווען, דיין טאַטע, דער געלער ווע־לוו־על. דאָס גאַנצע דאָרף איז מיט אים פול געווען. ווו אַ טאַנץ, אַ שפּיל, איז ער געווען. נישט אַזוי ווי דו... אין די יונגע יאָרן בלויז צוויי גלעזער בראָנפן... צעשאָקל זיך, הע־רצ־קאָ!

באַגוסלאַוו האָט אַנגעגנומען הערצקעס האַנט. זיינע מוסקלען זענען פעסטער געוואָרן און די אָדערן פאַרקרעמפטער. פון זיין צווייטער האַנט האָט ער אַרויסגעלאָזן דאָס גלאָז. דעם פויערס פּנים איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט נאָך מער רויטקייט, זיינע צעשויבערטע וואָנסעס האָבן געציטערט:

— האָ! דער פערדישער קאָפּ אַמבראָזשאַק! קיינער אין דאָרף קאָן אים נישט אָנקוקן... ער איז געווען דער אמתער שׂונא פון דיין טאַטן... ווי קומט עס אַזאַ שטיק נבלה זאָל אויסציִען די לאַפּעס צו אייערע פעלדער? יעדן טאָג זעט מען אים אין דיין טאַטנס וואַלד... איידער די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועט שוין דאָרט קיין בוים נישט בלייבן! הערסט, וואָס איך רעד צו דיר, הע־רצ־קאָ? ווער האָט דאָס דעם זשלאָב מיטן געשטופּלטן פּרצוף געגעבן דאָס רעכט צו טאָן מיט אייער פאַרמעגן וואָס אים גלוסט זיך? האָ, ער איז שטאַרקער פון מיר? כאָ, כאָ, כאָ! איך וויל נישט מאַכן קיין אַוואַנ־טורעס, ס׳פּאַסט נישט פאַר אַזאַ גאַספּאָדאַרזש ווי איך, אָבער נאָך איין מאָל, אויב ער וועט זיך נאָך נעגנטער צורוקן פון דיינע פעלדער צו מיינע — ליגט ער ביי מיר! באַגוסלאַוו וועט זיך נישט לאָזן קריכן אויפן קאָפּ! דיר, הע־רצ־קאָ איז שווער... איך בין נישט שולדיק... מיין האַרץ טוט מיר וויי... איך העלף דיר מיט וואָס איך קען... און דער טייוול? וואָס טוט ער פאַר דיר? ער שענקט דיר די פּאָר קאַרטאָפל? אַזאַ הורנזון!

הערצקע האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז ער איז נישט שולדיק אין דעם, וואָס אַמבראָזשאַק פאַראַקערט מער ווי אַנדערע פון זיינע פעלדער. אַלע שכנים האָבן געכאַפּט און אַמבראָזשאַק איז געווען דער ערשטער כאַפּער. ער, הערצקע, האָט שוין דעמאָלט נישט געהאַט קיין שליטה איבער דעם, ער איז שוין געלעגן אויסבאַהאַלטן. זאָל נאָר דער קריג זיך ענדיקן, וועט ער האָבן וואָס צו זאָגן...

באַגוסלאַוו איז געזעסן מיט פאַרקריצטע ציין. זיין אויבערשטע ליפּ האָט זיך פאַרריסן:

— איך האָב אים פיינט! אַלע האָבן אים פיינט! אין דאָרף

קאָן מען נישט צוזען ווי ער איז געוואָרן דער בעל־הבית איבער פּרעמדס! וואָס מיינט ער, דער סוקינסין, מיר וועלן ליגן ביי זיינע פיס? הע־רצ־קאָ, דו ביסט אַ גראַמאַטנער, דו האָסט שׂכל, זאָג, קאָן עס אַזוי זיין? פאַר וואָס שווייגסטו? גלייבסט נישט מיינע רייד? וועסט גיין צו דעם געלעכערטן פּנים און אים אַלץ דער־ציילן? ווילסט מיך נאַרן?...

באָגוסלאַוו האָט געזידט פון כעס. הערצקע האָט זיך אויפגע־שטעלט, אים אַרומגענומען און צוגעפירט צום ברענענדיקן קוימען. דאָס פייער האָט באַלויכטן דאָס אָרט, וווּ עס איז געזעסן דעם פויערס ווייב, אָן אָנגעדראָלענע פון די אַלע רייד. זי האָט זיי ביידע געיאָגט צו דער טיר זיי זאָלן זיך אָפּקילן. הערצקע און באָגוסלאַוו זענען געבליבן שטיין אין דער צעפּראַלטער טיר. די נאַכטיקע קעלט האָט זיי אַ שניט געטאָן איבער די שלייפן. דער ווינט האָט זיך אַריינגעריסן, געלאָשן דאָס לעמפּל. די פויערטע האָט זיי ביידן אַרויסגעשטויסן אין דרויסן און צוגעמאַכט די טיר.

באָגוסלאַווס צוויי זין מיטן פּאַרטיזאַן זענען נאָך געבליבן זיצן ביים צווייטן טישל אין ווינקל פון שטוב. ערשט ווען עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און אַריינגעשטעקט אַ קאָפּ, איז דער פּאַרטיזאַן אַרויס אין דרויסן. הערצקע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, געוואָלט צוגיין צום פּאַרטיזאַן און פרעגן אים וועגן זיין פּלאַן צו אָרגאַניזירן אַ יידישע קאַמפּס־גרופּע, אָבער יענער איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש און באָגוסלאַוו איז צוריק אַריין אין שטוב.

די דרויסנדיקע שאַרפע לופט האָט אים אַ ביסל אויסגעניכ־טערט, אָבער זיינע פיס האָבן זיך נאָך געוואַקלט. אין ווינקל זענען נאָך געזעסן זיינע צוויי זין און ער האָט מורא געקריגן פאַר זייערע שאַרפע פּנימער מיט די אָנגעצויגענע בליקן. זיין ווייב איז גע־שטאַנען אויף די קני מיט צעזויפגעלייגטע הענט און האָט תּפילה געטאָן. באָגוסלאַוו איז געוואָרן מיטגעריסן מיט דער שטילקייט אין שטוב, האָט ער אויך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, געשלאָסן די אויגן און שטום באַוועגט מיט די ליפּן. דאָס פייער אין קוימען איז

שוין געווען פאַרלאָשן, דאָס נאָפּטלעמפּל — איינגעדרייט. נאָך דער נאָכט־תּפילה האָט באָגוסלאַוו נאָכגעקוקט זיינע צוויי זין, ווי זיי שאַרן זיך צו דער טיר, בלייבן שטיין מיט וואַכע אויגן און וואַרטן אויף עפּעס.

אויף די פעלדער האָט הערצקע אַרומגעבלאָנדזשעט, געזוכט אין דער פינצטערניש דעם וועג צו זיין באַהעלטעניש. זיינע אויגן זענען נאָך געווען פאַרצויגן מיט אַ נעפּל און ער האָט נישט געוווסט ווו זיינע פיס טראָגן אים. גוט איז אים געווען מיט זיין שיכורן שמייכל צוצוזען ווי זיין פינצטערע וועלט שווימט פון אים אַוועק און ער שווימט אַריין אין אַ נייער וועלט, וואָס שטייט דערווייל פאַר אים נאָך פאַרבאָרגן. דאָרט וועט ער נישט זיין אַזוי אַליין ווי אויף דעם וועג אין פעלד. ער האָט זיך געשאַרט אין חושך מיט אויסגעצויגענע הענט און געררופן זיין ברודער און שוועסטער.

אַרום הערצקען האָבן זיך געזאַמלט שאָטנס וואָס ער האָט זיי נישט געזען, ער האָט נאָר דערפילט די הענט פון זיין ברודער יצחק און זיין שוועסטער מירטשע. זיי האָבן אים פאַרנומען מיט זיך און דער שטאַרקער ווינט האָט זיי געשטויסן צו דער באַהעלטעניש. הערצקע האָט דערציילט אין ווֶעמענס שטוב ער איז געזעסן, דעם פויערס טענות צו אים. אַלע דריי זענען זיי געלעגן אויסגעצויגן אויף די פרישע בינטן שטרוי, וואָס באָגוסלאַווס אַ זון האָט אין דעם טאָג געבראַכט צו דער באַהעלטעניש. אין פעלד האָט געפייפט אַ קאַלטער ווינט, אָבער אונטער דער ערד איז געווען וואַרעם און ס'האָט געשמעקט פונעם שטרוי מיט ריחות פון שייער. די ריחות האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער וואַרעמקייט, מיטן רחמנות צו דער פאַרוויינטער שוועסטער, מיט דעם פויערס טענות צו אים. זיין שטימע איז געוואָרן שטילער, דאָס טיפע אָטעמען זיינס האָט אים איינגעוויגט אין שלאָף.

פון די זומפּיקע דאַרפשטעגלעך זענען אַרויס טונקעלע געשטאַלטן. זיי זענען געגאַנגען מיט שווערע טריט אויף דער ווייכער ערד. אַן אומהיימלעכע שטילקייט האָט באַגלייט די שוואַרצע שאָטנס. אין שפּיץ פון זיי איז געגאַנגען דער פּאַרטיזאַן, באָגוסלאַווס צוויי זין האָבן געוויזן דעם וועג.

הינטערן דאָרף האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין איין שורה און אויסגעצויגענע, שווייגנדיקע, מאַרשירט נאָך די טריט פון די צוויי יונגע פּויערים.

הערצקע מיט זיין שוועסטער און ברודער זענען געלעגן פאַרזונקען אין שלאָף און נישט געהערט די טריט, וואָס האָבן אַרומגערינגלט זייער באַהעלטעניש, נישט געפילט דעם ריח פון נאַפט פון די שמאַטעס אין די הענט פון זייערע פּויערישע שכנים, נישט געזען ווי זיי האָבן זיך איינגעבויגן איבערן צודעק — און גלייך האָט אַ פלאַם פייער אַרויסגעזעצט פון אונטערערדישן לאָך צוזאַמען מיט פאַרשטיקטע געשרייען.

דער פלאַם וואָס האָט אַרויסגעזעצט פון אונטער דער ערד האָט באַלויכטן דעם וועג פון דער באַוואָפנטער באַנדע צום וואַלד.

די ייִדן זענען אַרויס פון זייער באַהעלטעניש, ווו זיי זענען דעם גאַנצן טאָג געלעגן. זיי זענען אַהין אַנטלאָפן פון די גראָע וואָלקנס, וואָס זענען אָנגעשוואָמען און פאַרצויגן דעם הימל מיט אַ טונקל־בלייענעם קאָליר. שנייפלאַטערלעך האָבן אָנגעהויבן פאַלן, פּאַמעלעך זיך אויסגעלייגט אויף די נאַקעטע צווייגן און אויף דער פייכטער ערד און באַלד צעגאַנגען אויפן פאַרגעלטן מאָך.

משהלע איז אַרויס פון גרוב אַן אויסגעמאַטערטער. עס האָבן אים געבראָכן די ביינער, ווי ער וואָלט אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קראַנקייט. ביים צונויפזאַמלען שפּענער אויף אַ פייער האָט ער אָנגעהויבן פאַרגעסן אין די שווערע חלומות. דאָס מאָל האָט אים געדוכט, אַז ער איז אַ פּאַרטיזאַן. צוזאַמען מיט די ייִדן גייט ער אַרויס אין דאָרף און זוכט די רוצחים פון זיין ברודער יואל. און

אָט איז איינער פון זיי אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט... דער אָפּהילך פון אַ שאָס האָט אים אויפגעוועקט. ער איז געווען באַגאָסן מיט שוויס.

אַהרן האָט דאָס מאָל נישט אויסגעלאַכט משהלעס חלום. נאָך הערצקעס רייד אין וואַלד, האָט דאָס אים אויסגעזען נישט ווי אַ פאַלשע פאָרשטעלונג. מיט די הענט אַנטקעגן פייער האָט ער געזאָגט:

— חלום, משהלע, אפשר וועסטו עפּעס אויסחלומען...

יאַנקל מיט פסחן האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צוצוגעבן צו דעם, וואָס זיי האָבן צווישן זיך פריער געשמועסט. פסח האָט נאָך געהאָפט, אַז הערצקע וועט קומען, אָבער יאַנקל איז געווען שטאַרק אומרויִק. עפּעס האָט אים געפּרעסט אויפן האַרצן, כדי זיך צו באַפרייען פון דעם, האָט ער באַשלאָסן אַרויסגיין מאָרגן זוכן הערצקען. דערווייל האָבן אים די געבראָטענע קאַרטאָפל געצויגן צום פייער. דאָרט האָט מען הייס געאָטעמט דורך צעבריטע ליפּן און די וואַרעמקייט האָט זיי איינגענומען.

פון די אָנגעוואָרפענע צווייגן האָט דאָס פייער זיך צעשפּרייט. דורכלויפנדיקע וואַלד־חיות האָבן זיך דערשראָקן פאַר די באַלויכטענע ביימער.

יאַנקל האָט זיך אָפּגערוקט פון פייער. עס האָט אים געבריט די היץ פון צעפלאַמטן האַלץ. ער איז אַוועק צווישן די ביימער, געצופּט פון די סאָסנעס די נאָדלען און זיי געטראָגן מיט פולע הענט צום פייער. ער האָט זיך איינגעקוקט ווי די פלאַמען נעמען אַרום די נאָדלען און זיי ווערן נישט צעפאַלן.

פלוצלינג זענען אַרום די ייִדן ביים שייטער, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן באַוואָפנטע לייט. זיי זענען געשטאַנען אַנטקעגן פייער מיט טעמפּע פּנימער, די אויגן אָנגעשטעלט אויף די איבער־געשראָקענע ייִדן. איינער פון זיי, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ פּאָלקאָווניק, האָט געפרעגט:

— געפינען זיך נאָך ייִדן אין דעם וואַלד?

יאַנקל האָט זיך אַרויסגערוקט און געענטפערט:

— יאָ, איך קען זיי אַהער ברענגען.

— גיי ברענג די ייִדן.

— איך דאַרף נאָך איינעם צו זיך — האָט יאַנקל געזאָגט און גענומען פּסחן פאַר דער האַנט.

— ניין, קיינעם נישט פון די ייִדן! איך שיק דיך מיט איינעם פון מיינע מענטשן!

ביידע זענען פאַרשוווּנדן פון דעם ליכט. אין דער פינצטער איז יאַנקל אַנטרונען פון אונטער דער ביקס. ער איז געלאָפן, געפאַלן און ווייטער זיך געריסן פאָרויס. די ביימער האָבן אים געשיצט פון די קוילן. אַן אויסגעצויגענער צווישן געדיכטע קוסטעס האָט ער נאָך געהערט די אָפּהילכן פון שאָסן. ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ בוים. צווישן די געדיכטע צווייגן האָט אָנגעהויבן פאַרגיין די נאָכיאָגנדיקע טויטשרעק.

פאַר טאָג איז יאַנקל אַראָפּ פון בוים. ער האָט געפילט, אַז ער איז אַליין אויף דער וועלט. זיין פּנים איז געווען גרוי און זיין בליק מוטנע, זיינע טרערן האָט געווישט דער ווינט. פּאַמעלעך איז אויס־געגאַנגען זיין געוויין, אָבער אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט נאָך זיין געיאָמער פון די ביימער אַרויס. ער האָט געשלעפּט די פיס צו יענעם אָרט וווּ ער האָט געלאָזט זיינע ברידער. זיינע שלייפן האָבן נאָך געגליט פון דעם נאַכטיקן לויף.

איבערן וואַלד האָט אָנגעהויבן ווערן העלער. דאָס פרימאָרגן־ליכט האָט אָפּגעדעקט פאַר יאַנקלס אויגן די טויטע קערפּערס פון זיינע צוויי ברידער און אַהרן. זיי זענען געלעגן ווי איינגעגראָבענע אין וואַלדיקן שלאָף מיט צעביסענע פיס פון וואַלד־חיות. יאַנקל האָט אָנגעהויבן לויפן. ווער האָט אים געטריבן? ווער האָט אים געיאָגט? פאַר וואָס האָט די ערד זיך אַזוי נידעריק אַראָפּגעלאָזט ווי אין אימפּעטדיקן געלויף באַרג־אַראָפּ? וווּהין האָט ער געטראָגן זיין צעשויבערטן קאָפּ? די ביימער — ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און געמאַכט אים פריי דעם וועג. זיינע אַרויסגעזעצטע אויגן האָבן אים געפירט גלייך צום נאָענטן פישערדאָרף. ער איז

אַריין אין דער ערשטער כאַטע, געבליבן שטיין אין דער אויפגע־ריסענער טיר מיט אַ געשריי: „מערדער! גייט אין וואַלד אַריין באַגראָבן מיינע ברידער!"

אַרום יאַנקלען זענען אָנגעלאָפן פויערים און געקוקט אויף אים ווי אויף אַ געריירטן. איינער פון זיי, דאָס קליינע גויעלע זאַלעסקי, האָט אים פאַרשטאַנען. ער האָט געכאַפּט צוויי רידלעס, מיטגערופן נאָך איינעם פון דאָרף און ביידע זענען מיט יאַנקלען אַוועק אין וואַלד צו דעם אָרט, ווו עס זענען געלעגן די דריי דערשאָסענע ייִדן.

יאַנקל איז געבליבן אַליין אין דער טויטער שטילקייט. אין אַ זייט איז געלעגן אַ שטריק נאָענט פון קבר, דער זעלבער שטריק, וואָס אַהרן האָט אויף אים געוואָלט זיך הענגען נאָך זיין ברודערס טויט. יאַנקל האָט אים דעמאָלט צוגעדריקט צו אַ בוים, אַרויסגעריסן פון זיינע הענט דעם שטריק און געוואָרנט, אַז ער זאָל מער וועגן דעם נישט טראַכטן. אַהרן איז שוין געלעגן אין קבר און זיין שטריק איז געהאָנגען אויף יאַנקלס האַלדז, זיך נאָכגעשלעפּט ווען ער איז געלאָפן מיט ווילדע געשרייען: „איצט וועל איך דאָס אַליין טאָן... אַליין... איך מוז זיך הענגען!"

יאַנקל איז געלאָפן, געגרופן צו זיך דעם טויט, וואָס האָט אַלץ געדאַרפט אָפּמעקן. נאָר דאָ האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג אַ מענטש מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און צענומענע הענט. ווי אַ יעזוס־בילד אויף אַ צלם איז דער מענטש געשטאַנען צוגעפעסטיקט צו אַ בוים. בלויז דאָס אָפענע מויל האָט נאָך אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן. יאַנקל האָט גיך לויז געמאַכט די שטריק, די פייכטקייט פון דער ערד האָט דעם מענטש געגעבן אָטעם. ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט דער מענטש דערזען דעם, וואָס האָט געראַטעוועט זיין לעבן נאָך דעם ווי די גויים מיט רוצחישע אויגן האָבן אים באַ־שטראָפט מיטן זעלבן טויט וואָס יעזוס. ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען, אַז פאַר אים שטייט אַ ייִד און פונעם ערשטן וואָרט וואָס דער מענטש האָט אַרויסגערעדט, האָט יאַנקל אַ צאַפּל געטאָן:

— אַברהם־הערש? דאָס איז דאָך מיין טאַטנס נאָמען!

אין וואַלד איז געווען שטיל.ביידע ייִדן זענען געזעסן אונטער אַ נעץ פון צווייגן. דאָס טאָגליכט האָט געוואָרפן אַ שיין אויף אברהם־הערשס צעשויבערטער באָרד, אויף זיין בלייך באַוואַקסן פּנים. ער האָט אויסגעזען צו זיין אַן אויסגעלאָשענער — אָן טרערן, אָן פרייד, אָן שנאה. ווי איינער וואָס זאָגט ווידוי פאַרן טויט האָט ער גערעדט שטיל, ווי די אַרומיקע שטילקייט וואָלט זיך באַהאָפטן מיט זיינע שוואַכע אָפּגעהאַקטע ווערטער. ער האָט דערציילט, ווי אַזוי ער איז נאָכן אויפשטאַנד אין טרעבלינקע אָנגעקומען אין דעם וואַלד, ווי אַזוי פויערים האָבן אים געפּייניקט, פאַרלאַנגט פון אים גאָלד און בריליאַנטן און געלאָזט אים אַזוי ווי יאַנקל האָט אים געפונען.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

דער רויטער באַראַק

די לעצטע נאַכט פון יאָר 1943 האָבן די מיידלעך געפּראַוועט אין אַ באַזונדער שטימונג ווי מיט אַ יאָר צוריק. עס איז געווען באַלד נאָך דער צווייטער מאַסיווער באַמבאַרדירונג אויף בערלין, וואָס איר פאַרנעם איז געווען אַ סך גרעסער ווי דער ערשטער. די מיידלעך האָבן יענעם לופטאָנגריף געדענקט ווי די „ליכטיקסטע" נאַכט פון אַלע מלחמה־נעכט איבער בערלין. די דייטשן האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן איטאַליע און די רוסישע אָפענסיווע האָט זיך דערנענטערט צו פּוילן. דאָס איז געווען די מתנה וואָס די לעצטע טעג פון פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן דערלאַנגט די מיידלעך אויף „נאָווי ראָק".

זאָשיאַ איז געווען פול מיט פרייד; אירע ווערטער האָט זי מער אויסגעזונגען ווי גערעדט. אויף סטאַשיאַן האָט זי זיך געוווּנדערט פאַר וואָס זי זעט נישט אויס צו זיין ענטוזיאַסטיש.

— סטאַשיאַ, דו נעמסט זיך גאַרנישט איבער פון די אַלע געשעענישן? ווען איך ברענג עס נישט אַרויס, וואָלט איך דאָך געפּלאַצט!

— מיין טייערע — האָט סטאַשיאַ געענטפערט — מיר האָבן נאָך גאָר אַ סך איבערצולעבן ביזן סוף פונעם קריג...

— אוי, סטאַשקאַ — האָט זאָשיאַ זיך פאַרקרימט — איך בעט דיך, נעם נישט אַוועק פון מיר מיין ביסעלע פרייד...

אין לאַגער האָט מען גערעדט וועגן עפּעס אַן אויפרוף צום קומענדיקן יאָר, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז די מלחמה דערנענטערט זיך צום סוף, אַז נאָכן קריג וועלן שוין מער קיין ייִדן נישט זיין.

זאָשיאַ האָט דאָס נישט געקאָנט פֿאַרשטיין. אין אַ געשפּרעך מיט סטאַשיאַן האָט זי געזאָגט:

— אויב דאָס איז געווען דער ציל פֿון די דייטשן, זענען דאָך שוין מער נישטאָ קיין ייִדן...

— זיי נישט קיין קינד! דו רעדסט וועגן פּוילן, און די דייטשן מיינען גאַנץ אייראָפּע...

זאָשיאַ האָט זיך דערשראָקן:

— וואָס רעדסטו, סטאַשיאַ, וועט מען נאָך דאַרפֿן וואַרטן ביז די דייטשן וועלן ענדיקן מיט אַזוי פֿיל ייִדן?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָשיאַ, אַז דיין פֿרייד איז אַ פּריצייטיקע...

מיט דער קליינער זאָשיאַ האָט אַזאַ געשפּרעך געהאַט גאָר אַן אַנדער פֿאַרלויף. ווען סטאַשיאַ איז מיט איר אַרויס אויף אַ שפּאַציר און אָפּגעזונדערט פֿון די באַראַקן האָבן זיי גערעדט וועגן אָנקומענדיקן סוף־קריג איז זייער פֿרייד געווען דורכגעווייקט מיט טרערן.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט פֿון מזרחדיקן טייל פּוילן זיך אָפּגעשטעלט דאָס אָנקומען פֿון שפּייזפּאַקעטן. אויך בריוו זענען דערגאַנגען פֿאַרשפּעטיקטע אָדער אין גאַנצן פֿאַרלוירן געגאַנגען.

צווישן אַ גרויסן טייל מיידלעך האָט די געשעעניש אַרויס־גערופֿן אַ רעאַקציע קעגן די הונגער־ראַציעס. זייער אומצופֿרידנקייט האָבן די מיידלעך געבראַכט צום אויסדרוק נישט בלויז אין לאַגער, נאָר אויך ביי דער אַרבעט. זייער פֿאַרלאַנג: „מער עסן פֿאַר מער אַרבעט" איז דערגאַנגען פֿונעם לאַגער־קאָמענדאַנט ביז צו דער געסטאַפּאָ און פּאָליציי־קעטשלעך זענען פֿאַרפֿאַרן אין לאַגער. די אַרעסטירטע מיידלעך זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען. אין לאַגער איז די שטימונג געוואָרן געשפּאַנט סיי פֿון די געשעענישן סיי פֿון פּחד פֿאַרן הונגער.

זאָשיאַ איז געוואָרן מער אויסגערעכנט מיט אירע זאַפּאַסן. זי האָט זיך נאָך געטיילט מיט סטאַשיאַן, אָבער זי איז שוין נישט

געווען אַזוי ברייטהאַרציק ווי פריִער. געוואָרן מער אויסגעהיטענער מיט דעם וואָס זי האָט געהאַט ליגן אין דער שאַפּקע. זאָשיאַ האָט דאָס אָבער געוואָלט מאַכן אַזוי, אַז אירע כוונות זאָלן נישט ווערן צו פיל בולט פאַר סטאַשיאַן, זייערע פּערזענלעכע באַציִונגען זאָלן פון דעם נישט ליידן. זי פלעגט זיך קלאָגן, אַז די עלטערן האָבן אין איר פאַרגעסן, אָדער — די מלחמה־געשעענישן האָבן שוין דערגרייכט אויך צו איר היים. אין דער אמתן איז איר שאַפּקע פול געווען מיט גוטע זאַכן פונעם לעצטן פּעקל וואָס זי האָט באַקומען, מיינענדיק, אַז סטאַשיאַ האָט נישט געזען איר אַריינ־ברענגען דאָס אין באַראַק. אַז זאָשיאַ האָט סטאַשיאַן מכבד געווען מיט עפּעס, האָט עס געדאַרפט מאַכן דעם איינדרוק, אַז זי טיילט זיך מיט איר אויך אין די שווערע טעג.

האַנס, אַ דייטשישער באַאַמטער אין דער עראָפּלאַן־פאַבריק, האָט סטאַשיאַן פאַרגעליגט, אַז זי זאָל צו אים קומען נאָך דער אַרבעט עפּעס טאָן אין זיין שטובווירטשאַפט. אין יענעם הונגער־פּסיכאָז אין לאַגער אין דער פאַרשלאָג פאַר סטאַשיאַן געווען אַ דערלייזונג אין זי האָט אים גערן אָנגענומען.

דאָס ערשטע מאָל ווען דער דייטש האָט איר געפירט צו זיין הויז האָט ער סטאַשיאַן אָנגעזאָגט זי זאָל געדענקען דעם וועג. ער האָט מיט שטאָלץ אָנגעוויזן אויף געבעלסעס פּאַלאַץ, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט אַרומגענומען מיט אַ געהיימער שטילקייט, ווייט אָפּגערוקט פון די געדיכט־באַוווינטע הייזער. דעם דאָזיקן שרעקצייכן האָט סטאַשיאַ געמוזט אָנקוקן יעדעס מאָל ווען זי איז געגאַנגען אויף דעם וועג הינטער בערלין.

דער דייטש האָט זיין משפחה געהאַט אַרויסגעשיקט אין די געביטן וואָס האָבן נישט געליטן פון די שווערע באָמבאַרדירונגען. סטאַשיאַ איז אַליין געווען פאַרנומען ביי דער געוויינלעכער שטוב־אַרבעט פון רוימען און קאָכן. נאָך עטלעכע וואָכן פון דער אַרבעט האָט דער דייטש צום ערשטן מאָל געעפנט פאַר סטאַשיאַן אַ טיר פון אַ גרויסן צימער, וואָס איז פריִער געווען פאַר איר געשלאָסן.

דאָס צימער האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגעלאָזענער סאַלאָן מיט שווער מאַסיוו מעבל שוין פון לאַנג נישט אָפּגערייניקט. אַראָפּגענומענע פון די ווענט זענען געווען אויסגעשטעלט פאַרשידענע קונסטבילדער און לעבן דעם — קרישטאָלן און אַנדערע טייערע חפצים, וואָס מיט דעם האָט מען געקאָנט באַפּוצן אַ סך סאַלאָנען. דער דייטש האָט סטאַשיאַן אָנגעוויזן וועלכע טיילן זי זאָל פריִער אָנהייבן רייניקן, כדי דאָס זאָל גרייט זיין צום פאַרפּאַקט ווערן צוליב די כסדרדיקע באָמבאַרדירונגען. ער האָט אָנגעטראָגן שמאַטעס און ווייכע פּאַפּירן אויף אַרומצוּוויקלען די חפצים און שיצן זיי פון צעטרייסלונגען. מיט דעליקאַטע באַוועגונגען האָט דער דייטש געוויזן סטאַשיאַן ווי אַזוי זיך אומצוגיין ביים רייניקן יעדעס פון די ווערטפולע זאַכן. ער האָט דאָס אַפילו דעמאָנסטרירט מיט אויסהערן דעם ריינעם אָפּקלאַנג נאָכן טאָן אַ פּיק אין דער קרישטאָלענער כלי מיט די פינגער־שפּיצן. דער דייטש איז מיט איר געבליבן ביי דער אַרבעט. אַרום זיך האָט ער קאָנצענטרירט די גרעסערע אָביעקטן און סטאַשיאַן האָט ער געהייסן פאַרנעמען זיך מיט די קלענערע. אויף סטאַשיאַס באַמערקונג, אַז דאָס רייניקן זעט ביי איר אויס איבעריק, אויב דאָס אַלץ גייט צום פאַרפּאַקן, האָט האַנס געענטפערט אַז אַזוי זענען די דייטשן — אַפילו אין שמאַטעס, דאַרף עס ליגן זויבער.

סטאַשיאַ האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט ביים ווישן טיילן פון צענומענע זשיראַנדאָלן, פּרוכטשיסלען פון פאַרשידענע מאָדעלן, טעצלעך און גלעזער מיט באַגילדטע ראַנדן — אַלץ מיט אַ קרישטאָל־ריינעם גלאַנץ. נאָך איידער זי האָט דאָס גענומען אין אירע הענט, באַלד ביים ערשטן בליק אויף דער גרויסער קאָלעקציע, איז סטאַשיאַן איינגעפאַלן, אַז די אַלע אַנטיקן געהערן נישט צו דער שטוביקער ווירטשאַפט, ביי וועלכער זי איז וואָכן שוין געווען באַשעפטיקט. ווען זי האָט אין אירע הענט גענומען די קליינע ווינגלעזעלעך, האָט זי באַלד דערפילט דעם חשד. דער דייטש האָט דאָס איר נאָך מער געלאָזט פילן מיט זיין שפּאַס, אַז די גלעזלעך, וואָס יידן האָבן אין זיי געטרונקען וויין, קאָנען גוט זיין נאָר פאַר מעדיצין־טראָפּנס. דייטשן טרינקען שנאַפּס אין גלעזער...

מער איז סטאַשיאַ צו דער שטובאַרבעט נישט געקומען. דער דייטש האָט פאַרשטאַנען, אַז סטאַשיאַ האָט מורא געקריגן פאַר מאַכן אים אַ שאָדן. דאָך האָט ער נישט געוואָלט רעזיגנירן פון סטאַשיאַן, האָט ער געפּרוּווט אויף איר ווירקן, זי זאָל זיך צו אים אומקערן, אַז ער וועט איר שוין מער קיין דעליקאַטע זאַכן נישט געבן אין די הענט, וואָס זענען געווינט נאָר צו געוויינלעכע שטובזאַכן. אָבער סטאַשיאַ האָט נישט איינגעשטימט. זי האָט אין דעם טאָג זיך פאַרקלאָגט אויף איר שלעכטן געזונט און דער אַרבעטס־אויפזעער האָט איר געגעבן אַ צעטל צו דער דאָקטערין אין לאַגער.

פאַרן אונטערזוכן האָט סטאַשיאַ געדאַרפט ענטפערן אויף פראַגן פון איר משפחה־אָפּשטאַמונג מיט דורות פריִער. איר האַרץ האָט אָנגעהויבן זיך באַרויִקן ווען זי האָט פאַרשטאַנען אַז מיט אירע פראַגעס האָט די דאָקטערין געוואָלט אויסגעפינען ירושה־סימפּטאָמען פון שווינדזוכט, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן אין לאַגער.

— פאַר וואָס האָסטו אַזאַ בלאַס פּנים? — האָט די דאָקטערין געפרעגט.

— אין דער היים האָב איך אַנדערש אויסגעזען — האָט סטאַשיאַ געענטפערט.

— פאַר דער בלוטאַנאַליז האָב איך געמיינט, אַז דו ביסט אויך אַ קאַנדידאַטין צו יענעם רויטן באַראַק...

געוויינלעך פלעגט מען אַ קראַנקע אויסשרייבן דריי טעג רו ביז דער צווייטער אונטערזוכונג. סטאַשיאַ האָט באַלד באַקומען אַ קראַנקן־שיין. אַ דינערין האָט איר צוגעפירט צו אַ ריין־באַצויגן בעט. סטאַשיאַ האָט זיך געפרייט מיטן פאַרלאָזן דעם שמוציקן באַראַק כאָטש אויף די עטלעכע טעג. איר האָט אָבער געשראָקן די אָנגעשטרענגטע אַטמאָספער צווישן די פרעמדע פּנימער אַרום זיך, איר האָבן באַאומרויִקט די אויגן פון די קראַנקע מיידלעך אין די בעטן, אין לאַנגע רייען אויסגעשטעלטע, ווי אין אַ פעלד־לאַזאַרעט. סטאַשיאַ האָט שוין לאַנג אויף זיך נישט געפילט אַזעלכע קאָנצענטרירטע בליקן. אין באַראַק האָט זי נישט געלייגט קיין אַכט

אויף דעם, אַפילו ווען דאָס קוקן איז געווען געווענדט נאָר אויף איר. סטאַשיאַ האָט שוין געוווּסט זייער באַדייטונג: דאָס זענען געווען בליקן פון קינאה ווען זי איז מיט זאָשיאַן געזעסן ביי אַ שמועס איבער אַ בוך, אַ מאָל — פון נייגעריקייט ביים אָבסערווירן אירע טריט אַריין און אַרויס פון באַראַק, אָדער ביים אַרויסגיין מיט וועמען אויף אַ שפּאַציר. אָבער אַזאַ צאָל פון פרעמדע אויגן האָט זי שוין גישט געהאַט געפילט אויף זיך זינט איר פאָרן פון פוילן קיין דייטשלאַנד.

סטאַשיאַ האָט געמאַכט אַן אָנשטעל ווי זי וואָלט נישט געפילט דאָס קוקן אויף איר. זי איז געגאַנגען זיך באָדן און צוריקגעקומען אין די שפּיטאָל־קליידער. אין בעט האָט זי שנעל זיך פאַרהיימישט מיט די מיידלעך, וואָס זענען געלעגן פון ביידע זייטן. איינע פון זיי האָט סטאַשיאַן געזאָגט, אַז זי קען איר פון דער ריי ביים עסן. די צווייטע, מיטן צעשויבערטן קאָפּ בלאָנדע האָר, האָט זיך נאָענט געמאַכט צו סטאַשיאַן מיט אַזאַ פראַגע:

— פון ערגעץ ווו געדענק איך דיינע טונקעלע האָר מיט די בלאָע אויגן...

סטאַשיאַ האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ פון קישן:

— נו, דערמאָן זיך!

— יאָ, איך געדענק! האָסט געטאַנצט אין דער קאַנטינע מיט איגנאַצן!

— וועלכער איגנאַץ?

— נו, דער וואָס האָט אַנטדעקט די דריי יִדישע מיידלעך...

— איגנאַץ? דער פון פּאָזנאַן? — האָט סטאַשיאַ זיך געוווּנדערט — פון וואַנען האָט ער אויסגעקראַצט די דריי יִדישקעס?

— יאָ, דער איגנאַץ. ווער ווייסט וואָס ער איז. ער לעבט צווישן פּאָליאַקן, רעדט דייטש, פאַרשטייט אוקראַיִניש און פאַרנעמט זיך מיט אַנטדעקן יִדישקעס און קאָמוניסטן. פון פיליפּן דעם טשעך האָט ער אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר געזונטע קלעפּ פאַר קריכן אים אין דער נשמה אַריין...

סטאַשיאַ האָט זיך צעהוסט און נאָך אַלץ נישט געקאָנט גלייבן:

— דער עלעגאַנטער איגנאַץ? דער וואָס טאַנצט אַזוי שיין, זאָל זיך אָפּגעבן מיט נאָכשפּיאָנירן אונדזערע מיידלעך?

— וואָס וווּנדערסטו זיך, סטאַשיאַ? אויך צו מיר האָט ער זיך צוגעקלעפּט צוליב מיין נאָמען אַננאַ, וואָס האָט אים אויסגעזען פּאַרדעכטיקט.

סטאַשיאַ האָט זיך צעלאַכט:

— וואָס האָט ער אין דיר געזוכט?

אַננאַ האָט צוגעמאַכט די האַנט אין אַ פויסט:

— זעסט? מיט דעם האָב איך אים געוואָלט געבן אין דער מאָרדע ווען ער האָט צו מיר אָנגעהויבן רעדן וועגן קאָמוניזם.

— אפשר האָט אים דיין נאָמען דערמאָנט אין טאָלסטאָיס בוך „אַננאַ קאַרענינאַ"?

— ווער איז דאָס? אַ ייד? אַ קאָמוניסט?

סטאַשיאַ האָט איינגעהאַלטן אין זיך דאָס געלעכטער:

— מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד האָט ער אויסגעזען ווי אַ ייד, געווען איז ער אַ רוס...

— דער טייוול ווייסט זיי ביידע — האָט אַננאַ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

די מיידלעך האָבן זיך אומגעקוקט צו דער זייט פונעם בלאָק פון וואַנען עס איז אָנגעקומען די דאָקטערין. הינטער איר זענען נאָכגעגאַנגען סאַניטאַרקעס. דאָס איז נישט געווען די צייט פון דער געוויינלעכער טאָג־אינספּעקציע. איר אַריינקומען איז געווען אומ־געריכט און מיטן אַריין און אַרויסקוקן פון די פּאַפּירן אין אירע הענט האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זי צילט צו עמעצן פון די קראַנקע מיידלעך. אַ סאַניטאַרקע האָט איר אָנגעוויזן אויפן בעט לעבן סטאַשיאַן. די דאָקטערין האָט אַ קוק געטאָן אויף דער קראַנקער מיט גוטמוטיקע אויגן און מיט אַ ווייכער שטימע זי באַרויִקט:

— ענדלעך גייסטו שוין אַרויס פון דאַנען...

די דאָקטערין איז צוגעגאַנגען צו נאָך עטלעכע בעטן. אויך

דאָרט האָט זי איבערגעחזרט די זעלבע פּראַזע. די סאַניטאַרקעס האָבן אין זייערע פּאַפּירן געצייכנט די נעמען און די נעמען פון די קראַנקע מיידלעך.

אַ ביסל שפּעטער זענען אַריינגעקומען די זעלבע סאַניטאַרקעס און געהייסן די מיידלעך, פאַרצייכנטע אין די פּאַפּירן, זיך פאַר־נעמען מיט זייערע זאַכן. דאָס מיידל וואָס האָט סטאַשיאַן דערקענט פון דער ריי ביים עסן, האָט אויסגעזען בלאַס. דער באַפּאַלענער הוסט האָט איר געשטערט אַרויסרעדן אַ וואָרט. זי האָט זיך געזעגנט מיט אַ באַוועג פון איר האַנט און מיט אַ שטומען שמייכל.

— ווייסט ווּהין מ'נעמט זיי? — האָט אַננאַ געפרעגט סטאַשיאַן.

— איך ווייס נישט.

— קוק, סטאַשיאַ — האָט אַננאַ אויסגעצויגן איר האַנט — דורך יענעם פענצטער וועסטו זען אַ רויט געפּאַרבטן באַראַק. דאָרט געפינען זיך די קראַנקע אויף טובערקלאָז. צו זיי קאָן מען נישט אַריינקומען און זיי פאַרלאָזן דעם באַראַק נאָכן טויט...

— דאָס איז דאָך שרעקלעך!

— שפּעטער, נאָכן עסן, וועלן מיר צוגיין צום פענצטער — האָט אַננאַ געזאָגט.

— און אָט די מיידלעך ווייסן, אַז פון דאָרט וועלן זיי שוין מער נישט אַרויס קיין לעבעדיקע? — האָט סטאַשיאַ געפרעגט אַן איבערגענומענע.

— קיינער האָט זיי דאָס נישט געזאָגט און קיינער רעדט נישט מיט זיי וועגן דעם, אָבער ווען זיי קוקן זיך אָן איינע די צווייטע און זיי הערן אַלע מאָל פון אַן אַנדער געשטאָרבענער, איז פאַר זיי שוין גענוג אויף צו פאַרשטיין...

סטאַשיאַ האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג:

— אַננאַ, פאַרשטיין אַזאַ לעבן און אָפּפילן דאָס אויף דער אייגענער הויט — דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. אַ זייטיקער נעמט דאָס אויף מיט זיין פאַרשטאַנד, אָבער דער קראַנקער, כל־זמן

ער פילט דאָס קלאַפּן פון האַרץ און דעם אָטעם אין מויל — קלאַ־מערט ער זיך אין לעבן.

— ווייסט, סטאַשיאַ, איך וויל הערן דיין מיינונג נאָך דעם ווי דו וועסט די מיידלעך אָנקוקן...

נאָך מיטאָג, ווען אין שפּיטאָל איז געווען די רו־שעה און אַלע זענען געלעגן אין די בעטן, זענען סטאַשיאַ און אַננאַ צוגעגאַנגען צום פענצטער אַ קוק געבן אויף די מיידלעך. פאַר אַננאַן איז עס געווען אַ טאָגטעגלעכער צונויפטרעף מיט זייערע בליקן. אַלע ביים פענצטער האָבן שוין געקענט איר בלאָנדן קאָפּ האָר מיטן קווי־טשענדיק שטימעלע, און אַננאַ, זינט זי איז געווען אין שפּיטאָל, האָט שוין עטלעכע פון זיי געקענט ביי די נעמען. פאַר סטאַשיאַן אָבער האָט עס אויסגעזען ווי אַ נייַ קאַפּיטל פון דעם לעבן אין לאַגער. דער ערשטער בליק אירער איז געפאַלן אויף די אַרומגע־צוימטע דראָטן מיטן שילדל „פאַרזיכטיק, אַנשטעקנד קראַנקע״. איבער איר לייב איז אַדורך אַ קאַלטער ציטער. דורך דער דראָ־טענער נעץ האָט זי דערזען אויסגעמאָגערטע בלייכע פּנימער וואָס האָבן זיך געריסן צו פאַרנעמען אַ בעסער אָרט ביים פאַרקראַטעוועטן פענצטער. די איזאָלירטע מיידלעך האָבן אויסגעזען ווי פאַרטריבענע אין אַ שטייג, וואָס ווילן פון דאָרט זיך באַפרייען און קאָנען נישט. יעדע פאָר אויגן פון די מיידלעך האָט געוואָלט זיך צוזאַמענטרעפן מיט אַננאַס בליקן, וואָס האָט צו זיי איבערגעשיקט אַ שמייכל, מיט איר פּנים, וואָס האָט זיי אַריבערגעוואָרפן אַ טרייסטוואָרט.

— ווו איז יאַדוויגאַ? — האָט אַננאַ אַריבערגעשריגן — רופט זי צום פענצטער, איך וויל איר עפּעס זאָגן.

— זי איז נישטאָ — האָט אָפּגעענטפערט אַ הייזעריקע שטים.

— וואָס איז געשען? נעכטן האָב איך איר נאָך געזען ביים פענצטער.

פון דער צווייטער זייט פאַרקאַן האָט מען אָפּגעענטפערט:

— ביי נאַכט האָט זי געהאַט אַ בלוטשטורץ. אין דער פרי האָט מען זי אַוועקגענומען...

מיט די ווערטער האָט זיך געענדיקט דאָס באַגעגעניש ביי די פענצטער.

— נו, וואָס זאָגסטו איצט, סטאַשיאַ? — האָט אַננאַ געפרעגט נאָכן אומקערן זיך צום בעט.

סטאַשיאַ האָט אָפּגעזיפצט און געענטפערט:

— מיר איז שווער צו רעדן וועגן דעם, אָבער דאָס וואָס איך האָב געזען, קאָן נישט ענדערן מיין מיינונג.

— פאַר וואָס? וואָס זעט מען דען ביי זיי אויסער דעם אַנ־קומענדיקן טויט? האָט דאָך נאָך נעכטן יאַדוויגאַ געלעבט...

סטאַשיאַ האָט זיך פאַרטראַכט און געענטפערט:

— אויך מיינע אויגן האָבן געזען דאָס זעלבע וואָס דיינע, אָבער דו האָסט נישט באַמערקט ווי שיין זיי זענען פאַרקעמט... מיט וואָס פאַראַ אויגן זיי האָבן געקוקט אויף די שיינע בלומען אַנטקעגן זייער פענצטער... און ווי צעשמייכלט זיי האָבן אונדז אָנגעקוקט... דאָס זענען דאָך אויסדרוקן פון לעבן, נישט פון טויט... אויך יאַדוויגאַ איז נעכטן אַזוי געווען...

אין מיטן פונעם שמועס איז אָנגעקומען זאָשיאַ. אַ לוסטיק צעשמייכלטע האָט זי באַגריסט סטאַשיאַן און איר איבערגעגעבן אַ שיין פאַרפּאַקט פּעקעלע. סטאַשיאַ האָט נישט באַהאַלטן איר פרייד צוליב זאָשיאַס וויזיט און נישט אַרויסגעלאָזט זאָשיאַס האַנט ביז זי האָט איר נישט באַקאַנט מיט אַננאַן. יענע האָט זיך געפרעגט:

— ווו האָט איר זיך ביידע אַזוי צונויפגעקליבן ווי אַ גליקלעך פאַרפאָלק?

סטאַשיאַ און זאָשיאַ האָבן זיך איבערגעקוקט און זאָשיאַ, מיט איר חוש פאַר הומאָר, איז נישט געבליבן שולדיק:

— אַננאַ, זאָלסט נאָר נישט פּרוּוון אָפּרעדן סטאַשיאַן פון מיר...

זאָשיאַ האָט מיטגעבראַנגט אַ בריוו, וואָס זי האָט נאָר וואָס דערהאַלטן פון דער היים. דער בריוו איז געווען געשריבן גאָר מיט אַן אַנדער נוסח ווי ביז איצט. עס זענען געווען אויסגערעכנט נעמען פון איר משפּחה, וואָס זאָלן כלומרשט האָבן זיך איבערגעצויגן פון

אַזעלכע שטעט אין פוילן ווו זיי האָבן דאָרט קיין מאָל נישט געוווינט. איינער פון זיי זאָל האָבן שווער קראַנק געוואָרן. וועגן שפּייזפּעקלעך, האָט מען איר געשריבן, זאָל זי נישט זאָרגן, ווייל די פּאָסט־פאַר־בינדונג ביי זיי איז פון דריטן רייך.

מיט זאָשיאָס דערלויבעניש האָט סטאַשיאַ געלייענט דעם בריוו אויך אַננאַ זאָל הערן. ביידע האָבן פאַרשטאַנען יעדן רמז פון דעם בריוו אויפן זעלבן אופן אין פאַרבינדונג מיט די לויפנדיקע מלחמה־געשעענישן. זאָשיאַ איז געווען צופרידן וואָס אַננאָס און סטאַשיאָס מיינונגען האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט אירע מחשבות.

ביים צוריקגעבן דעם בריוו האָט סטאַשיאַ געזאָגט:

— באַהאַלט. דער בריוו וועט דיר אַ סך דערמאָנען...

זאָשיאַ האָט סטאַשיאַן איבערגעגעבן אַ ביסל נייעס פון באַראַק. ווען זי איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף האָט זי געפונען איר שאַפקע נישט פאַרשלאָסן. דאָס שלעסל איז געווען אַראָפּגעדרייט און אַ טייל פון די בעסטע זאַכן האָבן געפעלט. זאָשיאַ האָט געהאַט אַ חשד אויף דער גראָבער יאַשאַ, אין וועמענס בעט זי האָט געפונען שטיקלעך הויט פון וווּרשט מיט קרישקעס פון קוכן. זי האָט דאָס אַלץ צו־זאַמענגענומען און איבערגעגעבן אין דער קאָמענדאַנטור. מ׳האָט דאָרט יאַשאַן איינגעלאַדן אויף אַ פאַרהער און אונטערגעטראָגן פאַר אירע אויגן אַ גומענע בייטש — זי זאָל געדענקען, אַז פאַר גנבענען באַקומט מען אין דייטשלאַנד שמיץ...

אין שפּיטאָל האָט מען פאַרלאָשן דאָס ליכט, ס׳איז געוואָרן נאַכטיק שטיל, די פאַרטונקלטע פענצטער האָבן נישט דורכגעלאָזט פון דרויסן די שיין פון דער פולער לבנה. מ׳האָט מער נישט געזען די זילבערפאַרביקע אייזערנע בעטן מיטן ווייסן איבערצוג. אין דער פינצטערניש האָט מען געהערט הוסטן און אַ טיף אָטעמען וואָס איז פאַרגאַנגען אין קרעכצן.

ערשט ווען סטאַשיאַ האָט זיך אויסגעצויגן אין בעט און צו־געדעקט ביז אונטערן האַלדז, האָט זי דערפילט דעם ווייטיק, וואָס

איז פריִער געווען אין האַלדז און פאַרשפּרייט זיך איבער אַלע אירע גלידער. זי איז געווען אויסגעווייקט אין שווייס. איר איז שווער געווען איינצושלאָפן און זי האָט אויך מורא געקריגן פאַרן שלאָף... איז זי געלעגן און געקוקט מיט אָפענע אויגן צום שוואַרצן סופיט. צוזאַמען מיט די שווייס־טראָפּנס זענען אויסגערונען אירע מחשבות אין אַ געדיכטן שוואַרצן נעפּל. די ווירקלעכקייט פון שפּיטאָל האָט זיך אָפּגערוקט און אויסגעגאַנגען אין אַן אומענדלעכן שוואַרצן וואַלד.

די מחשבות האָבן פאַר סטאַשיאַן ווידער אויפגעהילט איר פאַר־גאַנגענע וועלט. פון געטאָ איז זי אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די ברידער אין וואַלד. זי האָט געוואָלט טיילן זייער גורל, אָבער די ברידער האָבן איר געצוווּנגען צו ראַטעווען איר לעבן. זי האָט אויסגעפילט די שליחות, און ווו זענען זיי?

נישט איין מאָל אין אַזאַ פינצטערער שעה איז סטאַשיאַ געלעגן מיט אַזעלכע געדאַנקען. דאָס, וואָס אין ליכט פאַר איר געווען פאַרשטעלט, האָט זי געזען אין דער פינצטער.

זי האָט געפילט זייער אָטעם, זייער שרעק פאַרן טויט, זייער ווילן צום לעבן.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

דער ייִד פון טרעבלינקע

צוזאַמען מיט אברהם הערשן האָט פאַר יאַנקלען זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל פון זיין לעבן אין וואַלד. די ערשטע טעג ווען אברהם הערש איז געקומען צו זיך און ער האָט דערפילט, אַז עס זיצט ווער לעבן אים, וואָס וויל פאַרנעמען זיינע רייד, האָבן ביידע געלעבט אין שאָטן פון טרעבלינקע. ביי אַברהם הערשן האָט זיך ווי אויפ־געלייזט דער קנויל אין האַלדז. ביידע האָבן פאַרגעסן אין אַלע זייערע באַדערפענישן. יאַנקל איז געזעסן אַ פאַרשטיינערטער און אַברהם הערש האָט דערציילט פון אַלע טויטן, וואָס זיינע אויגן זענען געווען געצוווּנגען צוצוזען — פון זיין אָנקומען אין די פולע וואַגאָנען מיט האַלב־טויטע מענטשן ביז זייער פאַרוואַנדלט ווערן אויף אַש. יאַנקל האָט אים דערמאָנט, אַז ער געפינט זיך אין וואַלד אונטער אַ פרייען הימל, אָן מורא פאַר די טרעבלינקער געשפּענסטער, אָבער אַברהם הערשן איז דאָס נאָך שווער געווען צו באַנעמען. אַלץ דאָ האָט אים נאָך אויסגעזען ווי נישט רעאַל. פונקט אַזוי האָבן דיביימער אין טרעבלינקער וואַלד גערוישט ווען מ׳האָט די ייִדן געטריבן צו די גאַזקאַמערן, אויך דער הימל איז דאָרט געווען אַזוי לויטער העל. דער בוים פאַר זיינע אויגן האָט אים דערמאָנט אין יענע לעצטע מינוטן פון אויפשטאַנד ווען ער איז אַנטלאָפן אין דערנעבנדיקן וואַלד, אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים און די צווייגן האָבן אים פאַר־שטעלט.

— רעד נישט מער וועגן טרעבלינקע — האָט יאַנקל זיך געבעטן — ווילסטו לעבן, טראַכט נישט מער וועגן טויט.

יאַנקל האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען אַברהם הערשן

מיט זיך. אין וואַלד איז געווען שטיל. אַ קילער ווינט האָט געבלאָזן איבער דיביימער. איבערגעשראָקענע וועווערקעס זענען געלאָפן פאַרביי זיינע טריט. טשאַטעס פייגל אין נידעריקן פלי האָבן גע־שניטן די לופט מיט שאַרפע שנאָבלען אַנטקעגן ווינט. יאַנקל האָט אַרויפגעקוקט צום הימל און אַ זאָג געטאָן, אַז דער ווינטער קומט אָן.

די צוויי ייִדן האָבן זיך אַרומגעשלעפּט אין וואַלד, געזוכט אַן אָרט אויף אַ באַהעלטעניש איידער די ערד ווערט פאַרפרוירן. אין אַ שמאָלן דורכגאַנג צווישן צוויי געדיכטע ביימער האָבן זיי אָנ־געצייכנט אַ לענג און ברייט, ווי מען מעסט אויס אַ שטיקל ערד פאַר אַ קבר. ווען זיי האָבן זיך דערגראָבן צו דער נויטיקער טיף, איז יאַנקל געווען צופרידן, וואָס זיי וועלן ענדלעך האָבן אַן אָרט ווו דעם קאָפּ צו באַהאַלטן.

אַברהם הערש האָט געזאָגט:

— שוין לאַנג נישט געזען אַ ייִדיש פּנים שמייכלען...

יאַנקל האָט דערציילט אַברהם הערשן וועגן זיין לעבן אין וואַלד, זינט דעם טאָג ווען ער האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל ביז זיין בלייבן איינער אַליין. די אויסזיכטן צו איבערהאַלטן ביזן סוף פון דער מלחמה האָט יאַנקל געמאַכט אָפּהענגיק פון דריי מענטשן. פון די דריי האָט אַברהם הערש צום מיינסטן באַוווּנדערט דעם פּאַסטעך:

— אַ גוי מיט אַזאַ גוט האַרץ?

— יאָ — האָט יאַנקל באַשטעטיקט — איך האָב געפונען אַזאַ איינעם אין וואַלד.

יאַנקל האָט פאַר אַברהם הערשן געשילדערט, ווי אַזוי ער האָט באַגעגנט דאָס קליינע גויעלע מיט זיינע שעפסן צווישן די ביימער. צו ערשט האָט דער גוי מיט די שפּיציקע וואָנסעס אים אויסגעזען פאַרדעכטיקט. ער האָט נאָך מורא געהאַט פאַרן געשענקטן שטיקל ברויט וואָס האָט געקאָנט אים פאַרנאַרן ווי אַ חיה אין אַ קלאַטקע, ביז ער האָט אויף אַן אמת אָנגעהויבן גלייבן אין דעם פּאַסטעכס גוטן האַרץ.

ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג ווען זאַלעסקי האָט געדאַרפט זיך באַווייזן אין וואַלד. יאַנקל איז געזעסן און אָנגעשפּאַנט זיינע אויערן צו יעדן שאָרך; ער האָט אָפּגעוואַרט דעם אָפּגערעדטן צייכן.

— ער קאָן נאָך קומען — האָט אַברהם הערש אים באַרויִקט — דער טאָג איז נאָך נישט אַריבער.

— ס׳איז גלייכער, אַז איך זאָל אים גיין אַנטקעגן. דו בלייב אויפן אָרט.

יאַנקל איז אַוועק טיפער אין וואַלד אָן יענעם פּחד, וואָס האָט אים תמיד באַגלייט ווען ער האָט געדאַרפט גיין אין דאָרף אַריין. ווי שטענדיק איז ער געגאַנגען אויסקוקן זאַלעסקין, אים אײַנבערענגען וועג. אין גאַנג האָט ער כסדר אויפגעהויבן דאָס פּנים און געקוקט צום הימל. אים איז אַ שאָד געווען יעדע מינוט פון טאָג וואָס איז אַריבער און פון זאַלעסקין איז קיין שפּור נישטאָ. לויט די ביימער האָט יאַנקל דערקענט, אַז ער איז שוין נישט ווייט פון דאָרף. אפשר, האָט ער געטראַכט, וואַרט דער גוי, אַז ס׳זאָל ווערן טונקעלער, ער זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן מיטן אַרויסגיין פון דאָרף. יאַנקל האָט געזוכט אַן אָרט צווישן די ביימער, ווו עס זאָל אים זיין באַקוועמער צו זיצן און וואַרטן ביז עס וועט ווערן נאַכט. פּלוצלינג, האָט פאַר זיינע אויגן זיך באַוויזן אַ פרעמד פויעריש געשטאַלט מיט אַ רעוואָלווער געצילט צו אים. אַ פּאָר שאַרפע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטערן לאַקירטן דאַשעק און אַ ווילד קול האָט אָפּגעהילכט צווישן די ביימער:

— גיב מיר דאָס גאָלד וואָס דו האָסט אַרויסגעפירט פון טרעבלינקע!

יאַנקל האָט קוים אַרויסגערעדט:

— איך בין נישט געווען אין טרעבלינקע.

דער פויער האָט דורך די געל־פאַרפוילטע ציין אַרויסגעסיקעט:

— זאָג זשע מיר דאָס אָרט פון יענע ייִדן! אויב נישט האַק איך דיר אַריין אַ קויל אין קאָפּ!

יאַנקלס מוח האָט גענומען אַרבעטן מיט אַ פּיבערהאַפטער שנעלקייט:

— איך וועל זאָגן...

— ווייז מיר דעם וועג!

יאַנקל איז געגאַנגען פאָרויס, און דער מיטן רעוואָלווער — הינטער אים. אַ בייזע שטים האָט אים כסדר געוואָרנט: „נישט אַנטלויפן"... ער איז דערגאַנגען צום אָרט פון זיין פריערדיקער באַהעלטעניש, וואָס איז געשטאַנען פאַרלאָזט. יאַנקל האָט אָנגעוויזן:

— דאָ האַלטן זיך אויף די יידן פון טרעבלינקע...

דער גוי האָט יאַנקלען אַ טרייסל געטאָן:

— ווו האָסטו די יידן? דו נאַרסט מיך, זשיד!

— אַזוי זאָל איך לעבן ווי איך נאַר נישט... זיי זענען זיכער אַוועק צו באַקאַנטע פויערים, וואָס פאַרקויפן זיי עסן און זיי וועלן דאָרט זאַמען ביז אין אָוונט.

— וויפל זענען זיי, די זשידעס?

— דריי — האָט יאַנקל געענטפערט.

— זיי האָבן גאָלד?

— איך מיין אַזוי. פאַר דעם קויפן זיי עסן...

דער פויער האָט פאַררוקט דאָס היטל איבערן שטערן און דעם רעוואָלווער פאַרשטעקט אונטערן פאַסעק. אין זיין שטים האָט ער געטוישט די רייד, ווי דער פריערדיקער רוצח וואָלט אַריין אין אַן אַנדער הויט:

— געדענק, זשידעק, איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן. אויב דו וועסט מיר העלפן, וועל איך דיר אויך העלפן. די יידן טאָרן נישט וויסן וואָס מיר האָבן גערעדט. געדענק, ס'עט דיר לוינען...

יאַנקל האָט צו יעדן וואָרט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געבעטן ביים גוי, ער זאָל אים אָנווייזן דאָס אָרט אין וואַלד, ווו זיי וועלן זיך טרעפן. דער פויער האָט פאַרגעלייגט אַ פּלאַץ צווישן די ביימער לעבן דעם שטיק פרייען וואַלד־שטח. יאַנקל איז כלומרשט אויף דעם שווער איינגעגאַנגען, אָבער צום סוף האָט ער מסכים געווען.

דער פויער איז אַריין צווישן דיביימער און זיך אַוועקגעלייגט וואַרטן אויף די „טרעבלינקער יידן". יאַנקל איז שנעל אַוועק אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

ווען ער איז שוין געהאַט אַוועק ווייט פון דעם אָרט, האָט יאַנקל זיך אַוועקגעזעצט אַ דערשעפּטער. די שאַרפע לופט האָט געמונטערט זיינע פאַרחלשטע גלידער. פאַר יאַנקלס אויגן האָט זיך געלאָשן דאָס טאָגליכט. פון די פעלדער זענען אַנגעפלויגן די לעצטע פייגל און אין דער טונקלקייט פאַרשווונדן אין די נעסטן.

יאַנקל וואָלט אַזוי געלעגן ביז אַ שטיק אין דער נאַכט ווען נישט דער הונגער. פון די פּאָר קאַרטאָפל מיט די עטלעכע ביסן ברויט, וואָס ער האָט אין דעם טאָג אין מויל גענומען, איז שוין גאָרנישט געבליבן אין זיין גוף. מער ווי שמעקן צו די אָנגעוואָרפענע בלעטער אַרום זיך איז אים נישט געבליבן. וואָס זאָל ער ווייטער טאָן, אויב זאַלעסקי וועט נישט קומען? זאָל ער צוריקגיין צו אַברהם הערשן און אים דערציילן וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין וואַלד? דאָס האָט אים אויסגעזען לעכערלעך. גיין ווידער אין דאָרף אַריין — האָט אים געשראָקן יענע זייט וואַלד, פון וואַנען ער איז נאָר וואָס אַנטלאָפן. אין מיטן פון די מחשבות האָט יאַנקל דערהערט גיכע טריטלעך, וואָס האָבן אים אויסגעזען צו זיין נישט פון קיין מענטש. אין וואַלד איז שוין געווען נאַכט. ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטערן בוים און צו זיינע אויערן האָבן זיך דער־טראָגן די דראָבנע טריטלעך צוזאַמען מיט אַ שנעל סאָפּען. פאַר יאַנקלען איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס מוז זיין אַ הונט. אפשר איז עס זאַלעסקיס קודלאַטער הונט? ווער דען זאָל קומען ביי נאַכט אין וואַלד מיט אַ הונט?

יאַנקל האָט באַלד אויפגעכאַפּט אַ גערויש פון שאַרנדיקע טריט איבער די בלעטער. עפּעס האָט אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד און די טריט האָבן זיך אָפּגעשטעלט. פאַר וואָס איז שטיל געוואָרן? פאַר וואָס קאָנען זיינע אויגן נישט דורכשטעכן די פינצטערניש און דערגרייכן צו יענעם אָרט, וווּ די טריט זענען געבליבן שטיין?

אַ צעצויגענער פּייף האָט, ווי אַ שטראַל, אַ לייכט געטאָן פאַר אים. יאָ! דאָס איז זאַלעסקי! מיט ציטערנדיקע פינגער אין מויל האָט יאַנקל אָפּגעענטפערט דעם זעלבן פּייף און גענומען זוכן אַ וועג, כדי זיך דורכצושלאָגן צווישן דיביימער אַהין ווו זאַלעסקיס קול האָט אים גערופן. פון יאַנקלס מויל זענען די ווערטער אַרויס מיט איין אָטעם:

— ווי אַ מלאך פון הימל זענט איר ... זאָל אייך גאָט באַצאָלן...

זאַלעסקי האָט אַרומגעווישט זיין פּנים מיטן אַרבל און אַ פאַר־סאָפּעטער געענטפערט:

— עט, נאַרישקייטן, גוט וואָס איך האָב דיך אָפּגעפונען אין דעם דזשונגל. קוים זיך דערשלעפּט אַהער...

יאַנקל איז געווען אין גאַנצן אַדורכגענומען פון פרייד. ער האָט נישט געוווּסט מיט וואָסערע ווערטער אים צו דאַנקען.

— ווען וועל איך אייך קאָנען אָפּצאָלן פאַר אייער גוטסקייט? זאַלעסקי האָט געלאַכט:

— רעדסט נאַרישקייטן, יאַנקעל. איך גלויב אין דעם, אַז וועסט איבערלעבן. זאַלעסקי וועט דיך נישט לאָזן שטאַרבן פון הונגער. יאַנקעל, טאַפּ אָן דעם זאַק ביי מיינע פיס. האָסט דאָ קאַרטאָפל, אַ הייפּטל קרויט, אַ האַלבן ברויט. נאַ, נעם אַ פּודלע שוועבעלעך. עס ווערט שוין ווינטער אין וואַלד...

יאַנקל האָט זיך איינגעבויגן צום זאַק און געפּליסטערט:

— אוי, ווי גוט... ווי גוט...

זאַלעסקי מיט יאַנקלען האָבן זיך אָװעקגעזעצט. דער הונט האָט זיך אויסגעצויגן פאַר זייערע פיס. זאַלעסקי האָט פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס. דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע האָט אַ לייכט געטאָן אויף ביידנס פּנימער. יאַנקל האָט דערציילט זאַלעסקין וועגן דעם מענטש מיטן רעוואָלווער. לויט דער שילדערונג האָט זאַלעסקי אין אים דערקענט דעם קאָמיענטשיקער באַנדיט. זאַלעסקי האָט זיך גע־וווּנדערט ווי אַזוי יאַנקל האָט געקאָנט זיך אַרויסקריגן פון יענעמס רוצחישע הענט.

זאַלעסקי האָט נאָך עפּעס אויסגעפונען מיט וואָס יאַנקלען צו דערפרייען. ער האָט דערציילט די נייעסן וואָס ער האָט געהערט אין דאָרף וועגן די „רויטע", וואָס האָבן, ווי שדים, זיך געריסן אויף פּוילן. יאַנקל האָט געפּרוווט זיך דערוויסן פון אים וווהין דער פראָנט איז שוין דערגאַנגען.

יאַנקל און דער פאַסטעך האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו דער קו־מענדיקע באַגעגעניש. זאַלעסקי מיטן הונט זענען צוריק אַוועק צו זייער פישערדאָרף און יאַנקל מיטן זעקל שפּייז אויף די פּלייצעס האָט זיך געאיילט צו אַברהם הערשן אין באַהעלטעניש.

יאַנקל און אַברהם הערש האָבן נישט געקאָנט דערגיין ווי לאַנג זיי זענען געלעגן אונטער דער ערד, בעת זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון די שניי־זאַווייערוכעס אין וואַלד. אַ טויטע מידקייט האָט זיי באַהערשט פון ליגן איינגעקנוילט. זיי האָבן שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם איבלדיקן ריח פון דעם קלעפּיקן שוויס. מיט די לעצטע כוחות האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פון דער געדיכטער פינצטערניש, וואָס האָט אָנגעהויבן אַלץ צו פאַרווישן פאַר זייערע אויגן.

אויף דער ערד אין וואַלד האָט פאַר זיי אַ בלענד געטאָן דער העלער טאָג מיט די אָנגעיאָגטע שנייבערגלעך, וואָס האָבן מיט אַ זילבערגלאַנץ געפינקלט אונטער דער קאַלטער זון. די שאַרפע לופט האָט זיי אָנגעפילט מיט פרישן אָטעם און אויפגעוועקט די איינ־געדרעמלטע אברים. יאַנקל איז צוגעלאָפן צו אַ בוים און אַברהם הערש נאָך אים. ביידע האָבן זיך געקראַצט די פּלייצעס אַרויף און אַראָפּ און מיט הנאה געקרעכצט: האַ, האַ, האַ! אַ נקמה אין די בלוטזויגערס!

יאַנקל האָט געטראַכט צו גיין היינט צום לערער, האָט ער געדאַרפט וויסן, צי דער טאָג איז נישט דער, ווען אים איז פאַר־באָטן צו אים צו קומען. זיי האָבן אָנגעהויבן אויסרעכענען די צייט. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז איידער זיי זענען אַריין אין גרוב,

האָט ער פון יענער זייט וואַלד געהערט ווייטע אָפּהילכן פון קאַשטשאַל־גלאָקן. דאָס איז פאַר אים געווען דער איינציקער סימן פון ערשטן טאָג אין דער וואָך. אָבער אין פינצטערן גרוב איז זיי פאַרמישט געוואָרן די צייט און זיי האָבן נישט געקאָנט אויסגעפינען דעם ריכטיקן טאָג פון דער וואָך.

אין מיטן רייבן די אויערן מיט שניי האָט אַברהם הערש געפרעגט:

— פאַר וואָס טאָרסטו נישט גיין צום לערער דינסטיק?

— אין דער נאַכט האָט ער אַוודאי געהיימע באַראַטונגען און זיין הויז איז באַוואַכט דורך באַוואָפנטע לייט.

— טאָ גיי היינט נישט צו אים, האָב רחמנות אויף זיך!

— איך מיין — האָט יאַנקל מיט אַ פאַרטראַכטן בליק געזאָגט — אַז היינט איז מיטוואָך.

די שאַרפע קעלט האָט זיי נישט געלאָזט איינשטיין אויף אַן אָרט. זיי האָבן זיך געריבן די פּנימער מיט שניי און געלאָפן אַרום דיביימער.

— שטיי נישט אָפּ! — האָט יאַנקל גערופן צו אַברהם הערשן — רייב די אויערן! צענעם די הענט און קלאַפּ מיט זיי אַרום גוף! אָט אַזוי, מאַך דאָס ווי איך!

יאַנקל האָט שוין געהאַט דערפאַרונג פון זיין לעבן אין וואַלד, האָט ער אַברהם הערשן נישט געלאָזט שטיין אָן באַוועגונג. ער האָט אים געהייסן אָנטראָגן צווייגן, צונויפזאַמלען טרוקענע בלעטער. איינער האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט צענומענע פאַלעס אָנטקעגן ווינט און דער צווייטער האָט אונטערגעצונדן און צעבלאָזן דאָס פייער.

דערוואַרעמטע פון די הייסע קאַרטאָפל האָבן זיי אָנגעהויבן שמועסן. יאַנקל האָט גערעדט וועגן די זומערטעג אין וואַלד ווען אַלץ לעבט: די גראָזן, די ביימער; די צעזונגענע פייגל וועקן און רופן צום לעבן, די ערד גיט פון זיך אַרויס פרוכטן. איצט איז

ווינטער, זעט דער וואַלד אויס וויסט; דיביימער שטייען טויטע, כאָטש נעם, גריזשע די האַרטע קאָרע.

אַברהם הערש האָט געקוקט יאַנקלען אין די אויגן:

— מ׳טאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג, מ׳דאַרף דאַנקען גאָט פאַר יעדן איבערגעלעבטן טאָג. זעסט דאָך, ס׳איז אַ באַשערטע זאַך מיר זאָלן ווייטער לעבן. דו האָסט מיך געראַטעוועט פון טויט, און דערביי האָסטו אַראָפּגענומען דעם שטריק פון דיין האַלדז, געדענקסט?

יאַנקל האָט צוריקגעכאַפּט די האַנט פון צעביסענעם לייב און אויפגעקלערט:

— איך געדענק עס קלאָר, ווי איך בין פאַרבייגעלאָפן אַזוי פיל ביימער און נישט געפונען ווו צו פאַרוואַרפן דעם שטריק. זעט אויס, אַז איך האָב דאָך געוואָלט לעבן...

— ביסט גערעכט, יאַנקל, איך האָב דאָס זעלבע אַ סך מאָל איבערגעלעבט אין טרעבלינקע. דער טויט האָט געדראָט ביי יעדן טריט, און דאָך האָט מען געלעבט.

הינטערן וואַלד, דאָרט ווו דער הימל האָט זיך געבויגן צו די פאַרשנייטע פעלדער, איז פאַרגאַנגען די זון. אין דער טונקלקייט האָבן נאָך געלויכטן די לעצטע צווייגן פון שייטער. אַברהם הערש האָט זיך געגרייט צוריק אַריינצוגיין אין גרוב און יאַנקל האָט אויף זיין קאָפּ אָנגעהאָנגען אַ זאַק. ביי די ערשטע טריט, וואָס ער האָט געמאַכט צווישן די ביימער, האָט אים אַברהם הערש נאָכגעשריגן: „גאָט זאָל דיך היטן אין וועג!"

ער איז אַוועק. דאָרט ווו ער האָט אָנגערירט אַ צווייג, האָט אַ שנייִקער שטויב באַדעקט זיין פּנים. איז ער אַן איינגעבויגענער געגאַנגען מיטן קאָפּ פאָרויס און מיט מי געשלעפּט זיינע פיס. די לבנה האָט אָנגעהויבן העל אויפגיין אָבער זי איז גיך פאַרצויגן געוואָרן ווי מיט גראָע נעפּלען און אַרויסגעקוקט פון דאָרט בלאַס און מוטנע. די דורכזיכטיקייט פון הימל איז פאַרשוווּנדן ווי אונטער רויך־וואָלקנס. אַ ווינט האָט זיך אויפגעהויבן, געוואָרן וואָס אַ מאָל

שטאַרקער. יאַנקל האָט געטראַכט, אַז דער פראָסט הייבט אָן ברעכן. ענדלעך וועט ווערן אַ ביסל לינדער. ערשט ווען ער איז אַרויס־געקומען אויף די פעלדער האָט ער דערפילט ווי דער ווינט האָט זיך אָנגעטראָגן מיט מער רעש, געהויבן פון דער ערד דעם ווייכן שניי, אים צעוואָרפן, געדרייט אין דער לופטן דעם זילבערנעם שטויב. אַ צעצויגן וואָיען האָט געפייפט אין זיינע אויערן. „אָט האָסטו דיר, וואַרעמער" — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט.

ביי יאַנקלען האָט גענומען נאָגן דאָס האַרץ. אים איז שווער געוואָרן דער אָטעם. די זאַוויערוכע האָט אָפּגעשניטן דעם וואַלד און פאַרשטעלט דעם וועג צום דאָרף. יאַנקלען האָט זיך געדוכט, אַז עס פאַלט אַ שניי, אָבער דאָס האָט דער ווינט זיך אָנגענומען מיט אַלץ מער כוח, געריסן שטיקער פון די שנייבערג און זיי איבערגעטראָגן אין ווייסן שטויב צו די טאָלן.

אַ באַדעקטער מיט דעם שנייזיקן שטויב האָט יאַנקל אויסגעזען ווי אַ טייל פון דער באַרגיקער ווייסקייט. זיינע מיט שמאַטעס אַרומגעוויקלטע פיס האָבן געטרעטן שטיל, נישט געסקריפּעט אין שניי, און דאָך האָבן די הינט דערפילט זיין אָנקומען, זיך געריסן פון די קייטן מיט די האַווקענדיקע מאָרדעס צו דעם שייער, וווּ יאַנקל איז געשטאַנען הינטער דער וואַנט און זיין דמיון האָט געמאָלן דעם וועג צום לערער.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט ווען יאַנקל האָט זיך דער־שלעפּט צו דער קוזשניע. פון דאָרט האָט ער געקאָנט אָבסערווירן דעם שטח אַרום דעם הייזל, וואָס האָט זיך אויף די פאַרשנייטע פעלדער בולט אָנגעזען מיט די שוואַרץ־אָפּגעשמירטע ווענט קעגן שניי און רעגן. מיטן באַשנייטן זאַק אויף זיין רוקן איז יאַנקל אַן איינגעבויגענער אַראָפּ אין טאָל ווו דאָס הייזל איז געשטאַנען.

אין דעם האַלב פינצטערן צימער איז קאָזלאָווסקי געזעסן איינ־געגראָבן מיטן פּנים אין די געהיימע דאָקומענטן גרייט צום איינפּאַקן. פלוצלינג האָט ער זיך אויסגעגלייכט און זיך איינגעהערט אין די געציילטע קלעפּ אין לאָדן. פון דעם אויסגעקלאַפּטן ריטעם האָט

קאָזלאָווסקי גלייך פאַרשטאַנען ווער עס שטייט דאָרט הינטערן פענצטער. ער איז אַרויס אין פאָדערהייזל. יאַנקל האָט נאָך נישט באַוויזן אַריינצואָטעמען אין זיך די וואַרעמע לופט און שוין האָט ער דערהערט איבער זיך אַ בייזע שטימע:

— דער טייוול האָט דיך אָנגעטראָגן. נאָך וואָס ביסטו היינט געקומען?

יאַנקל האָט געציטערט אי פון פחד אי פון דער קעלט. ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען אַ וואָרט, אָבער דער לערער האָט נישט דערלאָזט:

— אַ זשיד בלייבט אַ זשיד!

אין פינצטערן פאָדערהייזל האָט אין דער געשפאַנטער שטילקייט זיך געהערט יאַנקלס שנעלער אָטעם.

דער לערער האָט געזאָטן פון כעס און דאָך האָט די טיר פון צימער זיך געעפנט און יאַנקל האָט דערהערט:

— גיי אַריין!

יאַנקל האָט מורא געהאַט צו קוקן דעם לערער אין די אויגן אַריין. ס'איז אים אַדורך אַ געדאַנק, אַז ווען ער וואַרפט נישט אַראָפּ אין פאָדערהייזל דעם נאַסן זאַק פון קאָפּ, וואָלט ער געהאַט מיט וואָס צו פאַרדעקן זיין דערשראָקן פּנים.

אַ שטייף־אויסגעצויגענער האָט דער לערער געפרעגט:

— וועלכער טאָג איז היינט?

יאַנקל האָט זיך געכאַפּט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און גלייך געענטפערט:

— מיטוואָך.

— האָסט זיך גאָרנישט וואָס צו באַקלאָגן. די טעג לויפן ביי דיר אין וואַלד גאַנץ שנעל...

— וואָס מיינט איר דערמיט? — האָט יאַנקל זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין.

— איך מיין, אַז היינט איז דינסטיק!

— הער קאָמענדאַנט, אין וואַלד איז אַ שניי־זאַווערוכע. איך בין געלעגן אין גרוב. אונטער דער ערד איז אייביקע נאַכט...

— איך געדענק דיך פון אַ מאָל — דער לערער האָט געוואָרפן אויף אים אַ זייטיקן בליק — אויף מיינע פראַגן האָסטו שטענדיק געהאַט אַ גרייטן ענטפער. איך וויל נישט, אַז פאַר מיין טיר זאָלן די פּאַרטיזאַנער דיך אַוועקשיסן, האָסט געהערט?

— געהערט...

פון לערערס פּנים האָט אָנגעהויבן אָפּגיין דער כעס. ער האָט יאַנקלען אָנגעוויזן אויף אַ בענקל:

— נו, דאָס מאָל שענק איך דיר, זיץ!

ערשט איצט האָט יאַנקל דערפילט די שטוביקע וואַרעמקייט. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען אַ גרויס רונדיק בענקל, וואָס האָט געדינט פאַר אַ טיש און דאָרט זענען געלעגן רעשטלעך פון שטיקלעך ברויט מיט אָנגעשניטענעם קעז. דער לערער האָט דאָס אַלץ אַריינ־געשאַרט אין אַ שיסל, צוגעלייגט צו דעם אַ ביסל געקאָכטע קאַשע און דאָס באַגאָסן מיט מילך. יאַנקל האָט געגעסן און דער לערער האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט ביי די דאָקומענטן, געמאַכט פון דעם אַ פּעקל און דערמיט אַרויס אין דרויסן. די טיר האָט ער געלאָזט אָפן, כדי ס׳זאָל אַרויס דער טאַבאַק־רויך פונעם צימער. דער לערער איז אַריינגעקומען אין שטוב און געריבן זיך די הענט. אויף זיין פּנים איז שוין נישט געווען צו דערקענען די פריִערדיקע אָנגע־צויגנקייט.

יאַנקל איז געוואָרן דרייסטער און געפרעגט:

— הער קאָמענדאַנט, ווי לאַנג, מיינט איר, וועט נאָך דויערן דער קריג?

דער לערער האָט צענומען די הענט:

— איך מיין, ס׳וועט שוין לאַנג נישט דויערן.

דער לערער האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ געהיים בלעטל, צוגערוקט נעענטער צו זיך דאָס לעמפּל און אָנגעהויבן פון דאָרט פאַרלייענען וועגן די קריגס־געשעענישן. יאַנקל האָט אַרויסגעוויזן

מער אינטערעס צו דעם וואָס עס קומט פאָר אויפן מזרח־פראָנט. דער לערער דאַקעגן האָט זיך מער אָפּגעשטעלט אויף די געביטן פונעם מערב־פראָנט. דאָרט, האָט דער לערער געזאָגט, ווערט דע־צידירט ווערן דער גורל פון פוילן...

— אויב די רוסן וועלן קומען אַזוי גיך ווי דו וואָלסט געוואָלט, וועסטו אַ ר ו י ס פון וואַלד און איך וועל דאַרפן אַהין אַ ר י י ן...

יאַנקל האָט געשוויגן.

דער לערער האָט זיך אויסגעדרייט צו יאַנקלען און געפרעגט:

— נו, וואָס טראַכסטו, יאַנקעל?...

— איך טראַכט ווי אַזוי מ'לעבט איבער אַ טאָג אין וואַלד...

— דו וועסט איבערלעבן — האָט דער לערער קאַלט געזאָגט — אַ ייִד קאָן איבערהאַלטן די שווערסטע באַדינגונגען. ווען נישט טרעבלינקע, וואָלטן אַלע ייִדן אין פוילן איבערגעלעבט דעם קריג...

יאַנקל האָט געהערט און געשוויגן.

— זאָרג נישט — דער לערער האָט פּלוצלינג געטוישט זיין טאָן — איך וועל דיר ווייטער העלפן, אָבער ווייס ווי אַזוי צו היטן דיין קאָפּ...

— איך דאַנק אייך, הער קאָמענדאַנט.

דער לערער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און געפרעגט:

— וואָס זאָל איך דיר מיטגעבן?

יאַנקל האָט געבעטן אַ ביסל שפּייז און צוויי העמדער. זיי קאָנען זיין זייער געניצטע, אָבער ריינע.

— ביסט דאָך איינער, צו וואָס דאַרפסטו צוויי העמדער? — האָט דער לערער געפרעגט.

— דאָס העמד וואָס איך טראָג הענגט אויף מיר ווי צוויטן, וויל איך בעטן נאָך איינס, אויף איבערצוטאָן...

דער לערער האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען און זיך אויפגעהויבן. ער איז אַרויס פון צימער. יאַנקל האָט אים געהערט קריכן אויפן לייטער צום בוידעם.

יאַנקל האָט זיך אַרומגעקוקט אויפן בחורשן צימער, ווו אַלץ

איז געווען אַזוי פּינקטלעך איינגעאָרדנט: די ביכער אויף די פּאָ־ליצעס — לויט דער גרויס, טאָגצייטונגען און זשורנאַלן — גלייך איינגעלייגט ווי פון אַ פאָרעם אַרויסגענומען. לעבן בעט זענען געשטאַנען גלאַנציק־אויסגעפּוצטע די אָפּיצערסקע שטיוול, שטייפע, ווי די פיס וואָלטן אין זיי געשטעקט. ווען דער לערער איז צוריק אַריין האָט יאַנקל געזאָגט:

— אייער צימער דערמאָנט די אָרדענונג ביי אייערע לעקציעס אין שול...

דער לערער האָט קאַלט געשמייכלט:

— פאַר דיין געדענקען יענע יאָרן מעגסטו היינט מיין שוועל איבערטרעטן...

פון לערערס שטוב איז יאַנקל אַרויס מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. אין דרויסן האָבן זיך איינגעשטילט די ווינטן. שניי־פּלאָטערלעך זענען פּאַמעלעך געפאַלן, זיך אויסגעלייגט אויף זיין באַלאָדענעם רוקן און אים איבערגעדעקט ווי מיט אַ ווייסן ליילעך. דאָס אָנגעשטרענגטע פּנים האָט געצויגן איבער דער ווייסער פוסטקייט צום שוואַרצן וואַלדראַנד.

אין דער באַהעלטעניש איז אַברהם הערש געלעגן אַן אומרויִקער. יעדעס מאָל ווען ער האָט פון גרוב אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ כּדי צו הערן יאַנקלס אָנקומען, האָט אים אין פּנים אַ שניט געטאָן די פראָסטיקע קעלט. ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָט אַברהם הערש דערהערט יאַנקלס שלעפּנדיקע טריט מיט דעם לאַנג־צעצויגענעם קרעכץ ביים אַראָפּלאָזן פון זיך דאָס זעקל מיט קאַרטאָפל.

— גאָט צו דאַנקען וואָס ביסט שוין דאָ — האָט אַברהם הערש געמורמלט.

ווי נאָר ס׳איז טאָג געוואָרן האָט איינער דעם צווייטן געריייניקט מיט שניי די צעביסענע לייבער. דערנאָך האָבן זיי אַרויפגעצויגן אויף זיך די העמדער און דאָס האָט זיי דערמאָנט אין טעם פון לעבן...

קאַפּיטל דרייסיק

דער אָנהייב פונעם סוף

נאָך דער אַרבעט זענען סטאַשיאַ און זאָשיאַ געווען געוווינט יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט זיך צו טרעפן אין באַראַק. זיי האָבן ממש געבענקט נאָך דער שעה פון קאָנען צוזאַמען גיין עסן, זיך אויפמונטערן מיט אַ וואָרט, מיט אַ בליק. זינט דעם טאָג ווען זייער אַרבעט־צייט איז געוואָרן פונאַנדערגעטיילט, האָט אויף אַ גאַנצער וואָך זיך איבערגעריסן צווישן זיי דער קאָנטאַקט. ווען סטאַשיאַ האָט זיך געגרייט גיין צו דער מאָרגנשיכט, איז זאָשיאַ נאָך גע־שלאָפן, און ווען זאָשיאַ איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, איז סטאַשיאַ שוין לאַנג געלעגן אין בעט. באַזונדערס האָט סטאַשיאַן פאַרדראָסן וואָס אַ גאַנצע וואָך האָט זי געזען זאָשיאַס שאַפּקעס שטיין פאַרשלאָסן.

אין די אָוונטן זענען פאָרגעקומען אָפטע אַלאַרמען. יאַשאַ, ווי נאָר זי האָט דערהערט דעם ערשטן געוואָי פון די סירענעס, איז שוין איר אונטערשטע בעט געשטאַנען ליידיק. זאָשיאַ האָט קיין מאָל זיך נישט גערירט פונעם באַראַק ביז זי האָט סטאַשיאַן גענומען פאַר דער האַנט און ביידע זענען געלאָפן אין בונקער. יאַשאַס אַנטלויפן פריִער האָט לעצטנס סטאַשיאַן אויסגעזען נישט בלויז פרעמד, נאָר אויך פאַרדעכטיקט. זי האָט געוווסט, אַז אין באַראַק זענען פאַראַן מיידלעך, וואָס קוקן מיט קנאה אויף זאָשיאַס פאַרמאַכטער שאַפּקע.

איין מאָל, אין דער צייט פון אַלאַרם, איז סטאַשיאַ געווען נישט רויִק צוליב זאָשיאַס אָפּוועזנהייט. עס האָט זי געיאָגט פון בונקער צוריק אין באַראַק, און דאָס געפיל האָט איר נישט גענאַרט. ווי נאָר

זי איז אַהין אַריין זענען צוויי מיידלעך אַנטלאָפן פון זאָשיאַס שאַפקע, וואָס איז שוין כמעט געשטאַנען אָפן. איינע פון זיי האָט סטאַשיאַ אין דער אָפענער טיר דערקענט: דאָס איז געווען יאַשאַס גראָבע פיגור.

אין באַראַק האָט זיך סטאַשיאַ געמאַכט נאַיוו. יאַשאַן האָט זי דערציילט, אַז אין בונקער האָט זי זיך דערמאָנט, אַז איר שאַפקע שטייט אָפן און זי האָט דאָרט טאַקע אָנגעטראָפן צוויי מיידלעך, אָבער עס איז זיי געלונגען צו פאַרשווינדן... יאַשאַ האָט זיך כלומרשט אָנגענומען מיט כעס און אויסגערופן: „אַזאַ געמיינקייט!" זי וואָלט גרייט געווען, האָט זי געזאָגט, אַזעלכע מיידלעך דראַניעס אַריינצו־ציילן שמיץ.

סטאַשיאַ האָט מער מיט קיינעם וועגן דעם נישט גערעדט. זי האָט נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט דער גראָבער יאַשאַ, איר נאָענטע שכנה. זאָשיאַ האָט אָבער דערקענט אין דעם אויסגעקרימטן אויערל פון שלעסל אַז עס איז ווידער ווער געווען ביי איר שאַפקע. זי איז געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט און געוואָלט לויפן אין דער קאָמענדאַנטור. סטאַשיאַ האָט איר מיט כוח קוים איינגעהאַלטן:

— וואָס לויפסטו? ווייסט אויף וועמען אָנצווייזן?

זאָשיאַ האָט זיך געקאָכט:

— איך בין זיכער, אַז דאָס איז די גראָבע. שוין דאָס צווייטע מאָל רייסט זי מיין שאַפקע.

— האָסט זי געכאַפּט ביי דער האַנט? — האָט סטאַשיאַ גע־פרעגט — סתם באַשולדיקן וועט דיר נישט ברענגען קיין נוצן.

זאָשיאַ האָט זיך געלאָזט איינגעמען, נאָר אויף יאַשאַן האָט זי נישט געקאָנט גלייך קוקן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיידלעך פון צווייטן עק אין באַראַק געמאַכט אַ געוואַלט, אַז עס פעלן זיי זאַכן פון די שאַפקעס. ס'איז געוואָרן אַ טומל. מיידלעך, וואָס האָבן פריִער געלעבט צווישן זיך בשלום, האָבן זיך צעקריגט. די מלחמה האָט זיי צעטיילט אויף אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען שפּייז־פּעקלעך און אַזעלכע, וואָס האָבן

אויפגעהערט באַקומען. עס האָבן זיך געקריגט זאַטע מיט הונגעריקע.

יאַשאַ האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער קריגעריי. אָבער דאָס אָנגעדראָלענע שווייגן האָט נישט אויסגעמיטן דעם ערשטן חשד, וואָס די אָנגעקומענע וואַכלייט האָבן געוואָרפן דווקא אויף איר.

— ווועמען פעלט דאָס ? — האָט אַ וואַכמאַן געפרעגט און געוויזן אַ שטיק ברויט מיט וווּרשט, וואָס ער האָט געפונען אין יאַשאַס שאַפקע.

— דאָס איז מיינס ! איך האָב נישט געגנבעט !

— פון וואַנען האָסטו דאָס ?

— פון די יינגלעך.

די וואַכלייט האָבן זיך איבערגעקוקט און געלאַכט.

אַ צווייטער וואַכמאַן האָט זיך געשטעלט אויף אַ באַנק און אויסגערופן :

— צו וועמען געהער דאָס שטיק קוכן ?

פון איר בעט איז צוגעלאָפן צום וואַכמאַן אַ מיידל מיט אויסגעצויגענע הענט :

— דאָס איז מיינס !

דער וואַכמאַן האָט אַראָפּגעקוקט צו דעם מיידל. מיט זיין שטעקעלע האָט ער אָנגעוויזן אויף איר אַרויסגעשטופּטן בויך :

— אויך פון די יינגלעך ?

— יאָ — האָט דאָס מיידל דרייסט געענטפערט — איר לאָזט אונדז הונגערן און די יינגלעך גיבן אונדז פון זייער עסן...

אין באַראַק איז געוואָרן שטיל. קיינער האָט נישט רעאַגירט מיט קיין וואָרט. מ׳האָט נישט געהערט, אַז עמעצער זאָל זיך עפּעס מאָנען. די וואַכלייט האָבן זיך געפילט ווי איבעריקע. איינער פון זיי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיי זענען אַרויס שמייכלענדיקע.

פעלאַ, וואָס איז פריער געלאָפן אין דער וואַכשטובע מעלדן וועגן דער גנבה, האָט איצט אויך געשוויגן. עס איז שווער געווען אויף איר צו דערקענען, צי זי האָט באַקומען חרטה וואָס צוליב

איר איז אַנטשטאַנען דער טומל, אָדער זי האָט מיט איר שווייגן באַדויערט דאָס אַוועקגעקומענע פון איר שאַפּקע. בלויז די מיטן בויך האָט געזוכט אויף וועמען אויסצולאָזן איר כעס:

— ווען דו וועסט אויפהערן באַקומען די פּעקלעך — האָט זי געשריגן צו פעלאַן — וועסטו פגרן ווי אַ הונט. קיין איין ייִנגל וועט נישט וועלן קוקן אויף דיין מאַלפּיש פּנים...

זאָשיאַ איז די גאַנצע צייט געלעגן אויף סטאַשיאַס בעט און ביידע האָבן פון דאָרט אַראָפּגעקוקט צו דעם וואָס עס קומט פאָר אין באַראַק. זיי האָבן גענומען רעדן וועגן הונגער. זאָשיאַ האָט געערעדט וועגן הונגער, ווי דאָס וואָרט וואָלט עקזיסטירט בלויז פון דרויסנדיקע דערפאַרונגען. זי האָט דערציילט וועגן אַן עפּיזאָד, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער טעמע פון הונגער. זי מיט אירע עלטערן האָבן געוווינט אין סקערנעוויץ, נאָענט צו די דראָטן, וואָס האָבן פונאַנדערגעטיילט די ייִדישע הייזער פון די פּוילישע. דורך אירע פענצטער האָט זי געזען דאָס לעבן פון די ייִדן אין געטאָ. אַ סך פון זיי האָט זי געקענט פון פאַרן קריג. זאָשיאַ האָט אַפּט געזען דורכגיין לוויות. די מערסטע פון די געשטאָרבענע זענען געווען פון הונגער. אין געטאָ האָט זיך אויך געפונען אירס אַ שול־חברטע. דאָס ידישע מיידל פלעגט צו זיי קומען פון געטאָ אין שטוב, און שפּעטער פלעגט זי אָן דעם וויסן פון די עלטערן זיך פאַרגנבענען צו די געטאָ־דראָטן און אַריבערוואַרפן צו דער חברטע אַ פּעקעלע עסן.

זאָשיאַ האָט געשילדערט די פאַרענדערונגען וואָס זי פלעגט פון מאָל צו מאָל באַמערקן אין דעם מיידלס אויסזען. אירע אויגן פלעגן אַזוי טיף זיך איינשטעכן אין דעם ברויט, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון פּאַפּיר, און יענע האָט דאָס אָנגעהויבן שלינגען שנעל.

ביים לעצטן מאָל האָט זאָשיאַ דורך די דראָטן געזען פאַר זיך דעם זעלבן בעטנדיקן בליק אָבער אויסגעזען האָט דאָס מיידל ווי

אַן אַלטע פרוי. זי האָט גלייכגילטיק געדאַנקט מיט אַ קאָפּשאָקל און איז מיט שלעפּנדיקע טריט אַוועק אין געטאָ.

— האָסט זי באַדויערט? — האָט סטאַשיאַ געפרעגט.

זאָשיאַ האָט זיך פאַרטראַכט און געענטפערט:

— זאָגן דיר דעם אמת? — נאָר דערפאַר ווייל זי איז געווען אַ גוטע חברטע.

אין באַראַק זענען אַריינגעקומען מיידלעך, וואָס האָבן דערציילט וועגן אַ פּלאַקאַט מיט נייע וויכטיקע פאַראָרדענונגען. זאָשיאַ און סטאַשיאַ זענען אַריין אין דער קאַנטינע. אויף דער וואַנט זענען געהאַנגען מעלדונגען וועגן אָפּשאַפן די זונטיק־רו.

די מיידלעך אין לאַגער זענען געווען פאַרביטערט וואָס די דייטשן האָבן ביי זיי צוגערויבט דעם פרייען טאָג. אָבער מורא געהאַט זיך צו בונטעווען.

סטאַשיאַ און זאָשיאַ האָבן די מעלדונג אַנדערש אויפגענומען. לויט זיי זענען די פאַראָרדענונגען געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער נייער ווענדונג אויף די פראָנטן. איבעריקנס, האָבן זיי דאָס געקאָנט באַמערקן אויף די ערטער, ווו זיי האָבן געאַרבעט.

אין דער עראָפּלאַנען־פאַבריק האָט געהערשט אַ שפּאַנונג צווישן די אַרבעטער. אַ סך פון די יינגערע מענער זענען פאַרביטן געוואָרן דורך אינוואַלידן און עלטערע מיט גראָע קעפּ. דאָס מאָביליזירן די פאַכלייט האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די אַרבעטס־אויפזעער. פון די רייד, וואָס זענען צו איר דערגאַנגען האָט סטאַשיאַ פאַרשטאַנען, אַז די מפּלה פון די דייטשן דערנענטערט זיך שנעלער ווי זי האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט.

אויך זאָשיאַ האָט געהערט ביי דער אַרבעט, אַז די מלחמה וועט גאָר גיך זיך איבערטראָגן אויף דער דייטשישער ערד, אַז אַרום בערלין גרייט מען זיך אויף שווערע קאַמפן.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

פרילינג אין וואַלד

פרילינג אין וואַלד. דער שניי איז צעגאַנגען. צווישן דיביימער האָבן זיך דורכגעריסן שטראָמען צו די נידעריקע טאָלן און די קוסטעס האָבן זיך געוויגט אין דעם לויפנדיקן וואַסער. ס׳זענען פאַרגאָסן געוואָרן סטעזשקעס מיט אויסגעפּאָרענע וועגן. די שטראָמען האָבן זיך געריסן דורך דער טאָליקער ערד צו די ברעגן פון וואַלד און זיך צעשפּרייט צווישן די זומפּן אויף די פעלדער.

די פאַרפלייצונג האָט אויסגעמיטן די באַהעלטעניש איבער די וואַלד־פּלאַכקייטן. יאַנקל און אַברהם הערש האָבן אָן פּחד געקאָנט וואַשן די העמדער אין צעלאָזענעם שניי און זיך צוקוקן ווי דער פרילינג נעמט אַרום דעם וואַלד מיט דער וואַרעמקייט פון דער זון, ווי די מאָכיקע ערד, וואָס איז אַ גאַנצן ווינטער געלעגן אונטער די שנייען ווערט באַדעקט מיט גרינקייט. קאָלירטע פייגל זענען אַרויס פון די נעסטן און זיך אַוועקגעטראָגן צום בלאָען הימל איבערן וואַלד.

און גראָד דעמאָלט, ווען ס׳האָט זיך געשטעלט אַ וואַרעם וועטער, די ביימער האָבן אָנגעהויבן בלִיען און אויף דער ערד האָט מען שוין געזען די גרינע פרישקייט פון מאָך — האָט דער הונגער צום מיינסטן געפּייניקט יאַנקלען און אברהם הערשן. זיי זענען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און האָבן אויסגעזען מאַכטלאָז און דערשלאָגן. פּאָר אַ יאָרן אין דער צייט — האָט זיך יאַנקל דערמאָנט — ווען אין די קוסטעס האָבן אָנגעהויבן בלִיען די ווילדע רויזן, די ביימער האָבן זיך באַדעקט מיט פרישע גרינע בלעטער און טיף אין וואַלד האָבן שוין געבליט די ווילדע פּרוכטן — האָט דער הונגער אים אויך אַזוי

געפּייניקט. דאָס גאַנצע ביסל פאַרגעניגן פונעם וואַרעמען וועטער איז פאַרלוירן געגאַנגען. דווקא אין דער צייט ווען דער פרילינג האָט זיי געדאַרפט אויפמונטערן, שטאַרקן זייער כוח, איז דער הונגער זיי באַפאַלן, כאָטש נעם און גריזשע די נאָדלען פון די סאָסנעס.

אין די דערפער איז געווען אומרויִק. די רוסישע אָפענסיווע האָט מיט אַ בליץ־שנעלן טעמפּאָ זיך געריקט פאָרויס אויף מערב. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט. די פויערים האָבן מורא געהאַט פאַר די מאָסקאָלעס, די אַנטיכריסטן. זיי האָבן אָבער נאָך מער געציטערט פאַר די דייטשן, וואָס האָבן געדראָט אַלץ צו פאַרניכטן ווי נאָר זיי וועלן דאַרפן זיך צוריקציִען. פויערים האָבן אויסבאַהאַלטן שפּייז־פּראָדוקטן, געקוילעט חזירים, באַגראָבן תבואות אונטער דער ערד. די שפּייכלערס זענען געוואָרן ליידיק און די פויערישע פּנימער האָבן אויסגעזען דראָענדיק־בייז.

אין יענע טעג איז יאַנקל געגאַנגען צום לערער. ער האָט געוווּסט זיין מיינונג וועגן די רוסן און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אים צו טרעפן אין נישט קיין געהויבענער שטימונג. יאַנקל האָט זיך אָבער נישט געריכט צו געפינען אים מיט אַזעלכע איינגעצויגענע ליפּן און מיט געביילטע פויסטן ווען ער רעדט וועגן מזרח־פראָנט. דער לערער האָט אַפילו נישט געקוקט אויף אים, נאָר זיך אַרומגעדרייט אַ צעקאָכ־טער, ווי ער, יאַנקל, וואָלט שולדיק געווען אין דעם דערנענטערן זיך פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. פאַר די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, האָט דער לערער געזאָגט, הייבט זיך אָן אַ נייער קריג קעגן נייע אָקופּאַנטן. ער האָט יאַנקלען נישט געטריבן פון זיך, אָבער אים האָט געשראָקן זיין בייזע שאַרפקייט, זיינע אויגן פול מיט חשד און פּראָטעסט. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דער לערער קוקט אויף אים מיט הנאה ווען ער שטייט מיט פאַרביסענע ליפּן און שווייגט.

ווען יאַנקל איז אַרויס פון לערערס שטוב — כאָטש ער האָט געטראָגן אַ זעקל אויף די פּלייצעס — האָט ער געהאַט דאָס זעלבע געפיל ווי נאָכן אַרויסגיין פון דער פינצטערער באַהעלטעניש, ווען עס האָט אים אין די ערשטע מינוטן אויסגעדוכט, אַז ער איז פריי, אַן

אויפגעבונדענער, נאָר ס'איז גענוג געווען ער זאָל אויפהייבן זיינע אויגן און זיך אַרומקוקן ווו ער געפינט זיך, אָדער ער זאָל זיך איינקוקן אין דעם הונגעריקן אַברהם הערשן — און די אילוזיע איז גלייך פאַרשוווּנדן. יאַנקל האָט זיך געשראָקן פאַרן בלויזן געדאַנק טאָמער וועט ער נאָך זיין געצווונגען אנצוקלאַפּן ביים לערער אין לאָדן.

אין דער צייט ווען יאַנקל און אברהם הערש האָבן שוין גענומען טראַכטן וועגן סוף פון דער מלחמה, זענען זיי געשטעלט געוואָרן פאַר דער געפאַר פון אַ הונגערטויט. אַלע פריערדיקע וועגן פון פאַרשאַפן זיך עפּעס וואָס אין מויל אַריין זענען מיט איין מאָל אָפּגעשניטן געוואָרן. זאַלעסקי איז ווי פאַרלוירן געגאַנגען. אויף די וועגן האָבן אָנגעהויבן פּאַטראָלירן דייטשישע סאָלדאַטן — דער פרילינג אין וואַלד האָט זיי געגעבן וואַרעמקייט, ריינע לופט און פויגל־געזאַנג. איז יאַנקל אַרומגעגאַנגען מיד און מאַט. ער האָט נישט גערוט, ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט, ווי אַברהם הערש, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין די קני, ווי אויסצובאַהאַלטן זיין פאַרחלשט פּנים. פונקט ווי קעגן אַלע געפאַרן, האָט ער אויך קעגן דער געפאַר פון הונגער זיך קעגנגעשטעלט מיט זיין מוט און מיט זיין ניכטערן געדאַנק. אים האָט געצויגן אַהין צו יענער זייט וואַלד, ווו עס איז געלעגן אַ שטיק צעאַקערט פלאַכלאַנד. ער האָט געשלעפּט זיינע פיס, און וויפל ער האָט זיך נישט דערנענטערט צו דעם אָרט, האָט עס אים אַלץ אויסגעזען ווייט, גאָר ווייט. ערשט נאָכן זונפאַרגאַנג האָט יאַנקל פונעם וואַלדברעג אַרויס דערזען דאָס דאָרף צווישן די צעגרינטע פעלדער. פערד האָבן געהירזשעט, פויערים האָבן זיך געפּאָרעט ביי די שייערן, הינט האָבן זיך געריסן צו די פולע עמערס, וואָס די פּויערטעס האָבן געטראָגן אין די חזירים־שטאַלן. יאַנקל האָט זיך איינגעקוקט פון צווישן ביימער צו די רויכזיילן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די דעכער. ער האָט געטראַכט וועגן דעם עסן, וואָס קאָכט זיך אונטער די קוימענס...

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט איז יאַנקל אַרויס פון צווישן די

ביימער. ער איז דערגאַנגען צו אַ פעלד פּאַרזייט מיט קאַרטאָפל. זיינע פינגער האָבן זיך איינגעגראָבן צו דער זריעה און צוריק פאַרזעצט די אויפגעגאַנגענע פלאַנצן אין דער ערד.

לאַנגע שעהן איז אַברהם הערש געזעסן אין וואַלד און געוואַרט אויפן עכאָ פון יאַנקלס רוף. דער רוף איז נישט געקומען, איז ער געזעסן אַן אומרויִקער און געקוקט צו דער זייט וווהין יאַנקל איז נאָך ביים טאָגליכט אַוועקגעגאַנגען. ווען די אויגן אין זיין באַוואַקסע־נעם פנים וואָלטן געקאָנט דערגרייכן צו יענע וואַלד־טיפענישן, דאָרט ווו יאַנקל איז מיט די לעצטע כוחות דערגאַנגען זוכן עפּעס מיט וואָס צו דערהאַלטן זייערביידנס לעבן, וואָלט ער געלאָפן צו יענעם עק וואַלד, כדי אים לייכטער מאַכן דעם גאַנג. אָבער די פינצטערע נאַכט איז געהאָנגען איבער זיינע אויגן, ווי אַלע ביימער וואָלטן זיך צונויפגערוקט און פאַרשטעלט אים דעם וועג. אַברהם הערש האָט מורא געהאַט אַ געשריי צו טאָן און מורא געהאַט צו טראַכטן אַפילו פאַר וואָס יאַנקל איז נאָך אַלץ נישטאָ. איז ער אַזוי געזעסן און געשעפּטשעט אַ תפילה פאַר זיין בשלומדיק צוריקקומען, ביז אַ צעצויגענער פייף האָט אים אַ רוף געטאָן. ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען יאַנקלען און געמורמלט: „גאָט פאַרלאָזט אונדז נישט"...

אין איילעניש האָבן זיי ביידע פאַרלייגט אַ פייער. שוין לאַנג האָבן זיי נישט געקוקט אַזוי גיריק אויף די קאַרטאָפל, וואָס זיי האָבן מיט אומגעדולד געשאַרט פונעם פייער, געבלאָזן אויף די אָפּגעבריטע פינגער, פּרובירט איינבייסן און געמוזט זיי צוריקלייגן אונטער די גליִענדיקע צווייגן.

— לאָז די קאַרטאָפל זיך אויסבראָטן! האַלב רויע מאַכן זיי בויכווייטיק.

אברהם הערש האָט געקוקט צו די קאַרטאָפל אין פייער, געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך פאַרענטפערט:

— אוי, דער הונגער, דער הונגער...

שפּעטער זענען זיי אַוועק צו דער באַהעלטעניש זוכן דאָרט

אַ רויִקן שלאָף. יאַנקל האָט זיך געלאָזט איינוויגן פון אַברהם הערשס ברכות און גוטע ווונטשן: „שוין נישט לאַנג... מיט גאָטס הילף... מיר וועלן דערלעבן"...

יאַנקל האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט געחלומט וועגן שלום, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט. מען הערט שוין נישט דאָס דונערן פון די האַרמאַטן, מען זעט שוין נישט מער די וואַנדערנדיקע ליכטזיילן אויף די פינצטערע הימלען. אויף יענער זייט וואַלד איז אויסגעשפּרייט אַ פרייע וועלט. בערגער קאַרטאָפל ליגן פריי... מען טיילט ברויט... דאָס וואַסער אין בוג איז פריי צום באָדן זיך... אַן איבערגעטוענער אין ריינע קליידער שטייט ער און וואַרט אויף זיין שוועסטער העניע, וואָס דאַרף אָנקומען פון דער ווייטער וועלט... אָט זעט ער איר מיט אויסגעשטרעקטע הענט...

— וואָס איז דיר, יאַנקל? — האָט אַברהם הערש אַ דערשראָ־קענער געפרעגט.

יאַנקלס ברייט־צעעפנטע אויגן האָבן עפּעס געזוכט אין דער פינצטערניש. דערפילנדיק לעבן זיך אַברהם הערשס הייסן אָטעם, האָט ער מיט אַ שוואַכער שטים אים באַרויִקט:

— דאָס ערשטע מאָל אין וואַלד האָב איך געהאַט אַזאַ שיינעם חלום...

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען יאַנקל האָט זיך איבערגעוועקט, איז דער וואַלד נאָך פול געווען מיט שאָטנס; מען האָט נאָך נישט אָנגעזען די טונקעלעביימער מיטן גריגעם מאָך. יאַנקל מיט אַברהם הערשן זענען די נאַכט געשלאָפן אונטערן פרייען הימל. זיי האָבן געוואָלט זיין וואָס נענטער צו דער זומערדיקער ערד, זי אַריינעטעמען אין זיך, פילן איר פרישקייט און קילקייט. אַרום זיי ביידע איז געווען טויטשטיל. אַ מילד ווינטעלע האָט זיי געגלעט איבער די פאַרשלאָפענע פּנימער. יאַנקל האָט זיך אויפגעשטעלט, ער איז אַריין צווישן די ביימער, דאָרט עפּעס געזוכט און צוריקגעקומען. אברהם הערש איז געזעסן אומבאַוועגלעך, אַרויפגעקוקט צו יאַנקלען און געפרעגט:

— גייסט שוין?

— יאָ, איך וויל דאָרט אָנקומען איידער עס ווערט טאָג.

פאַרן אַוועקגיין האָט יאַנקל געזאָגט, אַז עס איז גלייכער ערשט אָנצוטראָגן די נאַסע צווייגן, וואָס ווערן ביי נאַכט באַדעקט מיט טוי. ביז ער וועט צוריקקומען וועלן זיי זיין טרוקן און גוט צום פייער מאַכן.

יאַנקל איז פאַרשוווּנדן צווישן דיביימער. דאָס מאָל איז דער וואַלד גוט געווען צו אים. אין זיין גאַנג האָט ער נישט געפילט די אַראָפּהענגענדיקע צווייגן, וואָס פלעגן אים בעת זיינע נאַכטיקע געגנג פּאַטשן אין פּנים און קריכן אין די אויגן אַריין. אונטער זיינע פיס האָבן זיך נישט געפּלאָנטערט די שטעכיקע דערנער. דער אויסגעטראָטענער וועג האָט אים געפירט גלייך אַהין צו די ברייטע, מיט גריגנס באַדעקטע פעלדער.

אינעם נאָענטן דאָרף האָבן די הענער געקרייט אויף טאָג. מען האָט שוין געהערט אַ קלאַפּ פון אַ צוגעמאַכטער טיר. חזירים האָבן געמרוקעט פון די שטאַלן אַרויס. איבער די פעלדער האָט אָפּגעהילכט אַ בילעריי פון הינט. די נאַכט האָט אָנגעהויבן אויסגיין אין גראָע נעפּלען.

אַן איינגעבויגענער מיטן פּנים צו די בייטן האָט יאַנקל צעגראָבן די ערד און צוריק פאַרגלעט דאָס אָרט פון די אַרויסגענומענע קאַרטאָפל אַרום דעם פלאַץ. די לאַנגע האָר זענען געהאַנגען איבערן פּנים און זיינע פאַרשטעלטע אויגן האָבן נישט געזען די אויסגעצויגענע האַנט, וואָס האָט זיך דערנענטערט און אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר די האָר. אַ ליגנדיקער אויף דער ערד האָט ער דערזען אַ שפּיציק קיילער־מעסער איבער זיין פּנים.

— דו פאַרשאָלטענער זשיד! איך וועל דיר דעם קאָפּ אָפּשניידן!

יאַנקל איז געלעגן אויף דער ערד. דער פּויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. זיינע אויגן האָבן געברענט פון רציחה. יאַנקל האָט דערפילט איבער זיך זיין פּרצוף, ווי פון אַ צעווילדעוועטער חיה מיט אַ צעעפנטן פּיסק.

— פּאַרזייטע קאַרטאָפל האָסטו געריסן!

— איך האָב נישט געהאַט וואָס צו עסן — האָט יאַנקל געענטפערט.

דער פּויער האָט געמורמלט:

— פּגר ווי אַ הונט!

— איך וועל עס מער נישט טאָן — האָט יאַנקל געשטאַמלט.

דער גוי האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווײַלע, געשטאַנען אויף איין פוס און דעם צווייטן — איבער יאַנקלען:

— איך קען דיך איצט צעטרעטן ווי אַ וואָרעם... האָסט מזל... איך וויל נישט ברודיק מאַכן מיין מעסער אין דיין יידיש בלוט... טפו! האָסט מזל...

יאַנקל איז געלעגן איינגעקאָרטשעט. פאַר זיין טויטבלאַס פּנים איז געשטאַנען אַ הויך געשטאַלט מיט אַ גלאַנציק מעסער אין זיין אַראָפּגעלאָזענער האַנט.

— שטעל זיך אויף! — האָט דער גוי אים אַ שטויס געטאָן מיט זיין באָרוועסן פוס און געקוקט מיט די שפּיזיקע אויגן אויף דעם דערשראָקענעם יינגל.

— ביסט געוועזן הונגעריק, האַ? — האָט אַ גראָב קול אַרויסגערעדט — איך לאָז דיך אַרויס פון מיינע הענט אויב דו וועסט מאַכן ביי מיין שכן דעם הורנזון דאָס זעלבע וואָס דו האָסט געטאָן ביי מיר. אָט דאָ הייבט זיך אָן זיין פעלד, די כאָלערע זאָל אים נעמען. מאַך אים אָן אַ שאָדן! ער איז אַ שלעכטער, נישט אַזוי ווי איך... צעגראָב אים די פּאַרזייטע קאַרטאָפל... ער איז עס ווערט, דער טייוול... מאַך דאָס, זשידעק!

יאַנקל האָט געשטעלט אַ פּאָר טריט, אָבער דער גוי האָט אים פאַרהאַלטן.

— נישט איצט, טו דאָס, זשידעק, ווען איך וועל דאָ נישט זיין...

יאַנקל האָט זיך אומגעקערט אין וואַלד מיט אַ פאַרגליווערט פנים. אַברהם הערש האָט אים נישט געלאָזט פאַלן פון מוט:

— זיי נישט פאַרזאָרגט. גאָט צו דאַנקען וואָס ביסט געבליבן לעבן...

מיט דעם אָנקום פון זומער זענען אַוועק די טעג ווען יאַנקל און אַברהם הערש האָבן זיך האַלב־נאַקעטע אַרומגעדרייט אין וואַלד. נישט געהאָט קיין כוח צו לעבן און נישט געוואָלט שטאַרבן. זיי האָבן אויפגעלעבט באַלד פונעם ערשטן טאָג ווען ביידע זענען דערגאַנגען צו די נידעריקעביימלעך מיט די צייטיק געוואָרענע פרוכטן. אברהם הערש האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן אין זיך די פרייד. מיט די הענט איבערן קאָפּ האָט ער געמאַכט אַ „שהחיינו" איבער די ערשטע יאַגדעס, וואָס ער האָט אָנגעצופּט פונעם ביימל. זינט זיי האָבן זיך געפונען צוזאַמען אין וואַלד האָט יאַנקל דאָס ערשטע מאָל דערזען אַרויסקוקן פון אברהם הערשס באַוואַקסענעם פנים אַ פּאָר צעשמייכלטע אויגן.

דער פּאַסטעך, וואָס איז געהאַט נעלם געוואָרן, האָט ווידער זיך באַוויזן מיט זיין קודלאַטן הונט און מיט זיינע שעפּסן אין וואַלד. דאָס קליינע גויעלע האָט יאַנקלען אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט מיט זיין גוטמוטיקן פנים און מיט די גרויסע אויערן, וואָס האָבן פאַרנומען יאַנקלס אַלע רייד. אָט דאָס איז ער, דאָס גוטע גויעלע! יאַנקל האָט פּשוט געבענקט נאָך דעם פּאַסטעכס געלעכטערל. און געלאַכט האָט ער מיט אַ קינדערישער פרייד ביי יעדער וואָרט ווען ער האָט יאַנקלען דערציילט ווי „די רויטע" דערנענטערן זיך צום בוג. זיי, די רייכע, מיט אַ סך מאַרגעס פעלד — האָט ער געזאָגט — גייען אַרום מיט אַראָפּגעלאָזענע נעז. זיי שרעקן זיך... אין דאָרף האָט מען דערציילט אַלערליי מעשיות וועגן די מאַסקאַלעס. אָבער ער, זאַלעסקי, האָט פון יענע בווידעס זיך אויסגעלאַכט. דערלעבט נקמה אין די רייכע. ער וועט שוין נישט דאַרפן ליגן ביי זייערע פיס און זיי באַדינען, זיין געהאַרכזאַם, ווי דער קודלאַטער הונט צו אים. קיין מאָל פריִער האָט יאַנקל נישט געזען דעם פּאַסטעך מיט אַזאַ

פרייליכן פּנים און קיין מאָל האָט ער נישט דערלאַנגט דאָס שטיקל ברויט מיטן טעפּל מילך אַזוי גוטהאַרציק.

אַוועקגעשווומען זענען אַלע אויסגעהונגערטע טעג און נעכט. דער וואַלד איז גוט געוואָרן. די זומערדיקע זון, די פייגל, די מאַכיקע ערד און די באַגרינטעביימער — אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין וואַלד האָט מיט פריידיקער שפּאַנונג געפּירט אַנטקעגן די אָנקומענדיקע טעג...

דער פּאַרטאַגיקער נעפּל האָט זיך געקנוילט איבער די ביימער און זיך צונויפגעגאָסן מיט די שוועבנדיקע וואָלקנס. עס האָט אויסגעזען ווי פּאַר אַ רעגן. אָבער ווען די ביימער זענען אַרויס פון דער טונקלקייט און ס׳איז ליכטיקער געוואָרן, זענען די נעפּלען פאַרשוונדן און אין וואַלד האָט זיך געשטעלט אַ זומערדיקער טאָג.

גאַנצע נעכט זענען יאַנקל און אַברהם הערש געזעסן אין וואַלד און זיך איינגעהערט אין די אָפּהילכן פון די האַרמאַטן־שאָסן, וואָס זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן נענטער, מיט שאַרפערע אָפּהילכן, ווי דונערן וואָלטן דעם וואַלד צעטרייסלט און זיך געקאָלערט צווישן די ביימער. לויט די עכאָס פון דער אַרטילעריע האָט יאַנקל געפּרווט טרעפן ווהין די רוסן זענען שוין דערגאַנגען. אַ מאָל האָט עס אים אויסגעזען נאָך ווייט, פון יענער זייט בוג, אָבער ווען די ערד אונטער אים האָט זיך אַ שטאַרקערן טרייסל געטאָן, האָט ער אויסגעשריגן צו אַברהם הערשן: „דאָס איז דאָך שוין לעבן אונדז״!...

פּאָר טאָג זענען זיי אַריין אין גרוב. זיי האָבן געוואָלט איבערקומען נאָך אַ טאָג, וואָס זאָל זיי דערנענטערן צו די גרויסע געשעענישן. זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אויסצוצויען און די ערד האָט אַ ציטער געטאָן. פונעם צודעק האָבן איבער זייערע קעפּ זיך געשאָטן שטיקלעך ערד, ווי דער גרוב וואָלט געהאַלטן ביים איינפאַלן. אין די הימלען האָבן געברוישט אָנגעפלויגענע עראָפּלאַנען. זיי האָבן געקרייזט אַרום די וועלדער. די אַראָפּפאַלנדיקע באָמבעס האָבן געריסן שטיקער ערד. איבער די אַרומיקע דערפער האָבן

געקנוילט שוואַרצע רויכוואָלקנס. דער וואַלד האָט זיך געטרייסלט פון די לופט־באָמבאַרדירונגען.

יאַנקל און אַברהם הערש זענען געווען אָפּגעשניטן פון דער צעשטורעמטער וועלט. זיי האָבן זיך איבערגעטראָגן טיפער אין וואַלד און נענטער צו אַ פרייען אויסקוק. זיי זענען אַרויף צום שפּיץ פון אַ הויכן בוים און געקוקט אין די ווייטקייטן, צו יענע וועגן, וואָס זענען פול געווען מיט אָפּטרעטנדיקע דייטשישע מיליטער־אָפּטיילונגען, וואָס האָבן אין איילעניש געצויגן צוריק פון בוג. אין שטויבוואָלקנס האָבן איבער די זאַמדיקע וועגן זיך געשלעפּט סטאַדעס פי און לאַנגע רייען פוסגייער. יאַנקל און אַברהם הערש האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון בוים, געפּלעפּטע פון דעם וואָס זיי האָבן געזען: די דייטשן אַנטלויפן!

ווען ס׳האָט זיך איינגעשטילט דער בהלהדיקער צוריקטריט און דער שטורעם האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דער מערב־זייט, ווייט פון וואַלד, האָבן יאַנקל און אַברהם הערש פאַרלאָזט דאָס אָרט. זיי האָבן זיך געשלעפּט אין דעם דזשונגל, אָנגעטראָפן אויף געפּלאַצטע שטאַמען, אויף ביימער מיט אָפּגעריסענע קרוינען, אומגעוואָרפענע, מיט די וואָרצלען, אַרויסגעריסענע, נאַקעטע, מיט אָפּגעבראָכענע צווייגן צום הימל, אויף גריבער נאָך האַרמאַטן־אויפרייסן מיט שטיקער וואָרצלען פון די ביימער.

זיי זענען אַרויס פון די וועלדער, אַ שיינער זומערטאָג האָט גערוט איבער גרינע לאָנקעס. קיין מענטשן האָט מען נישט געזען, נאָר אַן איינזאַם פערד, וואָס האָט זיך געפּאַשעט, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם גראָז און מיט אויסגעגלאָצטע אויגן זיך איינגעקוקט אין די צוויי באַוואַקסענע געשטאַלטן. דאָס פערד האָט זיך אויס־געדרייט און אַוועקגעשפּרונגען מיט די פאָדערשטע געפּענטעטע פיס. טשאַטעס פייגל, אַנגעפּלויגענע פון וואַלדפּאַס האָבן זיך געטראָגן איבער זייערע קעפּ. פון דער ווייטנס האָט זיך שוין אָנגעזען דער זאַמדיקער ברעג פונעם בוג.

זיי זענען דערגאַנגען צו אַ באַרג פון וואַנען יאַנקל און אַברהם

הערש זענען אַראָפּ צום טייך. נאָך אַזוי פיל יאָרן פון צעשיידונג האָבן זיי זיך אָנגעבויגן איבער די שטיל־פליסנדיקע וואַסערן. אַברהם הערש האָט גיך אַוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ פון איבערן וואַסער. זיין שוואַרצע באָרד איבערן גאַנצן פּנים ביז אונטער די אויגן מיט די האָרצויטן פון קאָפּ האָבן אין וואַסער־שפּיגל אויסגעזען משונהדיק, ווי פון עפּעס אַ ווילדער ים־חיה...

יאַנקל האָט זיך נישט צוריקגעצויגן. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין וואַסער־שפּיגל צו די קאַלטענעס אין זיין שוואַרץ פּנים, וואָס האָט אים אויסגעזען אַזוי פרעמד. ער האָט אויף זיך אַליין רחמנות באַקומען, זיינע אויגן זענען פייכט געוואָרן.

פון יענער זייט בוג זענען אָנגעפאָרן אויטאָס מיט זעלנער. יאַנקל און אַברהם הערש האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביים ברעג פון טייך מיט אויסגעשטרעקטע הענט. דער לעצטער פון די אויטאָס האָט זיך אָפּגעשטעלט. די סאָלדאַטן האָבן אַראָפּגעקוקט פון וואָגן צו די צוויי געשטאַלטן אין שמאַטע־קליידער — יידן, אַרויסגעקומענע פון וואַלד. זיי האָבן נישט געקאָנט זיך צונויפרעדן מיט די סאָלדאַטן. איינער פון זיי, אַן אָפיציר, איז אַרויס פון דער קאַבינע און געפרעגט אויף יידיש:

— פון וואַנען זענט איר?

— פון דאָ נישט ווייט.

דער אָפיציר איז מיט זיי אַוועק אַ ביסל אין אַ זייט און באַלד צוריקגעקומען צום אויטאָ. ער האָט זיך איינגעקוקט אין די צעריסענע מלבושים אויף די מענטשן, אין די באַוואַקסענע פּנימער. ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו דערקענען זייער עלטער. דער אָפיציר האָט זיי דערלאַנגט צוויי פּאָרציעס פעלדעסן און געהייסן זיי מיטפאָרן.

אויפן אויטאָ, צווישן די רוסישע זעלנער, האָבן יאַנקל און אַברהם הערש שטומערהייט זיך אָנגעקוקט. ס׳איז זיי שווער געווען צו גלייבן, צי זענען זיי אויף אַן אמת שוין פריי, אָדער דאָס איז בלויז אַ חלום...

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

די באַפרייונג

דאָס איז געווען דער לעצטער בריוו, וואָס זאָשיאַ האָט דערהאַלטן פון אירע עלטערן איידער דער פראָנט איז דערגאַנגען צום פּוילישן שטעטל סקערניעוויץ. געוויינלעך פלעגט זאָשיאַ אָפּהיטן די באַקומענע בריוו אַ שטיקל צייט, זיי געלייענט אַ סך מאָל, ביז יעדעס וואָרט איז איר אַריין אין זכרון, און ערשט דאַן האָט זי זיי פאַרניכטעט, אַ סך מאָל צוליב די פאַרשטעלטע ווערטער אָדער רמזים וועגן באַשטימטע געשעענישן. אָבער דער בריוו, וואָס זי האָט באַקומען צוזאַמען מיטן לעצטן שפּייזפּעקל איז געווען אַזוי רירנדיק, און מיט אַזוי פיל ליבשאַפט געשריבן, אַז זי האָט איבערגעלאָזן דאָס בייגעלע פּאַפּיר צוזאַמען מיטן קאָנווערט פאַר אַן אָנדענק פון דער מלחמה־צייט.

סטאַשיאַ האָט נישט איין מאָל געזען ווי זיווישט די אויגן ווען זי ליגט אַליין אויף איר בעט און לייענט דעם בריוו. סטאַשיאַ האָט זיך געמאַכט אָוועקקוקן. זי האָט געוווּסט, אַז אין די שווערסטע מאָמענטן האָט אויף זאָשיאַס פּנים נישט געטאָרט זיך באַווייזן אַ טרער און זי האָט דאָס אויך נישט ליב געהאַט ביי אַ צווייטן צו זען.

סטאַשיאַ האָט געקענט דעם אינהאַלט פונעם בריוו און זי האָט שוין געוווּסט ביי וועלכע שטעלן זאָשיאַן גייען איבער די אויגן. אויך סטאַשיאַן האָבן גערירט די ווערטער פון אַ מאַמעס בענקשאַפט צו איר איינציקער טאָכטער און די שרעק פאַר איר גורל. ווען סטאַשיאַ האָט געהערט לייענען דעם בריוו, האָט זי אין זאָשיאַס צער אויך געפילט איר שטאָלץ מיט דער קלוגער מוטער.

אין יענע טעג, ווען די בלאָקאַדע אַרום דער דייטשישער הויפּט־

שטאָט איז געוואָרן ענגער און זאָשיאַ האָט שוין מער נישט געקאָנט דערקריגן זיך צו איר אַרבעט אין בערלין, איז זי געווען גאַנץ פריילעך. זי האָט פאַר סטאַשיאַן אויסגעזונגען אַלע לידער, וואָס זי האָט געדענקט פון דער שול און פון אירע חברטעס אין דער היים. זאָשיאַ האָט אָפּגעלאַכט פון די מיידלעך, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען אומרויִקע, מיט פאַרשלאָסענע פּנימער. זי האָט געזאָגט, אַז די מיידלעך פאַרשטייען נישט די גרויסע טעג, וואָס זיי לעבן איצט איבער.

אין באַראַק זענען יעדן טאָג דערגאַנגען אַנדערע ידיעות. די מיידלעך, וועלכע זענען געקומען פון דער אַרבעט, האָבן געברענגט פאַרשידענע נייעסן, אָבער קיינע פון זיי האָט נישט געוווּסט ווו עס געפינט זיך דער פראָנט אויף דער דייטשישער טעריטאָריע. דאָס האָט זיי נאָך מער אָפּגעשראָקן פאַר דעם שטורעם, וואָס האָט זיך דערנענטערט.

ווען סטאַשיאַ איז געקומען פון דער אַרבעט, זענען איר די מיידלעך באַפאַלן. יעדע איינע האָט געוואָלט עפּעס דערגיין. סטאַשיאַ האָט נישט געוואָלט זיין פון די נייעס־ברענגער, האָט זי אָפּגעפּטרט די מיידלעך מיט אַ וואָרט, וואָס האָט גאָרנישט געזאָגט מער ווי זיי האָבן שוין געוווּסט. בלויז מיט זאָשיאַן האָט סטאַשיאַ זיך געטיילט מיט אַלץ, וואָס זי האָט געהערט און געזען אין דער פאַבריק.

אין דער עקספּעדיציע־אָפּטיילונג פון דער עראָפּלאַנען־פאַבריק זענען גאַנצע טראַנספּאָרטן, שוין גרייטע צום אָפּשיקן, געבליבן ליגן. די דייטשישע אַרבעטס־אויפזעער האָבן אויפגעהערט זיך אינ־טערעסירן מיטן גאַנג פון דער אַרבעט. זיי זענען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע, פאַרזאָרגטע. צווישן זיך האָבן זיי גערעדט שטיל, זייער גאַנג האָט פאַרלוירן דעם שטאָלצן טראָט.

אין יענע אָנזאָגנדיקע טעג האָבן די ברידער אויפגעטויכט פאַר סטאַשיאַס אויגן. זי האָט זיי געזוכט, די ברידער. זיי לעבן, זיי לעבן, זיי מוזן לעבן! זי האָט דאָס געפילט אין ציטער פון איר לייב, אין דעם האַסטיקן קלאַפּן פון איר האַרץ, אין די בליקן פון יעדן פאַר־

בייגייענדיקן. ערגעץ זענען זיי פאַראַן, אין יענעם דזשונגל. זיי לעבן זי האָט זיי געזען אין אירע חלומות, זיי גערופן. איר רוף איז זיכער דערגאַנגען צו זיי דורך פעלדער און וועלדער, דורך די שוועבנדיקע וואָלקנס, און זיי האָבן איר רוף געהערט צווישן די ביימער, אין די נאַכטיקע וואַנדערונגען, אין די וואָיענדיקע ווינטן. זי האָט זיי גערופן פון דעם אַרומגערינגלטן בערלין דורך די אָפּהילכו פון די האַר־מאַטן־שאָסן.

שוין דעם צווייטן טאָג ווי די מיידלעך האָבן זיך געפונען אין בונקער. די מלחמה איז אָנגעגאַנגען מיטן פולן פאַרנעם. דאָס פייער פון דער רוסישער אַרטילעריע האָט געריסן די לופט איבער די לאַגערן, געטרייסלט די ערד, גערוישט און געיאָמערט. בערלין האָט געברענט פון אַלע זייטן. ס׳האָט אויסגעזען ווי יעדע גאַס, יעדעס הויז און יעדער שטיין וואָלט דאָרט געברענט צוזאַמען מיט זייערע מיליאָנען איינוווינער. דאָס פייער פון ברענענדיקן בערלין האָט אין דער נאַכט געלויכטן איבערן לאַגער מיט אַ בלענדיקן אָפּשיין. די מיידלעך האָבן געדענקט די נאַכט־באָמבאַרדירונגען מיט די רויטע רויכוואָלקנס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דער שטאָט, אָבער אַזאַ גיהנומדיק פייער, וואָס זאָל פאַרדעקן דעם גאַנצן הימל מיט רויטקייט און די נאַכט זאָל אויסזען ווי דער טאָג — דאָס האָט קיינער זיך נישט אויסגעמאָלן אין די שרעקלעכסטע פאַנטאַזיעס.

אַליין, קיינער זאָל זי נישט אָנקוקן אין די דאָזיקע מינוטן, איז סטאַשיאַ געשטאַנען מיטן פנים צום ברענענדיקן בערלין און געוויינט פון פרייד, וואָס זי האָט זוכה געווען צו דערלעבן און זען מיט די אייגענע אויגן דייטשלאַנדס אונטערגאַנג אין פייער און רויך, זען ווי דאָס לאַנד ווערט צעשמעטערט אין שטויב. סטאַשיאַ האָט נישט איין מאָל געזען בערלין מיט אירע שיינע בולוואַרן און פּרעכטיקע געביידעס, קאַפייען, טעאַטערס, אָפּערע־הייזער. זי האָט געדענקט די גרויסע מיליטערישע זיג־פּאַראַדן, די מיליאָניקע מענטשן־באַוועגונג מיט שטאָלץ־פאַרריסענע פנימער. און דאָס אַלץ האָט

איצט געברענט פּאַר סטאַשיאַס אויגן! זי איז צוריק אַריין אין בונקער, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט און פון איבערגענו־מענקייט האָט זי נאָך געציטערט. זאָשיאַ האָט איר אָנגענומען פּאַר דער האַנט און געפרעגט:

— דיר איז קאַלט?

— אין דרויסן פליִען איבערן קאָפּ הארמאַטן־קוילן — האָט סטאַשיאַ געענטפערט און זיך צוגעטוליעט צו זאָשיאַן.

ביי זייערע פיס איז געשטאַנען דאָס גאַנצע ביסל שפייז, וואָס זאָשיאַן איז נאָך איבערגעבליבן אין איר שאַפקע, אָבער עס האָט זיי ביידע נישט געגומען צום עסן. זאָשיאַ איז געווען אומגעדולדיק און נערוועז. סטאַשיאַ האָט איר געדאַרפט מונטערן, באַרויקן, פאַר־יאָגן פון איר די שרעקבילדער, אַז דאָ אין דעם בונקער וועלן אַלע אומקומען אין איין גרויסן מאַסן־קבר. זאָשיאַ האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף סטאַשיאַס אַקסל און געלאָזט זיך איינגעמען ווי אַ קליין קינד.

באַגינען. סטאַשיאַ מיט זאָשיאַן האָבן דערהערט אין בונקער געשרייען: „די רוסן זענען דאָ!" אַלע האָבן זיך געוואָרפן צו די אַרויסגענג. אין דרויסן האָבן די באַפרייטע לאַגער־מענטשן אַרומ־גערינגלט די סאָוויעטישע זעלנער. בערלין האָט נאָך געברענט. מיט אַ געפיל פון נקמה האָט סטאַשיאַ געקוקט אויף דער שטראָף פאַר דעם לאַנד — ווי עס ווערט פאַרזונקען מיט אַלע אירע פאַנען און מיט אַלע אירע גלאָריעס.